UNIVERSITY OF ILLINOIS-URBANA
3 0112 098844753

צקו שליון

# דער
# אידישער רעדנער
## 160 דרשות

פאר יעדען שבת, ימים טובים, ימים נוראים, חתונות, ברית'ן, בר־
מצוה'ס, חנוך הבנים, חנוך בית הכנסת, צדקה און גמילות
חסדים, החזקת התורה, הספדים, הקמת מצבות,
חנוך הגדר און אויף אלעם וואס עס קען
אין גאנצען מענשענ'ס לעבען
טרעפען, אין פריידען
און ח"ו אין
ליידען.

קוקט נאר אריין אין, אינהאלטס־פערצייכענונג ביים ענדע פון ספר

פערפאסט פאר אלע קלאסען מענשען

— פון —

## מהרי"ל לאזעראוו.


ניו יארק רבתי

1916

בדפוס א. ח. ראזענבערג, 130 הענרי סט.

296.47
L457;
v.1

# פאררעדע.

איך האב שוין, דאנקען השי"ת, ארויסגעגעבען אייניגע ספרים, און זיי זיינען אנגענומען געווארען אין דער וועלט, זיי זיינען פערקויפט געווארען אין די טויזענדער עקזעמפליארען, און איך האב צו קיינע פון זיי קיין הקדמה ניט געוואלט שרייבען.

איך דענק אז איך דארף קיינע התנצלות אין דער הקדמה מאכען, און קיינעם ערקלעהרען ווארום איך מאך א ספר. איך בין אין מיין אייגענעם רשות און פרעג ביי קיינעם ניט וואס צו טהאן, אזוי ווי אנדערע פרעגען זיך ניט אן ביי מיר וואס זיי זאלען טהאן. נור איין זאך מוז איך ערקלעה־רען פאר דער וועלט, און דאס איז: ווארום איך האב אזא טהייערען און נוצבארען ספר געמאכט אין זשארגאן, ניט אין העברעאיש. דאס מוז איך זאגען, ווייל פיעלע פון מיינע הערער און פריינד האבען מיר אימער געבעטען אז איך זאל אזוי טהאן, און איך זאל אויך פאר אלע קלאססען מענשען מאכען ספרים, אזוינע וואס אלע זאלען פערשטעהן.

אין דיעזען ספר האב איך געגעבען א געלעגענהייט פיר אלע קלאססען מענשען צו קענען א מאל אין א געזעלשאפט עטוואס רעדען. ער קומט אויף א חתונה, א ברית, אדער חנוך בית הכנסת, א בר־מצוה, אויף וואס פאר א פערזאמלונג ער זאל זיך ניט געפינען, זאל ער נור דורכקוקען ביפאר דעם אינהאלטס־פערצייכענונג פון די רעדעס אין דיעזען בוך — וועט ער שוין געפינען וואס ער וויל ריידען. ווייטער דארף איך פאר אייך קיין פערטהיידיגונג אין דער הקדמה ניט שרייבען. איך קען אייך ערוב זיין אז איך וועל פון דיעזען ספר ניט ווערען קיין גביר, פונקט אזוי ווי איך בין עס ניט געווארען פון אלע מיינע אנדערע ספרים. נור א געוויסע אינערע קראפט טרייבט מיר צו מאכען ספרים, און דאס טהוע איך אימער.

אין אנפאנג פון דיעזען ספר האב איך געגעבען מיין פאטאגראפישען בילד. דאס איז ניט צוליעב גאוה ח"ו. ווען איך וואלט געמיינט גאוה, וואלט איך מיין בילד געלאזט פרינטען אין דעם „דברי יהודה", מיין גרויסער ספר. אבער איך טהוע דאס יעצט, ווייל עס געפינען זיך לייטע וואס קויפען אפ פיעלע ספרים מיינע פון די בוכהענדלער און פאהרען ארום דאס פערקוי־

פען און פּאַ־ען דערמיט, זאָגענדיג דערבייַ אז זיי זיינען דאָס לאַזאראָוו, עהנליכע געשיכטע פון זיין שטאָדט. א מאַן איז געווען אין באָסטען, וועלכער האָט פערקויפט מיינעם א ספר. ער איז געגעאַנגען פון הויז צו הויז און האָט זיך אָנגעגעבען אַלס דער מחבר פון ספר. אין אָבענד האָט מען איהם געפונען ליגענדיג אין סטריט א שכור׳ן. איינער פון די פערבייגעהער האָט געזעהן דעם מאַן און האָט איהם דערקענט אַלס דעם יעניגען וואָס גיט זיך אָן אַלס הרב לאַזאראָוו. ער איז נאכהער געקומען צו דעם בעטרעפענדען רב און איהם דערצעהלט אז לאַזאראָוו איז געפונען געוואָרען אין סטריט א שכור׳ער.

יעצט וועט יעדער קענען זעהן מייט פאָטאָגראַפישען בילד אין ספר און וועט קענען זעהן דעם אונטערשיעד צווישען דעם רב לאַזאראָוו, וואָס זיצט שוין זייט 14 יאָהר אויף איין אָרט ,אין ניו יאָרק, און איז קיינמאָל ניט ארויסגעפאָרען פון שטאָדט, סיידען מען האָט נאָך איהם געשיקט פון א פּלאַץ וואו עס איז געווען עפּעס וויכטיגעס איינצואָרדנען און וואו זיין רעדען האָט געקענט ווירקען, ביז דעם פאַלשען לאַזאראָוו.

נאָך א רב האָט מיר געשריבען פון די וועסט, אז דאָרט איז אויך דורכגעפאָהרען א מאַן, וועלכער האָט פערקויפט מיינעם א ספר, און יענער האָט אויך געזאָגט אז ער איז לאַזאראָוו. ווען מען האָט.עס געהערט, האָט מען איהם איינגעלאַדען צו האַלטען א רעדע אין א גרויסען האַלל, פאַר א סומע פון 15 דאָלאַר. די גאַנצע שטאָדט איז זיך צוזאַמענגעקומען הערען דעם בעקאַנטען רב לאַזאראָוו. ווען דער פאַלשער לאַזאראָוו איז אריינגעקומען אין האַלל, וועלכער איז געווען פול־געפּאַקט פון פּובּליקום, האָבען איינינע באַלד דערקענט אז דאָס איז ניט דער, ווייל איך בין גראָדע דאָרט געווען מיט איינינע יאָהר צוריק. יענער האָט געטענה׳ט אז ער איז דער ריכטיגער לאַזאראָוו. נור פון זיין רעדען האָבען אַלע פערשטאַנען אז ער איז א בלאָפער ,און ער האָט זיין פסק געהאַט.

צולעצט קען איך אייך נור זאָגען, אז איך וועל אייך געוויס קיין שלעכטס ניט טהאָן דאדרוך וואָס איהר וועט לעזען מיין ספר.

זאָל מיין ספר, זייענדיג אין אייער הויז, אייך ברייננען געזונד און אַלעס גוטעס, ווי עס ווינשט אייך מיט׳ן גאַנצען הארצען,

דער מחבר.

# דער אידישער רעדנער.

## בראשית

עס איז דער שטייגער פון מחברים על התורה, אז זיי פאנגען אָן זייערע ספרים מיט די סמיכות פון „לעיני כל ישראל“, מיט „בראשית ברא“. איך, פון מיין זייט, בין אפילו ניט קיין גרויסער ליעבהאָבער פון אזעלכע תורה, דארום דענק איך אז אזא רערע וועט קיין איינדרוק ניט מאַכען אויף דעם לעזער. נאָר, וואָרום טהוע איך עס דאָך? נור צוליעב דעם אז עס זאָל קיין זאַך ניט פעהלען אין מיין ספר, אפילו דער וואָרט פון סמיכות „סוף התורה בתחילתה.“

עס איז בעוואוסט, דאָס דער רבש"ע האָט מיט אלע נסים וואָס ער האָט פאר אונז געמאַכט בעוויזען פאר דער וועלט אז דער עם ישראל איז זיין געליעבטעס פאָלק . אָבער מיר ווייסען דאָך וואָס די חז"ל זאָגען, אז שוין פון אָנפאנג בריאת שמים וארץ האָט ער געוויזען אז ער האָט די גאנצע וועלט בעשאַפען נור צוליעב אונז — „בראשית, בשביל ישראל“ שנקראו ראשית“ וכו'. אפילו די נסים ונפלאות, וואָס משה, דער אדון הנביאים האָט פיר אונז געמאַכט, זיינע שוין אין אָנפאנג בריאת שמים וארץ אבגעמאַכט געוואָרען מיט דער טבע, אז זי מוז וויסען, אז פאר אידען וועט זי אויך מוזען אָבטרעטען און מאַכען פּלאַץ פאר נסים. ווי די חז"ל זאָגען: „תנאי התנה הקב"ה עם הים שיקרע“ וכו'. און דאָס טאקי קען זיין, און דאָס איז באמת אָנגע־דייטעט אין די סמיכות התורה סופה בתחילתה, „לכל האותות והמופתים אשר עשה משה לעיני כל ישראל“ — די אלע נסים ונפלאות וואָס משה האָט געטהאָן פאר אלע אידענ'ס אויגען, איז דאָס אלעס ניט קיין נייעס, ווייל דאָס איז שוין געווען אָבגעמאַכט מיט דער טבע „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ.“

די וועלט פרעגט: וואָרום איז מען זיך אום שבועות, די צייט פון קבלת התורה, ניט משמח אזוי ווי אום „שמחת־תורה“? איך האָב א מאָל געזעהן אין א ספר בשם הגאון ראש הדרשנים ר' יעקב מדובנא זצוק"ל, א משל, דורך וועלכען דיעזע פראגע ווערט פערענטפערט.

עס איז א מאָל געווען א מלך פון כוש, וועלכער האָט געהאַט א טאָכטער, וואָס איז ניט געווען קיין פּאַרשוין, און דארום האָט איהר קיינער ניט געוואָלט הייראַטהען. דער קעניג האָט ניט געהאַט קיין זיהן. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אַז זיין קעניגליכער טראָהן זאָל פערפרעמדעט ווערען, וואָרום א אשה האָט דאַרט ניט געקענט קעניגען. און אז דער קעניג האָט געזעהן אז זיין טאָכטער וועט קיינעם ניט קענען הייראַטהען, ווייל קיינער קען ניט איהר עדעלען כאַראַקטער, און קיינער ווייסט ניט ווי ווייט און גרויס איהר בילדונג איז, דאָס זי איז א גרויסע חכמנית, און איהר איינציגער פעהלער איז וואָס זי איז ניט איבעריגס שעהן, האָט ער אויסגערופען, דאָס ער וועט זי פערהייראַטהען אפילו פאַר א פּראָסטען מענשען. קיינער האָט זיך אָבער ניט אָבגערופען אויף דעם. עס איז דעריבער בעשלאָסען געוואָרען ביים סענאַט און ביים קעניג, אז ווען עס וועט זיך מאכען א פּאָליטישער פערברעכער, וועלכער וועט זיין אן עדעלער מענש, זאָל מען איהם פרעגען דריי טעג פאַר זיין הינריכטונג, וואָס ער קלייבט אויס: געקעפּט צו ווערען, אָדער צו הייראַטהען דעם קעניג׳ס טאָכטער...

גראָדע אין יענער צייט איז איינער אן אדעלמאַן פון אן אנדער לאַנד געכאַפּט געוואָרען פאַר א פּאָליטישען פערברעכען, און איז פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט. דריי טעג בעפאַר דער צייט ווען זיין הינריכטונג האָט געזאָלט פאָרקומען, זיינען צו איהם אריינגעקומען איניגע בעאַמטע און איהם געפרעגט וואָס ער וויל בעסער: געקעפּט ווערען, אָדער הייראַטהען דעם קעניג׳ס טאָכטער?

דער בעשולדיגטער האָט געבעטען א טאָג צייט, אום זיך מיישב צו זיין. ווען זיי זיינען אויף מאָרגען צו איהם געקומען נאָך אן ענטפער, האָט ער ביי זיי ווידער געבעטען א טאָג צייט, און ווען זיי זיינען צו איהם געקומען דעם דריטען מאָל, האָט ער זיי ווידער געבעטען צייט ביז מאָרגען. א שטונדע ביפאָר דער הינריכטונג — האָט ער געזאָגט — וועל איך אייך זאָגען, אזוי אָדער אזוי...

ביי די בעאַמטע איז עס געווען א וואונדער וואָס דער בעשולדיגטער איז זיך אזוי לאַנג מיישב וועגען דעם...

ווען זיי זיינען צולעצט געקומען צו איהם מיט זייער פראַגע, האָט ער מיט א ניעדעריגע, אומעדיגע שטימע געעטפערט אז ער וועט הייראַטהען דעם קעניג׳ס טאָכטער.

די חתונה איז פאָרגעקומען מיט פּראַכט און גלאַנץ, ווי עס פּאַסט פאַר א קעניג... דער חתן איז געווען אומעדיג. אין איניגע מאָנאַט ארום נאָך דער חתונה איז ער אָבער שוין ווייניגער אומעדיג געווען, אין א האַלב יאָהר שפּעטער איז ער שוין גאָרניט געווען אומעדיג, אָבער אויך ניט פרעהליך. קיינער האָט ניט געקענט געבען קיין ערקלעהרונג אויף זיין מאָדנעם אויפפיהרען זיך.

א יאָהר נאָך דער חתונה האָט ער געהייסען מאכען א באָל, און ער איז געווען מלא שמחה. ווען מען האָט

איהם געפרעגט אויף די אורזאכע פון זיין פריהעריגער אומעדיגקייט און זיין יעצטיגער שמחה, האָט ער געענטפערט קורץ און שארף:

— אז מען קומט צו מיר ביפאָר מיין הינריכטונג און מען פרעגט מיר, וואָס איך וויל בעסער, דעם טויט אָדער דעם קעניג'ס טאָכטער, האָב איך גע־טראַכט, אז מען פערגלייכט ביידע זאַ־כען צוזאמען, פיעלייכט איז דעם קע־ניג'ס טאָכטער גלייך צום טויט, אָדער נאָך ערגער. ווי שלמה זאָגט, „ומוצא אני מר ממות את האשה", דאָס די פרוי איז נאָך ביטערער פון דעם טויט. און דעריבער האָב איך געבעטען צייט אויף ישוב הדעת ביז א שטונדע בי־פאָר דער הינריכטונג. דאן האָב איך מיך בעזאָנען: וואָס קען דאָ זיין? דעם טויט האָב איך באַלד, און אויב די הייראַטה מיט'ן קעניג'ס טאָכטער איז ערגער פון דעם, וועל איך עס דאָך אי־מער קענען בעווייזען צו בעטען דעם טויט... איך האָב געהייראַט, איך בין געוועזן אומעדיג, ווייל איך האָב נאָך ניט געוואוסט איהר כאַראַקטער, און אַזוי כסדר. יעצט אָבער, אז איך האָב אָבגעלעבט א יאָהר, און איך זעה אז זי איז אַזא חכמה און געבילדעטע וואָס עס איז ניטאָ איהר גלייכען, מאַך איך דיעזען באַל בשמחה רבה...

דעם קעניג'ס טאָכטער, די תורה, איז זעהר אַן אַלטע, תתקע"ד דורות קודם שנבראה העולם איז זי שוין גע־ווען. קיינער וויל זי ניט הייראַטהען, ווי די חז"ל זאָגען אויף דעם פסוק „ד' בצאתך משעיר" וכו', אז השי"ת האָט זי געוואָלט פאַר'שדכן'ען צו די אומות העולם, נאר זיי האָבען איהר ניט אָנגענומען. עשו האָט ניט גע־וואָלט, ווייל זי איז פיר איהם מיאוס, „לא תרצח" שטעהט אין וועג. ישמעאל'ן איז ניט געפעלען דער „לא תגנוב", א. ז. וו.— קורץ, ישראל דער אַרעלמאַן, „ממשלת כהנים וגוי קדוש", נור זיין פאָטער האָט זיך עפּעס פער־שולדיגט מיט א „במה אדע" און האָט געבראַכט אויף זיינע קינדער גלות, פריזאָן, אין מצרים, ישראל קען אָב־שטאַרבען אין גאַנצען.

די גענעראַלען משה און אהרן און מרים ווערען די שדכנים. מען בעפרייט ישראל'ן פון שקלאַפעריי, פון טויט, פון איינמויערען קינדער אין ווענט, פון שלאַכטען קליינע קינדער אום צו מאַכען בלוט־וואַנעס פיר זייער בעדרי־קער, — נור ער זאָל הייראַטהען די חכמנית, די גרעסטע געבילדעטע פון דער וועלט. דאן וועט ישראל קענען זיצען אויפ'ן קעניגליכען שטוהל און ווערען א ממלכת כהנים. דריי טעג האָט השי"ת זיין אנטוואָרט ניט געהערט. מען שטעהט אונטערן בארג סיני, אָט איז די טאָכטער, אָט איז דער טויט, וואָס ווילט איהר בעסער? ווי אונזע־רע חכמים זאָגען: „כפה עליהם את ההר כגיגית ואמר להם: אם תקבלו את התורה מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכם" (שבת פ"ח)

נו, מען האָט בעסער גענומען די ברתא דמלכא איידער דעם טויט, אָבער אויף דער חתונה, שבועות, האָט מען זיך ווענינ משמח געווען, ווייל ווער ווייסט וואָס עס איז פאַר א ברתא דמלכא?... אָבער אז עס איז אוועק

א יאָהר, און מען האָט מסיים געווען, און מען האָט איינגעזעהן אז עס איז גאָר איהר גלייכען ניטא, און קיינער האָט זי ניט געוואָלט נור ווייל זיי האָבען ניט פערשטאַנען איהרע טיעפע געדאנקען א. ז. וו. האָט מען געמאַכט א באָלל „שמחת־תורה“, שישו ושמחו בשמחת תורה, עסט און טרינקט, זייט זיך משמח, ווארום איהר זעהט דאָך וואָס פיר א שאַטץ דאָס איז, און וויפיעל עס איז ווערט יעדער אות פון דער תורה קען מען ניט אָפּשאַצען...

---

ב.

# הספד

## ויכל אלהים ביום השביעי.

בשר ודם שאינו יודע עתיו ורגעיו צריך להוסיף מחול על הקודש (רש״י)

פון הספד קענען מיר האָבען דעם גרעסטען מוסר, דאָס מיר, מענשען, דארפען ניט אָבלעגען דאָס גוטעס־טהאָן אויף שפּעטער, ווי איך האָב א מאָל אין א דרוש געזאָגט, דאָס מיר מענשען אויף דער וועלט זיינען געגליכען צו א קינד. א גאַנצען טאָג לויפט דאָס קינד און שפּרינגט און שפּיעלט זיך מיט זיינע שפּיעלצייג ביז אין אבענד ווערט ער זעהר מיעד, ער מוז געהן שלאָפען און די שפּיעלצייג לאָזט ער ניט־ווילענדיג...

דער מענש — דאָסגלייכען. ער האָרעוועט זעהר און זעהר, טאָג און נאַכט, אימער און אימער, קיין רוהע, און ער שפּיעלט זיך מיט'ן דאָלאַר, מיט'ן אלהי הכסף והזהב, אזוי ווי אין פערדלעך... שפּיעלט זיך... עס ווערט נאַכט... א מאָל אין מיטען טאָג, אין מיטען לעבען, קומט די נאַכט און הייסט איהם געהן שלאָפען, אָבער א לאַנגען שלאָף... און ער לאָזט איבער די אַלע שפּיעלצייג — פאַר וועמען? פאַר וועמען?

זעה, מיין פריינד, איין זאַך בעט איך דיר: זיי אויף אין דער צייט וואָס דו שפּיעלסט זיך, האַלט אָפען דיינע אויגען, שפּיעל זיך ניט מיט אַלעם וואָס איז מיאוס, ווען דו וועסט שלאָפען געהן, וועסטו נאָך אונאַנגענעהמע חלומות האָבען...

לייג ניט אָב אויף שפּעטער, מיין טהייערער, ווייל דו ווייסט ניט ווען די נאַכט דיינע וועט קומען... זעה לאָז ניט איבער אַלע שפּיעלצייג ווען דו געהסט שלאָפען, נעהם מיט אין דיין בעט עפּעס צו־קאָפּענס... אונטערן זייט... לייג ניט אָב אויף שפּעטער... מאַך שבת פריהער... ווייל דו ווייסט ניט ווען דיין שבת וועט קומען. השי״ת

קען ווארטען ביז די לעצטע סעקונדע, ווייל ער ווייסט די סעקונדע, דארום „ויכל אלהים“ שפעט שפעט, וואס אונז דוכט זיך עס איז שוין ביום השביעי. אבער „אדם שאינו יודע“. דער מענש וואס ווייסט ניט „עתיו ורגעיו“, זיינע צייטען, „צריך להוסיף מחול על הקודש“, ביפאר ער געהט שלאפען... אט דער בר־מנן, וועמען מיר האבען מסתיד געווען, אבוואהל ער איז געווען ווי אלע מענשען, גע־לעבט, געשטרעבט, געארבייט, גע־שפיעלט זיך מיט די שפיעל־זאכען, אבער ער האט געוואוסט אז ער בע־דארף די שפיעל־זאכען ניט מיטנעה־מען מיט זיך, ווייל ער האט זיך אנ־געגרייט צו־קאפענס תפילות, תהלים, געהערט אימער תורה, צו־פוסען צדקה, צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו.

---

## ג.

# האדם

### ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו וגו׳ זכר ונקבה ברא אותם.

אין פיעלע הינזיכטען איז דער מענש ווי אלע נאטור־בעשעפענישען, ווי די חיה און בהמה. ער איז א פאר־צוקענדע חיה, ווי דער לייב, בער און טיגער א. ז. וו. ער איז א „שפין“, ארייננצוכאפען דעם אנדערן אין זיין נעץ, ווי דער שפין כאפט אריין די פליעג — קורץ: ער איז א צוויי־פי־סיגע חיה אין אלע הינזעכטען. איך האב א מאל ערקלעהרט פאר ביזנעס־לייטע אין א דרוש, א געשיכטע וואס איך האב אליין בייגעוואוינט. איך בין געפאהרען מיט א בעל עגלה פון דער שטאדט ק. אין דער שטעדטעל ק. פאהרענדיג איז דער בעל עגלה אריינ־געפאהרען אין א טייך וואס איז גע־גאנגען ביים וועג, אום אנצוטרינקען די פערד. דער וואסער איז געווען קלאהר... איך זעה דער פערד בריקט מיט׳ן פוס זעהר שטארק אינ׳ם וואס־סער. הערט, וואס איך האב מיט׳ן פערד געמאכט א טענה:

— פערדעל — פרעג איך — וואס בריקסטו?

— איך קען ניט זעהן — זאגט דער פערדעל — אז נאך א פערד שטעהט אין וואסער און טריינקט! (מען פערשטעהט אז ער האט געזעהן זיין געשטאלט)

— פערדעל, דענקסטו אז דו וועסט דעם טייך אויסטרינקען אליין? וואס אארט דיר אז נאך א פערד אין דיין געשטאלט טרינקט?

— יא — ענטפערט דער פערדעל — איך וועל טאקי דעם גאנצען טייכעל ניט אויסטרינקען, אבער וואס פאר א

העזה האָט דער פערד צו טרינקען?

זאָג איך צו איהם: פערדעל, דו וועסט דאָך שמוציג מאכען דאָס וואַסער און וועסט מוזען טרינקען שמוציגע וואסער.

— איך וועל טאָקי טרינקען שמוציגע וואסער, אָבער דער פערדעל וואָס איך זעה וועט קייען בלאָטע און ניט האָבען צו טרינקען.

רבותי! גלויבט מיר, אז דאָס איז די זעלבע פערדען־שפראַך, וואָס איך זעה צוויי ביזנעס לייט וואָס קאָנקורירען זיך. שטייטש, פערדעל, וואָס בריקעסטו זיך; שטייטש, וואָס רעדסטו אויפ'ן צווייטען ביזנעס־מאַן, וואָס אַרט דיר אז יענער טרינקט אויך פון דעם גרויסען וועלט־ים? — יאָ, ענטפערט ער: איך בריק ווייל איך זעה נאָך אַ פערדעל... איך מאַך שמוציג דאָס וואסער... אַבי איך זאָל איהם ניט זעהן מעהר... (זעלבסט צו פערברייטערען די רייד)

דער מענש וועט אָבער האָבען אַ פולע טענה צום רבש"ע: וואָרום האָסטו מיר בעשאַפען פאַר אַ ווילדע זאַך, ווי אַלע חיות?... ניין, מענשעלע, דיין טענה איז קיין טענה ניט. טאַקי, גאָט האָט דיר בעשאַפען מיט דער נאַטור פון חיות, בהמות און אַלע בעשעפענישען, אָבער ער האָט דיר אויך בעשאַפען מיט אַ הימעל־גייסט, נאַטור, אַלע כחות פון הימעל, פון מלאכים, שרפים ואופנים איז אין דיר, מענשעלע. דו האָסט אַ כח פון גוטסקייט, אין דיר איז אַ נשמה, אַ מלאך, אַ חלק אלקי ממרום. דו קענסט גוטעס טהאָן און אויסאַרבייטען מיט דיין שכל דעם הימעלשען כח און פערשטאַנד, דאָס דו זאָלסט זיין אַ דזעני, ריין ווי אַ מלאך.

דאָס זאָגט השי"ת צו די מלאכים, אַלע כחות השמים, „נעשה אדם“, מיר ווילען בעשאַפען אַ מענשען, דאָס ער מוז זיין בצלמנו, אין אונזער בילד, כדמותנו; ער זאָל זיין מיט אונזערע כחות, מיט דעם גרויסען שכל, אויך מוז ער זיין אַ חיה, און ער מוז האָבען איהרע אַלע געפיהלען, אפילו תאות המשגל, „זכר ונקבה ברא אותם“, דאָס איז די בעסטע נאַטור. אז ער וועט וועלען, קען ער זיין הויך, גרויס ווי אַ מלאך, און גרעסער, אויב ניט, בלייבט ער אַ חיה, נאָר ניט איין חיה, נור אַ סך חיות, ווי דוד זאָגט אין תהלים: „ואני בער“, ווען איך בלייב אַ פוסטער, אַ בור, אַ גראָבער יונג, „ולא אדע“, און איך האָב ניט די ידיעה אז איך ווייס ניט, דאַן איז ניט פאַר מיר גענוג דער טיטעל פון „איין בהמה“, נור ב ה מ ו ת הייתי „עמך“... געדענק, „ואני בור ולא אדע בהמות הייתי עמך...“ ודו"ק...

ד.

# לנשואין

## ויקרא האדם שם אשתו חוה כי היא היתה אם כל חי.

מפרשים פרעגען: ווארום האָט אדם געוואַרט ביז יעצט איהר צו רופען אזא שעהנעם, טהייערען נאָמען, וואָס דאָס בעדייט „אם כל חי“?

מיינע פריינדע, ווען איך וויל עט־וואָס שרייבען וועגען יעצטיגע היי־ראטהען, פאנגט מיר אָן ציטערען מיין האַנד פון נערוועזיטעט, ווייל די יעצ־טיגע הייראַטהען איז דער גאַנצער אומ־גליק פון אידישען פאָלק. א מאָל, אז מען האָט אכטונג געגעבען צו נעה־מען א אשה כשרה, איז דער חינוך הבנים געווען זעהר גוט, ווייל די פרוי האָט דאָך די אידישע הויז בכשרות, און איהרע מצות, זי גיט אכטונג אויף איהרע קליינינקע קינדערלאַך, אז זיי זאָלען וואַקסען אידען. אז מען וויל זייען א פעלד, מוז מען בעאָבאַכטען אויב עס וועט וואַקסען אין דעם פעלד, וואָרום ניט אלע שטיקער ערד זיינען גלייך; און אז מען וועט זייען אויף דעם פעלד וואו עס דאַרף עט־וואָס געפלאַנצט ווערען, ווייל די ערד איז נור גוט צו פלאַנצען, דאַן ווייסט מען גאַנץ גוט, וואָס פיר א קאָרן עס קען אויסוואַקסען — פארטריקענטע און פערדאַרטע.

נו, מיינע פריינדע, מה דאָך ערד צום זייען דאַרף מען וויסען וואו צו זייען, און וואו ניט, ווייל ווען מען וועט דיעזעס ניט בעאָבאַכטען, וועט געוויס גאָרנישט וואַקסען, הייגט ווי קען מען פיהרען א כשר'ען לעבען און האָבען גוטע פרומע קינדער, ווען די פרוי איז פראָסט, ניט געלערענט, און ווייסט ניט, נישט פון אידישע היסטאָ־ריע, ניט פון אידישקייט, אָדער אז זי ווייס אפילו יא, אָבער זי האלט עס ניט. פערשטעהט מען גאַנץ גוט, וואָס עס קען אויסוואַקסען פאר א דור פון אזעלכע פרויען.

היינטיגע פרויען קוקען נור אויף געלד, און געלד און געלד, אויפ'ן דיי־מאָנטיל, אויפ'ן באַנק־ביכעלע, דארום טרעפען גאַנץ אָפט קרומע שדוכים און אזא סוף האָבען זיי...

איך בין א מאָל גערופען געוואָרען צו א חתונה, וואָס א יונגע מיידעל פון צוואַנציג יאָהר האָט געהייראטה א מאַן פון פינף־און־זעכציג יאָהר. אז איך האָב געגומען זיך נאָכפרעגען אויף דעם, האָט מען מיר ערקלעהרט, דער מאַן איז אינשורט אין פופציג טויזענד דאָלאַר, קיין קינדער האָט ער ניט... דאַן האָב איך פערשטאַנען וואָס דער מיין פון דער כלה איז... האָב איך גע־זאָגט צו עטליכע וואָס פערשטעהען א וויץ: איך האָב געפונען א פסוק איי־נעם, וואָס עס איז גוט צו בענשען ביידען נאָך זייערע פערלאַנגען. איהם דאַרף מען ווינשען אז ער זאָל חאָטש נאָך דערלעבען א קינד פון איהר, און

איהר דאָס זי זאָל גיך דערלעבען „ומלאו את הארץ“ — ער זאָל שטאַר־בען... און זי זאָל נעהמען זיין פער־מעגען. מיר דאכט, אז אויף אזא אַרט איז דער ווייץ געשריבען אין זכרון בספר...

איהר ווייסט דאָך, מיינע פריינדע, מן הסתם, אז סתם „אשה“ איז דאָך לקיום המין, און צו זיין אַן „עזר לבעלה“, צו תורה און עבודה און אלעס גוטעס. אָבער אזא אשה, וואָס מאכט דעם מאַן זינדיגען, און קיין אידישקייט איז ניטאָ דורך איהר, איז נאָר לקיום המין... דארום האָט אדם הראשון נאָכ'ן זינדיגען פון דער פרוי און איהר מאַכען אויך איהם צו זינדיגען, איהר א נאָ־מען געגעבען חוה. ער האָט געזאָגט: דו ביזט מיר א ווייב נור לקיום המין, אָבער ניט אַן עזר צו גוטעס. דעריבער „ויקרא האדם שם אשתו“, און אדם האָט יעצט, נאָכ'ן חטא פון עץ הדעת, גערופען זיין פרוי „חוה“, פאר וואָס דוקא יעצט און ניט פריהער, „כי היא היתה אם כל חי“, דען זי איז יעצט געוואָרען נאָר די „אם כל חי“, לקיום המין אליין, אָבער אויף דער האַכציית וואו מיר זיינען דאָ אלע, זי איז א טאָכטער פון א ירא שמים, פון אָרענט־ליכע און פרומע עלטערען, געוויס איז זי אויך א גוטע און א פרומע, קענען מיר האָפען און ווינשען די עלטערען און זי אליין, אז עס זאָל זיין ביי דעם הייראַט ביידע — לקיום המין ולעזר, אָמן...

---

## ה:

# א ביסעל מוסר פיר פרייגעזאנענע.

ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו, כי ביום אכלך ממנו מות תמות, (בראשית)

זינט איך בין ארויס אויף דער וועלט מיט מיין טאַלאַנט, וואָס השי"ת האָט מיר געגעבען, דאָס איך קען שטעהן אויפ'ן פלאַטפאָרם פיר די טויזענדע מענשען און רעדען, און צו דאנקען השי"ת, וואָס ער האָט מיר געגעבען לחן ולתפארת בעיני האנשים, טרעף איך זיך מיט פערשיעדענע מענשען, פרומע, גוטע, צדיקים, חסידים, אנשי מעשה, און ראדיקאַלע, און גאָר אפיקורסים, און א ביסעלע פערשטעה איך איינצוהאנדלען מיט זיי, מיט יע־דען נאָך זיין געדאנקען.

גאָר ניט לאנג האָב איך געהאט די עהרע צו רעדען מיט א האַלבען אנאַר־כיסט, און וואָס איך האָב גערעדט איז ארויסגעוואָרפען געווען. ער געהט מיט זיינע אידעען, אז ער גלויבט ניט אין קיין זאך, אויך ניט אין „שכר ועונש“, און איינער פון זיינע נארישע ארגו־מענטען איז געווען „על שלש עבירות נשים מתות בשעת לידתן“ וכו'.

שטייטש, זאָגט ער, מיין ווייבעלע היט עס ניט, און דאָך איז זי געזונד, און איז איבערגעקומען נאָך א גרינגגערען האָבען ווי אנדערע?...

האָסטו געלעזען, פרעג איך איהם, קענסטו עפּעס, איך זאָל קענען מיט דיר ריידען? איך — זאָגט ער — איך האָב געלעזען אפילו דאָקטאָריע... אויב אזוי, זאָג איך צו איהם, דאַרפסטו געוויס זיין פרום, ווארום ווען ניט, וועסטו אליין זיך מאכען צו גאָרניט. פון וואנען נעהמט זיך די געוועהנליכע קראנקהייט, וואָס מען רופט עס א קאטאר, מען הוסט, מען ניסט, עס רינט פון די אויגען; זאָג זשע מיר, מיין טהייערע, פון וואנען קומט עס?

דאָס קומט פון אייניגע סבות: פון שלעכטע, איינגע רומס, נאַסקייט פון די ווענט, און פון א שלעכטען קלימאַט, און פון פערקיהלונג.

יעצט, זאָג איך צו איהם, מיין טהייערע, הער זיך צו וואָס דו רעדסט אליין, אז פון א שלעכטען אויר קומט דער קאַלט, האָט דאָך דער דבר אחר געדארפט אימער פערהוסטען די וועלט, ווייל ער פּאַקט דאָך אריין זיין שנוק אין אלע שמוץ? דאָך האָט דער דבר־אחר קיין קאטער ניט, נור דער מענש וואָס עדעלער ער איז קריגט ער גיכער דעם קאַטאר...

דער חכם האָט פערשטאַנען וואָס איך מיין מיט דעם „שלש עבירות“. נאָר יעצט האָט ער מיר געפרעגט אן אנדער פראגע, איך זאָל איהם ערקלעהרען מיט פאקטען „שכר ועונש“. געוועהנליך קען מען אזא מענשען ניט ווייזען פון מאמרי חז"ל אָדער פסוקים, נור איך האָב איהם געפרעגט, ווי וואָ ער זיך בעגעהן מיט אזא צופאל: ווען ער קומט אריין אין הויז און מען דערלאנגט איהם א גלאָז טהעע, און דו ווילסט זעהר טרינקען, און אין הויז אין פאראן א פליגען־פּראָסעק, און עס געהט צו א קינד, א פלאפלער, וואָס דו ווייסט אז ער איז א פלאפלער, ער זאָגט קיין וואָרט אמת, און דאָס קינד זאָגט צו דיר: טרינק ניט, די קלענערע בייבי האָט דאָ א גיפט־פּראָסעק אריינגעשאָטען, וועסטו טרינקען אָדער ניט?

ניין — זאָגט ער — פאר קיין פאל וועל איך ניט טרינקען. שטייטש, פרעג איך איהם: דאָס קינד איז דאָך א ליגנער, און עס קען דאָך זיין אין גאנצען א בלאָף? יא, זאָגט ער, אָבער פיעלייכט איז עס אמת?... צוליעב איין קליינעם פערגעניגען זאָל איך איינשטעלען דעם לעבען? ניין. אלזאָ, חכם מיינער, וועגען שכר ועונש, ונכרתה הנפש, מן התורה ומן דברי חז"ל, וויל איך ניט ריידען מיט דיר, ווייל עס איז געוויס ארויסגעוואָרפען. נור איך וויל דיר מעהר ניט זאָגען, אז דו זאָלסט האַלטען משה רבינו, דעם איש אלקים, מעהר ניט ווי די בייבי דיינע... און ער האָט געזאָגט „ונכרתה הנפש“, דער וואָס טהוט אזא און אזא עבירה, דאָס איז פּאַיזען. נו, מיין חכם, פון ספק ספיקא וועגען, וואָס זאָגסטו?

ער איז געבליבען אָהן אנטוואָרט. געוועהנליך, ניט ווי מען רעדט איז מעגליך צו שרייבען, רעדען קאָסט קיין געלד, שרייבען קאָסט, פריינדע. דאָס זאָגט די תורה הקדושה, אויב ביי דיר

איז א ספק ח"ו דאס צו טהאָן אָדער ניט, זאָלסטו עס ניט טהאָן, ווייל דו קלעהר זיך ווי איך האָב דיר ער־קלעהרט, „ומעץ הדעת", אויב דו ווילסט וויסען פון די וויסענשאַפטען אויב גוט אָדער שלעכט, זאָלסטו עס שוין ניט טהאָן, „טוב ורע", דו ווייסט ניט אויב גוט איז אָדער שלעכט, פאַר־זען אָדער ניט, אָדער פערגעניגענד, קוים איז ביי דיר א ספק, „לא תאכל ממנו", „כי ביום אכלך ממנו", זאג איך דיר געוויס „מות תמות". און דו, מיין חכם, אויב דו דענקסט עס איז א ספק, דארפסטו שוין ניט עסען. פיעלייכט פרעגסטו מיר, חכם, ווארום שטעהט דאָ גאָר וועגען אכילה, טאָ גיב טאַקי א בליק אין יחזקאל „ואתה בן אדם אכול את המגילה", און זעה וואָס דער רד"ק שרייבט, און אלע מפרשים. קלעהר זיך דורך, חכם, אויב איך האָב רעכט אָדער ניט, ודו"ק.

---

ו.

# פני העדה

## וישב בארץ נוד קדמת עדן.

פריינדע, איהר זאָלט אויף מיר נור קיין פאראיבעל ניט האָבען, אין אמע־ריקא איבערהויפט, איז אפילו א מאָ־דע, אז מען קען יענעם זאָגען וואָס מען וויל, און טהאָן טהוט ער אויך וואָס ער וויל. עס איז אפילו פאראַן אזעלכע וואָס זאָגען: וואָס איז דאָס אייער ביזנעס? צו יענעם איז מיין אנטוואָרט: עס איז מיין ביזנעס, השי"ת האָט מיר בעשאַפען אויף דער וועלט איך זאָל זאָגען יענעם און אליין טהאָן דאָס זעלבע וואָס איך זאָג, ווייל אין אבות געפינען מיר: „הוא היה אומר", טייטשט אָב „הוא" ער, „היה", געווען; „אומר", געזאָגט. נו, קלינגען אייך עפּעס דיעזע ווערטער? ווארום בענוצט זיך ניט דער תנא אין אָבות ווי אין דער גמרא איז, אז ר' יוחנן זאָגט אַ דין, און די גמרא וויל נאָך א דין ברענגען וואָס ר' יוחנן האָט געזאָגט, זאָגט די גמרא: ואמר ר' יוחנן, האָט דאָך אין „אָבות" אויך גע־קענט שטעהען אזוי „ואמר" דער און דער? נור די זאַך איז אזוי: „אָבות" איז דורך זיטען און מוסר השכל, און אז מען זאָגט יענעם מוסר, דאַרף מען אליין זיין וואָס מען זאָגט יענעם, דאַ־רום זאָגט דער תנא אין „אבות": „הוא היה", דאָס וואָס ער איז אליין געווען, „אומר", זאָגט ער דעם צווייטען... אַל־זאָ, איך וועל אייך זאָגען אז איך בין געוויס ניט קיין צדיק, נור וואָס איך זאָג אָדער שרייב דאָס בין איך טאַקי אליין. אלזאָ, דאָס איז טאַקי מיין ביז־נעס.

יעצט קען איך זאָגען וואָס איך מיין מיט דער לאַנגער הקדמה. איך מיין איך צו זאָגען, לייטע, מעמבּערס פון שוהלען, אָדער פעראיינען, (פון לאַדזשען רייד איך גאָרניט, אויך וויל איך זיי אפילו ניט דערמאָנען) נאָר צו אייך רייד איך, חברות, איהר ווייסט וואָס דער אונגליק איז מיט'ן אמעריקאנעם יודענטהום, וואָס עס געהט אונטער פון טאָג צו טאָג, דאָס איז צוליעב די פּרעזידענטען אייערע, וויס־פּרעזידענטען און טראָסטיעס, און אייערע גאַנצע קאָמפּאַניעס, די פּני, אז זיי ווערען עלעקטעט נור פון אפּיקורסים, אָדער סתם חמורים, איהר קוקט ניט אויב דער פּרעזידענט איז א איד אָדער ניט, היינט אז איהר עלעקטעט א פּרעזידענט א טריפה'נעם ביין, א מחלל שבת, ניט קיין איד, ניט קיין גוי, זאָגט מיר וואָס פאר א פּנים קען האָבּען די אידישקייט און די שוהלען?

ווייל בּיי אייך אַלעמען ווערט געשפּיעלט די ראָלע פון פערמאַסקירטע, קען דען זיין אנדערס ווי איך האָבּ א מאָל געזאָגט אין א דרוש אָפּ־טאַון, אז ישיבה בחורים פיהרען אין אמע־ריקא דעם רעדעל פון אלע עמטער און כלי־קודש. קען עס זיין גוט?... נו, וועט איהר דאָך פרעגען יעצט, איז דאָך געוויס האַלט איך אליין אז „ישיבה בחורים" טויגען ניט, און מחללי שבת געוויס ניט, טאָ ווער? פריינדע, עס זיינען פאראן צוויי־ערליי „ישיבה בחורים", אזוי רופט מען זיי: די ערשטע און טהייערסטע און בּעס־טע, איז א מענש וואָס זיצט אימער און לערענט, ער הייסט ישיבה־מאַן. א בּאַי הייסט „ישיבה בחור". עס איז דאָ א צווייטע, ניט פאר אונז גע־דאַכט, וואָס מען האָט אין רוסלאַנד איהם אָבּגע'משפט צו זיצען אויף איין אָרט פאר „גנבה'נען "א פערד וכדומה רעסטאַנסקע ראָטע. אזעלכע ישיבה־בחורים זיינען געקומען, און זיי האָבּען זיך געוועהנליך גרינג ארויפגעארבּייט... „כידוע" דא אין לאַנד, און דאָ שפּיעלט א ראָלע דאָס געלד, דער „עגל הזהב", זיינען זיי אונזערע פיהרער. אז אָח און וועה איז צו די אידישקייט פון אזעלכע פיהרער!...

דער כלי יקר זאָגט אויף דעם פסוק וואָס מיר האָבּען אויבּען געבּראַכט, „וישב בארץ נוד קדמת עדן": מצינו שכל ההורג נפשו גולה למזרח". איך וועל צולייגען איין וואָרט מיט א וויטץ, און אן אמת'ן פאַקט, אז א סך פער־בּרעכער זיצען דאָ אין מזרח... זיי זיי־נען די רעדעל־פיהרער, הורגי נפש, קו־מען דאָ און ער איז געוועזן א ישיבה בחור, „וישב" זיצט ער זיך דא „בארץ נוד", אין די פארוואָגעלטע לאַנד, וואָס אלע זיינען דאָ גרים, נע־ונד'ניקעס אין דער ארץ נוד, זעצען זיך „קדמת עדן", אין מזרח וואַנט. מיינע טהייערע! האָט קיין פאראיבּעל ניט אויף מיר, זאָל דאָס מיר געשעהן וואָס איך ווינש אייך, געוויס קיינע שלעכטעס ניט. עס איז אָבּער דאָך דאָ א סך, וואָס זיינען אזוי ווי איך האָבּ געשריבּען... איהר ווייסט פארוואָס איך בּעט אייך קין פאראיבּעל האָבּען אויף מיר, די זעלבּע ווערטער האָבּ איך געזאָגט פאר א פּובּליקום פון צוויי טויזענד לייטע,

און אלע האָבען געקוואַלען פון די רייד, נור איינער איז ארויסגעגאנגען און האָט געמאכט קולות: שטייטש, זאָגט ער, ווי זאָגט מען דאָס?... נו, איך האָב באלד פערשטאנען אז ווען קוויטשעט דער כלב, אז מען טרעפט איהם מיט'ן שטיין... און באלד האָבען מיר מיינע הערער דערצעהלט טאקי: זייט ווי־סען, רבי, ניט אומזיסט האָט ער גע־שריען, ווייל ער איז א ישיבה בחור... אָט זיינען זיינע לאנדסלייטע און דער־צעהלען, דארום בעט איך אייך, מאכט זיך ניט וויסענדיג, וועט שעהנער זיין...

---

ז.

# פי הארץ

## כי עפר אתה ואל עפר תשוב.

א ביסעל מוסר צו די וואָס רוהען ניט ,טאָג ווי נאכט, און האָבען אפילו קיין צייט זיך צו באזינען, צו וואָס פאר א מדרגה זיי זיינען געקומען, אפילו צו גופניות, קערפערליכע אנגע־לעגענהייט, עסען טרינקען, האָבען זיי קיין צייט, נור ביזנעס און ביזנעס, טאָג און נאכט, שבת ויו"ט. שבת ווייזט ער פאר גויים אז ער האלט אָפען די ביזנעס, אז ער איז קיין איד ניט, זונטאָג ווייזט ער פאר אידען, אז ער איז קיין גוי ניט. ארום און ארום, ווייסען אלע אז ער איז ניט קיין איד, ניט קיין גוי — אז ער האלט דאָך אָפען אפילו זונטאָג אויך... א שאנדע פאר אונז, א שאנדע פאר זיי, איינ־שלינגען איינער דעם צווייטען צוליעב דעם דאָלאר, זיי פארליערען גאָר דעם נאָמען מענש.

איך האָב די צייטען בעזוכט איינעם פון די סאָרטען ביזנעס־לייטע, מיינעם א בעקאנטען, וואָס אין רוסלאנד איז אפילו מיר ניט אנגעשטאנען ריידען מיט איהם. איך האָב איהם עפּעס נויטהיג געהאט. איך בין געקומען אין זיין סטאָר. ער האָט מיר גאנץ גוט בעמערקט, נאָר איך שטעה און ער מאכט זיך ניט וויסענדיג. ער האָט מיר די האנד ניט געגעבען אפילו ווען ער איז שוין געשטאנען לעבען מיר, און ער האָט זיך ענטשולדיגט נאכהער פיר מיר: איך האָב אפילו קיין צייט ניט אייך צו געבען די האנד. נו, זאָג איך, ווייל עס שטעהט אין (אסתר ב') „ובביזה לא שלחו את ידם", אז עס איז ביזע געווען האָבען זיי ניט גע־געבען די האנד...

מיר האָבען אָבגערעדט צו טרעפען זיך צוזאמען אין אָבענד. דאן צווישען אנדערע רייד, בין איך געקומען מיט איהם אין א געשפרעך וואָס איז דער צוועק פון אזא שווערען לאסט, וואָס

א מענש ציהט ארויף אויף זיך? איך האָב איהם ערקלעהרט דעם „כי עפר אתה ואל עפר תשוב" מיט דער בעוואוסטער געשיכטע. צוויי לייטע זיינען געווען אימער אין קריעג צוליעב א שטיקעלע ערד פון איין אכטעל ארשין, איינער האָט געזאָגט צו איהם געהערט עס, און דער צווייטער האָט גע'טענה'ט דאָס די ערד איז זיינע. די מחלוקה איז געגאנגען עד לשמים, דער רב פון שטעדטעל האָט שוין עטליכע מאָל געמאכט א פשרה, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, ביז דער רב האָט זיי געשיקט א מאָל רופען און זאָגט צו זיי: איך וויל איהר זאָלט מיר ווייזען די שטיקעל ערד וואָס איהר קריעגט זיך איבער דעם. זיי האָבען באלד געצייגט דעם רב. דער רב האָט געזאָגט: קינדערלאך, איך מוז איין מאָל פאר אלע מאָל וויסען דעם אמת, און דאָס צו דערגעהן מוז איך פרעגען די ערד אליין... ער האָט זיך אנידערגעלייגט אויף דער ערד מיט'ן רעכטען אויער און געלעגען צעהן מינוטען. אז ער האָט זיך אויפגעהויבען, זאָגען זיי: נו, ווייסט איהר שוין, רבי? יא, אנטוואָרטעט ער: איך האָב געפרעגט די ערד דעם רעזולטאט פון אייער מחלוקה, מען מוז דאָך וויסען א מאָל אז אן ענדע זאָל נעהמען צו אייער מחלוקת, האָט די ערד אזוי געזאָגט צו מיר: רבי, זאָגט זיי אז זיי בלאָפען ביידע, איך בין ניט זייערע ביידענ'ס, נור זיי זיינען ביידע מיינע. באלד, באלד, וועל איך זיי צונעהמען, וועל איך זיי ווייזען אז זייער גאנצע מחלוקה איז אומזיסט... „כי עפר אתה ואל עפר תשוב". דאָס איבעריגע ערקלעהרט אליין...

---

### ח.

## דרוש פיר ביזנעס לייט

ויאמר קין אל הבל אחיו, ויהי בהיותם בשדה ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו. (בראשית)

נאָך מיין שכל נאָך, האָט געדארפט שטעהן דער פסוק אזוי געשריבען: „ויהי בהיותם בשדה ויאמר קין אל הבל אחיו ויהרגהו", איך דענק אז איהר בעטראכט אייך יעצט אז עס איז אזוי ריכטיגער. און וויעדער וואָס שרייבט די תורה ויהי בהיותם בשדה? אגב וועל איך בריינגען איין פסוק, וואָס דער געטליכער משורר זאָגט: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד... איך פערשטעה ניט אין פלוג וואָס הייסט „גם יחד"?

אוי, די ביזנעס־וועלט, ווי פאלש זי איז... „כלו שקר", איז באמת געזאָגט נאָר פאר די ביזנעס־לייט. זעהט ווי פערהאָוועט זיי זיינען טאָג ווי

נאכט, אז זיי האבען אפילו קיין צייט זיך ארומצוקוקען אויף זיך אליין, ווער רעדט פאר דער נשמה — געוויס ניט, נור איין שטיקעלע הגדה האבען די גבירים ביזנעס־לייטע, פאר זיך, און די שטיקעלע הגדה גלייכען זי זעהר און זעהר, און דאס איז נעמליך, „אלו לא נתן לנו את התורה ונתן לנו את ממונם דיינו", א טהייערער דיינו איז דאס פאר זיי, אהן תורה און האבען געלד.

דער בעסטער פריינד איז קיין פריינד, דער בעסטער ברודער איז קיין ברודער. זעהען מיר דען ניט מיט אונזערע אויגען ווי א ברודער איז ווייט איינער פון אנדערן, די בעסטע און שעהנסטע פראזען ווערען געשריבען אין לעטערס, פון איינעם צום צווייטען, „ידידי", „אהובי", „אחי", „יקירי", „מחמד נפשי", „עטרת ראשי", און פיעלייכט קומט ניט אזוי גיך קיין לעטער, איז א נייע צרה, „ידידי, אהובי, מחמד נפשי, עטרת ראשי", ווארום און וואס איז די סיבה וואס דו שרייבסט מיר ניט, איך שלאף ניט און עס ניט, עס איז מיר מיין קאפ אראפגענומען, איך וויים ניט וואס איבערצוקלעהרען...

נו, גאט האט געבענשט די גליקליכע צייט, ברודער „ראובן" איז געקומען צו ברודער „שמעון", א ריכטיגער „וישקהו", א ריכטיגער, גאר א ריכטיגער, איז געווען פון איינעם צום צווייטען. נו, השי"ת האט געהאלפען אז אויך „שמעון", דער איצ־געקומענער, האט בעקומען ערגעץ עטליכע דאלאר און האט אויך געמאכט א ביזנעס, עפעס זעהט עס אוים אזא סארט ווי ראובן'ס.

פרעגט שוין גאר ניט וואס ביי זיי איז פארגעקומען: קיין פען קען דאס בעשרייבען, קיין מויל קען עס ריידען, קיין פאעזיע קען בעזינגען, קיין געדאנקען קען בעטראכטען — וואס פאר א צרה עס איז יעצט צווישען זיי, ווען זיי זאלען קענען וואלטען זיי געמאכט אפילו פאלשע בלבולים, ווי פאניע אויפ'ן מארטירער ביילים... איהר, מיינע לעזער, פערשטעהט שוין יעצט אליין, אז ביי זיי איז א גרעסערע שנאה ווי צווישען צוויי פרעמדע ביזנעס־לייטע וואס זיינען קאנקורענטען...

זאגט דער געטליכער משורר: הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים" — עס איז זעהר שעהן ווען ברידער זיצען אין אחדות און ליעבע; ניט אין דער צייט ווען איינער איז אין ניו יארק און דער אנדערער אין סאן פראנציסקא, ניין, ניט דאס מיין איך, דאן איז שרעקליך די ליעבע פון ברידער מעהר ווי ביי פריינד וואס זיינען פרעמדע... ניין, ניט דאס מיין איך. דאס איז דאך דער שטייגער, טא וואס פאר א נייעס וואלט איך אייך דא ערקלעהרען? איך מיין א גרויסע נייעס, און דאס ווענט זיך קענען רופען שעהן און אנגענעהם: „הנה מה טוב ומה נעים", ווי שעהן און אנגענעהם עס איז, אז „שבת אחים", אז ברידער קענען זיך האלטען רוהיג, „שבת אחים" — ווען אז „גם יחד", אויך אז זיי זיינען צוזאמען, צוזאמען אין איין שטאדט, צוזאמען אין ביזנעס, צוזאמען איינער נעבען דעם אנדערן, — דאס איז שעהן... „גם יחד".

דער מדרש דערצעהלט וואָרום „קין" מיט „הבל" האָבען זיך געקריעגט. „אמרו בואו ונחלוק את העולם. אחד נטל את הקרקעות ואחד נטל את המטלטלין, דין אמר ארעא דאת קאי עליה דידי, ודין אמר מה דאת לביש דידי". עס פערשטעהט זיך, אז ווי לאנג זיי האָבען קיין ביזנעס ניט גע־מאכט זיינען זיי געווען גוטע פריינד, אָבער קוים האָט זיך ענטוויקעלט אַ צוטהיילונג אין דער וועלט: דאָס גע־הערט דיר און דאָס — מיר, דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען א „ויהי", א צרה: דעם האָט זיך געדאַכט אז זיין ברו־דער געהט אין זיינע ביזנעס אריין, און דעם האָט זיך געדאַכט אז זיין ברודער געהט אין זיינע ביזנעס אריין, און אונז איז דאָך גוט בעקאַנט מיט וואָס דאָס האָט זיך געענדיגט...

און דאָס דערצעהלט אונז אויך די תורה. ביפאָר זייער ביזנעס און צור־טהיילען זיך זייערע נחלאות, האָבען זיי געלעבעט זעהר גוט און מען האָט גערעדט צווישען זיך ליעבליך און פריינדליך. „ויאמר קין אל הבל אחיו" —אימער איז געווען ווייכע רייד צווי־שען איינעם און דעם אַנדערן. איהר ווייסט דאָך, אז „אמירה" איז „רכה" — און וואָס מען רעדט דאָס מיינט מען טאַקי. נאָר... „ויהי בהיותם בשדה", אָבער די צרה איז געווען ווען זיי זיינען געקומען אין פעלד, און קין האָט געמיינט אז הבל טרעט אויף זיי־נע האָב און גוטס, און הבל האָט גע־מיינט אז קיין טראָגט זיינע קליידער, דאָס הייסט אויף זיינע ביזנעס, פון וואָס ער מאַכט א לעבען. נו, ווייסט איהר שוין, פריינדע, וואָס ווייטער איז געשעהן: „ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו"...

פריינדע, איהר האָט נאָר קיין טעות ניט צו דענקען אז קין האָט גע׳הרג׳־עט הבל׳ן, און מיט דעם האָט זיך די זאַך געענדיגט. ניין, פריינדע, „קין" און „הבל" — דאָס איז די וועלט־טראַ־געדיע נאָך היינט. „קין" און „הבל" געפינען זיך אין די גרעסטע סטריטס פון די גרעסטע שטעדט, אפילו אין די רייכסטע ביזנעס־סטריט פון ניו־יאָרק — אין וואָל סטריט, אָדער אין בראָדוויי...

## ט.

# לט"ו בסליו

„כשעה שרצה הקב"ה לברוא את העולם ברא כת של מלאכים וכו'. חסד אמר יברא שכולו מלא חסדים. שלום אבר אל יברא שכולו מלא קטטה, צדק אמר יברא שכלו צדקה. אמת אמר אל יברא שכלו שקרים, מה עשה הקב"ה השליך אמת ארצה שנאמר אמת מארץ תצמח". (ב"ר)

די וועלט פרעגט: וואָרום האָט דווקא הקב"ה אראָפּגעוואָרפען דעם אמת אויף דער ערד און ניט קיין אנדער זאך, ד. ה. פאר וואס ניט שלום? דאָס פערשטעהט מען גאנץ גוט, וואָרום ער האָט אין גאנצען איינעם בעזייטיגט, און דאָס איז דעם אמת, ווייל צוויי האָבען געזאָגט „ניט" און צוויי „יא", און ער וויל דאָך יא בעשאפען, האָט ער איינעם אראָפּגעוואָרפען, עס זאָל אויסקומען צוו אויף איינעם, אום יא צו בעשאפען. אָבער וואָרום האָט ער גראדע דעם אמת אראָפּגעוואָרפען?

אום דיעזעס צו בעאנטוואָרטען, מוזען מיר אייך ערקלעהרען וואָס איז דאָס פאר א שמחה, היינט, ט"ו כסליו, וואָס מיר האָבען זיך צוזאמענגענומען און מיר עסען און טרינקען, וועהרענד ביפאָר האָבען מיר געפאַסט און געזאָגט סליחות. וואָס איז דאָס געוועזען פאר א פאסטען און וואָס איז עס יעצט פאר א שמחה?

יעדע טובה, וואָס איינער טהוט צו דעם אנדערען, לעבעדיגען מענשען, איז כמעט פערבונדען מיט א ניט־אמת: ער דענקט דערביי, אז מען איז דאָך נור א לעבעדיגער מענש, היינט קומט ראובן אָן צו מיר, און מאָרגען קען איך, שמעון אָנקומען צו איהם — עס איז דאָך א גלגל החוזר... על פי רוב צדקה, איז ניט לשמה, עס פאַסט... מען מוז... עס איז ניט שעהן אנדערש... עס איז אן אדוועטייזמענט... און גאָר א סך, זעהר פיעל איז דורך מחלוקת...

יעדע צדקה, יעדער חסד — איז מיט א מיין, עס איז צוגעמישט מיט עטוואָס זעלבסט־נוצען, ווייל א סך חסדים זיינען פערבונדען מיט קריעג. דארום האָט דער אמת געקריעגט אויף דעם חסד, וואָס זאָגט „כולו מלא חסדים". יא, זאָגט דער אמת: דו ביזט גערעכט, חסד... חסדים טהוען זיי טאקי... דו, „צדק", ביזט אויך גערעכט, טאקי „כולו מלא צדקות"... אָבער דער „חסד" און די „צדקה" זיינען „מלא שקרים" און עס איז כמעט ניטאָ איין אמת'ער חסד און עס איז ניטאָ קיין ריכטיגע צדקה... „כולו מלא שקרים"...

„מה עשה הקבה?" צו ווייזען דעם אמת אז ער איז גערעכט און אויך ניט גערעכט, האָט ער געזאָגט: זעה, אמת, דו ביזט גערעכט... אז אין די „חסד" און „צדקה" איז „כולו שקרים", אָבער

דאָס איז נאָר פאר לעבעדיגע... אָבער עס איז פאראן א „חסד" וואָס מען מוז צוגעבען אז עס איז אן אמת'ער, און דאָס איז ווען מען דאַרף מקבר זיין א ברודער פון איין חברה... דאָס איז אן אמת'ער חסד.

ווי די חז"ל זאָגען און רש"י ברייננגט אין אָנהויב „ויחי", „ועשית עמדי חסד ואמת", „חסד שעושין עם המתים הוא חסד של אמת, מפני שאינו מצפה לתשלום גמול", דער חסד וואָס מען טהוט מיט א געשטאָרבענעם איז אן אמת'ער חסד, ווייל אזא חסד וואָס מען טהוט מיט א לעבעדיגען האָפט ער אז ראובן וועט איהם אָבטהאָן א טובה... אָבער דאָ, אז ראובן בעגראָבט א טויטען ברודער, קוקט ער דען אויס אז מען זאָל איהם אין גיכען אָבטהאָן די זעלבע טובה און איהם בעגראָבען? ניין, געוויס ניט. דארום ענדיגט רש"י: „שאינו מצפה לתשלום גמול", ער קוקט ניט אויס צו קריגען בע־צאָהלט מדה כנגד מדה... אלזאָ, הייסט עס א חסד של אמת... ווען מען ליעגט שוין אין דער ערד, איז וואס מען זאָל ניט האָבען געטהאָן פיר דעם טויטען, פערבלייבט עס א חסד של אמת... דא־רום „השליך אמת ארצה", האָט גאָט אראָפּגעוואָרפען דעם אמת אין דער ערד... עס הייסט: דו, אמת, וועסט אליין מוזען צוגעבען אז דער חסד איז גרויס, און עס איז אויף אן אמת; פון דעם חסד פון דער ערד וועט אויפ־געהן דער אמת, שנא' „אמת", ווען וועט זיך ארויסצייגען דער „חסד" של „אמת", „מארץ תצמח".

אלזאָ, מיינע פריינדע, איז דאָך דער חסד שעושין עם המתים א „חסד" של אמת; ווי איז עס אָבער אז מען טהוט ניט ח"ו ריכטיג ר"ל אויף דער־ביי, איז דער פערברעכען געפעהרליך, ווי מיר זעהען פון דעם אויבען־דער־מאָהנטען מאמר, אז צוליעב דעם איז די וועלט בעשאַפען געוואָרען. אלע אידען און אויך אלע חברות האָבען א חברה מקבר צו זיין „מתים", וועלכע ווערט טאַקי גערופען „חברה קדישא", ווייל דער חסד וואָס זיי טהוען איז אן אמת'ער חסד... אָבער פיעלייכט ח"ו וח"ו האָט מען אמת ניט ריכטיג בעהאַנדעלט, מען איז דאָך ניט מעהר ווי לעבעדיגע מענשען, און מען קען דאָס גאָר ניט וויסען, ווי דער משורר האָט געזאָגט: „שגיאות מי יבין", על כן האָט מען געמאַכט א טאָג וואָס קען ניט געפאַלען שבת, ט"ו כסליו, און מען פאַסט און מען זאָגט סליחות, מען בעט ביי גאָט אז ער זאָל מוחל זיין אויף דער עבירה פון שגיאות, וואָס מען האָט פיעלייכט פערזעהן... מען געהט אויף'ן בית הקברות, מען בעט ביי די נפטרים מחילה... דאן איז דאָך געוויס: „והוא רחום יכפר עון", אלע זיינען בעלי תשובה... און מען איז בטוח אז גאָט ב"ה איז געוויס מוחל. דעריבער איז יעצט א שמחה גדולה, און מען מאַכט א סעודה...

## י.

ב״ר פר״ב ויצא קין מלפני ה׳ יצא ושמח וכו פגע בו אדה״ר אמר לו מה נעשת בדינך? א״ל עשיתי תשובה ונתפשרתי וכו׳ מיד עמד אדה״ר ואמר מזמור שיר ליום השבת.

איך וועל פרעגען: ווארום האט ער גראדע געזאגט „מזמור שיר ליום השבת" און ניט קיין אנדער קאפיטעל, וואס האט דען דיעזער קאפיטעל צו טהאן מיט תשובה?

רבותי, עס ציטערען מיר אלע אברים ווען איך דארף זיך שטעלעןריידען פאר אייך שבת תשובה, ווייל די ספרים הקדושים זאגען אז די וואך פון אויף מארגען נאך ר״ה ביז יוה״כ איז יעדער טאג מכפר אויף א טאג פון גאנצען יאהר, דהיינו: זונטאג פון עשרת ימי תשובה איז מכפר אויף אלע זונטאג׳ס פון׳ם יאהר, א. ז. וו. זעלבסט פערשטענדליך, אז שבת שובה איז מכפר אויף אלע שבתים פונ׳ם יאהר. געוועהנליך, פערשטעהט איהר גאנץ גוט, אז דאס מיינט מען מיט תשובה...

רבותי, וואו איז די תשובה פון שבת שובה אויף אלע שבתים פון א גאנץ יאהר? זיינען דען היינטיגען שבת מעהר ביזנעס געשלאסען ווי אין די אנדערע שבתים? אדרבה, ר״ה זיינען די ביזנעס געווען געשלאסען און שבת שובה זיינען זיי אפען; עס איז דאך הימעלשרייענד!... איינער האט א מאל געזאגט א גליך ווארט, אז די אמעריקאנער אידען וועלען אויף יענער וועלט בעשטראפט ווערען פאר׳ן מקיים זיין די רייד פון חז״ל, מען זאל ניט בלאזען שופר ר״ה וואס געפאלט שבת, „שמא יעבירנו", דאס גלייכען: אתרוג, סוכות. היינט וויבאלד מען האט ר״ה וואס איז געפאלען שבת ניט געבלאזען קיין שופר צוליעב „שמא יעבירנו", און שבת שובה איז מען עובר ל״ט מלקות אלע פינף מינוטען, ווער רעדט יעבירנו?... איז דאך א זינד וואס מען האט שוין ר״ה ניט געבלאזען קיין שופר...

נאר ימים נוראים, די דריי טעג — ביי אנדערע נור צוויי טעג, דהיינו: איין טאג ר״ה איז נאר ביי זיי... — פורים און יום הכפורים איז ביי זיי גלייך, עפעס א מין שמחה׳לע, און די וועלט זאגט טאקי א וויץ אויף דעם וואס די נעמען פון דיעזע צוויי ימים טובים האבען עהנליכע קלאנגען אין דער אויסשפראכע, דאס ביידע טעג ווערט געשפיעלט איין טראגעדיע: פורים פארשטעלען זיך „אידען" פאר „גויים" (אויב איהר געדענקט די פורים־שפיעלער אין רוסלאנד און גאַ־ליציען), און יום הכפורים פארשטע־לען זיך „גויים" פאר „אידען"...

אלזא, מיינע טהייערע, עס איז רעכט וואס מיר זאגען „אבינו מלכנו חטאנו לפניך", דאס הייסט, מיר האבען גע־זינדיגט „לפניך", ווען מיר שטעהען פאר דיר און קלאפען זיך אין הארצען,

איז מיט דעם אליין זינדיגען מיר פאר דיר...

די גמרא זאגט אין מס׳ שבת (דף קי״ח ע״ב) „אמר ר׳ חייא בר אבא אמר ר׳ יוחנן המשמר שבת כהלכתו אפילו עוע״ז כדור אנוש מוחלין לו“. אלזא, זעהען מיר דאך דעם מאמר חז״ל, אז מען היט שבת איז גאט מכפר די עבירות אפילו ווען ער האט ח״ו געדיענט ע״ז. זעהען מיר דאך ווי טהייער שבת איז... נו, רבותי, איהר און מיר ווייסען ווי מיר טהוען תשובה מיט׳ן שבת... די גמרא זאגט אין סנהדרין (נ״ח) „גוי ששבת חייב מיתה“, אויך איז פאראן אז א גוי העלפט קיין תשובה ניט. שובה ישראל אבל לא עכו״ם... אבער א בן נח העלפט קיין תשובה ניט...

אדם הראשון האט געוויס געוואלט פערריכטען זיין עבירה מיט תשובה, און ער האט געוויס געזוכט מיטלען ווי אזוי תשובה צו טהאן א: זאל ער היטען שבת, טאמער איז ער גערעכענט ווי א בן נח ,און ער טאהר קיין שבת היטען ; וויעדער, איז ער אין דין ווי א בן נח ,קען ער דאך קיין תשובה ניט טהאן?

ער געהט זעהר פערטראכט און קלעהרט, ער דערזעהט „ויצא קין מלפני ד׳ “, ווי גאט האט איהם איצט א ביסעל אויסגע׳מוסר׳ט. ער געהט פרעהליך, „יצא ושמח“. פרעגט ער איהם: קין, מיין זוהן, וואס ביזטו נאך פרעהליך, דו האסט געטהאן אזא פערברעכען, און דו פרעהסט זיך. מן הסתם האסטו דאך עפעס גוטעס געטהאן? „מה נעשה בדינך“, אז דו ביזט פערגעבען געווארען, אז ניט וואלסטו זיך דאך ניט געפרעהט? „א״ל עשיתי תשובה ונתפשרתי“. ווי אדם האט געהערט אז ביי קין׳ן איז אנגענומען געווארען זיין תשובה, און דאס צייגט דאך אז ער איז אין כלל ישראל. אויב אזוי, האט זיך געטראכט אדם הראשון, האב איך א גוטען מיטעל פיר תשובה, איך וועל היטען שבת, ועט מיר אלעס פארגעבען ווערען, „עמד ואמר מזמור שיר ליום השבת“, ודו״ק.

אי, וואס פאר א פינסטערע וועלט עס איז יעצט! מען הויבט ניט אן צו האלטען שבת, פונקט ווי זיי וואלטען געווען גויים גמורים. זיי טהוען ניט קיין תשובה, ווי גויים גמורים, און שבת איז אין וועג. ער מיינט אז ער אין א בן נח, אז ער היט ניט שבת, מיינט ער אז עס קען איהם שוין קיין תשובה ניט העלפען... אבער תשובה העלפט אויף אלעס, כאטש דו האסט מחלל שבת געוועזן.

## יא.

בזעת אפיך תאכל לחם וכו'

די פארספענדערס, די „זוללים וסובאים“, די וואָס עס געהט זיי ניט אָב אפילו קיין קריינק, דאָס הייסט אז עס פּאַסט גאָרניט אז א גביר, איבער־הויבט די רייכע ליידע, אז זי זאָל ניט קריינקען, מאַכען זיי זיך פאר קראנק, און דער דאָקטאָר זאָגט שטרענג אָן די מאַדאַם דאָס זי דארף פאָהרען אין אויסלאַנד... אזוי ווי איך האָב געהערט אין נויאָרק, געהענדיג אויף דער פינפ־טער עוו., ווי איין פרוי זאָגט צו דער אנדערער: לאָמיר אריבערגעהן אויף דער אנדערער זייט, דאָרט געהט מיין דאָקטאָר, איך שעהם זיך פאר איהם די אויגען צו ווייזען, ווייל איך האָב שוין לאַנג ניט געקרענקט...

אָט דיעזע חברה, פון גאָר די גרויסע ביז די קלענערע דריקער פון דעם אָרי־מען און שמאָקצער פון זיין בלוט, דארף מען ויסען, קומט שוין ניט אָן שווער קיינע לוקסוס צו דערגרייכען. זי בעקומען זייער לוקסוס און איבערי־גע לוקסוס אָהן שוויס, אָהן מאַטער־ניש, ווייל זיי האָבען שוין ווער עס זאָל זיך מאַטערען פאר זיי, דאָס זיי־נען די ארבייטער, נעביך, וואָס זיינען ביי זיי אין די אויגען ווי פערד און זיי שמאָקצען אוים פון זיי זייער מאַרך מיט זייער ביסעל בלוט און זעהען נור אָבצורייסען פון זיי דאָס לעצטע שטי־קעל ברויט. שטייטש, מערדער, איהר זעהט דאָך ווי דער אָרימאַן מאַטערט זיך אויף א שטיקעל ברויט, און איהר מאַטערט אייך גאָר ניט אפילו צו ספענדען די צעהנדליגע טויזענדער קענט איהר ווייל איהר האָט עס אָהן מאַטערנים.

אָדם, דו האָסט ניט געוואָלט זיין גליקליך און לעבען מיט דער נאַטור, ווי אלע ברואים, נור דיר האָט זיך געגלוסט עץ הדעת, גיב איך דיר א ברכה אז דו זאָלסט יעצט זיין אן ארבייטער אויף דיין שטיקעל ברויט, קיינע לוקסוס ארבייטער ווערסטו שוין געווים ניט האָבען. „בזיעת אפך“ איז נאָר „תאכל לחם“, מיט שוויים ווערסטו נור עסען ברויט, ווייל „כי תעבוד את האדמה“, ווייל דו ווערסט זיין אן ארבייטער. נור, אדם, זיי זיכער אז עס איז בעסער צו זיין אן ארבייטער און עסען כשר'ע, פער־דיענטע ברויט, מיט שוויים, איידער צו זיין א האר איבער הונדערטע כשר'ע מענשען און עסען און טרינקען בלוט מיט מאַרך.

אָרעמער, שווערער ארבייטער, מיט וואָס קען איך דיר טרייסטען? נאָר מיט איין זאַך: די וועלט איז א ים הגדול, דעם מענשענ'ס לעבען איז א שיף, גאָט האַלט דעם רודער, דעם בלאָזט א גוטער ווינד, דעם א שטורם, אָבער אלע מוזען קומען צו איין ברעג, און אלע וועלען דאָרט זיין גלייך, אין געגענטהייל: „קטן“, פאָהרענדיג אויף דער שיף ביזטו געווען א קטן, „וגדול“, און זיין גרויס. ווי קען דאָס זיין אז

מען איז א קטן, אז דער זעלבער קטן זאל זיין גרויס? קטן וגדול קען נאר זיין דארט וואו די שיף האט זיך שוין אבגעשטעלט, שם היא... ודו"ק...

---

יב.

# חנוך הבנים

„אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים הי' בדורותיו את האלהים התהלך נח. ויולד נח שלשה בנים, את שם, את חם, ואת יפת. ותשחת הארץ וגו'."

עס זיינען דא פיעלע וואס פרעגען קשיות אויף השי"ת. אנטווארטען אויף די קשיות קען מען ניט אלעס, און עס ווענדט זיך אויך ווער עס פרעגט. מאנכע נעהמען אן א קלוגען תירוץ, ווייל זיי ווילען וויסען א תירוץ, און מאנכע ווילען אומיסנע בלייבען ביים תירוץ, כדי צו האבען א בעוויז אז זייערע טהאטען זיינען ריכטיגע. עס איז שווער צו אנטווארטען אלעמען אויף זייערע קשיות, ווייל אויף איין „חכם" פון דער הגדה זיינען פאראן דריי אנטקעגען: א „רשע", און א „תם", און א „שאינו יודע לשאול". היינט האב צו טהאן מיט זיי, איין חכם קעגען דריי אזעלכע...

איינע פון אלע קשיות איז: ווארום דער און דער רב, דער און דער פרו־מער, עהרליכער איד האט שלעכטע קינדער, זיי ווילען ניט דאוונען, און ח"ו פיעלייכט א קינד פון די אויבענ־דערמאהנטע איז אויך מחלל שבת... נו, פרעגען זיי, פאר וואס איז דאס? און על פי רוב זאגען זיי אז יענעם רבי'ס קינד איז מחלל שבת, א פשיטא שוין מיינער — ער מעג געוויס... איין תירוץ קען איך שרייבען, ניט אויף דער פראגע, נור א תירוץ וואס איינער האט בעקומען פון גאט אליין אויף א קשיא וואס ער האט געפרעגט, פיעלייכט וועט איהר דערפון פער־שטעהן אז אלע קשיות קענען אזוי פערענטפערט ווערען.

א פאסטוך, זעהר א פראסטער מענש, האט געפאשעט שעפסען. די שעפסעלעך פיטערן זיך אויפ'ן גרינעם גראז. דער פאסטוך איז געשטאנען לעבען אן עפעל־בוים, בעוואקסען מיט שעהנע עפעלעך, מיט רויטע פנים'־לעך, זעהר שעהנע.

דערבייא איז געווען א גארטען, אין וועלכען עס זיינען געוואקסען אוגער־קעס און קירבעס. ער בעטראכט די גרויסע קירבעס, וואס זיינען אזוי גרויס ווי וואטערמעלאנס, ווי זיי לי־גען זיך און וואקסען אויף א דינעם גרעזעלע, צוגעטשעפעט צוםווארצעל.

דער פאסטוך האט זיך לעבען דעם בוים אנידערגעלעגט זיך אבצורוהען, בעטראכט ער נאך א מאל די צייטי־גע עפעלעך, וואס וואקסען איבער זיין קאפ. ער האט א בליק געטהאן אויפ'ן גארטען וואו עס וואקסען די גרויסע שווערע קירבעסען, און ער דערלאנגט

א פרעג: אך, גאָט, וואָרום האָסטו עס בעשאפען פונקט פערקעהרט: דער קליינער עפעלע האָט געדארפט וואקסען אינ'ם גאָרטען, צוגעטשעפעט מיט'ן דינעם גרעזעלע, און דער קירבעס, דער גרויסער און שווערער, האָט געדארפט וואקסען אויף דעם בוים...

גאָט האָט געוואָלט ענטפערען דעם פראָסטען א גוטען תירוץ, אום ער זאָל עס געדענקען, האָט ער געמאכט א ווינד און די צווייגען פון בוים האָבען אָנגעפאנגען זיך שטארק צו בעווענען. דער פאסטוך איז געלעגען מיט'ן פנים ארויף. - אן עפעלע איז צוליעב דעם ווינד אראָפּגעפאלען פון בוים און איהם געטראָפען אויף זיין נאָז, און בלוט האָט אָנגעפאנגען געהן. זיינע שמערצען זיינען געווען גרויס.

אך, גאָט, איך האָב שוין א גוטען תירוץ אויף מיין פראגע וואָס איך האָב געפרעגט. איך פערשטעה שוין אז ווען די קירבעסען וואָלטען געוואקסען אויפ'ן בוים, און א קירבעס וואָלט מיר געפאלען אויפ'ן פנים — אזא שווערער קירבעס — וואָלט איך שוין מעהר קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געקענט פרעגען קיין קשיות... אלעס וואָס דו טהועסט, רבש"ע, איז גוט, קיין קשיות מעהר...

איך וויל אייך ח"ו קיין קירבעס אין פנים ניט ווארפען, קין עפעל אויך ניט, וואָס איך ווינש אייך און יעדען אידען, זאָל דאָס מיר געשעהן... נור איך בעט אייך, און זאָג אייך: פרעגט אויף רבנים קיין קשיות, דאָס איז פונקט ווי פרעגען קשיות אויף גאָט. מיר ווילען אז איהר זאָלט לערנען אייערע קינדער פונקט ווי די רבנים לערנען. צאָהלט אזוי פיעל א מלמד, ווי די רבנים צאָהלען, און ווען די אטמאָספערע פונ'ם לאנד פערדארבט די קינדער, געהט אריין אין צימער פון דעם רב... און בעטראכט זיינע נאסע אויגען, זיין וויינען און יאָמערען דארויף, וועט איהר זיך איבערצייגען אז דער רב איז נעביך גאָרניט שולדיג, ניט פריהער, ניט שפעטער... לערענט זיך פון רב צו לערנען די קינדער ווי ער לערענט. איך קען א רב וואָס אין זיין הויז איז צייטענווייז ניטא אויף חיונה, און דעם מלמד צאָהלט ער 12 דאָלאר א מאָנאט פאר לערנען א שטונדע אין טאָג מיט זיין קינד. א קלייניגקייט, צוועלף דאָלאר פאר אן ארעמאן!... איך האָב געהערט א רב האָט געזאָגט א דרוש נפלא פאר „חנוך הבנים". שטעהט א איד אן אָבגעפּאָסעטער, מיט א רויטען נאָז... וואָס עס קומט, ווייזט אוים, ניט פון נסים... און זאָגט: לאָז דער רב בעסער זאָגען מוסר זיין זונדעלע...

דער דור המבול האָט געזאָגט דאָס זעלבע אויף נח'ן. בעפאָר נח האָט געהאט קינדער האָט ער געזאָגט מוסר דעם דור, איז טאקע דער דור ניט געווען אזוי שלעכט. אָבער אז נח האָט שוין געהאט דריי זיהן, איינער „שם", א תלמיד חכם, א צדיק. נור אויף דעם קוקט ניט דער דור המבול. דאָס גוטע לערנען זיי ניט פון רב. איינער „יפת", אן אריסטאָקראט, געוויס א דאָקטאר, און געוויס ניט פרום, און רעדט שוין אויף נח'ן. נור אז ער האָט שוין געהאט דעם טרעמפּ „חם", א

רעגעלער באָם, דאָ האָט שוין נח גע־מוזט אויפהערען זאָגען דרשות, ווייל די חברה יונגאַצעס האָבען געזאָגט: אהא! זאָל ער בעסער זאָגען זיינע מוסר צו זיינע קינדערלאך!... זיין זוהן חם איז בעסער פאר דעם פּרעזידענט'ס זונדעלע? זיי זיינען ביידע גלייך.

און דאן האָט נח געמוזט אויפהע־רען זאָגען מוסר. ענדליך איז דער דור אין גאנצען פערדאָרבען געוואָ־רען. „אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו" — ער איז גע־ווען א „צדיק תמים" מיט זיין דור צוזאמען, ער האָט יזיי אויך געמאַכט פאר פרום אימער, אָבער אז „ויולד נח שלשה בנים", און אז נח האָט שוין דריי זיהן, איינער נאָך א „חם", דאן האָט ער געמוזט אויפהערען זאָגען מוסר, און דאן „ותשחת הארץ לפני האלהים", זיינען זיי אין גאנצען פאר־דאָרבען געוואָרען פאר גאָט... איך וויים ניט וויפיעל דאָס וועט אויפ־טהאָן פאר אייך, וואָס איך האָב אין דעם דרוש געשריבען, אָבער דאָך איז עס ריכטיג...

---

יג.

# בנות האדם

„ונח מצא חן בעיני ד'." (סוף בראשית)
„אלה תולדות נח וגו'. ויולד שלשה בנים, את שם וגו'."

די סמיכות הפרשיות פון די צוויי פּסוקים האָב איך א מאָל געזאָגט אין א וויץ, און דער עולם האָט געשמייכעלט... אָבער דער וויץ ענטהאַלט א טרויעריגען אמת.

א באַי איז מחלל שבת. פרעגט מען איהם: וואָרום טהועסטו אזוי? זיין אנטוואָרט איז: איך מוז מאַכען א לע־בען, איך דארף געהן הייראַטהען. גע־ווים, אז א פערהייראַטהער מאַן ענט־פערט אזוי, אז ער מוז מאַכען א לע־בען, איז עס נאָר א תירוץ, האָטש עס איז ניט קיין תירוץ פאר אונז, ווייל עס איז באמת ניט קיין תירוץ, אָבער ער האָט דאָך א תירוץ.

יעצט זאָלען מיר פרעגען א מיידעל: וואָרום ביזטו מחלל שבת, און סתם וואָרום האָרעוועסטו אזוי פיעל? קיין רוהע, קיין מינוט, ניט שבת און ניט יום טוב, און אזוי כסדר? ענטפערט זי: און ווער וועט מיר געבען, איך דארף זיך דאך דרעסען. דאן וויים איך שוין וואָס דרעסען זיך הייסט, איך וויים אז מען דרעשט תבואה קלאַפּט מען אוים די ווייץ פון די זאַנגען און עס בלייבט צובראָכענע שטרוי... אָט טאַקי אזוי ווערט זי פון דער ארבייט אויסגעדראָשען... א דארער סקעלעט, און די תבואה איהרע זיינען די העטס, פיער א יאָהר, א ספּרינג העט אויף זעקס וואָכען, נאכהער א זומער־העט אויף אכט וואָכען. די ספּרינג־העט ליעגט שוין אונטערן ביורא, נאכהער אויף סוכות צייט א העט. די ספּרינג־

העט געהט שוין אין בארעל, און די זומער־העט פערנעהמט איהר אָרט אונ־טערן ביורא... און זאָ ווייטער א ווינ־טערדיגע, און זאָ ווייטער... אויף דעם איז דער חלול שבת... אויף נאָכטאָנ־צען די רייכע אריסטאָקראטקעס.

אָי, נארישע מיידעל, די ארימע לייט ליעבט גאָט מעהר ווי די רייכע. א בעוויז האָסטו אז גאָט האָט זיי אזוי פיעל בעשאפען. דערצעהלט די תורה, אז נח האָט שוין יא א חברה מאן וואָס ארבייט שבת, דער „חם" זאָגט אז ער דארף א לעבען מאכען, האָט אָבער נח מיט איין זאך נאָך געפונען גנאָדע ביי גאָט, וואָס ער האָט ניט געהאט קיין טעכטער, עס איז נאָך געוועזען א שטי־קעל גליק...

ונח מצא חן בעיני ד'", און נח האָט נאָך עפּעס חן אין גאָט'ס אויגען מיט דעם וואָס „ויולד נח שלשה בנים" וואָס ער האָט חאָטש דריי זיהן און קיין איין טאָכטער. יא, מיינע פריינדע, עס איז מעהר ניט ווי א וויץ... אָבער עס איז א פאקט אין יעצטיגען לע־בען... די איבעריגע פארשטעהט אליין...

---

## יד.

# פאר בארדערס

„אלה תולדות נח: נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, את האלהים התהלך נח."

די גמרא זאָגט אין נדרים דף ל"ב ע"א: „אברהם לא נקרא תמים עד שמל", אברהם אבינו איז ניט גערופען געוואָרען „תמים" ,א גאנצער צדיק, ביז ער האָט זיך בעשניטען. וועלען מיר פרעגען: טאָ ווי אזוי רופט די תורה הקדושה נח'ן „תמים"?

מיינעטהייערע לעזער, די פראגע איז זעלטען, אָבער אז איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צום פסוק, האָב איך באלד אויסגעפונען אז דער אנדער האלבער פסוק האָט פערענטפערט די פראגע וואָס מיר פרעגען. מיר דארפען וויסען אז דער פרומער איד וואָס איז אין רוסלאנד, אין א קליין שטעדטעל, פרום, איז נאָך קיין בעוויז ניט אז ער איז פרום ווי מען בעדארף אויף אן אמת.

ער געהט מיט'ן שטראָם. דער שטראָם יאָגט איהם, געהט ער, דאָס הייסט, אלע זיינען אזוי איז ער אויך אזוי, און זאָל ער זיין אנדערש, וועט מען פון איהם ניט האלטען, עס קען זיין אז ער וועט נאָך האָבען צרות, רדיפות פון זיינע ברידער, ער מוז אזוי זיין. אָבער דאָ אין אמעריקא זיין א איד... וואו דער שטראָם יאָגט צו חילול שבת... דער שטראָם יאָגט צו אלע עבירות, און ער ווערט נאָך גע־רעכענט מעהר מענש, פאר א גוט באָי... קען זיין אז פיעלע אזעלכע קליין - שטעדטעלדיגע זיינען דאָ „ירבעם בן נבט'ט" און צווינגען נאָך אנדערען מחלל שבת צו זיין...

אָבער אז דער פרומער קליין־שטעד־טעלדיגער איז דאָ אויך פרום און גוט,

חאָטש עס קאָסט איהם דאָס א פּאַר־טשון, ער ווערט ניט געאַכטעט פון זיינע ברידער, איבּערהויבּט פון זיין אידענע אליין אָפּטמאָל, און מעהרערע מאָל פון זיינע קינדער, און ער בּלייבּט א איד, געגען די סטריט... געגען זיין הויז, געגען זיינע בּאָרדערס, וואָרום אין וועלכע הויז זיינען דאָס ניטאָ די דריי בנים פון דער הגדה: „אחד חכם", א בּוך־קיפּער, א שטיקעל פילאָזאָף, וואָס איז שוין א קלוגער, „אחד רשע", אן אַנאַרכיסט, „אחד תם", ער קען גאָרניט, סתם א שייגעץ פון פּאַר־ווערטס... „אחד שאינו יודע לשאול", ער קען אפילו דאָס אויך ניט, סתם א דזיקע בריאה, פּרעסען און ארבּייטען און זוכען הנאות — אָט די מאַכען אויך חוזק פון איהם, און דאָך געהט ער געגען זיי און בּלייבּט בּיי זיין טראַדיציאָן. דער איז א לעבּעדיגער פיש, א לעבּעדיגער פיש שווימט אנטקעגען וואַסער און א טויטער לויפט ואו דער שטראָם יאָגט איהם...

דער איז אן אמת'ער צדיק, ער היסט צדיק תמים, אפילו ער איז אין אַזאַ ארץ הטמאה, אין א טמא הויז, צווישען טמאים, אין אַזאַ פינסטערע הויז, געפינט זיך גראַדע א צדיק תמים, אן אמת'ער צדיק, קוקט ניט אויף די וואָס לאַכען פון איהם אפילו...

איך האָבּ א איצטיגען חכם געענטפערט א גוטען תירוץ, נאָך זיין חכמה נאָך, ניט נאָך מיינער. ער פרעגט מיך: וואָס איז עולם הבא, זאָגט מיר, רבי, און ער לאַכט דערבּיי און ווייזט מיט'ן לאַכען אז ער גלויבּט ניט אין עולם הבא. זאָג איך איהם: שטאַרבּ, וועסטו וויסען...

צוריק צו די פריהערדיגע רייד, אז דער איז אן אמת'ער צדיק, וואָס איז דאָ אויך דאָס זעלבּע. אָבּער יענע פון די ערשטע וואָס איך האָבּ דערמאָנט — זיי קענען ניט זיין צדיקים אָט דאָ... אין די פרייע לענדער איז א געפאהר זיי צו לאָזען פאָהרען.

אברהם אבינו, נאָכדעם ווי ער האָט זיך בּעשניטען, האָט השי"ת געזאָגט צו איהם: יעצט, מיין אברהם, האָבּ איך קיין מורא ניט דיר צו לאָזען געהן וואו דו ווילסט, און אפילו אין די פרייע לענדער, וואו איך בּין גאָר ניטאָ, וואו איך בּין אפילו נאָך ניט געוועזן, דאָס הייסט מען האָט מיר נאָך אהין ניט געבּראַכט, זיי דיענען מיר ניט יעצט און האָבּען מיר אויך פריהער ניט געדיענט. „התהלך לפני", געה בּעפאָר מיר, דאָס הייסט, וואו איך בּין נאָך ניטאָ, און „והיה תמים", איך האָבּ קיין מורא ניט טאָמער וועסטו אַנדערש ווערען, איך וויס אז דו וועסט בּלייבּען „תמים"...

אָבּער ניט אַזוי איז געוועזן נח. טאַקע נח איז א צדיק און תמים, אָבּער ווייסטו ווען ער איז א תמים? אז גאָט איז דאָרט דאָ... און דאָרט געהט ער מיט דער הילף פון גאָט. עס גילט איהם די אידישקייט, ער בּעקומט צו־ליעבּ דעם כבוד , גדולה, שעהנע שדוכים, דאָס הייסט ער געהט מיט גאָט... אָט דאָס זאָגט אונז טאַקע די תורה „אלה תולדות נח", דאָס איז די היסטאָריע און בּעגעבּענהייט פון נח, אז מיר זאָלען וויסען אין קורצען ווי

ער איז, וואָס ער איז. טאַקע אמת, נח איש צדיק תמים... אַ גאַנצער צדיק, אָבער ווען? אַז „את האלהים“, מיט גאָט, וואו גאָט איז פאַראַן... דאָרט איז ער אַ צדיק תמים, התהלך נח... אָבער ווען נח קומט אין אמעריקא, וואָלט ער שוין קיין צדיק תמים ניט געווען... זיינע קינדער אַליין וואָלטען איהם שוין איבערגעמאַכט... איך דענק אַז דאָס זאָגט טאַקע שפּעטער די תורה אין היינטיגער סדרה...

„ויאמר ד׳ לנח בא אתה וכל ביתך אל התבה, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה“ — און גאָט זאָגט צו נח׳ן: קום דו און דיין פאַמיליע אין באָקס, דען דו ביזט מיר געפעלען פאַר אַ צדיק אין דעם דור. פריינדע, וואו איז געבליבען דער תמים?... דען דאָ זאָגט ער נאָר צדיק אַליין? איהר ווייסט, פריהער האָט ער דאָך אַזוינע בנים ניט געהאַט, אָבער יעצט האָט ער זיי דאָך. נו, האָבען זיי איהם שוין אַ ביסעל געפיקסט... פריינדע, איהר זאָלט ויסען, אַז דער תועלת פון דעם דרוש איז — בּאָרדערס ניט צו האַל־טען, און אַז יאָ האַלטען, נעהמט חאָטש אריין נח׳ס זוהן שם... אָבער ניט יענע צוויי. אויב יפת׳ן, דעם גע־בילדעטען, איז עס ניט גוט אריינצו־נעהמען, אָבער וואָס זאָלט איהר טהאָן? איהר ווילט דאָך האָבען טהייערע, גור־טע, ליכטיגע, לופטיגע רומס. אַזוי וואָלט איהר האָבען דריי רומס פאַר פיערצעהן דאָלאַר פאַר אייך אַליין, ווילט זיך דאָך אָבער פיער, נו, ניט קיין עולה, אָבער אַז איהר נעהמט די פיער רומס, לאָזט איהר אַהין אריין פיער בּאָרדערס, טאָ מיט וואָס איז אייך בעסער?...

מיר קומט אויס דער אַלטער וויץ. אַ גרויסער ארימאַן האָט געוואָהנט אין איין רום, ער מיט זיין פרוי מיט פינף קינדער. ער האָט געגוג געוויינט פיר השי״ת, נאָר עס איז ניט בּע־סער געוואָרען. איז ער אוועק צום רבי׳ן דעם צדיק. גראָדע איז דער רבי געווען אַ קלוגער מעהר ווי אַ צדיק... דער רבי האָט אויסגעהערט די טענה און קלעהרט, וואו זאָל ער נעהמען פאַר איהם אַ סך רומס, איז ער דען אַ לענדלאָרד? פרעגט איהם דער רבי: האָסטו אַ ציג?... יאָ, ענטפערט ער. —האָסטו היהנער? — יאָ. — האָסטו אַ פּאָאר קאַטשקעס? — יאָ. — אַל־זאָ, דו הערסט — האָט געזאָגט דער רבי — דו זאָלסט מיר פאָלגען וועט דיר גוט זיין. נעהם אריין די ציעג, די היהנער, די קאַטשקעס אַלע אין דין רום. יעצט פערשטעהסט, אַז אין איין רום געפינען זיך אַ טאַטע, אַ מאַ־מע און פינף קינדערלאַך, אַ ציעג, צעהן היהנער, צוויי העהנער, זעקס קאַטשקעס — ווי איהם איז שוין גע־וואָרען ענג אין רום. צוויי וואָכען האָט ער עס אויסגעהאַלטען, אָבער מעהר האָט ער שוין ניט געקענט ליי־דען ,עס האָט שוין געשמעקט מיט׳ן טויט...

ער איז דאַן אוועק צום רבי׳ן און זאָגט: רבי׳ניו, עס איז דאָך מיר גע־קומען צו טרינקען זיך... וואָס זאָל איך יעצט טהאָן? — שאַ, מיין פריינד, זאָגט דער קלוגער רבי, — געגוג, גע־נוג, טרייב זיי אַלע ארויס, און אין אַ

וואָך ארום קום מיר זאָגען ווי עס איז דיר... אין א וואָך ארום איז ער געקומען צום רבי'ן: פרעגט איהם דער רבי: נו, ווי איז דיר יעצט? רע־ב'ינקע, געזונד זאָלט איהר זיין, איך לעב איצטער גליקליך ווי אדם אין „גן־עדן". עס איז מיר גיראַם, ליכ־טיג, לופטיג, איך האָב אָבגעלעבט...

פריינדע, ווארפט ארויס, ווי מעג־ליך די באָרדערס, און זעהט אז עס וועט אייך ווערען גיראַם, ליכטיג און לופטיג. נאָר אויב איהר האַלט שוין יא, ח"ו, אזעלכע וואָס אייערע קינדער קענען פון זיי קיין גוטעס ניט לערנען, טאָ לאָזט חאָטש אריין א ציעג, א כשר'ע, א הוהן א כשר'ע... אָבער ניט קיין דבר אחר און כלבים. האַלט איהר שוין יא באָרדערס, טאָ זעהט חאָטש עס זאָל זיין א „שם", אפילו א „יפת", חאָטש א געבילדעטען גוי, אָבער היט אייך פון „חם", דעם טרעמפּ, אויף איהם זאָגט די תורה: „ולא תביא תועבה אל ביתך"... האָט חאָטש ניט קיין פאראיבעל אויף מיר, דעם מחבר, פאר זוכען אייער טובה, אז זיי זאָלען ניט איבערפיהרען אייערע קינדער.

---

## טו.

# לברית מילה

„אלה תולדות נח: נח איש צדיק תמים הי' בדורותיו." „שלשה שמות יש לאדם: אחד שקראו לו אביו ואמו, ואחד שקראו לו אחרים, ואחד שקראו לו בספר תולדות בריאתו."

(מדרש רבה, קהלת ג')

דריי נעהמען האָט דער מענש: איי־נעם, וואָס די עלטערען גיבען איהם ביי דעם ברית, און א נאָמען, וועל־כען אנדערע מענשען רופען איהם. דאָס פערשטעהט זיך שוין ניט, דאכט זיך אז דעם גאנצען מענשענ'ס לעבען רופט מען איהם דעם נאָמען וואָס די עלטערען גיבען איהם צום ברית?... דעם דריטען נאָמען ווייס איך גאָר ניט וואָס דאָס איז פאר א נאָמען, „בספר תולדות בריאתו".

טהייערע פערזאמעלטע, וואָס געפי־נען זיך דאָ אויף דעם ברית, איהר האָט אלע געהערט אז מען האָט דעם קינד א נאָמען געגעבען „כך וכך", אָבער דער נאָמען איז דער קלענסטער, דער נאָמען קען זיין ח"ו א פאַלשער, איך מיין ניט ביי דעם קינד, נאָר ביי אלע קינדער, וואָס מען גיט זיי א נאָמען ביי דעם ברית מילה, קען ח"ו זיין א פאַלשער, ווייל שפּעטער קען זיין קען מען איהם גאָרניט רופען מיט דיעזען נאָמען. אומגעפעהר, מען רופט איהם אברהם, און עס קען ח"ו שפּעטער מיטברייינגען זיינע מעשים פון דעם אברהם, אז מען זאָל איהם גאָר רופען „לוט"... איך ווייס א סך וואָס רופען זיך אברהם, און זיי זיינען מבטל פון

זייערע קינדער ברית מילה בזמנה, אין דער צייט, צוליעב דעם פּאַרמאַן וואָס קען שבּת ניט זיין סנדק אויפ׳ן בּרית, לעגט מען עס אָב אויף זונטאָג. נו, איז ער אברהם אָדער לוט?...

ער רופט זיך יצחק, און ער איז זיך גאַרניט מוסר נפש פאר די אידישקייט, פונקט פערקעהרט, צוליעב א דאָלאר וואָלט ער די גאנצע אידישקייט אָבגעגעבען... נו, איז ער יצחק אָדער ישמעאל?... ער הייסט יעקב, און איז ניט קיין אוהב תורה, אין געגענטהייל, פאר דעם טאָפּ לינזשען וואָלט ער אוועקגעגעבען די גאנצע תורה. נו, ווי דארף מען איהם רופען, ניט עשו? „עשו“, „עשו“, ווייל ער איז ערגער פאר עשו׳ן. וואָס האָט עשו געטהאָן? אבּי צו קריגען דעם טאַטענ׳ס בּרכה האָט ער זיך אָנגעטהאָן אין יעקב׳ס קליידער. וואָס טהוט דיעזער יעקב? ער טהוט זיך אָן אין עשו׳ס קליידער, אבּי אוועקצונעהמען די בּרכה פונ׳ם טאַטען... דאכט זיך אז ער איז נאָך אָן ערגערער עשו פון דעם ריכטיגען עשו.

ער הייסט יוסף, און ער אנטלויפט מיט א בּאָרדערקע און לאָזט איבער זיין פרוי און קינדער. א טהייערער יוסף!... ער איז גאָר א פּוטיפרע. — ער הייסט אהרן, און מאכט גאָר אָן מחלוקות אין זיין חברה, אין הויז, צווישען מאַן און פרוי. טאָ וואָס איז ער אהרן אָדער קרח? — ער הייסט דוד, וואָס ער האָט געזאָגאָט „עשיתי משפט וצדק“, און אז ער, דאָס הייסט דער איצטיגער דוד איז אפילו רייך, און זיין הענטעלע איז פערמאכט. עס קען פאר זיינע אויגען שטאַרבּען א מענש, זאָגט ער: וואָרום זאָל איך דאָס געבּען יענעם מיין בּרויט? פּונקט ווי נבל דער „רשע“ האָט געזאָגט: „ולקחתי את לחמי ואת מימי ואת טבחתי ונתתי לאנשים אשר לא ידעתי?“ אי, דו בּיזט דאָך געגוג רייך, נבל? אָבּער ווען די נאטור האָט א גוטען ביינק בּיכעל געגעבּען, האָט זי פארגעסען איהם צו געבּען א גוטע האַרץ אויך. טאָ ווי דארף מען איהם רופען אויב ניט „נבל“?

דארום זאָגט דער מדרש: „ואחד שקראו לו אחרים“, און איין נאָמען וואָס אנדערע רופען איהם. דאָס איז דאָס הויפּט, אז מענשען רופען איהם אברהם דער מכנים אורח, אברהם דער בּעל צדקה, אברהם א פרומער איד, ער דאווענט שחרית וואָס אברהם האָט מתקן געווען, א. ז. וו. אלזאָ, קומט דער צווייטער נאָמען און בּעשטעטיגט דעם ערשטען נאָמען. אויב ער פיהרט זיך שלעכט אין בּיזנעס, רופען איהם די אנדערע מענשען: אברהם דער שווינדלער, בּעטריגער, דער בּלאָפער! אלזאָ, „ואחד שקראו לו אחרים“!

נאָר דער נאָמען איז נאָך ניט קיין בּעוויייז אויך אין גאנצען, עס קען זיין מען רופט איהם אברהם דער בּעל צדקה, ווייל ער גיט טאקע צדקה, נאָר אָבּער ווייל זיין כאראקטער דיקטירט איהם אזוי, אבער קיין מצות ומעשים טובים טהוט ער ניט, דארום זאָגט גלייך דער מדרש א דריטען נאָמען, און דאָס איז „ואחד שקראו לו בספר בריאתו“. דער אויסדרוק „בספר בריאתו“ אין דעם ספר תורה, אונזערע איז זיין בּאשאפונג, זיין שטרעבּען צו גוטעס, אברהם היט אָב די תורה, די

מצות וואס אנבעלאנגט גאט און וואס אנבעלאנגט צו מענשען, אלעס פון ספר...

אלזא, פריינדע, מיר קענען ווינשען דעם בעל הברית, אזוי ווי ער האט יעצט זיין קינד א נאמען געגעבען אברהם, דאס איז דער נאמען וואס „קראו לו אבותיו“, וואס די עלטערען האבען איהם א נאמען געגעבען, דאס זאל אבער אויך זיין זיין צווייטער נאמען, וואס „קראו לו אחרים“, וואס אנדערע וועלען איהם ערסט רופען, אזוי זאלען זיי איהם רופען נאך אונזער אלעמענ'ס וואונש, אברהם דער קלוגער, אברהם דער פרומער, אברהם דער בעל צדקה, אברהם דער מכניס אורח, אברהם דער געטליכער דענקער, אברהם דער צדיק, אברהם וואס וועט זיך נעהמען א פרוי מיט די עלטערענ'ס צושטימונג, שרה א צדקנית, און אלע זאלען איהם רופען און זאגען אויף איהם דעם דריטען נאמען „בספר בריאתו“, זיין גאנצע אויפפיהרונג איז נאר פון אונזער ספר, איך און איהר אלע אנוועזענדע ווינשען איהם אז אלע דריי נעמען זאלען נאכהער זיין ביי דעם רך הנימול, אז זיינע עלטערען זאלען פון איהם נחת האבען, און די מענשהייט זאל פון איהם גוטעס געניסען. אמן.

---

טז.

# דרוש

## היינטיגע דור הפלגה

„אלה תלדות נח: נח איש צדיק וגו'. ויולד נח שלשה בנים, את שם, את חם, ואת יפת.

פריינדע, איך פרעג דא א פראגע, וואס איך האב שוין לאנג געפרעגט אין מיין ספר „דברי יהודא“: ווארום שרייבט דער פסוק דעם ווארט „את“ ביי יעדען בעזונדער, עס וואלט געווען גענוג גאר אן אן „את“, אומגעפעהר אזוי: „ויולד נח שלשה בנים, „שם“, „חם“, ו„יפת“, אדער, בעססער, ווען עס וואלט געווען איין „את“, „ויולד נח שלשה בנים „את שם, חם ויפת“? די פראגע איז אלט, אבער איך וויל אייך דא איבערגעבען א גאנץ נייעם געדאנק וועגען דעם.

אז איהר וועט א קוק טהאן אויף דעם אמעריקאנעם אידישען לעבען, וועט איהר אויף יעדען טריט בעמערקען עטוואס, וואס מען קען זאגען אז „עס פעהלט זאלץ“. איהר וועט זעהן די שעהנסטע שוהלען, אבער דארט איז ניטא קיין פונק אידישקייט. דער פרעזידענט אלין איז מחלל שבת בפרהסיא, ער איז געוויס א קרקפתא. דלא מנח

תפילין. אין שוהל אליין דאווענט מען קוים איין מאל א טאג, וואו עס איז קוים דא א מנין, און פון די אנוועזענדע זאגען עלף לייטע קדיש, ווייל דער שמש זאגט אויך קדיש. וואס איז דאס?

טהוט א בליק אין כשרות וועט איהר געפינען אלעס אהן א סדר, און א סך, א סך עסען טרפה פלייש... דאכט זיך אין דעם האבען זיך די רבנים גע־לייגט אין דער לייננג און אין דער בריים, עס זאל זיין כשר'ע פלייש, און דאכט זיך, אז אויף יעדער ווינדע, אין די פלעצער וואו מען פערקויפט פלייש, געפינט זיך אן אויפשריפט: בהשגחת דעם און דעם רב און גאון. צו אלעם ענדע, ווייסען מיר די כשרות ווארום דאס איז אזוי?

מילא מקואות וויל איך גאר פאר א פראגע ניט מאכען, ווייל די רבנים פרעגען אויך ניט, טא מה אני ומה חיי איך זאל זיך מישען אין אזעלכע זא־כען...

מילא מזוזות אז מען דרוקט, אדער עפעס א מחלל שבת פיעלייכט שרייבט עס אן, אדער וואס אין די תפילין איז, דאס איז מן הסתם געוויס כשר, ווייל מען גיט אכטונג אויף דעם. איך האב אליין געלייענט אין א צייטונג רופט מען דאס אז עס איז יא גערעדט גע־ווארען וועגען דעם, מן הסתם קויף איך א כשר'ע מזוזה...

מילא וועגען חנוך הבנים, עס זאל אויסוואקסען א אידישער דור, אז חוץ דעם קענען קדיש זאגען זאל ער אויך וויסען פון „ורחץ", זיך וואסען, אבגי־סען נעגעל־וואסער, וואשען זיך צום עסען און וואשען זיך נאך... און זיין פלונית'טע לאחר נדתה... וועגען אזא דור, דארף איך, קליינער מענשעלע, גארניט ריידען ניט שרייבען. עס איז דאך שוין פון עטליכע יאהר פאראן א ועד החינוך מיט א יושב בסתר... מילא דאס איז געוויס גוט, ווארום א בעווייז אז עס איז גוט, אז טאקע אין דער צייט וואס איך שרייב דיעזע שורות האט א תלמוד תורה געקויפט ניט ווייט , אט טאקע ניט ווייט פון מיר, נאר אין אן אנדער סטריט, (מען מיינט ניט ח"ו די הייליגע תלמוד תורה וואס לעבען מיר, די „תפארת ירושלים". השי"ת זאל געבען אז זי זאל עקזיסטירען אויף דורי דורות, הע־כער און העכער) א נייעם בילדינג טא־קע, אי ווי עס איז גוט! עס איז געוויס, געוויס ניטא וואס צו ריידען...

וואס איז דאס? ווארום איז דאס? „על ראשון ראשון", אבער גאנץ קורץ: דא איז דא אן אגודת הרבנים, און צווי־שען זיי טאקע אויך גאונים א סך, הלואי מיינע קינדער, רבש"ע געזאגט געווארען וואס פאר א רבנים גרויסע עס זיינען פא־ראן, און זיי װאלטען טאקע זעהר פיעל אויפגעטהאן. איז דאך טאקע א קשיא, ווארום איז דאס א איד ניט זיכער וואס ער עסט? מוז איך אייך זאגען א קורצען משל. איך האב גע־זעהן א שטייג מיט היהנער. דארין זיינען געווען אלטע היהנער און אויך ספרינג היהנער (עפעס קלינגט ניט צו זאגען אזוי „ספרינג טשיקענס...) דאס איז געווען ביי א טשיקען־מאר־קעט. די היהנער זיינען זיך רוהיג גע־

שטאנען אינוועניג. וואראה—איך האָב דערזעהן ווי מען האָט אריינגעלאָזען אינוועניג א גרויסען האָהן. דאָרט זייגען שוין אָבער געוועזן אייניגע הענער און טאקע גרויסע אויך. ווי זיי האָבען איהם דערזעהן — נו, ווייסט איהר דאָך שוין מן הסתם וואָס עס איז געווען. דער האָהן דער אורח האָט געזאָגט: איך לאָך פון אייך אלעמען, איהר זייט אלע טרפה, איהר וועט קיין פלאָמבע ניט האָבען... האָט מען זיך אָנגעפאנגען פיקען... עס איז געוואָרען א טראמפלעריי. ווייסט איהר ווער עס האָבען נעביך געליטען מעהר פון אלמען? די ספרינג־טשיקענס. זיי האָט מען דערוויילע צוטרעטען. איך שטעהענדיג דערביי האָב אָנגעפאנגען צו וויינען פאר רחמנות. וואָס דארפען אונשולדיגע ליידען?...

די אגודה, איך געהער ניט צו איהר, נאָר איך זאָג עס איז קודש קדשים, „תלמידי חכמים נאים בחבורה" (ר"א ז' פ"א). קומט אָבער אן אנדערער און זאָגט: איך בין א גרויסער האָהן, און היובט אָן צו פיקען (קלייבען בלע"ז) און זאָגען טרפה אויף די כשר'ע. אז אָך און וועה איז צו אונז ספרינג־טשיקענס, צוליעב פאליטיק... ווי קומט צו רבנים פאליטיק ווייס איך ניט... אָבער דאָס איז א תירוץ אויף אלעס...

מיט די שוהלען איז אויך עטוואָס עהנליכעס, אויך צוליעב טרפה'נע העהנער... א פרעזידענט, אוויים פרעזידענט, א טראָסטי,און נאָך און נאָך מחללי כל קודש. ווי קען עס זיין גוט, דו פרעזידענט, אז דו ביזט א „ירבעם בן נבט", דו האסט א שאפ און דו צווינגסט עטליכע מנינים אידען צו ארבייטען שבת. ווי קומט גאָר צו דיר אזא אמט, ווי קומט פאר דיר שטעהן אויף דער בימה און הערען א תוכחה, וואָס דער בעל קורא טייטשט אוים פאר דיר? דער תירוץ איז: פאליטיק. עס איז א דור הפלגה: דער רב מישט זיך אין פאליטיק, דער מגיד אין רבנות, דער פרעזידענט אין ביידע זאכען, אין רבנות און אין מגידות, און גאָר דער גראָבער יונג מישט זיך אין אלע דרייען... היינט פערשטעהט וואָס מיר קענען ערווארטען...

נח איז א „צדיק" און א „תמים" אויך, אָבער עס מוז קומען א מבול עס וואָלט אפשר דער דור בעסער געוואָרען. נאָר וואָס זאָל מען טהאָן, די דריי זיהן קוילען אין גאנצען אָב די וועלט. שם איז א רב, א צדיק, א גאון, א חסיד, און סתם א פיינער אָרטהאָדאָקס. שם דער רב מישט זיך אין פאליטיק, און מיט אלע גראָבע יונגען. „את שם" וואָס עס איז מיט שם„ דאָס הייסט די תורה הקדושה, די רבנות, „ואת חם", איז דאב ביי חם'ן אויך... „חם" מישט זיך ביי „שם" און ביידע לעקען זיך אונטער צום יפת, צום אריסטאָקראט. טרייטעל און פייטעל רעפאָרעם קנעפלען זיך צו אלע סאָסייעטיעס, האלטען ספיטשעס, גאָר ביי אָרטהאָדאָקסישע אידען, און בעצאָהלט זיי א גאָב, אז עס ווערט זיי גאָר פינסטער אין די אויגען. דאָך רופט מען צו יפת, דעם באַנקיר (גוט איז איהם... און ער קומט צוגעהן און מאכט געקעכט קאָ־

צאפ וסיעתו, פון אנטיוכוס הרשע ביז איגנאטיעווען, און זאָגט איהר אָרטהאָ־דאָקסישע אידען, מאכט דאָס אליין, אז מיר שרייען „שמע ישראל“ דערפאר רופט מען אונז „זשיד“... מיר טראָגען תפילין, דערפאר ווארפט מען אונז מיט באָמבעס פון די הארמאטען, און די קינדער פון די פלאָארס און די פאָרניטשור ווערט צובראָכען, ווייל מיר האלטען שבת שיסט מען אונז מיט קוילען, און צום סוף זאָגט יפת אזא ליגען, וואָס יעדער רוסישער ווייסט אז עס איז ליגען. אַי, יפת, וואו קריכסטו? דו ביזט א „יפת“, אן אריסטאָקראט, געה אין טעמפעל מיט דיין רב לערנען זיין תורה. וואָס גיסטו א שווערד אין די הענד פון צורר היהודים?... אָט אזוי ווי יפת האָט פערבלאָנדזשע אזוי פארבלאָנדזשעט שם אז ער רופט צו יפת, ווי קומסטו צו איהם? אָט אזוי פארקריכט א רב אז ער מישט זיך צווישען בײדען. יא, מיר מוזען אָנט־וואָרטען, אבער בעפאָר האָסטו, יפת, אונז געהערט ריידענדיג אויף דיר. ווען יפת געהט זיין וועג אפילו ניט קיין גלייכען אָבער ווען מען אארט עס, שלעפ נאָר יענעם ניט מיט. רב, היט דיינע וועגען און געה ניט אין קיין פרעמדע. חם, דו גראָבער האמוק, מיש זיך ניט אין רבנות, היט דיין וועג...

אז נח האָט די דריי זיהן, שם געהט אין חם׳ס וועג, חם אין שם׳ס וועג, יפת —אין זייערעביידענס, שם אויך אין ביידענס א. ז. וו. הייסט עס „כי השחית כל בשר את דרכו, זיין וועג האָט ער פארדאָרבען.

דענקט נאָך, איהר וועט געפינען קארעקט, קלעהרט נאָך דעם „דרכו על הארץ“, עס איז א פאקט. נאָר איין זאך וועט איהר געפינען ניט ריכטיג, איך רוף עס „דור הפלגה“. פון אָנפאנג נח׳ס קינדער און דער דור המבול איז דאָך פריהער. ויש לייִשב ניט בדוחק...

---

יז.

# דרוש

## מטיפים בזמן הזה

„מן הבהמה הטהורה ומן הבהמה אשר איננה טהורה וגו׳.“

די גמרא זאָגט: אמר ריב״ל לעולם אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו שהרי עיקם הכתוב שמונה אותיות ולא הוציא דבר מגונה מפיו, שנא׳ מן הבהמה הטהורה ומן הבהמה אשר איננה טהורה“ (פסחים ג׳ ע״א), דאָס הייסט „רבי יהושע בן לוי“ זאגט: אימער זאָל א מענש זעהן ניט ארויסצולאָזען פון

זיין מויל א מיאוס ווארט, ווייל דער פסוק האט געדארפט בעסער זאגען „ומן הבהמה הטמאה“, וואלט מיט אכט אותיות וועניגער געווען. די תורה האט אבער ניט געוואלטא זאגען טמא, האט זי מוסיף געווען צוויי ווערטער וואס דאס איז צוזאמען אכט אותיות, „אשר איננה“.

וואלטעןמ יר יעצט פרעגען, גע־פינען מיר דען ניט אין דער תורה דעם ווארט „טמא“, דאכט זיך אין פ׳ שמיני אליין איז פאראן נאהענט פון דרייסיג מאל דער ווארט „טמא“: „טמא הוא לכם“ און אזוי ווייטער? און נאך א סך מאל געפינען זיך אין דער תורה דער ווארט טמא? ווארום האט דארט די תורה ניט פארהיט ארויסצולאזען דעם ווארט טמא?

מיר וועלען עטוואס ריידען פון די מגידים, דרשנים, מטיפים, פון דיזער צייט. דאס מעהרצאהל פון זיי זיינען יראים ושלמים, און זייער ריידען צום פאלק איז א נויטהווענדיגקייט, זייער פלאטפארמע איז קודש קדשים, און זיי אליין זיינען קודש, ווייל זיי ריידען צום פאלק וואס אנבעלאנגט דעם יו־דענטהום, זייערע ווערטער, וואס געהן ארויס פון הארצען, פון א אידען צום אידען, דאס איז די ערשטע כתה, וואויל צו זיי, וואויל צו זייער נשמה, וואויל צו זייערע הערער.

א צווייטע כתה איז פאראן, וועה איז צו זיי, דאס זעלבע צו די הערער, ריידענדיג אויף דער פלאטפארמע, קאלט, מיט אזא טאן, אז עס מאכט די הערער צו פערשטעהן אז עס איז גאר ניט אזוי געפעהרליך „חלול שבת“ — שרייבענדיג דיזע ציילען זיצט דא ביי מיר א איד א נאמן, חסיד וישר, האט ער מיר דערצעהלט אז זיינע איי־גענע אויערען האבען עם געהערט א מטיף ריידענדיג אויף דער בימה, ביים „ארון הקודש“, אז ער האט געזגאט בזה הלשון: איך בין ניט פון די מגידים וואס שטעהען און פארברייננגען אויפ׳ן פלאטפארם מיט מוסר וועגען חלול שבת. זייט וויסען אז יענער מגיד וואס רעדט וועגען חלול שבת, ווען ער אליין וואלט ניט האבען די דומע נארישע מענשען וואס הערען איהם, וואלט ער דאך געגאנגען ארבייטען, אדער אין ביזנעס, וואלט ער אליין מחלל שבת געווען. איך האלט אז א איד וואס איז אין אמעריקא מחלל שבת איז אזוי פרום ווי יענער מגיד. איהר ווייסט דאך רבותי אז איך בין נ י ט פר ו ם. וואס אארט אייך, אבי אייך איז געפעלען מיין ריידען, וואס נאך דארפט איהר? איהר ווילט וויסען ווער דאס איז? איך וועל זיין נאמען ניט דערמאנען, נאר ימ״ש.

איך וואונדער מיר ניט אויף דעם כלב, איך וואונדער זיך נאר אויף די צוהערער. ווי געפינען זיך דאס ניט אייניגע צוהערער וואס זאלען אזא לומפ צופאטשען זיינע באקען, און איהם פרעגען: שייגעץ, וואס טהועסטו דא ביי דעם ארון קודש?

הערט א משל, זעהר א שעהנעם, ואס איך האב געזעהן אין א ספר, וואס איך געדענק ניט זיין נאמען. אין דער שטאדט ק. איז געווען א מאן זעהר א פראסטער איד, אן עם־הארץ גמור, און מיט שלעכטע זיטען, דערצו האט ער

א מאָל געהאט א נגע אויפ'ן קאָפּ, האָט מען איהם גערופען „מאָטע פּאַרך“. מען האָט אנדערש ניט געוואוסט וועמען מען מיינט מיט'ן נאָמען „מאָטע“, נאָר נאָך דעם צווייטען נאָמען האָט מען שוין געוואוסט.

ויהי היום איז אָבגעשטאָרבען מאָטיל'ס אן אָנקעל, א מיליאָנער אָהן קינדער, און ער האָט איבערגעלאָזען פאר מאָטלען צוויי מאָל הונדערט טויזענד רובעל. מאָטעל איז געוואָרען דער גרויסער גביר, דער רייכסטער אין שטעדטעל. אלע האָבען אָנגעהויבען צו קריגען רעספּעקט פאר איהם. זיין צונאָמען איז שוין מעהר ניט געהערט געוואָרען. מאָטעל איז שוין דער גאנצער בעל דעה אין שטעדטעל. לעבען מאָטלען האָט געוואוינט א גביר, אן עושר, אן עדעלמאַן און א מופלג גדול און א גרויסער יחסן.

איין מאָל האָט זיך געמאכט אז דעם גביר איז עפּעס פעליג געוואָרען אין אייניגע טויזענד דאָלאר צו צאָהלען נאָוטס, און ער האָט אין גאנצען שטעדטעל ניט געקענט בעקומען קיין הלואה. אז ער האָט געזעהן אז ער קען עס אין ערגעץ ניט בעקומען, רופט ער צו דעם משרת און זאָגט צו איהם: געה אריין צו ר' מאָטלען און פרעג איהם אויב ער וועט קענען מיר טהאָן די טובה. פרעגט דער משרת: בעל הבית לעבען, ביי וועלכען מאָטלען שיקט איהר מיך, ביי מאָטעל פּאַרך? דערביי זיינען גראדע געשטאַנען אייניגע מענשען, האָט דער גביר צוערשט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און נאכהער האָט ער זיין משרת איינגעטהיילט א פּאַטש אין באַק, זאָגענדיג דערביי: דו שייגעץ, ווי וואַגסטו צו רופען דעם גביר „מאָטעל פּאַרך“?

אין אייניגע וואָכען שפּעטער איז צום גביר אריינגעקומען א שדכן, און זאָגט צו איהם: איהר ווייסט, איך האָב פאר אייער זוהן א וואוילען שידוך, מיט צעהן טויזענד דאָלאר קעש. דער גביר פרעגט איהם: מיט וועמען איז דאָס? זאָגט דער שדכן: מיט ר' מאָטלען, דעם גביר. אז דער גביר ווערט דאָס אין כעס און שרייעט אויס צום שדכן: איהר זאָלט שוין פארלאָזען מיין הויז! א חוצפה פון אזא לומפּ, מיט מאָטעל פּאַרך'ס טאָכטער רעדט ער מיר! דער משרת האָט דאָס דערהערט, זאָגט ער צום בעל הבית: איך פערשטעה אייך ניט, בעל הבית לעבען, אז איך האָב דאַן אויסגערעדט די ווערטער „מאָטעל פּאַרך“, האָט איהר מיר געגעבען א פּאַטש, און יעצט הערט איך אז איהר אליין רופט איהם „מאָטעל פּאַרך“?

דער בעל הבית האָט איהם געענטפערט: גרויסער חכם מיינער, אז איך שיק דיר צו איהם וועגען ביזנעס, און ביזנעס מאכט מען מיט יעדען, וואָרום זאָלסטו איהם רופען „מאָטעל פּאַרך“, און צווייטענס, ווי קומסטו צו איהם, ער איז דאָך דער גרויסער גביר? אָבער אז מען קומט צו מיר, וואָס איך בין דער געבאָרענער גביר, איך שטאַם פון גדולים, ריידען מיר א שידוך, איך זאָל זיך מיט איהם משדך זיין, ווי קומט צו מיר „מאָטע פּאַרך“?

דאָס זעלבע די תורה האָט אויך אזוי געטהאָן, וואו עס איז היסטאָריע,

אזוי ווי דאָ וועגען מבול, וועלכע נח זאָל אריינברייינגען אין קאַסטען, און וועלכע ניט, וויפיעל פון די און וויפיעל פון יענע, היט די תורה יעדען וואָרט, עס זאָל ניט ארוים קיין שמור־ציגער וואָרט, „ומן הבהמה אשר איננה טהורה“, איידער זאָגען „ומן הבהמה הטמאה“...

אָבער וואו עס האַלט ביים דין, דייטליכער געזאָגט, וואו איך דאַרף זיך מיט דער זאַך מתחתן זיין, וועלכע איך מעג עסען און וועלכע ניט, דאָ היט ניט די תורה איהר ריינען אויסדרוק, און זאָגט בפירוש: דו חזיר, איך וויל מיין קינד ניט משדך זיין מיט דיר, דו ביזט טמא — „טמא הוא לכם“.

דאָס זעלבע היט איך ניט דעם אויס־דרוק פאר דיעזע חברה, וועלכע שטע־הען אויף דער בימה און ריידען, און זיי ווילען זיך מיט אונז מתחתן זיין, דאָס הייסט, איהר מטפים, אַז איהר אליין זאָגט אויפ׳ן בימה אז איהר זייט ניט פרום, טאָ וואָס זשע געהט איהר צו אונז לערנען טהרה. איך מוז דיר זאָגען אז דו ביזט טמא, און דו ביזט אויך מטמא דעם יעניגען וואָס קומט דיר הערען. איהר דענקט אז מען טאָהר אויף אייך גאָרניט זאָגען, ניין, איך זאָג: „ואת הגמל“ — און דער קעמעל, „כי מעלה גרה הוא“, ער קייעט אפילו איבער דעם עסען, אָבער די לאַפּקעלעך זיינען טרפה, לייגט קיין תפילין ניט. ער, דער קעמעל, האָט אפילו א הויכען האַלז, און קייעט דברי תורה, דוכט זיך אייך אז ער איז טהור, אָבער „טמא הוא לכם“...

---

יח

# נח׳ס שולד

„כי מי נח זאת לי אשר נשבעתי מעבור עוד על הארץ וגו׳.“

פערבייגעהענדיג דעם פסוק האָב איך אימער געקלעהרט: וואָרום האָט דער נביא גערופען דעם מבול אויף נח׳ס נאָמען? איך וועל אייך בעפאָר ברייינגען א משל פון דעם וואָס איך האָב בייגאהע בייגעוואָהנט, און שוין אייניגע מאָל גערעדט וועגען דעם. פיעלע פון אייך האָבען געוויס געהערט וועגען דעם ביאַליסטאָקער דאָקטאָר חאַזאַנאָוויץ ע״ה. ער איז געוועזען א גרויסער נאַציאָנאַליסט, א משכיל, און א גרויסער דאָקטאָר.

איין מאָל, ווען איך בין דאָרט ביי איהם אין הויז געזעסען, האָט ער מיר דערצעהלט פאָלגענדעס: איך זיטץ אזוי ביי מיין פריהשטיק (ברעקפעסט), קומט צו מיר אריין דער גביר ז. און זאָגט צו מיר: הערר דאָקטאָר, קומט מיט מיר וואָס צום גיכסטען, מיין פרוי איז א שווערע געווינערין שוין

זייט דריי טעג, און עס איז א געפאהר. איך האָב גאנץ געלאָסען געזאָגט — האָט מיר דער דאָקטאָר דערצעהלט — אז איך מוז פריהער ענדיגען מיין עסען. דער גביר האָט אָנגעהויבען שרייען: שטייטש, א מענש איז אין סכנה און אייך ליעגט אין קאָפּ דער עסען !? — יא, זאָג איך צו איהם, ווארום האָט איהר געוואַרט און זייט געקומען צו מיר אין די לעצטע מינוטען? קורץ, איך האָב אָבּגערעדט מיט איהם, אז ער זאָל בּיי זיך אין הויז גליין מאכען פיר מיר עסען. ער האָט איינגעוויליגט.

מיר זיינען צוגעגאנגען צו זיין וואהנונג. איך קום אריין אין הויז, איך זעה זי ליגט אין צעהנטען צימער, איך הער איהרע געוואלדען, אָבער איך געה ניט ווייטער. איך האָב מיך אָבּגעשטעלט אין עס־צימער, און געזאָגט צו איהם: זייט רוהיג, עס איז נאָך צייט, מאכט מיר עסען. קורץ דערפון, ער האָט געמאכט. איך עס מיך לאנגזאַם, איך טרינק א גלאָז וויין, מיט אפּעטיט, און יענע שרייעט מיט קולות. בּיז איך האָב דערהערט א קליין שטימעלע, א דינינקע ,פון איהר: גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב, אנטוואָרט מיר ! דאָ האָב איך אלעס אוועקגעוואָרפען, דעם עסען און די וויין, און בּין אריינגעלאָפּען צו איהר. אין צייט פון צוואנציג מינוטען איז א קינד געווען געבאָרען.

דאן פרעגט מיר דער גביר: זאָגט מיר, דאָקטאָר, ווי האָט איהר דאָס געהאַט א פערשטיינערטע הארץ און געזעסען רוהיג און געגעסען? און פון וואנען האָט איהר געוואוסט אז די צייט איז געקומען?

הערט מיר אויס, ר' גביר, איך געדענק אז איהר זייט געווען אן ארבּייטער, אין יענעם און יענעם געשעפט, דאן האָט איהר ניט געקענט קיין רוסיש, און פראנצויז געוויס ניט. אייער אידינע איז א מאָל געווען א קעכין בּיי יענעם און יענעם. דאן האָט זי קיין אנדער שפּראך ניט גערעדט ווי אידיש. היינט קען זי רוסיש, דייטש, פּויליש, פראנצויזיש. איך געה אריין און הער ווי זי שרייעט אין רוסיש: „באָך מאָי“ (מיין גאָט), נאכהער אין דייטש: „אָך, ליעבּער הימעלשער פאָטער“, און נאָכהער אין פראנצויזיש, טראַכט איך: טאָבּטעריל, אז דיר ליעגט נאָך אין זינען צו ריידען צו גאָט אין רוסיש, מעג איך נאָך טרינקען א גלאָז וויין, ווייל איך זאָג: דער טייוועל וועט דיר ניט נעהמען, ווי לאנג דיר ליעגט אין קאָפּ צו ריידען מיט גאָט אויף פראנצויזיש, איז נאָך קיין געפאהר...

אָבער אז איך האָב דערהערט די שעמעדיגע, קליינינקע שטימעלע: גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, אנטוואָרט מיר, דאָ האָב איך געזעהן אז עס האַלט שוין בּיי גאָט פון אברהם — דאָ איז שוין די לעצטע מינוטען... און זעהט איך האָב געטראָפען !

ניט פיעל צו פערברייטערען דעם נמשל איז אויך צו פערשטעהען, נאָר גאנץ קורץ: ישראל איז רייך, טרעט ער אָב פון גאָט פון אברהם, ער פאַררוסישט זיך... ישראל האָט פרייהייט, טרעט ער אָב פון גאָט פון יצחק, ער

פראנצוויזשעט זיך ,ישראל איז געזונד, ער טרעט אָב פון גאָט פון יעקב, ער פערדייטשעט זיך... טאַנצט אויף זיי־ ערע חתונות. ווען, ווען, כאַפּט זיך ישראל צום אַלטען, טראַדיציאָן און רע־ ליגיאָן, צו דעם גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב — ווען דער מבול איז...

דער מבול איז געקומען צוליעב זיי־ ער גרויסער רייכקייט. די ערד האָט ארויסגעגעבען אַלע פערגעניגונגען, עס האָט זיי גאַרנישט געפעהלט, עס איז דאדורך אזוי ווייט געקומען, אז גאָט האָט געמוזט אויף זיי ברייננגען א מבול.

און אפילו די רבנים, דרשנים, אנ־ דערע זיינען ניט פיעל בעסער געווען פאר זיי. נח איז ניט אזוי געוואל־ טיג גוט געווען, „נח הי׳ צריך סעד לתומכו“, נח האָט געדאַרפט אז גאָט זאָל מיטאיהם געהן און איהם אונ־ טערשפּאַרען, דאן איז ער נאָך געווען ווי עס איז, ניט ווי אברהם, „התהלך לפני והי׳ תמים“. היינט ווען ער איז אַליין אויך שוואַך געווען, האָט ער גאָרנישט געקענט אויפטהאָן פאר זיין דור, און ווייל ער האָט דעם דור ניט געשטערט, ווערט דער מבול גערופען אויף זיין נאָמען: „מי נח“.

פריינדע, דער מוסר השכל דערפון איז, אז דער יעניגער וואָס קען שטע־ רען דאָס שלעכטעס און שטערט ניט, איז ער פעראנטוואָרטליך אויף דעם ווי די חז״ל זאָגען: „כל האומר שלמה חטא וכו׳ אלא שלא מיחה בהם“ וכו׳.

---

יט.

# הספד

„ויאמר ד׳ אל אברם: לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך, ואעשך לגוי גדול וגו׳ ואגדלה שמך והי׳ ברכה.“

דעם הספד האָב איך געזאָגט אויף א בר־אורין, א גרויסער אָרימאן גע־ ווען און אויך א גרויסער פרומער איד געווען. האָב איך אָנגעפאַנגען דעם הספד מיט דיעזע ווערטער, ווייל זיין נאָמען איז געווען אברהם.

ויאמר ד׳ אל אברם ,און גאָט ב״ה האָט געזאָגט צו אברהם דעם למדן, צו אברהם דעם פרומען: „לך לך מארצך“, געה דיר יעצט ארויס פון דיין ארציות, דאָס הייסט פון דיין קערפּער, וואָס איז ערדה, און דאָרט וועסטו געפינען דיין מנוחה, איבערהויפּט דיין כבוד, דאָ, אויף דעם עולם השפל, האָסטו קיין כבוד געהאַט, ווייל דאָ עקזיסטירט דער שקר, דער דאָלאַר. אפילו אין די שוה־ לען האָסטו אויך קיין כבוד ניט בע־ קומען, ווייל ביי יעצטיגער צייט איז אפילו אין די שוהלען אויף א למדן ומופלג קיין גרויסער מכובד, ווייל אויף

דאָרט, אין די בתי מדרשים, איז דער שקר אויבען־אָן.....

אָבער יעצט, ווען דו געהסט ארויס „מארצך וממולדתך ומבית אביך" וגו׳, „ואגדלה שמך", וועל איך גרויס מאַכען דיין נאָמען, און דו וועסט זיין געשעצט און געאַכטעט.

פריינדע, איהר קענט מיר פרעגען וואָס איז דער ענין אין גאנצען מספיד צו זיין אזא סאָרט אידען, וואָס איז דאָך קיין גדול ניט געווען, טאָ וואָס איז דער געשרעה? איהר וועט זאָגען: איז דען ניט געבליבען אזא סאָרט איד?

פריינדע, איך וועל אייך אליין צוגעבען אז איהר זייט האלב גערעכט. ניט אזוי וואָס עס זיינען נאָך געבליבען אזעלכע אידען, נאָר אין געגענטהייל, עס זיינען נאָך, גאָט צו דאַנקען, דאָ גרעסערע אידען פאר דעם נפטר אויף אונזער וועלטעלע. ע

נאָר, פריינדע, אום אייך צו ענטפערען וועל איך אייך געבען א ריכטיגען משל, וועט איהר פערשטעהען אז מיר דארפען און מיר מוזען דעם הספד מאכען. אין מיין שטעדטעל איז געווען א שעהנער בעל הבית, וועלכער איז געווען גוט־אָב, נאָר ער האָט געהאט א אשה רעה, אָט טאָקע אזא וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט אז זי איז „מר ממות", פיעל ביטערער פאר דעם טויט. אָבער ער האָט געמוזט ליידען, ווייל ער האָט מיט איהר געהאַט זעקס קינדערלאך. זי איז פון איהר שלעכטסקייט און פון יאדען זיך שטארק קראנק געוואָרען, און איז ענדליך געשטאָרבען.

עס איז אוועק א האלב יאהר, און דער מאַן האָט געהייראטה און געקראָגען אזא פרוי, אויף וועלכע שלמה המלך זאָגט: „מצא אשה מצא טוב". זי איז געווען פונקט דער היפוך פון יענע: א צדקנית, א גוטע, א מיוחסת, קורץ: א פרוי מיט אלע מעלות.

אין איינינגע מאָנאטען ארום נאָך זיין הייראטהען מיט דער צווייטער פרוי בין איך דורך א צופאל גראדע געווען ביי איהם אין הויז, און איך האָב איהם געטראָפען זעהר אומעטיג און פערצווייפעלט, מיט נאסע אויגען. האָב איך איהם געפרעגט: זאָגט מיר נאָך וואָס טרויערט איהר? דאכט זיך גאָט האָט אייך געמאַכט א גוטען אויסבייט, מיט דעם וואָס ער האָט צוגענומען די אשה רעה און אייך געגעבען אזא טהייערע פרוי?

יא, ענטפערט ער מיר: ליעבער פריינד, איך האָב זיך ניט וואָס צו בעקלאָגען וועגען מיין יעצטיגער פרוי. דאָס וואָס איהר זאָגט וועגען איהר איז אלעס אמת: זי איז א טהייערע נשמה, אָבער איך וויין ניט צוליעב דעם וואָס איך האָב מיך דערמאָהנט אן מיין פריהערדיגער פרוי. ניין, ניין, נאָר ווען איך גיב א בליק אויף מיינע זעקס קינדערלאך, אז זיי זיינען יתומים אָהן א מאַמען, זיי פעהלט דאָך זייער מאַמע; א שלעכטע מאמע און א גוטע שטיף־מאַמע, איז נאָך ניט גלייך. אוי, מיינע קינדער זיינען יתומים, זעקס יתומים געהען ארום אין הויז! אלזא, פערשטעהט איהר מיין געוויין.

פריינדע, איך וועל אייך צוגעבען, אז עס זיינען דאָ ביי אונז בעסערע,

גרעסערע לומדים, און, פיעלייכט, אויך פרימערע. אמת, איך וויין ניט נאך דעם אלטען מאן, איך קלאג און מאך איך צו קלאגען אויף דעם, וואס איך גיב א קוק אויף דעם יונגען דור, אז דאס איז א דור יתמי דיתמי, „יתומים היינו“... אז פון די דריי מיליאן איי־דען אין אמעריקא וועט פון די קינדער ניט אבוואקסען אזא סארט איד וואס זאל קענען א בלאט גמרא און זיין א גוטער איד. קוקענדיג אויף די קינ־דער, איז עס אונמעגליך ניט צו וויי־נען אויף דעם וואס אזא סארט איד געהט פון אונז אוועק און קיין אנדע־רער אויף זיין פלאץ וואקסט שוין ניט אב...

ר' אברהם, נאך דעם „לך לך“ איי־ערען זייט איהר גליקליך. דא זייט איהר געוועזען אן ארימאן, אבער דארט קומט איהר א גביר. דער מלאך המות האט נאר געקענט זאגען צו איך: „תן לי הנפש“, גיב מיר אוועק דיין נפש, די נשמה... אבער „והרכוש“, דעם פערמעגען וואס איהר האט אויפ־געטהאן, „קח לך“, נעהם זיך דיר מיט. יא, איהר געהט אוועק מיט א פער־מעגען, און מיר בענשען איך: לך בשלום!

---

## כ.

# חנוך הבנים

„ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך והי' ברכה.“ — רש"י: „אעשך לגוי גדול“ זה הוא שאומרים אלהי אברהם, „ואברכך“ זה הוא שאומרים אלקי יצחק, „ואגדלה שמך“ זה הוא שאומרים אלקי יעקב.“

פריינדע, פון וואנען נעהמען זיך די חז"ל צו זאגען אז „ואברכך“ מיינט מען דאס וואס מיר זאגען “אלקי יצחק” און אזוי וויטער? נאר מיר וועלען צוויי אנדערע פראגען שטעלען, ווע־לען מיר פערשטעהן אויך יענע פרא־גע, און דאס זיינען זיי, נעמליך: די חז"ל זאגען אז השם יתברך שמו האט געזאגט צו משה רבינו: שרייב „וימת שם משה עבד ד'“, ד. ה. דארט איז משה געשטארבען, „כתב ברמע“, האט ער עס געשריבען מיט טרעהרען. כיון שאמר לו „כתוב ולא קם עוד נביא בישראל כמשה“, התחיל לרקוד“, אבער ווי באלד ער האט איהם געזאגט: שרייב: עס וועט קיין מאל ניט זיין אזא גרויסער נביא ווי משה, האט ער אנגעפאנגען טאנצען פאר שמחה. קע־נען מיר אויבערפלעכליך ניט פער־שטעהען די זאך: האט דען דער געט־ליכער משה געדענקט אייביג צו לע־בען? צוויטענס, דער „עניו מכל האדם“, דער גרעסטער עניו פון דער גאנצער מענשהייט, זאל זיך פרעהען

דאמיט וואָס קיין מאָל וועט אזא נביא ווי ער ניט זיין? איז דאָס מעגליך?

דוד מלך ישראל האָט פערפאסט דעם תהלים, און דערמיט האָט ער זיין נאָמען אונשטערבליך געמאכט אויף דער וועלט. ווארום האָט ער גראדע גע־זאָגט „כלו תפילות דוד בן ישי"? — עס האָבען זיך געענדיגט די תפילות פון דוד, דער זוהן פון ישי, דוקא נאָך דעם קאפּיטעל ע"ב? ווייטער ביז דער ענדע געפינען מיר דאָך נאָך זיינע קאַ־פּיטלעך, ווי: תפלה לדוד, און די אלע הללויה'ס. אמת, א סך קאַפּיטלעך זיי־נען ניט זיינע, אבער עס געפינט זיך דאָך נאָך ווייטער זיינע קאַפּיטלעך אויך, ווארום האָט ער געזאָגט „כלו תפלות דוד בן ישי" נאָך דעם קאַפּי־טעל ע"ב?

מיר זאָגען אין פּיוט: „ונוטל כבוד מבית חיינו". איך קלעהר אז אויף אונז אין אמעריקא קען מען זאָגען דעם געדאנק פון פּייטן, זאָ אז איינער פרעגט דעם אנדערען: ווי געהט עס דיר? ענטפערט ער: איך מאך א לע־בען! געוועהנליך, דאָס פערשטעהט מען שוין אז ער אליין מאכט דעם לע־בען, אָהן גאָט, מאכט ער ניט ווי גאָט האָט געבאָטען, היטען שבת, לייגען תפילין, טראָגען ציצית, עסען כשר, אין דער אלטער היים האָט מען גע־זאָגט: „דאנקען גאָט, אז ער גיט לעבען גיט ער צום לעבען", הייסט אז ער גיט, דארף מען איהם דאָך פאָלגען, און אז מען האָט איהם געפאָלגט, איז דאָס געווען א גאנצער כבוד פאַר דעם יע־ניגען. האָט ער געקענט לערנען, האָט ער געוויס כבוד געהאט. וואָס מעהר קענען, אלס מעהר איד און אלס מעהר כבוד. דארום האָט ער געזוכט פאר זיי־נע קינדער א בכבוד'יגע חיונה, נאָך דעם געטליכען אידישען שטאנדפּונקט, נאָך זיין רעליגיאָן און טראדיציאָן.

אלזאָ, האָט עס געהייסען מאכען א לעבען מיט כבוד. אפילו א שניידער, א שוסטער, א קארפּעטנער, האָט גע־זוכט אז זיין מאכען א לעבען זאָל זיין מיט כבוד. הייסט אז ער אליין מאכט דעם לעבען, „איך מאך א לעבען" — זאָגט ער, און זיינע קינדער מאכען א לעבען, הייסט עס אז ניט ער לעבט און ניט זיינע קינדער לעבען, אָדער ער לעבט נאָך אפילו... ער איז נאָך א איד, איז עס אָבער א ליגען אז ער זאָגט דאָס די קינדער לעבען, ווייל „רשעים בחייהם נקראים מתים", די רשעים, מיט זייער אייגענעם לעבען מאכען, ווערען גערופען טויטע, ד. ה. דורך זייער לעבען מאכען...

אלזאָ, דאָס ליגט אין אלעגאָרי־שען זינן, אין פּייטן, „ונוטל כבוד", עס איז צוגענומען געוואָרען דער כבוד, „מבית חיינו", פון דער הויז, די יע־ניגע וועלכע מאכען א לעבען... דייט־ליכער, די עהרע איז אראָפּ פון אונזער „בית חיינו", פון אונזער לעבען־מאַ־כען... אָהן כבוד מאכען מיר א לעבען, אָהן רעספּעקט זוכען מיר צו מאכען א לעבען...

אפּטמאָהל, ווען דער פאָטער איז ניט געווען קיין למדן, האָט ער געזעהן מיט אלע מעגליכקייטען אז זיין קינד זאָל זיין א למדן, א ירא אלקים, דארום האָט ער געזעהן זיין קינד זאָל קאָמ־פּאנירען אין חברותא מיט שעהנע,

פיינע, גוטע קינדער, ווייל מיט ווע־ מען א קינד האלט קאמפאניע, לערנט ער זיך פון זיי אלעס אב און ווערט פונקט ווי זיי. א גרויסער דענקער זאגט: „זאג מיר ווער עס זיינען דיי־ נע חברים, וועל איך דיר זאגען ווער דו ביזט.“

היינטיגע צייטען אבער, איז אויב ער אליין איז אפילו אן עהרליכער און א פרומער, אבער זיינע קינדער — ווער ווייסט?... דאן הייסט ער אויך א טויטער. אי, ער געהט אין שוהל אלע טאג, דער אלטער, קומט עס אוים לויט ווי מען האט א מאל געזאגט אז די טויטע קומען אין שוהל ביי־ נאכט. אין אונזער שוהל פון מיין שטעדטעל איז דאס טאקע געווען א ליגען, א שקר מוחלט, א זאך וואס איז ניט געווען מעגליך, נאר דא האב איך געזעהן טויטע וואס קומען אין שוהל דאווענען... די חז"ל זאגען: „מי שאין לו בנים נקרא מת“, ווער עס האט ניט קיין קינדער ווערט אנגערופען „טוי־ טער“. נאך מעהר, אפילו ווען ער האט קינדער, נאר זיי זיינען ניט ווי ער, ווערט ער אויך גערופען „טויטער“, ווי די חז"ל זאגען: גבי דוד נאמר וישכב עם אבותיו וגבי יואב נאמר וימת יואב, דוד שהניח בן כמותו נאמר בו וישכב, יואב וכו' נאמר בו וימת“, ווייל דוד האט איבערגעלאזען א קינד ווי ער, שרייבט ניט דער פסוק אויף איהם „וימת“ ,נאר „וישכב“, אבער ניט אזוי ביי יואב'ן. דערפון זעהען מיר אז ווען איינער האט אפילו יא קינ־ דער, נאר זיי זיינען ניט ווי ער, הייסט ער „וימת“ — געשטארבען...

אז השי"ת זאגט אן משה'ן“ שרייב „וימת משה“, אז משה האט דערהערט אז אויף איהם שרייבט מען „וימת“, מן הסתם זיינען דאך זיינע קינדער ניט אזוי ווי ער, האט ער דעריבער אנגע־ פאנגען ווייגען...

זאגט גאט צו איהם: „משה, משה“, ווייין ניט, דיינע קינדער זיינען ניט קיין שלעכטע. אבער פארוואס שרייבט מען אויף דיר „וימת“? — ווייל דו קענסט ניט האבען אזעלכע קינדער וואס זאלען זיין אין גאנצען ווי דו ביזט. גוטע קינדער זיינען זיי, נאר ווי דו ביזט קענען זיי ניט זיין, „ולא קם עוד נביא בישראל כמשה“, ווייל עס קען ניט זיין מעהר אזא נביא ווי משה... אט דאן האט משה אנגע־ פאנגען זיך פרעהען...

דוד איז אויף אלעם מתפלל צו גאט: אויף לעבען, געזונד, אויף קינדער, אויף גוטע קינדער, זאגט דוד אז דאס איז דער עיקר הדבר, ווארום אז ניט, בין איך דאך אפילו לעבעדיגערהייט אויך א טויטער, און טויטערהייד א גע־ שטארבענער אויף עוויג... אלזא, ווייל דוד האט אין דעם קאפיטעל ע"ב מתפלל געווען אויף זיין קינד שלמה, ווי ער פאנגט זיך אן „לשלמה אלהים משפטיך תן“, איך בעט ביי דיר „ידין עמים בצדק“. קורץ דערפון: דעם גאנ־ צען קאפיטעל אויף שלמה זיין זוהן, זאגט ער צום סוף: אט דאס איז מיין ברכה, אז מיין קינד זאל זיין א איד און א מענש, אז ניט בין איך א טוי־ טער... בעסער צו זיין ארעם און אין צרות, און האבען לעבעדיגע קינדער, וועל איך דאך אייביג ניט שטארבען.

אלזא, „כלו תפילות“, דא איז געמענ־דיגט אלע תפילות פון ברכה, הצלחה, רייכקייט, געזונד און אלעס גוטעס, אז נאר מיין קינד זאל זיין א מענש און א איד. מיט דער תפילה זיינען גע־ענדיגט אלע מיינע תפילות...

השי"ת זאגט צו אברם: „ואעשך לגוי גדול“, איך זאג דיר צו אויף אן אמת גרוים צו מאכען דיין נאמען, אז דו וועסט אליין ניט אראפ פון וועג דארטען וואו דו וועסט קומען, און איך וועל מאכען פון דיר א גרוים פאלק. דו וועסט האבען פיעל, פיעל קינדער, און די וועלט וועט זיך מיט דיר בענ־שען, רייכקייט און געזונדהייט וועל איך דיר געבען, און דו וועסט פרום זיין. דאס איז דיין ברכה, מיט וואס מען וועט זאגען „אלקי אברהם“... „ואגדלה שמך“, איך וועל גרוים מאכען דיין נאמען, אז עס וועט קיין מאל ניט שטארבען, דאס הייסט „ואגדלה“ גרויסען איז אימער, אויף עוויג, ווי קען דאס זיין? אפילו אויף משה'ן שרייבט מען „וימת“? זאגען די חז"ל דאס הייסט, אנדערש קען עס ניט היי־סען, נאך אז מען וועט זאגען „אלקי יצחק“...

נעהמט די ווערטער אין זינען און פערברייטעט עס. גוט צו ערקלעהרען איינער דעם אנדערן, איבערהויפט צו די וואס ווילען האטש פערשטעהן... נור ניט צו די יעניגע וואס ווילען גאר־ניט וויסען, זיי זוכען פינסטערניש, אויף יעדער שיין זוכען זיי א שאטען, אפילו אויף דער זונן, און ווילען ניט פערשטעהען דעם אמת, דארום ווילען זיי ניט הערען קיין מוסר, ווייל אן עזעל וויל בעסער האבען אין בויך איין מעסטעל האבער, איידער אויף זיך טראגען צעהן זעק גאלד... און אן עזעל איז בעסער צופריעדען מיט היי און שטרוי איידער מיט טהייערע איינגע־מאכטס, קארשען, זאפט...

---

כ"א.

# עשירי זמנינו

„ואברם כבד מאד במקנה, בכסף ובזהב. וילך למסעיו מנגב ועד בית אל, עד המקום אשר הי' שם אהלה בתחילה וגו' אל מקום המזבח וגו', ויקרא שם אברם בשם ד', וגם ללוט ההולך את אברם הי' צאן וגו'. ולא נשא אותם הארץ לשבת יחדיו, כי הי' רכושם רב ולא יכלו לשבת יחדיו, ויהי ריב בין רועי וגו'. ויאמר אברם אל לוט: אל נא תהי מריבה ביני ובינך וגו'.“

איין קליינעם דיוק, זאגאר עס איז דא פיעל, אז ער זאגט: „ולא נשא אותם הארץ לשבת יחדיו“, פאר וואס? ווייל „כי הי' רכושם רב“, טא וואס

זאָגט ער ווייטער: „ולא יכלו לשבת יחדיו“? ווײַטער, דער פסוק זאָגט דאָך נאָר אז „ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט, אָבער עס שטעהט ניט אז זיי ביידע האָבען זיך געקריגט, טאָ ווארום זאָגט די תורה „אל נא תהי מריבה ביני ובינך“, זאָל דאָך קיינע קריעג זיין ביי אונז ביידען.

איך זאָג אָפט אין מיינע דרשות, אז מיר פערמאָגען פינף זאָרטען אידען אין אמעריקא: א) די אָרעמע, די געהען אלטע טאָג דאווענען, לערנען א פרק משניות און דאָס גלייכען, ב) א ביסעל רייכערע; זיי געהען שוין נאָר שבת דאווענען, נאָך „תכנת שבת“ געהען זיי אין סטאָר צוריק, ג) אזעלכע וואָס זיינען גוט־אָב, זיי פאַסט שוין ניט צו געהן אלע שבת אין שוהל, זיי קומען נאָר אום „שלש רגלים“, פסח, שבועות, סוכות. ד) אזעלכע וואָס פון בערעל לאטוטניק, קלמן אפערייטאָר, שמערעל פעדלער, איז שוין געוואָרען א גביר, ער געהט שוין מעהר ניט ווי ר"ה און יו"כ, אבער אלס אין אונזער שוהל, ה) וואָס פון חאצקעל סיבירניק, בלשון עם זה, ישיבה בחור פון טורמע... דא איז ער געוואָרען א גרויסער ביזנעס־מאַן, און איז געוואָרען א מיליאָנער. איהם פאַסט שוין ניט צו געהן אין אונזערע שוהלען, ער געהט שוין אין טעמפעל אָדער טראַמפעל (וואו מען טראַמפּעלט אויף די אידישקייט...), וואו דער ראַבי איז אזא טרפה'נער ביין פונקט ווי ער, וואו מען רופט אויף נור איינעם צו קריאת התורה ,און דער טרפה'נער ראַבי לאָזט אוים מיט דעם פסוק „ד' הצדיק ואני ועמי הרשעים... ער קומט צו־פאָהרען אויף א פּאָאר שטונדען אין מקום טומאה... זיינעם, מען רופט איהם אויף, ער שרייבט גלייך א טשעק, רעכענט זיך גלייך אָב מיט גאָט, און אדיע — ער יום כפורים הבא...

דאָס זאָגט די תורה אז אברהם איז געוועזען ביז יעצט זעהר אָרעם, און יעצט איז ער דער גרויסער מיליאָנער, און ער איז דער זעלבער צדיק, ווי בעפאָר, „ואברם כבד מאד במקנה, בכסף ובזהב“, און אברם איז יעצט זעהר שווער, אנגעלאדען מיט פיהע, מיט גאָלד, מיט זילבער, דאָך! „וילך למסעיו“, ער רייזט צו די פריהערדיגע פּלעצער „מנגד ועד בית אל“ צו דרום זייט, די גמרא זאָגט (ב"ב כ"ה) „הרוצה להחכים ידרום“, א היינטיגער אויפגעקומענער גביר באלד מופט ער, אין אן אנדער געגענד, פון זיינע ברי־דער, עס פאַסט איהם גיט דאון־טאון. רש"י זאָגט: „וילך למסעיו, לן באכסניות שלן בהם בהליכותיו“, אין די זעלבע האָטעלען, ווען ער האָט גע־רייזט צו מצרים, ארעמערהייד, ער פיהרט זיך ווי פריהער, אידעשקייט געוויס...

אָבער דער חברה מאן לוט, לוט דער שניידער, לוט ווערט רייך, געהט ער ניט „אל המקום אשר הי' שם אהלו בתחילה... צו דעם בית המקדש, וואו ער האָט פריהער געדאווענט, וואו אברהם געהט„ אל המקום אשר הי' שם אהלה בתחילה“, אוהל ווערט גע־רופען א שוהל... „מה טובו אוהליך יעקב“, נאר אין טעמפעל איין מאָל א יאָהר. אפילו וואו אברהם געהט

עסען אין אכסניה, פאסט ניט לוט'ן צו געהן, ער געהט אין די רייכע גרויסע האָטעלען, און פיהרט זיך ווי א גראף.

דאָס דערצעהלט די תורה הקדושה דעם אונטערשיעד פון דעם אמת עהר־ליכען, פרומען אברהם, צו לוט, „וגם ללוט ההולך את אברהם הי' צאן ובקר, „ולא נשא אותם הארץ לשבת יחדיו", טאקע דערפאר ווייל „כי היה רכושם רב", פשוט ווי דער פשט. נאָך א טעם דערצעהלט די תורה, ווארום זיי האָבען מעהר ניט געקענט ביידע פארבלייבען, „ולא יכלו לשבת יחדיו", ווייל זיי קענען מעהר ניט צוזאמען זיצען אין איין אכסניא — אברהם זוכט א כשר'ע, לוט — א טרפה... אברהם אין די זעלבע אידישע, ניט פיעל רייכע אכסניא, לוט זוכט א גבירישען האָ־טעל, אברהם אין שוהל, לוט אין טהע־אטער, אברהם געהט הערען א מגיד, שבת, לוט אין אָפּערא, אברהם צו א תלמוד תורה מיטינג... לוט אויף א מאַסקען באַלל...

זיי קענען ביידע מעהר צוזאמען ניט זיצען, דארום דערצעהלט די תורה חוץ וואָס די פּאסטוכער האָבען זיך גע־קריעגט, האָט אויך אברהם זיך געמוזט אימער קריעגען מיט איהם. ווי קען מען אנדערס דענקען, ער האָט איהם קיין מוסר ניט געזאָגט? געוויס יא! אָבער זאָג דעם פריהערדיגען לטוט־ניק, איצטיגען אַלרייטניק מוסר! נו, מעהר פעהלט ניט. און געזאָגט האָט ער איהם געוויס, און געפאָלגט האָט ער אויך געוויס ניט, פערשטעהט מען אז עס איז אימער געוועזען מחלוקת ביי זיי, „אל נא תהי מריבה ביני ובינך".

אייניגע ווערטער צו די אַלרייטני־קעס, ווען איהר וועט קומען דערצו אין מיין ספר געוועהנליך, קיין ריכטיגער לוט וועט מיין ספר ניט נעהמען, און לעזען וועט ער איהם געוויס ניט. אָבער די וואָס האלטען זיך אין רוקען צו לוט'ן מיט זיין קאַמפּ., ציהט אוועק „מעל אהלי הרשעים האלה", אייך דאכט זיך אז איהר זייט רייך, און אז איהר זייט שוין יא רייך, דארפט איהר שוין ניט האלטען פון „יקום פורקן" (די רעפאָרמערס זאָגען ניט „יקום פורקן מן שמיא"), אז עס וועט אויפ־שטעהען אן ערלייזונג פון הימעל, זעהט אז איהר זאָלט ניט דארפען אַנקומען צו חינא (אזא ביטערער מעדיסין), וואַ־רום מיט גוטען זאָלט איהר צוקו־מען צו אברהם'ן מן הסתם ניט, ווייל איהר האלט ניט פון „יקום פורקן מן שמיא", מוז א מאָל השי"ת אייך גע־בען מן שמיא „חינא"... הערט צו וואָס א מחבר זאָגט צו אייך, ווייל איך, אָרעמער מחבר, בין רייכער פאר אייך, איך האָב געלעזען אז א גרויסער גביר האָט געזאָגט צו א גרויסען פילאָזאָף: „איך בין זעהר אומעטיג ווען איך זעה דיין אָרעמקייט. האָט דער פילאָזאָף געענטפערט: ווען דו וואָלסט געקענט ערקענען וואָס הייסט די אמת'ע אָרעמ־קייט דאן וואָלסטו מעהר אומעטיג גע־ווען אויף דיין אָרעמקייט ווי אויף מיינער...

## כ"ב

# צדקה

„ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין והוא כהן לאל עליון ויברכהו."

מיר ווילען אייך פרעגען די וועלט־פראגע, ווארום איז דער פסוק מפסיק אין זיין טיטול? עס האט געדארפט זיין נעמליך: „ומלכי צדק מלך שלם והוא כהן לאל עליון הוציא לחם ויין ויברכהו", אבער ניט „ומלכי צדק מלך שלם", איין טיטעל וואס ער איז געווען מלך, און איז מפסיק מיט „הוציא לחם ויין", נאכהער זאגט ער דעם אנדערן טיטעל „והוא כהן לאל עליון ויברכהו"?

עס זאל אייך, מיינע לעזער, ניט וואונדערען, ווען איך וועל אייך ערקלעהרען, אז ווער זיינען די נותני צדקה, ווער גיט צדקה, ווער זיינען זיי, ארעמע אדער רייכע? וועט איהר אנדערע פיעלייכט דענקען, אז רייכע גיבען צדקה, אבער ניט די ארעמע... זאג איך אייך פערקעהרט ווי איהר דענקט, גראדע די ארעמע גיבען צדקה.

נעמליך, קומט מיט מיר אריין אין א הויז דאון־טאון, און לאמיר זיך ניט פוילען ארויפצוגעהן פינף שטיגען, אויף'ן טאפ פלאאר. דארט וואהנט ישראל קארפעטנער, נעקסט דאאר— יצחק אפערייטאר, און ביידע ארבייטען אויס וועכענטליך צוועלף דאלאר, ביידע האבען צו האלבע דאזען קינדערלאך, וואס „כולם אהובים", אלע ליבינקע, „כלם גבורים", אלע שטארקינקע, „וכולם עושים באימה וביראה רצון קונם", זיי זיינען פרומינקע, און געהען אין חדר, און מען צאהלט שכר לימוד פאר אלע... און דערצו, וכלם פותחים את פיהם... זיי אלע האבען גוטע שעהנענקע מיילכעלאך אויך, און אז אלע זעקס ליבינקע, שטארקינקע, פרומינקע, עפענען די מיילכעלאך און בעטען עסינקען, זאגט, רבותי, א בעל הוצאה, קיין בייז אויג זאל איהם ניט שאדען...

יעצט לאמיר זעהן וואס טהוען זיי אין דער פריה. אט איך זאג אייך גלייך, זיי געהען אין שוהל דאווענען, דער שמש געהט מיט דער צדקה־באקס, א פעני גיט, ישראל קארפעטנער, און א פעני גיט, יצחק אפערייטאר, אין מיטען חזרת הש"ץ קומט אריין א אידעלע א שנארעריל, און זאגט, ער האט שוין צוויי טעג קיין ברויטעלע ניט געגעסען. ישראל און יצחק ווייסען וואס עס הייסט ניט געגעסען, ניט איין מאל האבען זיי זיך געלייגט שלאפען מיט קריאת שמע, אבער ניט מיט קיין סאפער'ל, פארקוועצט זיי די הארץ און נעהמען צו ניקעל און גיבען דעם שנארער'ל.

שבת גיט מען אן עליה דעם קארפעטנער, נור דעם ניינטען שוין, דעם אפערייטאר איינס פאר אחרון, ביידע

האָבען געשנדר'ט הייסט עס אויף אמעריקאניש, א קוואָדער פאר שוהל, א קוואָדער פאר'ן רב, א קוואָדער פאר'ן חזן, א קוואָדער פאר'ן שמש. גראָדע ווייסט איהר דאָך וואָס דער תנא זאָגט, אז מצוה גוררת מצוה, אז איין מצוה שלעפּט צו די אנדערע, דאָס הייסט, אז איינער טהוט א מצוה, העלפט איהם די מצוה אז איהם זאָל זיך מאכען נאָך א מצוה צו טהאָן, און טאָקע איבער אכטאָג שבת האָט אין זייער שוהל גע־זאָגט א משולח, און אלע האָבען גע־שנדר'ט, אונזער ישראל, און יצחק האָ־בען געגעבען צו האלבע דאָלאר. מעהר וויל איך ניט פארברייננגען מיט זיי, נור איך האָב אויסגעפונען אז חדר, צדקה, נדרים, שוהל, רב, חזן, שמש, סתם צדקה, קאָסט זיי יעדען איין דאָ־לאר מיט פופציג סענט א וואָך.

יעצט זאָלען מיר זיך זעהן מיט זיי־ערע ביידענ'ס פרויען, גרונע און יענ־טע. זייביידע האָבען אין קיך צו פיער באָקסעס. איך וויל אייך ניט געבען קיין נעמען פון די באָקסעס, ווייל איך דענק זיי זיינען פאלשע... פרייטאג צו ליכט בענשען וואַרפען זיי צו סענט, אמוועניגסטען. זונטאג געהען די פרוי־ען, גרונע און יענטע, אין שוהל, הע־רען דעם מגיד, גיבען זיי ביידע צו ניקעל. אין שוהל איז א חברה משניות, צאָהלען זיי צו ניקעל, א חברה עין יעקב — צו ניקעל, אין צוויי ישיבות בעלאנגען זיי, קאָסט זיי דורכ'ן יאָהר צו צעהן סענט וועכענטליך, היינט סתם צדקות, די באָקסעס, וואָס גע־העט אין די הייזער — איך שרייב באָקסעס געהען, ניט די וואָס געהען מיט באָקסעס, ווייס איך אליין פאר וואָס איך שרייב עס אזוי... ווער עס וויל וויסען זאָל וואַרטען, איך וועל אי"ה אין גיכען ארויסגעבען א ספר, נאָר אויף צדקה אנגעלעגענהייט, דאָרט וועל איך אויף דעם אנטוואָרטען.

קורץ, פיעל האנדלען מיט זיי, דאָס הייסט מיט גרונע'ן און יענטע'ן, דאַרף מען ניט. נאָר איך ווייס וואָס זיי קאָסט דורכ'ן יאָהר וועט אויסקומען אויף יעדע וואָך צו איין דאָלאר צדקה גע־ווים .היינט רעכענט: קיין ליגענדיגע געלד איז ניטאָ א פּעני, פון צוועלף דאָלאר פערדיענסט גיט מען צוויי א־האלב דאָלאר צדקה, ביינאהע דריי מאָל מעשר...

יעצט וועל איך א ביסעל ריידען מיט א גביר, ניט פיעל, ווייל איך גלייך זיי ניט... איך האָב זיי פיינט, און איך קום ניט ביי זיי, פּונקט ווי א לעבעל ברויט האָט פיינט דעם ארעמאן, ווייל ער קומט אויך ניט צו זיי, צום אָרע־מאן, הייסט עס... ווייל דער ארעמאן מיט די קינדערלאך, ווי א מאָל עס טרעפט נאָר, אז דער לעבעל ברויט קומט אריין דאָרט ביי זיי, דאן צוריי־סען זיי איהם אויף שטיקלעך, אָהן „דרך ארץ", און אין איין מינוט קומט א כליה אויפ'ן לעבעל ברויט, דארום קומט ער ביי זיי ניט... ביים גביר געהט ער, מען נעהמט איהם צו שעהן, פיין, מען שייווט איהם, מען גלעט איהם, מען לייגט איהם לעבען טהיי־ערע מאכלים. אלזא, איך האָב טאָקע די גבירים אזוי פיינט, נור איך וועל אייך זאָגען: קיין שוהל, קיין משולח, קיינע באָקסעס ,קיינע נדרים, קיין רב,

קיין חזן, קיין שמש, קיינע ישיבות גיט ער ניט, און אז ער פערדיענט פינף טויזענד דאלאר א וואָך, האָט ער דאָך נאָכ׳ן חשבון גערארפט צוטהיילען איהר ווייסט שוין וויפיעל... נו...

אי, זיי גיבען, יא זייגיבען, פון צדקה דעם דלי״ת — אויף מאמע־לשון דאָ־לעד—האָבאָען זיי ארויסגעוואָרפען און האָבען ליעב דעם עי״ן, און טאקע איהם אין צדקה אריינגעשטעלט, אלזא וואו א גביר גיט א צדקה, איז א צעקה אין צייטונג: א געוואלדיגער פילאנ־טראָפּ... און פארוואָס גיבען זיי, דאָס ווייסט איהר אויך, און רעבענט אליין, און נעהמט עס ריכטיג אין זינען... קורץ, א גביר איז א קארגער... „עשירים קמצנים הם“, זאָגען די חכמים.

די וועלט זאָגט אז אַמאָל איז אפילו א מגיד, א רב, א חזן, א שמש, אויך קיין בעל צדקה ניט, ווייל א נעהמער איז ניט קיין געבער... ווייל ביים כהן ווערט אין דער תורה געשריבען „וקמץ מלא קמצו“... ער נעהמט א פולען הוי־פען, „ונתן באצבעו“ — און ער גיט מיט א פינגער, א ביסעלע, גאָר א בּי־סעלע, נאָר ניט אלע, קוים איז ער א פרומער און אן עהרליכער, און נאָר ניט קיין גביר, גיט ער.

די תורה דערצעהלט טאקע דאָ ווי עס דארף זיין, אז זיין א גביר דאן דארף מען געבען, און זיין א מקבל דארף מען געבען. די ארעמע לייטע דארף מען גאָר ניט זאָגען, זיי גיבען במילא. „ומלכי צדק מלך שלם“, א קעניג, געווים א גביר, האָ? דאָך הוציא לחם ויין... און דערצו נאָך „כהן לאל עליון“, א נעהמער ,און דאָך א געבער. אָט אזוי דארף זיין!

---

כ״ג

# רנשואין

„ויקה אברם את שרה אשתו ואת כל רכושם אשר רכשו.“

א פּאָאר פּאָלק וואָס געהען היי־ראטהען, שטעלען זיך פּאָר גליקען, ווי גליקליך זיי וועלען זיין אויף עוויג מיט זייער ליעבע. געוועהנליך, קומט אויך אין זייער געדאנקען אריין שרעקלי־כעס, ווייסט גאָט ווי זייער הצלחה וועט זיין אויף דעם לעבענס־פעלד? אלזאָ, שטעלען זיי זיך פאָר גליק און אונגליק. איך, מיינע פריינדע, וועל אוועקנעהמען פון אייך דעם שלעכטען געדאנקען, און נאָר שטעלען געגען אייך דעם גליקליכען געדאנקען.

אָבער מען קען מיר דאָך פרעגען, וואָס בין איך, א גאָט? אז איך ווייס אז אייך וועט אימער זיין גוט? זאָג איך: מיינע טהייערע, אז מען דארף אפילו קיין מלאך ניט זיין און אויך קיין נביא, און איך אליין קען אייך

געבען דעם גוטען וועג, דעם גליקליכען לעבען, אז איך וועט קיינמאל ניט שלעכט זיין, נור אימער גוט זיין, איך זעה אז עס איז ביי איך א רעטעניש, וועל איך דאס אייך דייטליך ערקלעהרען.

זייט וויסען, אז עס איז אויף דער וועלט גאר ניטא קיין רייכקייט אדער ארעמקייט. איך רוף א מאל ארעמאן דעם גרעסטען גביר, און דעם גרעסטען ארעמאן רוף איך א מאל גביר. לאמיר זיך פארשטעלען, אז א גביר, ווען ביי איהם איז אין הויז ניטא קיין ריכטיגע ליעבע צווישען איהם מיט זיין פרוי, ער זאגט אז ער איז „באס“, און ער ווייסט ניט אז די חכמים אונזערע זאגען אין (ב"מ נ"ט) „אוקירו לנשיכו כי היכי דתתעשרו“, האלט טהייער און שעצט אייערע פרויען כדי איהר זאלט רייך זיין. זעהען מיר דען ניט אז עס זיינען דא אזעלכע וואס שעצען און עהרען זייערע פרויען, און זיי זיינען ארעם?

ניין, מיינע טהייערע, זיי זיינען ניט ארעם. די יעניגע וואס לעבען א גליקליכען לעבען, אין ריינע, וואהרע ליעבע, ער ליעבט איהר, און דאסגלייכען זי איהם, ער טהיילט איהר ניט צו די פענני, און ח"ו אז עס איז ניטא, מאכט זי איהם ניט קיין פארווירפע, דאן הייסט עס אז די ברויט און זאלץ וואס זיי עסען איז דער ריכטיגער מן פון הימעל! די פאאר פינסטערע רומקעלאך זיינען א „גן־עדן“. דער גביר, אבער, ווען צווישען איהם און זיין פרוי פעהלט די ריכטיגע, זיסע ליעבע, איז ביי איהם די רייכע הויז א פריזאן, א גיהנום זיין געגענוואַרט — אך, ווי ארעם ער איז, אך ווי קרענקליך איהר איז!...

אלזא, חתן וכלה, אין אייער האנד איז יעצט דער גליקליכער לעבען, און רייכקייט געוויס... ווען איהר וועט זיך אימער ליעבען און אכטען און שעצען, זא ווי יעצט. די פרוי דארף וויסען וואס דער תלמוד זאגט אין (גיטין ע"ז) „מה שקנתה אשה קנה בעלה“, אלעס וואס די פרוי ברענגט אריין געהערט צום מאן. דער מאן דארף וויסען אז אלעס וואס ער ברענגט אריין געהערט צו דער פרוי. זיי זיינען גלייך אין פריידען, און ח"ו אין ליידען. קיינער פון זיי זאל ניט זאגען „איך!“, איך הארעווע, איך ארבייט, דו דארפסט פאר מיר רעספעקט האבען. ניין, איהר מוזט אימער זא ווי זא רעספעקטירען איינער דעם צווייטען. דאן וועט איהר זיין רייך וואס הייסט רייך אין אמת. ווען עס וועט זיין אן אמת'ע ליעבע און איהר ועט קוקען איינער אויפ'ן צווייטען מיט א ליכטיגע, גוטע אויג. דאן פארדעקט אלע פעהלערען, ווייל עס איז דא איינער וואס זוכט א דונקעלען שאטען אויף יעדע ליכט... און איינער זוכט ליכט אויף יעדען דונקעלען פינסטערען שאטען. און ווי מען זוכט, מיט וואס פאר אן אויג מען בליקט, זא געפינט מען.

דאס זאגט אונז די תורה ביי אברהם ושרה. זיי האבען אימער זיך ניט געטהיילט: מיינע איז מיינע, דיינע איז דיינע! אברהם פערדיענט, אלעס געהערט צו שרה'ן, אברהם פארדיענט ניט, עס איז סלעק־טיים, שרה טרייסט



Tom Sawyer
"APPAREL" For Real Boys
This fabric is
Sanforized Shrunk
FOR PERMANENT FIT
FABRIC SHRINKAGE LESS THAN 1%
Guaranteed not to fade
ELDER
MANUFACTURING CO
ST LOUIS
Manufacturers

איהם, שרה לאָזט איהם ניט זיין אור־מעדיג. ווען שרה איז אומעדיג, טרייסט איהר אברהם און זעהט אז זי זאָל פרעהליך זיין. אימער זיינען זיי געווען גלייכע ,פּאַסענדע, אין לעבּענס־פעלר. אלעס וואָס ער האָט אויפגע־טהאָן, און וואָס זי האָט אויפגעטהאָן, האָבּען זיי זיך געטהיילט אויף גלייך. דאָס היסט א גליקליכער לעבּען, דאָס היסט א רייכער לעבּען — זאָגט די תורה.

„ויקח אברם את שרה אשתו", און אברהם וואו ער געהט נעהמט ער מיט שרה'ן ,זיין פרוי, „ואת כל רכושם", און זייער גאנצען פערמעגען. ניט זיין פערמעגען, זאָגט די תורה, נאָר זייערביידענ'ס, „אשר רכשו"... ווי די תורה זאָגט גלייך ביי ענדע פון דער פרשה,

„למען יטב לך בעבורך וחיתה נפשי בגללך", דאָס הייסט, איך ווינש אז מיר זאָל גוט זיין צוליעב דיר. אז מיר וועט זיין גוט וועט דיר זיין גוט. ענט־פער זי: „וחיתה נפשי בגללך", און מיין זעעלע, מיין לעבּען, איז נור צו־ליעב דיר, איינער קען ניט לעבּען אָהן דעם צווייטען...

חתן כלה, איך ווינש אייך געוועהנ־ליך, א רייכען לעבּען. אָבּער צום ריי־כען לעבּען דארפט איהר זעהן אז עס זאָל טאקע זיין רייך... און דאָס איז מיט דער ריינער ליעבּע פון אינעם צום צווייטען. איך ווינש אייך אז אימער, אימער, זאָלט איהר מיר דערמאָהנען, זאָגענדיג אז עס איז מקוים געוואָרען די ברכה פון אייער רב, דעם מסדר קרושין... אָמן!

---

מ"ד

# ה ס פ ד

„תן לי הנפש והרכוש קח לך."

דוד מלך ישראל זאָגט אין זיין אונ־שטערבּליכען תהלים: „הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד". אלע מפרשים זאָגען דעם פשט, וואָס דוד המלך האָט געמיינט, נעמליך: אלעס וואָס דער מענש האָט ערוואָרבּען מיט זיין האָרעוואַניע, הייזער, בּרייזער, ווען ער שטאַרבּט, בּלייבּט עס אין זיין הויז, ער נעהמט מיט זיך גאָר־נישט מיט. „הון ועושר", וואָס ער האָט ערוואָרבען, דאָס בּלייבּט

„בביתו", אין זיין הויז. אָבּער וואָס ער האָט אויפגעטהאָן אין מצות ומעשים טובים, איבּערהויפּט אין „גמילות חסדים" — דאָס נעהמט ער מיט זיך אין קבר, „וצדקתו עומדת לעד" — דאָס בּלייבּט בּיי איהם און געהט מיט איהם מיט אויף עוויג.

רבותי, איהר זייט געקומען אָבּצו־געבּען אייער מעמבּער ,אייער בּרודער, דעם לעצטען כבוד, און, איהר פריינד, איהר זייט געווים געקומען לאָזען א

טרעהר, וואָס אייער פריינד און מאַן פון דער פריהצייטיגער אלמנה, מיר האָט איהר געבראכט איך זאָל פאר אייך מעורר זיין א הספד, צו לאָזען א טרעהר ביים אָבשיידען זיך אויף עוויג פון אייער בעליעבטען. מילא, פאר די אלמנה און יתומים דארף איך קיין מאראל ניט זאָגען, זייער בראך איז פאר זייערע אויגען. דער שפּייזער זייערער וועט באלד צוגענומען ווערען פון דאנען, און מען וועט איהם אריינטאָהן אין נאַסען פינסטערען קבר.

פאר די פרעמדע אָבער וויל איך עטוואָס זאָגען, זיי זאָלען האָבען א מוסר פון דעם הספד, אין דעם זעלבען זינן, ווי איך האָב יעצט געזאָגט דעם „הון ועושר בביתו“ וגו׳ — דעם מענשענ׳ס פערמעגען נעהמט דער מלאך המות צו פון איהם, וואָס איז ז י י ן פערמעגען, דאָס איז די נשמה זיינע. אָבער דער פערמעגע פון דער נשמה, דער גייסטיגער פערמעגען, וואָס די נשמה האָט זיך ערוואָרבען, דאָס הייסט נשמה־פערמעגען, קען ער ניט צונעהמען. ער האָט געזאָגט צו אייער ליעבען מעמבער: „תן לי הנפש“, דעם נפש גיב מיר אָב! „והרכוש“, און דעם פערמעגען פון נפש, די צדקה, די אידישקייט אין כלל וואָס דו האָסט זיך אויפגעטהאָן, „קח לך“, נעהם זיך דיר, דאָס קען איך פון דיר ניט צונעהמען. דעם מוסר דארפען מיר האָבען, פריינדע, זיך אָבצולערנען פון דיזען מאַן. ער איז געווען א פרומער, אן עהרליכער און אויך א בעל טובה. נו, איז ער יעצט גליקליך, דאָס האָט ער מיט זיך מיטגענומען.

און פאר אייך, קינדערלאך, וועל איך א משל זאָגען. אין א דאָרף האָט געוואָהנט אן אָרעמאן. זיין ביזנעס איז געווען א „פּאַקט““, מילכיגעס. אלע טאָג, גאנץ פריה, פלעגט ער ארויספאָהרען פארקויפען אין שטאָדט די מילך. זיין פרוי פלעגט ער אויך מיטנעהמען אין שטאָדט אריין איהם צו העלפען פערקויפען די מילך. און א אינגעלע פון א יאָהר צוועלף פלעגט ער אויך אהין מיטנעהמען, ער זאָל די אייניגע שטונדען וואָס ער פערבריינגט יעדען טאָג אין שטאָדט, לערנען, און ווען ער פלעגט צוריקפאָהרען אין דאָרף פלעגט ער דעם אינגעלע אויך צוריק מיטנעהמען. אין מיטען וועג איז געווען א גרויסער בארג ארויפצופאָהרען, און ווען ער פלעגט קומען צו יענעם בארג, פלעגט ער אלע מאָל ארונטערשפּרינגען פון וואָגען און זיין פרוי און קינד פלעגען פערבלייבען זיצען.

איין מאָל ווען זיי זיינען געווען אין מיטען וועג, איז איהם ניט־גוט געוואָרען און ער איז פּלוצלונג געשטאָרבען. דער קינד האָט גאָר ניט פערשטאַנען זיין מוטער׳ס וויינען און ער האָט ניט געוואוסט וואָס הייסט געשטאָרבען. אז זיי זיינען געקומען צום בארג, איז די מוטער אראָבגעגאנגען. פרעגט דער קינד: מאַמע, אלע מאָל אז עס פלעגט קומען צום בארג פלעגט דער טאַטע אראָבגעהן און מיר פלעגען פערבלייבען זיצען אין וואָגען, היינט ליעגט דער טאַטע אין וואָגען און דו ביזט אראָב און דו הייסט מיר

אויף אראבגעהן, און דער טאטע פער־בלייבט ליגען אין וואגען?

יא, מיין קינד — האט איהם זיין מוטער געענטפערט — אז דער טאטע האט געלעבט האט ער פאר אונז בייד־ען געזארגט, מיר זאלען פאהרען, און אליין איז ער געגאנגען צו־פוס, היינט אז ער איז געשטארבען, קען ער שוין פאר אונז גארנישט טהאן. יעצט בין איך דיין מאמע און אויך דיין טאטע, איך בין דיין שפייזערין, קיין טאטען האסטו מעהר ניט. מיר איז אבער שווער אלעס אליין צו בעזארגען, און דו מוזט מיר יעצט צו־העלפען...

קינדערלאך, איך דארף אייך ניט דערצעהלען וויפיעל אייער פאטער האט פאר אייך און פאר אייער מוטער געזארגט. ער איז געוועזן א טרייער מאן און א גוטער פאטער. וויפיעל בערג, דאס הייסט, שווערינקייטען, האט ער דורכגעמאכט, כדי אייך אי־בערצולאזען גוטעס, איהר זאלט קענען גליקליך לעבען! יעצט, קינדערלאך, ליעגט דא אייער טאטע פאר אייך, ער וועט פאר אייך מעהר גארניט קענען טהאן אין „מילי דעלמא“; אייער מו־טער מוז יעצט ווערען די שטעלפער־טרעטערין פון אייער פאטער צו געהן אויף די בערג פון ביטערען קאמפף פון לעבען. זייט אבער וויסען, אז זי איז יעצט די מוטער און אויך דער פאטער, זי איז יעצט אייער פערזארגע־רין. זייט וויסען אז איהר דארפט איהר העלפען געהן ארויף־בארג, זי זאל אייך קענען ברינגען אין שטאדט אריין, דאס הייסט, צו אל־דאס גוטס, זי זאל אייך פיהרען צו דער חופה, און עס זאל שוין קומען די צייט פון בלע המות לנצח, אמן ואמן.

---

מ״ה

# ברית מילה

ויקח אברהם את ישמעאל בנו ואת כל ילידי ביתו ואת כל מקנת כספו כל זכר באנשי בית אברהם ימל את בשר ערלתם. בעצם היום הזה כאשר דבר אתו אלהים.

פריינדע, דער פאטער האט גע־בראכט זיין קינד לבריתו של א״א, און דאמיט האט ער איהם געמאכט פאר א אידען. אבער דער פאטער און די מוטער זאלען וויסען, אז דערמיט וואס זייער קינד איז שוין א ישראל זיינען זיי נאך ניט יוצא, ווי פיעלע עלטערען דענקען, און ערציהען ניט זייערע קינ־דער צו אידישקייט.

יא, דער קינד איז שוין א מיטגליעדער פון ארדען „ברית אברהם“, דער גרוי־סער ארדען, וועלכער צעהלט בייגאהע פופצעהן מיליאן מיטגליעדער, דאס איז דער ארדען פון אברהם אבינו, דער

גרינדער פון'ם יודענמהום.

אָבער עס ווענדעט זיך וואָס פאַר א מיטגליעד ער איז צום אָרדען. אָפּט־מאָל קומט ער ח"ו אפילו צו קיין מי־טינג ניט, דאָס הייסט: ער געהט ניט אין שוהל דאוונען, און וואָס עס ווערט געפּעסט אין זיין לאָדזש, וואָס בע־לאַנגט צום אָרדען, טהוט ער פּער־קעהרט; דאָס הייסט: אין שוהל זאָגט מען „ושמרו", אין קאָנסטיטושאָן שטעהט „ושמרו", און ער טהוט אלעס געגען זיינע לאָדזשען־ברידער, ער סמוקט אום שבת, און פיעלע מאָל פלאַפּעלט ער נאָך אויף זיינע ברידער מיט דער קאָנסטיטושאָן צוזאמען, ד. ה. אויף אונזער תורה...

ער קומט נור ביים לעצטען איינ־צאָלונג. ער קומט, בעצאָהלט און אנטלויפט, דאָס מיינט מען יום כפור. א מאָל צאָהלט ער נאָך מיט פאַלשע געלד, דאָס הייסט, מיט א פאַלשען ודוי. פאַרשטעהט איהר שוין וואָס פאַר א מיטגליעד ער איז אין לאָדזש, וואָס בעלאַנגט צום אָרדען, צו אונזער גרויסען אָרדען וואָס בעלאַנגט צו אברהם אבינו...

ער ווערט גערעכענט א געשטריכע־נער מעמבער ,ער האָט אלע בענעפיטס אַנגעוואָרען, דאָס הייסט זיין שכר, ער בעקומט נור קרקע צווישען אָר־דען...

טהייערע עלטערען, איהר האָט יעצט אריינגעבראַכט אייער קינד פאַר א מיטגליעד אין אונזער אָרדען. טרייעט ער זאָל אויך זיין א גוטער מיטגליעד. על פּי רוב זיינען די עלטערען אליין שולדיג, זיי אליין זיינען שוואכע מעמ־בערס פון זייער אָרדען... אט, למשל, אז אפילו דעם ברית מילה מאכען זיי ניט אין דער צייט, לייגען אָב אויף א טאָג ווען דער עולם וועט זיין א גרויסער... און ניט מקיים צו זיין וואָס די תורה האָט געהייסען „ובן שמונת ימים ימול", און א קינד פון אכט טעג אלט זאָל בעשניטען ווערען. נו, וואָס קען מען נאָכהער פערלאַנגען פון נייעם מיטגליעד, אז ער איז ניט ריכטיג א מיטגליעד געוואָרען, און אז דער פּאַרשלעגער צום אָרדען, איהם אריינ־צונעהמען, איז אויך א קאַלטער מעמ־בער צום אָרדען, דאָס הייסט, דער פאָ־טער. פערשטעהט מען שוין גוט ווי עס וועט זיין מיט איהם...

אברהם אבינו, דער אלטער, קראַנ־קער, דער ניין־און־ניינציגער גרייז־גראָהער זקן, איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו מל'ן זיך. אזא זקן האָט געדאַרפט זיך אָן עצה האַלטען מיט פּראָפעסאָ־רען, מיט נאָך און נאָך, און אָבלייגען פון טאָג צו טאָג. אָבער וואָס האָט אברהם בעוויזען דיעזען מאָל און אלע־מאָל?

„ויקח אברהם את ישמעאל בנו" וכו', און אברהם האָט גענומען ישמעאל זיין זוהן, און אלע די איבעריגע, ניט אָבגעלעגט אויף איין מינוט, נאָר „בעצם היום הזה", גלייך אין מיטען טאָג, „כאשר דבר אתו אלהים", און זעהט וואָס די תורה דערצעהלט ווייטער: „ואברהם", און אברהם אליין, אזא זקן, „בן תשעים ותשע שנים", נייען־און־ניינציג יאָהר אלט, „בהמולו" וכו'. זאָלען מיר האָפען אז השי"ת וועט אונז געבען, אז מיט דעם נייעם

מיטגליעדער, וואָס מיר האָבען אין אונזער אָרדען היינט געקראָגען, זאָלען מיר קענען שטאָלצירען, און מיר זאָלען ווינשען אונזער פריינד, דעם פאָטער פון קינד, און אויך די מוטער פון קינד אז אין גיכען זאָל ווערען דער גרענד־מייסטער פון אונזער אָרדען, משיח צדקנו, אונטער זיין אויפזיכט וועלען אונזערע מעמבערס טרייער ווערען צום אָרדען, אָמן.

---

כ"ו

# ברית מילה

כשם שנכנס לברית בן יכנס לתורת ולחופה ולמעשים טובים.

מיר האָבען זיך דאָ פערזאמעלט ביי־צואוואָהנען די גרעסטע אידישע שמחה של מצוה, וועלכע איז אפילו דוחה שבת. מיר האָבען אלע בייגעוואָהנט די הייליגע צערעמאָניע, ווי זי איז דורכגעפיהרט געוואָרען. יעצט פערלאַנגט מען פון מיר איך זאָל עטוואָס ריידען. אין פלוג, איז ביי א ברית גאָר ניטאָ וואָס צו ריידען, ווייל מיר וואָלטען זיך ווינשען, הלואי וואָלטען פיעל מצות געטהאָן ווערען אין אמעריקא מיט אזא הידור, מיט אזא פראכט און גלאַנץ ווי א ברית מילה. אפילו די ערגסטע אידען זיינען מקיים צו ברייגנען זייער קינד בבריתו של א"א... נו, דאכט זיך, וואָס זאָל מען ריידען?

נאָר מיר וועלען געבען אן איבערבליק אויף דער ברכה וואָס מיר ווינשען צו דעם פאָטאָער פון רך הנימול: „כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים", אזוי ווי דער קינד איז אריינגעגאַנגען צו ברית, דאָס הייסט מען האָט דורכגעפיהרט די צערעמאָניע, כן יכנס, אזוי זאָל ער אריינגעבראַכט ווערען צו תורה און חופה און מעשים טובים...

דער פאָטער און מוטער פון דעם רך הנימול, וואָס זיי האָבען יעצט מקיים געווען די גרויסע מצוה, וואָס זי איז שקול כנגד כל המצות שבתורה, וועל איך אייך ערקלעהרען, מיט וואָס, און ווארום, זאָל דיעזע מצוה טאַקע געוואויגען זיין געגען די גאַנצע תורה, און אלע איהרע מצות?

ווייל, מיינע פריינדע, עס איז צו זעהן, ביי פיעלע עלטערען, אז דער קינד ווערט פיער יאָהר אלט, ער קען שוין ריידען, און א געוואויקסיגער, געזונדער קינד איז ער, א מאָל טרעפט אז די מאמע איז פרימער פאר דעם פאָטער, פאנגט זי אָן מאַכען אברכה מיט דעם קינד, שרייט דער פאָטער: וואָס דרעהסטו איהם זיין קעפעלע, אזא פיצעל קינד, ער וועט נאָך צייט האָבען דערצו. א מאָל איז פערקעהרט, די מאמע זאָגט עס...

דער קינד ווערט פינף יאָהר. פייטען אין סטריט קען ער שוין, א העלדישער פייטער. זאָגט זי: הער זיך איין יענקעל, פאר וואָס זאָל מען שוין

סעמקען ניט געבען אין חדר? וואָס רעדסטו, סאיז א רחמנות, — זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען, אָדער פערקעהרט, — אזא עופה׳לע, געה דרעה איהם א מוח מיט לערנען, א רחמנות, א רחמנות...

ער איז שוין אלט אכט יאָהר. ער געהט שוין כלומר׳שט אין א חדר פון זעכציג לויפערס, וואָס געפינען זיך דאָרט. איין טאָג געהט ער, צוויי — ניט, ער קען נאָך קיין וואָרט עברי ניט. שבת געהט זיין טאַטע אין שוהל, וויל ער אויפוועקען סמקען, ער זאָל אויך געהן אין שוהל. „אי, לאָז איהם צו־רוהe — זאָגט די מאַמע — עס איז א רחמנות. א גאנצינקע וואָך שטעהט ער אויף גאנץ פריה צו געהן צו דער סקילה (איך מיין עס אין סקוה, מיין פעדער איז אראָפּ פון זינען, סקילה רופט זי דאָס , און אפשר איז זי גערעכט, זי האָט שוין אויסגעשריבען ספרים מעהר וויפיעל איך האָב יעצט אין קאָפּ). היינט איז ער פריי פון סקוהל, לאָז איהם צו־רוהe.“ סעמקעלע בלייבט טאַקע אין הויז. דער טאַטע זאָגט „ישמח משה“, „תכנת שבת“, סעמקעלע שטעהט אויף ניין א זייגער, אבגעגעסען, ארוים אין סטריט, גע־מאכט א פייער, אויסגבראָכען א ווינ־דע מיט׳ן הארטען באָלל, געוואָרפען עטליכע שטיינער...

אָט דיעזע רחמנות האָט געמאכט אז טאַטע־מאַמע האָבען קיין קדיש ניט... אלזאָ, יעצט בעטראכט, רבותי, וואָס דאָ קומט פאָר ביים ברית. דער פאָטער נעהמט א בייבי פון אכט טאָג און לאָזט איהם בינדען, און גיט איהם איבער צום מוהל, און יענער שניידט זיין פלייש און רייסט זיין פלייש. די בלוט לויפט, דער קינד שרייעט, און ניט־ווילענדיג כאַפּט זיך א רחמנות אויף דער בייבי, אפילו פון פרעמדע. טאַטע אכזר, אומדערבאַ־רימדיגער מענש, ווי אזוי ווערט דאָס א מענש אן אכזר אויף אזא קליינע עופה׳לע ?...

אלא דער תירוץ איז, וואָס זאָל ער טהאָן, אז גאָט האָט געהייסען, כן, אזוי, ליעבער פאָטער און טהייערע מו־טער, זייט אכזרים אין דער צייט, וואָס איהר וועט דארפען געבען אייער קינד אין חדר... אויפוועקען איהם צו געהן אין שוהל, ניט לאָזען עסען פאר׳ן דאווּ־נען, מאכען מיט איהם א ברכה, אָנ־טהאָן איהם ציצית, אפילו זומער אין הייסע טעג... אויב ער וויל ניט, מוז ער עס געגען זיין ווילען. דאן וועט איהר האָבען א גוטען קינד און א ריכ־טיגען אידען, „כשם שנכנס לברית“, אזוי ווי איהר האָט איהם אריינגע־בראכט צום ברית מיט אזא אכזריות פון אייך ביידען, „כן“, אויף אזא ארט „יכנס לתורה“, מיט אכזריות זאָל ער געבראכט ווערען צו תורה און מצות, דאן וועט ער אייך פאָלגען „לחופה“ אויך, ווען איהר וועט איהם הייסען, אָמן.

כ"ז

# חנוך בית הכנסת

וירא אליו ד׳ כאלני ממרא והוא יושב פתח האהל כחם היום.

איך וואלט פרעגען, ווי אזוי זיצט אברהם אין טיהר פון זיין געצעהלט אין דער צייט וואס גאט קומט צו איהם, און ער פיהרט איהם ניט ווייטער? איך האב ניט לאנג גערעדט ביי א חנוכת בית־הכנסת אין נויארק, וואו עס זיינען געווען איבער דריי טויזענד פערזאן, און מיינע רייד האבען גאט צו דאנקען א גרויסע ווירקונג געמאכט.

איך האב זיי געזאגט דאס פאלגענדע:

מיר זעהען, פריינדע, אז עס קומען אפט צו בתי מדרשים, גרויסע, שעהנע, ליכטיגע, פארפוצטע, געמאהלענע, געקינצעלטע, מיט געז און עלעקטריק, מיט סטימהיט, מיט אלע אימפרואווערמענטס, און דאך זיינען די שוהלען פוסטע, פאר׳חלש׳טע, זיי שטעהען איינזאם, קיין מנין ניטא, סיידען אז דער פרעזידענט האט יאהרצייט, און א מאל איז געלונגען אז עס זאל זיין א פרעזידענט אין שוהל, אזא סארט ווי אין פ׳ וישלח געפינען מיר א נשיא, א פרעזידענט, און דאס איז אלעמען בעוואוסט אין יעקב׳ס צייטען, ווען ער איז געקומען צו שכם, ווער איז דארט געווען נשיא... חמור... אזוי טרעפט אויך אין אונזערע צייטען גאנץ אפט א חמור א פרעזידענט... (ענטשולדיגט מיר, פרעזידענטען, ניט אלע דארפען זיך געפינען בעליידיגט, נור דער פרעזידינט פון שכם אליין...)

על פי רוב האלטען שוהלען אן א מנין בטלנים, שנארער, אום עס זאל זיין א מנין צו פראדוצירען קדישים פאר אבלים און יאהרצייטען. גערענקט איהר, פריינדע, דעם אלטען בית המדרש פון דער אלד קאנטרי, די ליבטעלאך, די לעמפעלאך, דאך איז מען געזעסען און געלערענט גאנצע נעכט, ווער רעדט שוין ביים דאווענען — גאר פיעל. אויסקעהרען פלעגט מען איין מאל אין וואך. היינט געהט מען אויף קארפעטס,און אפילו די קארפעט איז קלין...

שטעלט זיך פאר, ווען איינער וואלט אריינגעטראגען דעם טלית שבת פריה אין שוהל, מען וואלט איהם גע׳קנס׳ט א יאהר קיין עליה ניט צו קריגען. עס וואלט זיך געטהאן, פרעגט שוין גאר ניט: שטייטש, דער עירוב איז צוריסען, און ער האט געטראגען אום שבת!

היינט, גאר א שעהנער מעמבער קומט צו־פאהרען אין שוהל אריין מיט דער קאר. ער געהט באלד ארויף אויבען־אן... און קריגט שלישי... גערענקט איהר, אז א איד איז אריינגעקומען אין שוהל דאווענען, אין אונזער אלטער היים, קיינער האט איהם קיין סידור ניט געגעבען, קיינער האט איהם קיין חומש ניט דערלאנגט; וואו ער האט זיך געשטעלט ,דארט איז ער געשטאנען און געדאווענט.

היינט זעהען מיר, ווי ער געהט אריין אין שוהל, קומען צו איהם צו פיער טראַסטיעס, מען פיהרט איהם ווי א פערברעכער מיט פּאָלים־לייט; איינער פיהרט איהם אויבען אָן און גיט איהם א סידור, נאָך איינער גיט איהם א חומש, נאָך איינער דערלאַנגט איהם א שמעק טאַבּאַק, ער האָט אן אָרט, ער האָט א סידור, ער האָט א חומש, און צו אַלעם ענדע, אַלע האַלטען נאָך ביי יקום פּורקן, ער קוקט אויף עלינו... אַלע לייענען תולדות, דער „בעל קורא", די הערער, און ער האַלט ביי וילך... ניט ער דאַוונט, ניט ער הערט.

געדענקט איהר, פריינדע, אז מעהרערע בתי מדרשים אין רוסלאַנד, רומעניען, גאַליציען, האָבען געהאַט רומס פאַר'ן רב, אנדערע פלעצער פאַר'ן שמש, אויך א עהרליכער, פרומער איד, און דאָ! א רב, איהם דאַרף מען אין שוהל, וואָס נאָך וועט מהרי"ל לאַזאַראָוו אויסטראַכטען?... נו, זאָל זיין פאַר'ן שמש, דאָס וועט איהר אויך ניט פּועל זיין ביי אונז. מיר ווייסען שוין, זאָגען זיי די איצטיגע מעמבּערס, פאַר וועמען מען דאַרף האָבען רומס, אין ביהמ"ד טאַקע: פרעג איך זיי פאַר וועמען? — פאַר א ניגער אנטוואָרטען זיי...

יעצט, זאָגט מיר וואו האָט השי"ת מעהר הנאה געהאַט פון שוהל, דאָ צו דאָרט?... (דאָ האָב איך מאריך געווען אין שטאַרקע מוסר, און רייד מאמרי חז"ל און פסוקי תנ"ך) יעצט זאָלען מיר זעהן, ווען אן אורח נכבד, א גביר, קומט צו גאַסט צו א גביר, נעהמט ער איהם אריין צו זיך, אין זיינע רייכע רומס, און בעווייזט איהם זיין רייכקייט. אָבער אז עס קומט אריין א גרויסער גאון צום גביר, און דער גביר איז א תלמיד חכם אויך, פיהרט ער איהם אריין אין רום וואו זיינע טהייערע ספרים שטעהען... ווייל דער תלמיד חכם, דער גאון, איהם דאַרף מען ניט ווייזען די רייכקייט, איהם איז דאָס ניט אינטערעסאַנט.

היינט רעכענט אליין, איך וועל קירצען די רייד, ווייל איהר וועט אליין פערשטעהן... וואָס פאַר א זינן איז עס איהם צו ווייזען רייכקייט, האָט דאָס ביי איהם א וועלכע עס איז ווערדע? נאָר וואָס דען? תורה און מצות. אז השי"ת קומט צו אברהם'ן און אברהם ווערט א פערציטערטער, און ער וויל זיך גלייך אויפהויבען, „ביקש לעמוד", זאָגט רש"י: „אמר לו הקב"ה שב". ער וויל זיך אויפשטעלען, אריינבריינגען די שכינה ווייטער, אין די רייך־פערפוצטע רומס, זאָגט צו איהם גאָט: „שב", זיטץ, ווייל וואָס דאַרף איך זעהן רייכקייט, איך דאַרף נאָר זעהן תורה און מצות. און דו אברהם מיין קינד, טהועסט יעצט א זעלטענע מצוה, הכנסת אורחים איז איינע פון די גרעסטע מצות, איז דאָ מיין אָרט... הערט וואָס רש"י זאָגט ווייטער: „ואתה סימן לבניך", און פון דיר זאָל זיין א סימן, א בעווייז, צו דיינע קינדער, אז די רייכע שוהלען, זייערע גאָלדענע קרוינען אויף די ספרי תורות, און זייערע טראַסטיעס, מיט די מעמבּערס, וויל איך ניט אָנקוקען, אויב זיי דאַוונען ניט. (דאָ האָב איך ווייי־

טער מאריך געווען) יעצט, מיינע פריינדע, ווייסט איהר וואס דער עיקר איז אין א שוהל... איהר ווייסט אז ניט די בעפוצונג איז דער עיקר, נאר איהר אליין, דאווגען, לערנען, תלמוד תורה פאר קינדער... און אז מיר וועלען האלטען ריכטיג דעם מקדש מעט, וועט השי"ת אונז געבען דעם מקדש השלישי שיבנה במהרה בימינו אמן.

---

כ"ח

# חנוך הבנים

ותהר ותלד שרה לאבךהם בין לזקוניו למועד אשר דבר אתו אלהים.

מיר וועלען זיך עראינערען, אדער מיר געדענקען נאך, וואס מיר האבען געהערט און געזעהן דעם חנוך הבנים, ווי עלטערען האבען ערצויגען זייערע קינדער על דרך התורה והיהדות, זאלען מיר טאקע בעטראכטען פון ווען האט זיך אנגעפאנגען די ערציהונג פון קינדער.

ניט פון זעקס יאהר, ניט פון פינף אפילו, ווייסט איהר אז אפילו נאך פריהער פון פיער יאהר? איך וויל אייך גאר זאגען, אז דער קינד איז שוין ערצויגען געווארען נאך איידער ער איז געבארען געווארען. לעזער מיינע, איך זעה, חאטש איך בין דערביי ניטא, אז איהר לאכט. ווי קען דאס זיין? וואס א מחבר קען זיך אויס־טראכטען! און אז איהר האט שוין טאקע געלאכט, טא לאכט נאך מעהר, אז איך וועל אייך זאגען און אפילו שווערען, גלויבט מיר אויף מיין עהרען־ווארט... אז עס האט זיך אנגעפאנגען דער חנוך הבנים נאך בעפאר די פאאר פאלק האבען אפילו געהייראטה...

נו, יעצט הער איך ווי איינער פון מיינע לעזער זאגט, אז ער וועט שווערען ניט אזא שבועה מיט'ן עהרען־ווארט, אפילו א „שבועה דאורייתא" לאך איך און גלויב ניט. וואס הייסט דאס איז דאך חסר דעה צו זאגען אזא זאך!

נאר אויב איהר האט עס יא ווער געזאגט, און אויב איהר האט טאקע געלאכט, טא לאך איך פון איהם, און ער איז טאקע, דער זאגער אויף מיר, חסר דעה.

זייט ניט ברוגז, הערט נאר און זעהט, קוקט און שווייגט. יחזקאל דער קרעמער פון באלבירישאק האט ערצויגען א מיידעל ביז אכצעהן יאהר, א ביסעל געבילדעט, קען אידיש שרייבען, א נאמען ספעלען אין העברעאיש, און א רוסישען אדרעס. נו אכצעהן יאהר א מיידעל טראכט שוין יחזקאל און אויך זיין פרוי שפרינצע וועגען א

תכלית, דאָס הייסט, וועגען חתונה מאַכען זייער קינד. מען האָט אָנגעבעטען א שדכן.

דער שדכן קומט שבת ביי נאַכט, נאָך הבדלה, און טאַקע דער שדכן אליין טייג אויף צו קידוש און הבדלה, און ער איז טאַקע דורשטיג נאָך א שנעפּסעל צום סעודת מלוה מלכה... גוט־וואָך, ר' יחזקאל, גוט־וואָך, בעל הבית'טע שפּרינצע! איך האָב פאַר אייער טאָכטער צוויי סאָרטען חתנים, איינער דוד דעם שוסטער'ס זוהן, איהר קענט דאָך איהם, ער איז א גאַנץ אָרענטליכער קינד, און דערצו אויך א וואוילער בעל מלאכה, פאַרדיענט 10 רובעל א וואָך פון זיין סטאָלעריי (קארפּענטערי) ער האָט פינף הונדערט מזומנים, און ווי איך פערשטעה, וועט ער קיין נדן ניט בעטען. א וואוילער שידוך, כלעבען, און פאַר'ן אויסטראַכטען אזא גוטען שידוך בין איך ווערט א שנאַפּס, לחיים, לחיים!...

אין פינף מינוט צייט, נאָך איינינגע רביעית'ן, ניט קיין קדחות, האָט דער שדכן געזאָגט: איך האָב פאַר אייך נאָך א שידוך, גאָר אַן אנדער סאָרט, מיט ר' יוסף דעם תבואה־הענדלער'ס זוהן. ער איז דאָך א ישיבה בחור, מען זאָגט אז דער רב האָט געזאָגט אז ער איז א וואוילער בחור, נאָר איהר וועט דאַרפען געבען פינף הונדערטער נדן און זעקס יאָהר קעסט. און אזוי ווי אייער מיידעל איז א קענערקע, וועט זי מאַכען א געשעפט, א בשמים־קראָם, אָדער אַן אנדער געשעפט. יעצט קלייבט זיך אויס. גערעדט האָב איך מיט ביידע חתנים און מיט זייערע עלטערען, און זיי געפעלט עס, דאָס איבעריגע ווענדט זיך נור ווי איהר וועט בעשטימען.

פאַטער און מוטער, יחזקאל און גרונע, האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן, און נאָך א לאַנגען שטיל־שווייגען האָט ר' יחזקאל געזאָגט צום שדכן בזה הלשון: איך וועל אייך זאָגען ר' בעריל, איך וועל נעהמען צייט ביז דאָנערשטאָג צו בעטראַכטען די זאַך, איך און מיין ווייב און מיין טאָכטער, און מיר וועלער אייך לאָזען וויסען.

אז בעריל איז ארויסגעגאַנגען, זאָגט יחזקאל צו זיין אידענע: אין דער אמת'ן געפעלען מיר ביידע, נור יעדער פון זיי האָט א מעלה מיט א חסרון. א מעלה איז מיט דוד דעם שוסטער'ס זוהן, וואָס איך דאַרף קיין נדן ניט געבען, און דו ווייסט דאָך, האָב איך צו געבען פינף הונדערטער און זעקס יאָהר קעסט? אָבער עס איז א ביין אין האלז: נעהם פאַר אן איידעם דעם גראָבען יונג און אָנפּלאָדען עם־הארצים אויף דער וועלט, סטאָלערלאַך, שוסטערלאַך. וואָס פאַר אן ערציהונג דוד שוסטער'ס זוהן קען געבען א קינד...

גרונע רופט זיך אָב: מיין טהייערער מאַן, פון יענעם שידוך וויל איך גאָר ניט וויסען. אי דיר איז שווער צו געבען דעם נדן? מיין טהייערער, דאַכט זיך דו האָסט א גוטען זכרון, און דו האָסט אליין פערגעסען ווי מיין טאַטע האָט געטהאָן, דו געדענקסט ניט אז דיר האָט מען צוגעזאָגט פיער הונדער־

טער און דריי יאָהר קעסט, און געגעבען האָט ער דיר הונדערט, אויף דריי האָסטו געקראָגען א וועקסעל, די וועקסלען האָב איך דאָך נאכהער ארויסגעלאַטכערט און אוועקגעגעבען דעם טאטען עליו השלום... און פון די דריי יאָהר קעסט איז געוואָרען אויף א האלב יאָהר קעסט. געדענקסטו ניט? דאכט זיך, דו אליין האָסט ניט געוואָלט זיצען און עסען קעסט. אָט אזוי וועלען מיר מאכען: צוזאָגען פינף און געבען צוויי, און די איבעריגע — שאַ... קעסט דאָסגלייכען, נאָר שאַ...

נו, זעהט איהר, מיינע פריינדע, אז ווען האָט זיך אָנגעפאנגען די ערציהונג, ניט בעפאָר דער חתונה?

די פּאָאר פאָלק האָבען געהייראַט, ותהר האשה, און די פרוי שוואַנגערט. זאָגט צו איהר דער מאן: דו זאָלסט, מיין טהייערע, זיין געהיט אין מסחר, זאָלסט ניט געבען קיין פאַלשע וואָג און מאָס, ווייל דו ווייסט, נשמה מיינע, אז עס קען צוליעב דעם געמאָלט זיין, דאָס דער קינד איז נאכהער א גנב, דו זאָלסט ח"ו ניט עסען קיין פּראָסטע מאכלים, ווייל דאָס פערשטאָפּט דעם קינד'ס מוח'ל. נו, מיינע טהייערע, ווען האָט זיך אָנגעפאנגען די ערציהונג, ניט נאָך בעפאָר זיין געבאָרען ווערען?

היינט די שדוכים, היינט וואָס טהוט די מאמע אין שוואַנגערין, היינט וואָס טהוען די עלטערען יעצט, ווען דער קינד ווערט געבאָרען? אפילו א מאָל מאכען זיי דעם ברית ניט אין דער צייט.

יעצטיגע עלטערען זאָגען, אז דאן איז געווען אן אנדער צייט, דער קינד האָט ניט געוואוסט פון בילדונג, נאָר פון חדר. אָבער דא אין אמעריקא, ער ווערט געבילדעט, און בילדונג מיט אידישקייט קענען ניט געהן האנד אין האנד, דאָס איז עסיג מיט האָניג, פייער מיט וואסער.

יעצט וועל איך זיי אנטוואָרטען אויף דעם אויך, וועלכער איד ווייסט ניט אז ביי אונז איז אימער געווען תורה און חכמה אין איינעם. עטוואָס א טראָפּען פון ים, וועל איך אייך ווייזען עס איז ניטאָ ביי מיר אזוי פיעל געלד און ביי אייך אויך ניט וויפיעל עס דארף קאָסטען דער דרוק אליין... אלעמען אויסצורעכענען. דאָס אליין וואָלט פערנעהמען דעם גרעסטען חבור. דאָס ווייסען אלע, אז די סנהדרין האָבען געמוזט קענען אלע שפּראכען, אפילו חכמות הכשוף. פון ר' יהושע בן חנניא האָבען אלע אידען געוויס געהערט, אז ער האָט מנצח געווען די חכמי יון. נאָר ווי לאנג די וועלט וועט שטעהן וועלען געוויס ניט זיין אזעלכע חכמים.

שמואל ירחינאי, דער הייליגער תנא, וואָס האָט קורירט רבינו הקדוש (עיי"ש בבא מציעה פ"ו) א גרויסער פּראָפעסאָר, און ער האָט געזאָגט: איך בין קלאָהר די שטעגעלאך פון הימעל, דאָס הייסט די פּלאנעטען, די לייננג און ברייט און גרויס, פּונקט ווי איך קען די שטעגעלאך פון מיין שטעדטעל נהרדעא, (עיי"ש ברכות נ"ח) און געוויס זיינען אזוי געווען אלע תנאים ואמוראים.

זאָלען מיר בעטראכטען פון א סך

ווייטער, אנפאנגען פון רבינו סעדיא גאון. ער איז געווען א חוקר און פילאזאף, ווען ער איז אנטלאפען פון דער היים, אין צייט פון זיבען יאהר האט ער געמאכט א גרויסען חבור „על טומאה וטהרה", און א „פירוש על התורה", און ספר „אמונות ודעות", פול מיט חכמה פילוסופית.

רבינו חננאל, מחבר ספר המקצעות וספר חפץ, איז געווען א חוקר נפלא.

רבינו „משה בן מימון, רמב"ם, איז שוין גאר איבעריג צו שרייבען פון איהם. זאגען אויף די זוהן אז זי איז ליכטיג... א דאקטאר, געווים א גרע־סערער פון היינטיגע פראפעסארען, וואס נעהמען אפילו פופציג דאלאר א וויזיט, א פילאזאף, מעהר ווי היינ־טיגע, דאס בעווייזט זיין „מורה נבוכים", און זיין „יד החזקה", און זיין דערצו א דאקטאר אין סולטאן'ס הויף...

הרב ר' אברהם בן דוד, דער ראב"ד, א חכם מהוכם, חוקר, משפחת אבן תבון. ר' משה ור' יהודא ו„ר' שמואל" — נו, און אבי עד שר שלום הגאון „ר' ישראל רופא" מקאנדיא, האט מחבר געווען א סך טיעפזינניגע ספרים, ספרי קבלה ופילוסופיא ורפואה און איז געווען א חכם בתורה, בפלפול הש"ס ופוסקים, ודרשן נפלא. החכם ר' עזריה, בעל מחבר „עשרה מאמרות", והחכם ר' „מנשה בן ישראל", מושלם בכל החכמות, און ר' יהודה מרגליות, אב"ד פראנקפורט, מחבר ספר „טל אורות", פילוסוף גדול, החכם דון יצחק אברבנאל, ר' אברהם אבן עזרא, החכם ר' יהודא הלוי מחבר ספר „הכוזרי", החכם ר' יוסף אלבו, בעל העקרים, החכם ר' בחיי הספרדי, בעל חובות הלבבות, ור' יצחק עראמה, בעל עקידה.

איין טראפען פון ים האב איך גע־בראכט צו ווייזען אייך אז וואו עס איז נאר געווען חכמת העולם איז גע־ווען חכמת התורה און מצות. ווייסט איהר פארוואס? ווייל דאן האט עק־זיסטירט די תורה און מצות ביי די עלטערען, ביי זיי איז געווען דער עיקר איינצופלאנצען אין קינד אידישקייט, און א טפל איז געווען די חכמת העולם. וואס איז דאן געווען? די תורה האָ־בען זיי געקענט און געהאלטען, די אנ־דערע חכמות האבען זיי געווים גע־קענט.

אבער יעצט, אז ביי די עלטעערען אי דער עיקר די סקוהל, און ווי דער קינד ווערט אלט פינף יאהר גיט מען איהם אוועק אין קינדער־גארטען, און די מאמע קוועלט אז ער קומט און זינגט יעזוס'עס א סאנג, און דעם סאנג פון דער תורה צוה לנו משה, אז מען זאל זאגען דעם קינד, וועט ער אנקוקען ווי א קאזאק וועט אנקוקען אז א איד וועט פאר איהם זינגען „יום זה מכובד"...

פריינדע, דענקט ניט דאס בילדונג שאדעט. ווען שאדעט עס, ווען דער קינד איז ניט איינגעווארצעלט פון אנ־פאנג אן ,פון שוויינגערען און האבען און זייגען, א פשיטא די ערציהונג.

„ותהר ותלד שרה בן", שרה האט געשוויינגערט און געבארען א זוהן, אז דאס זאל הייסען א קינד, ניט קיין משחית, אז ער זאל זיין געגען די על־

טערעען, און טהאָן פערקעהרט וואָס די עלטערען הייסען, דער הייסט ניט קינד, נור משחית. ווי דער נביא ישעיה רופט זיי „בנים משחיתים“— די ערסטע זאַך, דערצעהלט די תורה לזקוניו, פונקט ווי אברהם איז א צדיק, ווי די חכמים זאָגען „זיו איקונין דומה לו“, און אויך „למועד“, צו דער צייט, דאָס הייסט נאָך דער צייט נאָך. ביל־דונג וואָס פאָדערט נאָך דער צייט. אלזאָ, דערצעהלט די תורה אז אפילו „ותהר האשה“, דער שוויינגערען איז געוועזען צו האָבען א בן צדיק. די אי־בעריגע פערשטעהט אליין, און לערענט עפּעס פון דעם, איהר זאָלט עטוואָס לערנען, וועל איך געניסען צוליעב דעם.

---

כ"ט

# חנוך הבנים

ותהר האשה ותלד בן למועד הזה כעת חיה אשר דבר אלה אלישע. ויגדל הילד וגו' ויהי היום ויצא אל אביו אל הקוצרים, ויאמר אל אביו ראשי ראשי, ויאמר אל הנער שאהו אל אמו, וישאהו ויבאהו אל אמו, וישב על ברכיה עד הצהרים וימות, ותשכיבהו על מטת איש האלהים, ותקרא אל אישה ותאמר שלחה נא לי אחד מן הנערים ואחת האתונות וארוצה עד איש האלהים, ואשובה וגו', מדוע את הולכת אליו היום לא חדש ולא שבת וגו', השאלתי בן מאת אדוני וגו', קח משענתי בידך ולך וגו', וישם המשענת על פני הנער וגו' ויגד לא הקיץ הנער, וגו', ויבא אלישע ויסגר הדלת בעד שניהם, ויתפלל אל ד' וישם פיו על פיו, ועיניו על עיניו, ויחם בשר הילד.

אמעריקא איז זיך נוהג, דאָס ווי דער קינד ווערט אלט דרייצעהן יאָהר, נעהמט מען איהם צו פון חדר. פער־שטעהט מען גאַנץ גוט וואָס עס ווערט פון איהם, אז ביז דער צייט איז ער דאָך קוים געוועזען געלערענט צו דאווי־נען (אויב עס איז אזוי...) היינט אז ער האָט ניט געלערענט די תורה, די אידישע שפּראַך און איהר ליטעראַטור, פערשטעהט מען וואָס עס קען ווע־רען פון איהם.

ויגדל הילד“, ער איז געוואָרען דריי־צעהן יאָהר. אזוי ווי ויגדלו הנערים אין פרשה (תולדות) זאָגען די חז"ל אז זיי זיינען געוואָרען דרייצעהן יאָהר, און דא נאָר ווי „ויגדל הילד“, ווי ער איז נאָר דרייצעהן יאָהר געוואָרען.

„ויהי היום“, און ווי דער צרה'דיגער טאָג איז אָנגעקומען פון בר־מצוה, „ויצא אל אביו אל הקוצרים“, איז ער באלד ארויס צו זיין פאָטער, צו די וואָס שניידען אויפ'ן פעלד די תבואה, דאָס הייסט צו דער ארבייט. געוועהנ־ליך, צווישען די ארבייטער איז אימער פאַראַן אזעלכע וואָס מאכען חוזק פון אידען און יודענטהום. דער באָיעלע האָט נאָך געדאווענט, געמאכט א ברכה, אָבער ער האָט זיך בעגעגענט

מיט די בנים משחיתים. איז איהם באלד אריין אין קאפּ שלעכטע געדאנ־קען, מיט דעות כוזבות, שטייטש אָט זיי זיינען דאך אויך אידען און דאוו־נען ניט, מאכען קיין ברכה ניט, טאָ וואָרום דארף איך דאוונען? אי וואס מיין טאטע הייסט מיר דאוונען, ווייל ער איז פון דער אלטער וועלט, ניט קיין געבילדעטער, ער פערשטעהט פשוט גאָרנישט.

„ויאמר אל אביו ראשי ראשי", פאָ־טער, זיי וויסען מיין קאָפּ דרעהט אין מיר פון דיינקען און קלעהרען, עפּעס מישט זיך אין מיין מוח, פונקט פער־קעהרט ווי דו האָסט מיר געלערענט. על פי רוב די טאטעס אין אמעריקא גיבען זעהר ווענינ אכטונג אויף די קינדער, זיי גיבען עס איבער צו דער מאמען, די מאמע זאל זיי א רבי'ן גע־בען, זי זאל זיי לערנען אידישקייט, פארשטעהט מען וואָס פאר א תלמיד חכם ער קען ווערען, אז די מאמע איז א משגיח אויף זיין חדר.

„ויאמר אל הנער שאהו אל אמו", און ער האָט געזאָגט צו זיין יונג: טראָג איהם צו זיין מוטער, זאל זי איהם לערנען, זאל זי טהאָן מיט איהם וואָס זי וויל.

„וישאהו ויביאהו אל אמו", „וישכב על ברכיה עד הצהרים וימות", ער האָט איהם געטראָגען און געבראכט צו זיין מוטער, און ער איז ערצויגען געוואָ־רען נאך איהר גאנג נאך, אהן א סיס־טעמע.

„וימת", און ער איז געשטאָרבען, דאָס הייסט, אין היהנער־פלעט, „היין־הער" „פלעט", ניט אזוי און נים אזוי, ניט קיין איד און ניט קיין גוי — דאן האָט זי גענומען און „ותשכיבהו על מטת איש האלהים", דאָס הייסט, זי האָט איהם אוועקגעלייגט אויף דעם בעטיל פון'ם געטליכען מאן, אין דעם רום וואו ער האָט אימער לאזירט, כדי אז ער וועט קומען, זאל ער איהם לער־נען. אָבער אלישע איז גראדע ניט געקומען די צייטען... דארום האָט זי אזוי געטהאָן, „ותקרא אל אישה ותאמר שלחה נא לי אחד מן הנערים ואחת מן האתונות וארוצה עד איש האלהים ואשובה", און זי האָט גערו־פען צו איהר מאן, און זי זאָגט: שיק מיר א יונג און איין עזעל, און איך וועל לויפען צום געטליכען מאן. און זי ערצעהלט איהם ניט דאָס זי וויל ער זאל לערנען מיט'ן קינד, דארום זאָגט ער צו איהר:

„מדוע את הולכת אליו היום, לא חדש ולא שבת", ווארום געהסטו היינט צו איהם, ווי איינער זאָגט, וואָס פאר א„יום טוב" איז אויף דיר היינט, עס איז ניט חודש, ניט שבת. קורץ דער־פון, זי איז געקומען צום געטליכען מאן, און צו איהם געזאָגט:

„השאלתי בן מאת אדוני", האָב איך דען געבעטען א זוהן פון מיין האר? דאך איז דיין תפלה אזוי גרויס, דאָס דו האָסט אויך מיט דיין תפילה ניט געווירקט אז מיין קינד זאלאָ קענען לערנען, און פרום זיין, און ניט האָבען קיין שלעכטען קינד, א רשע, וואָס דאָס הייסט א געשטאָרבענעם קינד.

„קח משענתי בידך ולך", נעהם מיין שטעקען אין דיין האנד און געה, לערן דו מיט איהם תורה, און טהוע אזוי,

פיעלייכט איז ער אזוי שלעכט אז מען דארף איהם ברעכען די ביינער, גיב איהם קלעפ מיט'ן שטעקען. אבער דאר־טען איז דאס ניט געווען אזא סיסטע־מע, אין רוסלאנד האט מען געשלא־גען גע'הרג'עט, דא אין אמעריקא טויג עס ניט, אזא סיסטעמע, ער איז געבא־רען אין אזא פרייהייט, ערצויגען אין פרייהייט, קען מען ניט מאכען צו זיין א אד דורכ'ן סטראפ. ניט דא קען מען אזוי לערנען. דער רבי דארף זיין א פעדאגאג, און לערנען מיט שכל, מיט גוטען, מען דארף פאר איהם רעס־פעקט האבען נאר פאר זיין בליק. גהזי דער רבי דער אלטער נארישער, נעהמט דעם שטעקען און קלאפט.

„וישם את המשענת על פני הנער. ער קלאפט לינקס און רעכטס, אבער „ואין קול ואין קשב", דאס מאכט נאך ערגער. ער לערענט גאר ניט. דאן האט אלישע אליין פערשטאנען אז מען דארף דא אנדערס זיך בעגעהן.

„ויבא אלישע", אלישע איז געקומען און ער ,דער גרויסער פראפעט, האט גענומען בעטראכטען, האט ער באלד גענומען איינזעהן, אז די סיבה איז ניט פון קינד אין גאנצען, נאר אין די עלטערענ'ס שולד, נאך מעהר איז עס די שולד פון די מלמדים, וואס דענ־קען אז דער סטראפ זאל מאכען פאר א אידען. די צווייטע און גרעסטע סיבה איז וואס די ערציהער אליין זיינען ניט גענוג פרום. וואס קען העלפען דער לערנען „והיו לטוטפות", אז דער רבי לייגט ניט קיין תפילין, וואס קען העלפען „ושמרו" וגו' אז דער טאטע איז מחלל שבת. און ווי ער האט דערזעהן אז „והנער מת" —

„ויבא ויסגור הדלת בעד שניהם„, קיינעם ניט צוגעלאזען אין דער צייט פון לערנען, און אליין האט ער גע־דאוועגט, „ויתפלל אל ד'" דער קינד זאל זעהן ווי אן אמת'ער איד דארף זיין, און —

„וישם פיו על פיו", און ער האט געטהאן זיין מויל אויף זיין מויל, דאס הייסט, אז אלעס וואס ער רעדט ארויס פונ'ם מויל זאל עס אריין אין קינד'ס מויל, ער זאל דאס איבעררייידען, אז ער וועט ריידען שלעכטעס, וועט דער קינד געוויס רייידען שלעכטעס.

„ועיניו על עינו", זיינע אויגען אויף זיינע אויגען, ווי דער קינד זעהט צו געהן, האט ער אכטונג געגעבען ער זאל אין קיין שלעכטע קאמפאניעס ניט געהן, און אויף אזא ארט —

„ויחם בשר הילד" — איז ערוואר־רעמט געווארען די לייב פון קינד, א ווארימער איד איז ער אויפגעוואקסען.

ל׳

# הספד על אשה צדקנית

„ויבא אברהם לספד לשרה ולבכתה״.

א גרויסע פראגע וועלען מיר פרעגען: עס האט געדארפט זיין געשריבען „ויבא אברהם לספדה ולבכתה״, ווארום איז דער פסוק מפסיק אין מיטען מיט דעם ווארט „שרה״?

יעדער מענש איז ניט בעשאפען געווארען צו לעבען פאר זיך אליין, הן קערפערליך, הן גייסטליך. א ביזנעסמאן דארף אנקומען צום צווייטען מענשען, צו די יעניגע וואס קויפען זיין סחורה. א בעל מלאכה דאס גלייכען. גייסטליך איז אויך אזוי. מען דארף משלים זיין דעם צווייטען. דער רב— זיין געמיינדע, עלטערען — זייערע קינדער. צוליעב דעם רופען די תלמידים רבן יוחנן בן זכאי „עמוד הימיני״, רעכטער זייל, אזוי ווי די זייל שפארט אונטער די גאנצע הויז, עס זאל ניט פאלען, אזוי דער „צדיק״, אדער „צדקנית״, האלטען אויף מיט זייער לעהרע עס זאל ניט פאלען דער בית ישראל. אז מען זעהט אז איינער נעהמט ארויס זיילען פון זיין הויז, קען זיין אז ער טהוט עס צוליעב צוויי אורזאכען, ער וויל ארייננשטעלען נייע, אדער, חס ושלום, ער וויל אז די הויז זאל איינפאלען. א מאל, אז די קינדער זיינען געווען גוטע, און עס איז אבגעשטארבען א צדיק, זיינען געבליבען יונגע זיילען, שטארקערע, האט מען ניט געדארפט פיעל אויף דעם וויינען. אבער יעצט, אז עס שטארבט א צדיק, אדער א צדקנית, הייסט עס אז די אלטע זיילען ווערען ארויסגענומען און קיין נייע זיינען ניטא, און דער בית ישראל איז ח״ו אין געפאהר איינצופאלען...

היינט מאכט מען פון קינדער בעסער ריכטיגע ברויטגעבער, אפילו פסח אויך... און יום כפור אויך... ברויטגעבער און טויט-מאכער... דאס הייסט ווען די עלטערען שטארבען אב הייסען זיי ריכטיג געשטארבען, ווייל זייערע הייזקעלעך זיינען אלט געווארען, קיין עמודים האבען זיי ניט איבערגעלאזען, איז איינגעפאלען די הייזקעלע זייערע, און פערלאשען ח״ו אויך די נשמה.

פיעליכט וועט איהר פרעגען: א דרשן קומט צוגעהן אין שטעלט זיך ביים ארון המת, און זאגט א הספד אויף א פרוי, איז מילא איהר מאן און קינדער זיינען מחויב איהם אויסצוהערען און צו וויינען. אבער מיר, פרעמדע, וואס בעלאנגט עס צו אונז? מיינע פריינדע, זייט וויסען די פרוי איז געווען א צדקנית, און דאס איז אן „עמוד״, א זייל פון דעם יודענטהום, איז יעצט ארויסגעריסען געווארען, קיין נייע זיילכעלעך וואקסען ניט אב יעצט, ס׳איז אן אלטער אנטיק. מיר וועלען שוין באלד אזעלכע מענשען ניט האבען. דאס איז ניט געווען א פרוי וואס האט נור געקוקט אויף זיך אליין, נאר זי האט אכטונג גע־

געבען אויף ארעמע, אויף תלמוד־תורה״ס און אין יעדער דבר שבצדקה האט זי אנטהייל גענומען.

אונזער מוטער׳ס נאמען איז פריהער געווען „שרי״, דאס הייסט „מיין פירשטין״, נור אברהם׳ס פירשטין, אבער נאך איהר לעבען און שטרעבען, וואס זי האט מגייר געווען אזוי פיעל מענשען, און געזארגט פאר די גאנצע וועלט, פאסט ניט איהר צו רופען „מיין פירשטין״, נאר „שרה״, די פירסטין פון דער וועלט, פון אלעמען.

און ווייל שרה איז געווען די פירסטין פון דער וועלט, און אז זי שטארבט דארף מען נאך איהר מאכען א הספד, און אלע דארפען איהר בעוויינען. „ויבא אברהם לספוד״. וועט איהר פרעגען: וואס האט דאס צו אונז? וועל איך אייך זאגען „לשרה״, דער הספד איז דאך צו „שרה״, וואס זי איז געווען א וועלט פירסטין. אלזא, ווייל לשרה איז פאר אלעמען א מצוה „לבכתה״, איהר צו באוויינען. דאס גלייכען, פריינדע, די שרה וואס מיר שטעהען דא איהר מספיד צו זיין, האט אויך ניט געלעבט פאר זיך אליין, נאר פאר דער וועלט, האבען מיר מיט רעכט געדארפט איהר מספיד זיין און א טרעהר לאזען. ומחה ד׳ דמעה מעל כל פנים, אמן.

---

ל״א

# חנוך הגדר

„ויתן לו את מערת המכפלת וגו׳ בכסף מלא (רש״י) וכן דוד אמר לארונה בכסף מלא״.

(בעפאר מען עפענט דעם טויער)— „של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא״. מיינע פריינדע, בעפאר איהר נעהמט זיך צו ביזנעס, צו פערקויפען יעדען סלופיק, ווייל עס האט אייך אריינגע־טריבען אין א סך געלד, איך פערשטעה אז יעדער פון אייך וועט געוויס קוי־פען, ווייל ער וויל געוויס אז זיין נא־מען זאל זיין אויסגעהאקט אויפ׳ן סלופקעלע, און ווירקליך, איז עס בע־סער צו זיין מיט׳ן נאמען אויפ׳ן סלופ־קע, עהער צו זיין אויסגעהאקט דער נאמען אויפ׳ן מצבה ח״ו.

אבער בעפאר מוז איך אייך ער־קלעהרען, אז קיין ארט קען ניט גערו־פען ווערען טהור און זאגאר קדוש, נאר דער הייליגער, ריינער ארט, ווייל דא איז דער ארט וואו עס ווערט פער־לארען קנאה, שנאה, תאוה, כבוד, וואס ביי דעם מענשען געפינט זיך. אין א חברה מאכט זיך א מאל א ביסעלע שנאה, איינער צום צווייטען, אבער אז איהר זייט צוזאמענגעקומען דא אויף דעם הייליגען ארט, דא דארף יעדער אוועקשליידערען אלע שלעכטע מדות.

פאר דעם טויער זיינען אלע שלעכ־

טע מדות פאראן ביי פיעלע מענשען, אָבער ווי מיר עפענען דעם טויער און מיר נעמען בעטראַכטען די אלע וואָס געפינען זיך דאָרט, די רוהיגקייט פון די קברים, ניטא קיין שנאה, ניטא קיין קנאה, ניטא קיין כבוד, זאָלט איהר דעם אָרט דעם הייליגען נים פארשוועכען.

און אויסטהאָן פון זיך די שיך, דאָס הייסט די אויסזייטיגע אומריינע געפיהלען, און ספּענדען געלד פאר דעם צוועק צו בעזאָרגען אייער רוהע לאחר מאה ועשרים שנה. „של נעליך מעל רגליך“, טהוע אוים דיינע שמוציגע געפיהלען פון דיין געוואוינהייט, „רגליך“ — פון דיינע רגילות, געוואוינהייט, ווארום דארפסטו אזוי טהאָן? ווייל „כי המקום“, דען דער אָרט „אשר“, וועלכער „אתה“, דו, „עומד עליו“, שטעהסט אויף איהם, „אדמת קודש הוא“, דער „איז דער הייליגער, ריינער, הייליגער אָרט“. (יעצט ווערט פערקויפט דער עפענונג)

געבענשט זאָלען זיין די לייטע, וועלכע רעספּעקטירען דעם אָרט און פּוצען איהם אוים, געוועהנליך ניט מיט אן איסור... מיט א שווארצען פּאָס אויפ׳ן האנד, ווי א רוסישער פעלדפעבעל קריעגט צום צווייטען דיענסט. דאָס איז „חוקות העמים“. אָדער וועקשטעלען אין א מצבה פון א פרוי איהר פּיקטשע, ווי עס ווערט יעצט פאָטאָגראפירט, די האריז אָפען, פארפּודערט, מיט׳ן בלויזען קאָפּ. די וואָס גלויבען אין השארת הנפש, די מוזען צוגעבען אז עס איז שרעקליך, זעהר שרעקליך אזא סאָרט פּיקטשע...

אָבער אויף דעם אידישען אָרט, ווער עס ספּענדעט צו פערפּוצען דעם הייליגען אָרט, איז זעהר געשעצט און דארף געאַכטעט זיין ביי אַלעמען. אומגעפעהר, איהר געהט מאכען א „חינוך הגדר“, וואָס שעהנער איהר מאכט איהם, אלס מעהר מצוה איז עס, ווייל דאָס צייגט אויף תחיית המתים, דאָס ווייזט אז איהר גלויבט אין „השארת הנפש“, וואָרום ווען ניט, וואָס איז דער אונטערשיעד וואו מען בעהאלט דעם „בר־מנן“?

פריינדע, ווען אברהם האָט גע־דארפט מקבר זיין זיין פרוי שרה׳ן, קענען מיר דאָך פרעגען: שטייטש אברהם, וואָרום דארפסטו צאָהלען פיער הונדערט דאָלאר, אז דו קריגסט א קבר אומזיסט, ווי זיי האָבען בעפאָר געזאָגט: „במבחר קברינו קבור את מתיך“? ניין, זאָגט אברהםפ איך וויל ניט ליעגען מיט אייך אין איינעם, איך וויל א גראָב פאר מיין פרוי און פאר מיר, נור וואו עס ליעגט „אדם וחוה“. „ויתן לי את מערת המכפלה“, און ווייל עס איז א מצוה, א שעהנעם אָרט לעבען א שעהנעם מענשען, און א בית עולם וואו מען קען מאכען א שעהנעם גדר, דערפאר וועל איך בעצאָהלען עטליכע הונדערט דאָלאר.

פריינדע, איהר האָט היינט געטהאָן ווי אברהם אבינו, און ניט ווי אברהם, ווי אברהם האָט איהר געטהאָן, איהר האָט אָבגעזונדערט אייער סעמעטערי מיט׳ן גדר פון אנדערן סעמעטערי.

ניט ווי אברהם, ווייל אברהם האָט אליין געספּענדעט אזוי פיעל געלד באלד

וויפיעל אייך קאָסט איינגאַנצען דער גאַנצער גדר.

פריינדע, נאָך איין זאַך זאָלט איהר טהאָן ווי אברהם אבינו. ער האָט גע־וואָלט אז זיין נאָמען זאָל זיין אויף דער שטיקעל קרקע וואָס ער האָט גע־קויפט, ווי עס רופט זיך „אדם וחוה“, „אברהם ושרה“, און זאָ ווייטער. אַזוי טהוט יעצט אויך. קויפט א סלופּקע־לע, אָדער גיט אזוי א נדבה, וועט זיין פערשריבּען אין אייער בוך אז איהר האָט געטהאָן אזא שעהנעם טהאַט, טהוט נאָך אברהם אבינו, וועט השי"ת געבּען, אז אייער נאָמען זאָל זיין אויף אימער ווי זיינער, אָמן.

---

## ל"ב

# לנשואין

„ויהי כאשר כלו הגמלים לשתות ויקח האיש נזם זהב וגו'
ושני צמידים על ידיה עשרה זהב משקלם“.

און עס איז געווען, ווי די קעמלען האָבּען געענדיגט טרינקען, האָט דער מאַן גענומען א „נזם זהב“ און איהר געגעבּען, און צוויי בּראַסלעטען אויף איהרע הענט. זאָגט דער מדרש דאַ־רויף ווי פאָלגט: „שני צמידים כנגד שני לוחות“, „עשרה זהב משקלם“ כנגד „עשרת הדברות“. די צוויי בּראַס־לעטען איז קעגען די צוויי לוחות, דער וואָג „צעהן זהב“ איז קעגען די צעהן געבּאָט.

אייגענטליך, וואָס פאַר א שייכות האָט די „שני צמידים“ צו די לוחות מיט די עשרת הדברות? עס איז פאַ־ראַן צוויי זאַכען, וואָס דאַדורך ווערען מענשען צוזאַמענגעבּונדען אין איין קערפּערשאַפט, דאָס איז איינע, די רע־ליגיעזע פערבּינדונג, אומגעפעהר, אי־דען, אַלע האָבּען איין תורה, איינע מצות, איינע מנהגים, וואו ער קומט געפינט ער די זעלבּע תורה, די זעלבּע מנהגים, די זעלבּי „ששה סדרי משנה“, די זעלבּע „ש"ס“, דאַדורך ווערט ער־וועקט אהבה איינער צום צווייטען.

די צווייטע איז געבּויט אויף דעם „יסוד פון חברותא“, דאָס הייסט גע־זעלשאַפטליכער פערבּאַנד, דען אַלע מוזען אָנקומען איינער צום צווייטען, איינער פאַרקויפט וואַארע, דער צוויי־טער נעהמט די וואַארע, דער דריטער קויפט די בּגדים, און זאָ ווייטער, דאַ־דורך ווערט איינער צום צווייטען בּע־פריינדעט.

דאָס זאָגט דער מדרש „שני צמידים“ צוויי זאַכען זיינען פאַראַן וואָס בּע־העפטען מענשען איינער צום צוויי־טען. אין העבּרעאיש קען דאָס גע־שריבּען זיין ווי פאָלגט: „יש שני דברים הצומדים ומאחדים לבות של בני אדם זה לזה“, די צוויי זאַכען

וועלכע איך האָב דאָ אויבען גע־שריבען, די צוויי סיבות וואָס ברייג־גען צו פערבינדען מענשען איינער צום אנדערן.

די גרעסטע סיבה, זאָגט דער מדרש, איז שני לוחות, איינע פון די לוחות איז בין אדם למקום, און דאָס איז די תורה אליין, דאדורך זיינען אלע בעפריינדעט. די צווייטע פון די לוחות איז בין אדם לחבירו, מענש צו מענש, די אלע אנגעלעגענהייט, ווי איך האָב גערעדט בעפאָר.

חתן כלה, זייט וויסען דאָס אייער אהבה קען דאן ערסט עקזיסטירען, ניט מיט דעם אליין וואָס איהר ליעבט זיך יעצט איינער דעם צווייטען, דאָס רופט אָן דער תנא „אהבה שתלויה בדבר, בטל דבר בטלה אהבה“. יעדער ליעב־שאַפט וואָס עס אנבעלאַנגט דורך א סיבה גלייך איך דאָס, ווייל איך מוז אָנקומען צו דעם מענשען, דארום גלייך איך איהם, אָבער אז עס ווערט אָבגעטהאָן די סיבה, ווערט בטל די אהבה.

אָבער ווען איהר זאָלט האלטען פוןביידע לוחות, דאן זייט איהר זיכער אז אייער ליעבע וועט עקזיסטירען ביז עוויג און עוויג. (דאָ קען מען רעכענען אייניגע זאַ־כען פון דער תורה אין דיזער אנגע־לעגענהייט)

ניט ווי יעצט, „ויהי כאשר כלו הגמלים לשתות“ וגו', דאָס הייסט אויף אזא ארט, א מיידעל זעהט זיך מיט א באָי אין טהעאטער אָדער אין א פּארק, און מען פרעגט זיך גאָר ניט וועגען די לוחות און „עשרת הדברות“, נאָר ער רופט איהר אריין אין אן אייז־קריעם פארלאָר און עס ווערט א ליעבע ,אָי, „ויהי“, א צרה. וואס איז די צרה? אָט נאָר כאשר כלו הגמלים לשתות, ווי די צוויי גמלים ענדיגען נאָר טרינקען די סאָדא־וואסער, באלד „ויקח האיש נזם זהב“, און שוין, אהן לוחות, א מאָל אויך אָהן די עלטערען אפילו, אָהנע אלעמען. איך ווינש איך אז אייער לעבען זאָל זיין נור מיט די לוחות, דאן וועט איער זיווג עולה יפה זיין, אָמן.

---

ל"ג

# חנוך הבנים

„ואלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק“.

איהר ווייסט אלע וואָס רש"י זאָגט אויף דעם פסוק ווארום איז געדאָ־פּעלט, אז ער זאָגט „ואלה תולדות יצחק בן אברהם“, ווייסען מיר דאָך שוין אז אברהם הוליד את יצחק, טאָ ווארום זאָגט גלייך דער פסוק נאָך „יצחק בן אברהם“, אז „אברהם הוליד“, אברהם האָט געבאָרען „את יצחק“,? איך וויל

איך דאַ ערקלעהרען א אנדער פשט, און דאָס וועט זיין לחנוך הבנים א מוסר השכל.

איהר זאָלט וויסען ווי ווייט מען דאַרף לערנען א קינד תורה און מעשים טובים ,ניט מיינען אז דער עיקר איז איהם אויסלערנען די הפטרה צו בר־מצוה, און ער קען גראדע די הפטרה אויסוויינינג — און אין חומש קיין אות ניט. זעהט מעהר אכטונג צו געבען אויף די קליינע יונגע פויגעלאך, די הפטרה איז ניט דער עיקר...

איך האָב א מאָל פאַרגעשטעלט די בר־מצוה טראגעדיע (אזוי רוף איך עס) אז דאָס קומט ווי ביים אָבשלאָגען כפרות מיט'ן האָהן ערב יום כפור. דער פאָטער זאָגט „זה חליפתי" — אָט די הפטרה דאָס איז מיין אומבייטען אויף דער תורה שבעל־פה, די תורה וואָס מען האָט געלערענט אויסוועניג דאָס איז משניות, גמרא, ווייל די הפטרה זאָגט ער דאָך אויסוועניג, אינווענינ זאָגט ער דאָך ניט, ווייל ער האָט דאָך אינווענינ ניט געלערענט, דאָס הייסט „תורה שבכתב".

די מאמע זאָגט, ער וועט דאָך באלד אָנפאנגען פערדיענען, וועט ער דאָך א פיידע ברייננען, וועט זיין „זה תמורתי", מיין אומבייטונג, פאר שבת, פאר תפילין, און פאר אלע מצות, מיט די אידישקייט צוזאמען.

דער רבי זאָגט: וועמען אארט עס, איך האָב אָבגענומען די' עטליכע דאָלאר פאר די הפטרה מיט דעם שפיטש, זאָל ער יעצט זיין, דאָס הייסט דער בר־מצוה, מיין כפרה, „זה כפרתי"... „זה התרנגול", אָט דער הענדעלע, וואָס זאָגט ער? ער שפּרינגט ווי א הענדעלע אין סטריט, דער בר־מצוה באַי־גוי, וואָס זאָגט ער? . . . וועמען אארט עס וואָס זיי זאָגען מיר מוסר? לאָזען זיי זאָגען, און אָבער „ואני אכנס לחיים טובים" מען מוז אנפאנגען טרייען פארדיענען און מאכען א לעבען...

איך מוז אייך ערקלעהרען, אז ווען ווערט גערופען א קינד מיט'ן נאָמען „קינד", אז ער איז ממלא מקומו זיינע עלטערען, ער העלפט בויען די עלטערען, אָבער אז ער צוברעכט נאָך וואָס די עלטערען האָבען שוין געבויט, ווערען זיי גערופען „בנים משחיתים"...

דער תלמוד זאָגט (סנהדרין י"ט) „כל המלמד את בן חבירו תורה כאלו ילדו", אז מען לערענט אפילו א פרעמדען קינד תורה, איז גלייך ווי ער האָט איהם געבאָרען. מען פערשטעהט אז אברהם האָט זיין קינד געלערענט תורה איז ער זיין זוהן, און עס מוז געשריבען ווערען אז ער האָט איהם געבאָרען, „כאלו ילדו", ווי חז"ל זאָגען אויף א פרעמדען קינד. אלה תולדות יצחק, אָט דאָס איז די היסטאָריע פון יצחק, פאנגט אָן די תורה צו דערצעהלען, ערסטענס, ווער ער איז, אז ער איז בן אברהם, אברהם'ס זוהן, דער ריכטיגער נאטירליכער זוהן זיינער, יצחק איז אָבער א דאָפּעלטער אברהם'ס זוהן, ווייל ער האָט דאָך מיט איהם געלערענט, און דאדורך איז דאָך אפילו א פרעמדער קינד „כאלו ילדו", דערצעהלט די תורה ווייטער, „אברהם הוליד את יצחק", אברהם האָט מיט איהם תורה געלערענט, דאָס הייסט עס

„הוליד"... פארשטעהט און לערענט דעם פסוק. איהר קענט מעהר פון דעם געניסען ווי איהר זאָלט געהן הערען א גאנצען דרוש. און ווער ווייסט נאָך פון וועמען... נעהמט גוט אין זינען, אז עס קען געמאָלט זיין האָבען א קינד און עס זאָל ח"ו ניט הייסען „הוליד"... נור ער איז צו איהם א בן, א נאטיר־ליכער...

---

ל"ד

# הנוך הבנים

„ויאמר ד' לה שני גוים בבטנך ושני לאומים ממעיך יפרדו וגו'".

די גמרא זאָגט אין (נדה דף ל' ע"ב) „למה הילד דומה במעי אמו לפנקס שמקופל וכו' ונר דולק על ראשו וכו' ומלמדין אותו כל התורה, וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה", דער גאנצער מאמר וועט אין דרוש געבראכט זיין, מיר האָבען בקיצור געשטעלט, מיר וועלען דעם מאמר נאָר פארטייטשען לפי רוח העת.

במעי אמו הייסט, אז דער קינד איז זיך נאָך מפרנס פון דעם וואס די מו־טער גיט איהם, אז ער פארדיענט נאָך ניט, דאן איז נאָך מעגליך איינצור־פלאנצען אין איהם גוטע זיטען... „למה הילד דומה במעי אמו", צו וואָס איז גלייך דער קינד ווען ער איז נאָך „במעי אמו"? אז די מוטער איז איהם נאָך מפרנס?... „לפנקס שמקופל", צו א בוך א פערמאכטען, א בוך נאָך ניט קיין איינגעבונדענער, און נאָך ניט קיין געשריבענער, מען קען נאָך איהם איינבינדען אין טהייערסטען באנד און שרייבען אין איהם אלעס גוטעס...

ציצית בענשען... אדער ח"ו קריסט־מאס סאָנגס... חנוכה ליכטעלאך... און וואָס דאָס בעדייטעט, אָדער ח"ו קריסטמאס פרעזענט... תורת משה... אדער ח"ו ספרים החצונים... שעצען און עהרען יעדען מענשען... אָדער מאַ־כען בלויע אויגען... קורץ — ער איז נאָך א „פנקס מקופל". אָבער ווען איז ער דאָס? ווען ער איז א אוכל ממה שאמו אוכלת... דאן „מלמדין אותו כל התורה", דאן איז נאָך דאָ צייט צו לערנען איהם אלעס גוטעס...

„כיון שיצא לאויר העולם", אבער ווי באלד ער געהט נאָר ארויס אויף דעם פרייען קלימאט, דאָס הייסט אויף אייגענע קעסט, זיך אליין צו פאר־דיענען, דאן „נסתם הפתוח", ווערט פערמאכט די אָפענע מיילכעלע, וואָס האָט נאָך א ביסעל געדאווענט... און עס קומט צו איהם א מלאך, „בא מלאך", קומט דער מלאך, דער מאנו־פעקטשורער... דער פאָרמאן... די חברים... „וסטרו על פיו", און קלאפען איהם אויף זיין מויל, די מויל וואָס

זאָגט: איך וויל שבת ניט ארבייטען... מאכען זי חוזק פון איהם, און זאָגען איהם, דו וועסט ניט האָבען וואָס צו עסען, „וסטרו על פיו“, דו דארפסט דאָך עסען, דאן „ומשכחין אותו כל התורה כולה“, און מאכען איהם פאר־געסען די גאנצע תורה... וואָס הייסט די גאנצע תורה, האָט דען ווען א מענש געלערענט די גאנצע תורה?

נאָר דאָ אין אמעריקא איז טאקע די גאנצע תורה, וויל וואָס לערנען זיי אוים דעם קינד, אמעריקאנער תורה, א ביסעל עברי, און די הפטרה צו בר־מצוה. אלזאָ, דאָס איז דאָך דאָ גע־נוג, הייסט עס כל התורה כולה, דאן „משכחין אותו כל התורה כולה“...

יעקב און עשו ביי איין טאטען, ביי־דע צדיקים, פון די קינדער זעהט מען פאָרלויפיג קיין שלעכטעס... אפילו אויף עשו... נאָר יעקב האָט א גוטען קאָפּ און קען א סך לערנען, עשו האָט א פראָסטען קאָפּ און קען ניט פיעל לערנען, אָבער פרום איז ער. ער פרעגט דאָך אויף מעשר פון שטרוי און זאלץ... נאָר אז זיי זיינען בר־מצוה געוואָרען, „ויגדלו הנערים“, זאָגען דיחז“ל, זיי זיינען אלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר, יעקב בלייבט דאן לערנען און אוכל ממה שאמו אוכלת“, ער עסט וואָס די מאמע גיט איהם, איהרע ניט זיינע... בלייבט ער יעקב. עשו געהט ארויס פון חדר, און ער פארדיענט אליין. אין דעם ערסטען טאָג בא על נערה המאורסה, וכפר בעיקר, והרג את הנפש, וכפר בתחיית המתים, וביזה את הבכורה...

דאָס זאָגט די תורה: דו, רבקה, זיי וויסען, אז ווי לאנג זיי וועלעןביידע זיין ביי דיין טיש, וועסטו האָבען ביי־דע קינדער, שני גוים בבטנך, אָבער ווי איינער וועט ארויסטרעטען פון דיין טיש, ער וועט אליין זיך נעהמען מפרנס זיין, דאָס הייסט „ושני לאומים ממעיך“, און די צוויי לאומים „ממעיך“ ווי זיי וועלען ארוים פון דיין געבען זיי די חיונה, אזוי ווי פריהער „הילד במעי אמו“, דאן רבקה זיי וויסען אז יפרדו, וועלען זיי זיך דאן פונאנדער־שיידען... איינער וועט בלייבען ביי דיין לעהרע, דער צווייטער וועט אוועק אין שלעכטען וועג...

ועסטו, רבקה, אונז פרעגען: וואָ־רום דארף מען עשו'ן אין גאנצען לער־נען? זיי וויסען, רבקה, אז לערנען מוז מען, קוים איז ער א געלערענטער גוי, וועט די צייט מיטברייינגען אז „ורב יעבוד צעיר“, דער עלטסטער וועט דיע־נען דעם איינגערען. די איבעריגע פער־שטעהט אליין.

## ל"ה

# קול יעקב וידי עשו

„הקול קול יעקב והידים ידי עשו“

מיינע טהייערע לעזער, עס האָט א גרויסען שייכות דער קול יעקב מיט די ידי עשו. ניט ווי א סך ספרים פרעגען די שייכות איינע צו די אנדערע. איך וועל, חס ושלום, ניט פערטהיידיגען דעם קאצאפּ, ניט געבּען גערעכט די אנדערע אידען־פערפאָלגער, אָבער לײדער מוזען מיר צוגעבען, אז פיעלע מאָל זעהען מיר ארויס פון דעם בלוטיגען אידישען גרויסען דברי־הימים, די אידישע היסטאָריע, אז מיר אליין זיינען פיעלע מאָל שולדיג פעווען אין דעם וואָס מיר האָבען בעקומען קלעפּ פון דעם „על חרבך תחיה“...

מיר וועלען יעצט ניט ריידען פון די גייסטליכע זייט, פון דער צייט, וואָס מיר ווארפען אוועק אונזער טראַדיציאָן, און רעליגיאָן. דאן ווען מיר הערען ניט אונזערע גרויסע מענשען, ווען מיר פאָלגען ניט משה רבינו מיט די געטליכע תורה, דאן ווערען אונזערע „רביים“ די ניעדעריגע, שמוציגע, צוויי פיסיגע חיות, אין דעם מענשען־געשטאַלט, ריינע, ואהרע טיגערען, לעמפערטען און שלאנגען, אין דיעזער צייט, ווען מיר זיינען זיך מרחק פון דער תורה און מיר קענען זאָגען אז מיר זיינען ווי ביי דעם דור המבול (אין וויץ) „מבית ומחוץ בכופר“, הן אין הויז הן אין סטריט איז מען אויסגעקלעפּט, דאָס הייסט איינגעטונקט מיט „כופר“, „כפירה“, ווי מע זאָגט אויף א בעל עבירה, ער איז א רעגעלער „כופר בעיקר“. ניין, ניט אין דיעזען שטאַנדפּונקט ריידען מיר יעצט גייסטליך.

נור אין קערפּערליכען שטאַנדפּונקט האָבען מיר אימער „רשעי ישראל“ (מוסרים), וועלכע מסר'ן אלע מסירות אויף אידען, פון אידען. דאָס האָבען מיר געזעהן פון דער היסטאָריע א מאָל און מיר זעהען עס יעצט, אלע ווײלע, ווען דער איד געהט מיט זיין „קול“, „הקול קול יעקב“, ווען יענקעלע געהט מיט זיין „קול“ ביי „עשו“ און מסר'ט, דאן „והידים ידי עשו“, דאן קומט עשו מיט זיינע לאַפּעס און ברעכט די ביינער.

דאָס האָבען מיר געזעהן מיט אונזערע אויגען. נאָר קורץ, ניט מאריך זיין, טהוט דאָס ניט איין ביזנעס־מאן צום צווייטען?... דענקט זיך גוט נאָך, און דאן וועט איהר זעהן א וואונדער, א מאָדנעם וואונדער, דארום וואונדערט זיך מאקע יצחק, מיט א הא א תמיה: „הקול קול יעקב“, אז צוליעב דעם זאָל ה"ו זיין ידי עשו. ניט שעהן פון דיר יעקב...

ל"ו

# חזקת התורה

„הקול קול יעקב והידים ידי עשו". ·

די חכמים זאָגען, בזמן שאין קולו של יעקב נשמע בבתי כנסיות ובבתי מדרשות אז והידים ידי עשו", צייט ווען יעקב זיין שטימע פון תורה און תפילה, ווערט ניט געהערט אין די שוהלען דאווענען, און די תורה ווערט ניט געהערט אין די בתי מדרשים, דאן „והידים ידי עשו", דאן שלאָגט אונז „עשו".

אלע פרעגען: שטייטש, אין פסוק שטעהט דאך ניט אז עס ווערט פעה־לען יעקב'ס שטימע, אדרבה, עס שטעהט דאך גאָר „הקול קול יעקב", יעקב'ס שטימע איז דאָ, און דאך איז „והידים ידי עשו", און דאך שלאָגט אונז עשו?

פריינדע, אז א סך ספרים פרעגען די קשיא, דענקט איהר דאך, אז עס איז טאקע א פראגע. ניין, במחילת כבודם... זי האָבען ניט גוט מעיין גע־ווען אין פסוק, ווען זיי וואָלטען גוט אינקוקען אין פסוק, וואָלטען זיי גע־זעהן אז זיי פרעגען אומזיסט אויף אונזערע מלאכי אלקים, די הייליגע חכמים...

נו, זאָג איך אייך, אז עס איז גאָר קיין פראגע ניט, און זייט אזוי גוט און עפענט דעם חומש און בליקט איין אין פסוק, און איהר ווערט אויך געפי־נען, ווי איך האָב געפונען, נאָר אום אייך צו פערשפּאָרען אזוי לאנג צו קוקען אויף'ן פסוק, ווי איך האָב גע־קוקט, אייך טראָגט ניט די צייט דער־צו, ווער איך אייך איין הקדמה געבען, און מיט דער הקדמה ווערט איהר זעהן פון וואנען נעהמען זיך אונזערע געט־ליכע חכמים אזוי צו זאָגען.

דער וואָרט „קול", שטימע, ספּעלט זיך מיט א וא"ו נאָך דעם קו"ף, אָבער ווען עס פעהלט נאָכ'ן קו"ף דער וא"ו און עס שטעהט נאָר „קל", דאן הייסט ער „קל" חסר, דאָס הייסט דער וואָרט קול איז חסר, פעהליג. יעצט בליקט איין אין פסוק, ווערט איהר אזוי גע־פינען: „הקל קול יעקב", טאָ קוקט זיך גוט צו צו דעם ערסטען „הקל", איז געווים ביי אייך אין חומש אויך אָן א וא"ו, איז דאך "הקל" חסר. אָט דאָס האָבען די חז"ל אנגעמערקט, וואָס ביי זיי איז געווען יעדע פּינטעלע צו דרשנ'ען, האָבען זיי אין פסוק גופא געפונען אָט אזוי צו זאָגען „הקל" דער בעוואוסטער „קול" יעקב'ס וואָס דארף זיין מלא מיט א וא"ו און עס דארף זיין „קול יעקב" מלא אין די בתי מדרשים. בזמן שאין קולו של יעקב נשמע וכו', ווייל דא איז דאך טאקע חסר, „אז והידים ידי עשו".

פריינדע, דאָס איז א וואהרער אמת, און איהר זאָלט לערנען א מוסר, ווי ווייט מען דארף שטיצען די ישיבות אז עס זאָל זיין מלא דער קול מיט א וא"ו, ווועלען מיר אלע בזכות התורה געהאָלפען ווערען, אָמן.

ל"ז

# מוסר לבחורי ישראל

„ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה. ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו וישכב במקום ההוא: ויחלום והנה סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו: והנה ד' נצב עליו ויאמר".

היינטיגע יונגע לייט, ווי זיי געהען נאָר ארויס פון זייער פאָטער'ס הויז, געהען זיי אויף ארויס פון דער גאנצער לעהרע, וואָס זיי האָבען ביז יעצט געהאט ביי די עלטערען, און ווארפען הינטער זיך אלעס גוטעס וואָס זיי האָבען ביז יעצטמקבל געווען פון די עלטערען, פון תורה, און מצות, פון גייסטליכען לעבען איז מעהר קיין זכר נימאָ, אפילו אין נאָך הערען זיי אויף צו גלויבען. מען קען ניט זאָגען, זיי געהען אויף דעם לעבענ'ס לייטער העכער און העכער, נור פאַר קערפּערליך, אָבער ניט גייסטליך. זייערע אלע יסודות וואָס זיי בויען, זיינען נור ווינט־שלעסער אויף דעם דא־זיין, אָבער ניט צוצוגרייטען אויף שפּעטער, אויף דעם עתיד אנצוגרייטען...

יעקב פיהרט זיך אנדערש, אין דער צייט וואָס ער געהט ארויס פון זיין היים, פון זיינע עלטערען, „ויצא יעקב מבאר שבע", פון זיין היים פון די עלטערען, „וילך חרנה", און ער געהט קיין „חרן", ביי לבן הארמי, ער געהט דאָרט ביזנעס מאכען, ער געהט הייראטהען און זעהן ארבייטען צו מאַכען א לעבען, איז וואו ער קומט און וואו ער געהט, „ויפגע במקום", ער באגעגענט זיין אָרט, „מקומו של מקום" דעם עוויגען בעשעפער, און ער גרייט זיך אויף דעם עוויגען לעבען, ווען די זוהן פון לעבען וועט אונטערגעהן, „ויקח מאבני המקום", און ער נעהמט מיט זיך די יסודות, וואָס ער האָט גע־בויט אין זיין לעבען, און וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט אויף שפּעטער, „וישם מראשותיו", און טהוט עס צו־קאָפּענס, אין קבר, און שלאָפט זיך רוהיג. „וישכב במקום ההוא", און ער ליגט רו־היג אין דעם אָרט, „במקום" וואָס די גאָטהייט איז מיט איהם.

אָבער ניט אזוי יעצטיגע יעקב'ס, ווי לאנג א יעצטיגער יעקב איז נאָך "בבית אבא", ניט ווילענדיג א מאָל מוז ער דאוונען, אָבער באלד „ויצא מבית אביו", ווי ער געהט נאָר ארויס פון זיין פאָטער'ס און מוטער'ס הויז, „וילך חרנה", געהט ער צום חרון אף ד', צו גאָטעס כעס, אויף וואָס גאָט איז אין כעס, „ויפגע במקום", און ער בעגעגענט די זעלבע קאָמפּאניע ווי ער איז, און מען מאכט א פּינאָקעל, אן אָקע, אפילו א גאנצע נעכטעל, „וילן שם", און ער נעכטיגט דאָרטען, „כי בא השמש", ביז זיין זונן געהט אונטער ביי איהם, זיין לעבען ענדיגט זיך.

דאָס וואָס איך וויל זאָגען צו די

היינטיגע, איהר גלויבט ניט אין גיהנום, שטראף פאר אייער אויפפיהרונג, נו, זאָל זיין דעם גיהנום פערשטעהט איהר ניט פון יענעם עולם, אָבער איהר דארפט גאָר ניט גלויבען אין יענעם גיהנום, איהם וועט איהר זעהן נאכהער ,איהר וועט איהם געפינען, איהר דארפט ניט גלויבען, ווייל איהם וועט איהר זעהן און פיהלען.

אָבער, איהר זעהט דאָך שוין א גיהנום אויף דער וועלט, ווען איהר לעבט, דורך אזא סאָרט ניט־שעהנעם לעבען, איהר האָט שוין, מן הסתם, געזעהן אויף פיעלע אזא ארט לעבען, אז זיי האָבען געהאט דעם גיהנום אויף דער וועלט ,און אזא ביטערען טויט, מיט סקילה, שריפה, הרג וחנק. סקילה פון טאָפּ פלאָאר שפרינגען צו די שטיינער אראָפּ, פון סטריט, צוליעב תאוה, מן הסתם, ליבע, „מיידעל“, אָדער האָפּ־האָפּ „ביזנעס“, הרג האָט איהר אויך געזעהן מן הסתם, ווי איינער הרג'עט דעם צווייטען צוליעב א מיידעל, אָדער גאָר ח"ו וואָס ער האָט צוגערויבט זיין ווייבעל... „חנק“, האָט איהר שוין אויך געזעהן, דאָס הייסט מיט נויאָרקער ביליגען געז־בעל, אין גאנצען א טויזענד אכציג סענט... נו, האָט עס א צורה גענומען א געז פּייפּ... מן הסתם אויך ניט פאר מנחה דאוונען, האָ? נאָר פיעלייכט, ניין, געווים — פאר צוויי ווייבלעך הייראטהען, אָדער געפינט א ביזנעס א מיטעלען, מיט א דאָפּעלטען אויסגאבע, א פייפ אין מויל און ווערט דערשטיקט און שא... אָי, א גיהנום בעפאָר מן הסתם געהאט, איידער מען בעוויליגט צו טהאָן אזא שריט. שריפה זאָל איבערבלייבען פאר די רשעי ישראל, פון די אומות העולם, וואָס האָבען אונזערע ברידער געמאָרדעט, געבערענט, אונזערע שוועסטער מאָנס געווען, גערויבט זייער עהרע, אין דיעזע וועלט בלוטיגע מלחמה.

יא, מיינע טהייערע, איהר האָט אויפגעהערט צו גלויבען אין דעם גיהנום פון דאָרטען, נו, וואָס זאָל מען טהאָן מיט אייך? נאָט אייך א גיהנום דאָ... און ווען איך וואָלט אן אייגענעם דרוק געהאט, וואָלט איך ניט נעראָרפט זשאלעווען עס זאָל גרעסער דער דרוש זיין, ווייל עס וואָלט אויסגעמאכט ביליגער דער דרוק, דאן וואָלט איך אייך פאָרגעשטעלט גיהנום'ס א פּאָאר טויזענד. קומט מיט מיר, לעבט ווי איך לערען אייך, איהר זאָלט פאָלגען די לעהרע פון אייערע עלטערען, דאן וועט איהר האָבען גן עדן, און טאקע דאָ אויף דער וועלט.

ל"ח

# מחלוקת צו ליעב א רב

„ויקח מאבני המקום"

רש"י זאָגט אז די שטיינער האָבען זיך געקריעגט. איינער זאָגט אויף מיר זאָל דער צדיק לייגען זיין קאָפּ, און אזוי זאָגען אלע, ביז עס איז געוואָרען פון אלע שטיינער איין שטיין... אייביג האָב איך עס ניט פערשטאנען, דורך פשט, ווי אזוי קענען שטיינער זיך קריעגען?... ביז איך בין געקומען אין אמעריקא און דורכגעשטודירט דעם אמעריקאנעם לעבען, אויכוועניג, פון סטריט, און אינוועניג, פון די שוהלען, האָב איך עס נעזעהן, און אויב איהר האָט חאָטש א געוויסען פון א מענשען, ניט פון שטיינער אין גאנצען, מוזט איהר עס צוגעבען... אָט זעהט און שטוינט...

אז עס קומט אריין א רב אין א שוהל, און ער קריגט אן אגרימענט אויף א פּאָאר יאָהר, איז די ערסטע צייט זעהר גוט, ער פאר זיי און זיי, ווידער, צו איהם. עס קלינגט אין די צייטונגען א מזל טוב פון דעם און דעם, און זיי אליין קענען ניט אבלויבּען דעם רב: אי, איז דאָס א למדן! אי איז ער א צדיק! אי איז ער א דרשן! אי איז ער א חכם! אי איז ער א גור־סער! אי איז ער א בעל מדות טובות!

דער רב איז נאָר אָב ביי זיי א האלב יאָהר, ער האָט נאָך קיין צייט ניט גע־האט אפילו זיך אויסצוצאָהלען פון זיי־נע שולדען פאר'ן מופען, הערען מיר שוין אז דער פּרעזידענט זאָגט, עס ווערט שוין פון למדן — וואָס? עם־הארץ, פון צדיק? — א רשע, פון דרשן — א פּלאפּלער, פון חכם — א שוטה, פון גוטער — א שלעכטער, פון זיינע מדות טובות — א רע!

דאן אפילו אזעלכע שטיינער ווי רע־געלע שטיינער, אמת'ע שטיינער, שכל ווי שטיינער, אידישקייט, מענשליכ־קייט — ווי שטיינער. וואָס האָבען א מאָל א פּנים געהאט אין רוסלאנד פונקט ווי שטיינער, אויב ער איז ווע־מען געשטאנען איין וועג האָט מען איהם געווארפען פון זיך ווי שטיינער, אפילו די שטיינער מאכען א מחלוקה און קריגען אויפ'ן רב... איינער זאָגט: היינטיגע דרשה האָט ער מיר גע־מיינט... ער האָט מיר אָנגעוואונקען, מיר געשאָלטען „עלי יניח צדיק את ראשו", אויף מיר האָט דער צדיק אָנ־געטייטעלט מיט זיין דרשה, וואָס ער האָט געמאכט מיט זיין קאָפּ שטיק, דער זאָגט עלי וכו — אויף מיר.

קורץ, עס קומט צום מיטינג, איז אפילו די אלע שטיינער, וואָס זיינען רעגעלע שטיינער, וואָס קריגען זיך ביז איצט ארום איינע מיט די אנדערע, און מען קען זיי קיין מאָל ניט פאראייני־גען, ווי עס האלט אָבצוזאָגען דעם רב, ווערט פון אלע שטיינער איין שטיין, און עס ווערט אן אחדות. אז „תלמידי חכמים" זיינען חאָטש אויף איין מאָל נויטהיג אין אמעריקא, אז דורך זיי

זיי אָבצוזאָגען, זיי צו טהאָן א רעה, ווערט שלום בעולם. און דאָס איז דער פשט אויף אמעריקאניש, תלמידי חכמים זיינען גורם אז „מרבים שלום בעולם"...

---

ל"ט

# חנוך הבנים

(מדרש). ועתה בי צדקתי ביום מחר, כתיב אל תתהלל ביום מחר אתה אמרת וענתה בי צדקתי ביום מחר, מחר בתך יוצאת וכו'

אימער איז מיר וואונדערבאר געווען דיעזער מדרש. הערט ווי איך וועל דאָ פאר אייך בקיצור איבערגעבען: יעקב זאָגט צו לבן ,דו שייד אָב אלע שעפ־סען עקודים וכו' און דו וועסט זעהן אז איך וועל ח"ו ניט גנב'נען, אָדער גזלנ'ען, פון דיר גאָרנישט. און איך וועל היטען ווי אלע מאָל, דאָס זאָגט ער דו אליין וועסט זיך איבערציינגען און אלע ארומיגע לייטע וועלען צו־געבען, אז אין א צייט ארום „וענתה בי צדקתי ביום מחר". זאָגט דער מדרש: שטייטש, יעקב, אל תתהלל ביום מחר, דו זאָלסט זיך ניט בעריה־מען מיט'ן מאָרגען, זאָגט שלמה המלך, ווערסטו זעהן, מאָרגען וועט דיין טאָכ־טער ארויסגעהן און וועט צוגענומען ווערען, און מען וועט איהר פייניגען. דאכט זיך אז דאָס האנדעלט זיך מיט שעפסען, וואָס האָט די נקודים מטולאים צו דינה, זיין טאָכטער?... און צום „וענתה בו צדקתו ביום מחר"?

פריינדע, מיר מוזען ווייטער בע־ריהרען די זעלבע זאך, וואָס איך האָב אייניגע מאָל אין מיינע ספרים געשרי־בען, און זאָגאר, איך מוז אייך אליין זאָגען, אז דאָס קענט איהר אָנרופען געשאָטען זאָלץ אויף די וואונדען, ווייל איהר זאָגט ווען א רב א דרשן רעדט, אָדער שרייבט וועגען חנוך הבנים, אז מיר קענען ניט העלפען, וואָס זאָלען מיר טהאָן? רבותי, איך שיט זאלץ אויף די וואונדען, עס איז אמת, אָבער שארט ארונטער די זאלץ און קורירט דעם וואונד, און גראדע יעצט וויל איך צו אייך ריידען, ניט צו אייערע קינ־דער, ניט וועגען לערנען, נור וועגען אייך, וואָס איהר לערענט זיי גאָר צו־פיעל...

רבותי, איהר געדענקט, אז אין רוס־לאנד אז מען האָט געדאַרפט שבת בריינגען דעם טשאָלענט, האָט יעדער געזוכט א שייגעץ, ניט א אידישן שיי־געץ צו בריינגען דעם טשאָלענט. היינט דארף מען קיין טשאָלענט בריינגען דורך א קריסט, ווייל פיעלייכט דארום ווילט איהר ניט בריינגען דעם טשאָ־לענט דורך א קריסט, ווייל עס איז דאָ א וואונק אין דער תורה „ורב יעבוד צעיר", דער עלטערער וועט דיענען

דעם אינגערען, עשו וועט דיענען יעקב'ן. עס איז קיינמאָל, דאכט זיך, ניט געוועז אז עשו זאָל דיענען יעקב'ן, נאָר מיט דעם טשאָלענט, וואָס עשו וועט דיענען צו יעקב'ן און דארפען פאר איהם ברייננגען טשאָלענטען, ווייל איהר האָט, פיעלייכט, געשפירט דעם פסוק, ווילט איהר איהם ניט מקיים זיין.

אלזא, יעצט טהוט עס דער זוהן, זיין איינענער זוהן. איך קען טאטעס צדיקים וואָס טראָגען קיין הענדקערטשיעף אום שבת, און ווי עס קומט שבת, קומען צוגעהן דער גרויסער דזשייק און גרויסע קיידי, און ער זאָגט צו זיי: זייט וויסען אז דער סאָרט סיגארלעך איז דא אזוי פיעל און אזוי פיעל, און איהר פארקויפט עס. איך געה אליין צו קבלת שבת, איך מוז היינט געהן א ביסעלע פריהער, ווייל היינט דארף איך מקבל שבת זיין און מעריב דאוונען, אלס חזן, בעל תפלה, מאָרגען וועל איך אויך דאוונען, ווייל איך בין דער גבאי פון חברה קדישא, און מאָרגען איז אונזער שבת (ער האלט א סטענד).

ווי געפעהלט אייך דער חברה קדישא גבאי? ווי געפעהלט אייך דער ניט־הענדקערטשיעף טראָגער? ווי געפעהלט ער אייך דער עליות־טהיילער? ווי געפעהלט אייך דער צדיק? ווי געפעהלט אייך אין גאנצען זיין חברה?... אז אזא עזות מהוצף פנים, אזא טרפה'נער רשע גמור, אזא פושע ישראל, אזא פאר־פוילטע נשמה?

נידערטרעכטיגער היפאָקריט, אז דו וואָלסט יא געטראָגען די הענדקער־טשיעף און אפילו סמוקען אום שבת אויך, ווענען אָארט עס, טהוא וואָס דו ווילסט, ווער קען דיר אָנווייזען? איך וואָלט דיר א שלעכט וואָרט ניט ריידען, איך וואָלט דיר מוסר זאָגען, אָבער אז דו ווילסט ניט פאָלגען, וואָלט איך זאָגען: געה געזונדערהייט, און טשעפּע זיך אָב פון מיר.

אָבער דו טמא בריאה, שמוציגער, אומגעלומפערטער צדיק, ביזט א חברה קדישא גבאי, און דו געהסט טהיילען עליות, און אין סטענד דיי־נעם, נאָר דיינעם, זאָג ניט קיין לי־גען אז עס געהערט צו דיינע קינדער, רופסטו זיי אראָב און גיסט זיי אי־בער די סיגארעטס צו פארקויפען צו אידעלאך אום שבת... דו האָסט מקבל שבת געוועז אויפ'ן בארג סיני... דיי־נע קינדער ניט...

יא, איך וויים, איך וויים, אז פיעלע עלטערען לעבען נעביך פון זייערע קינ־דער, פון שבת־פערדיענטע, און די על־טערען זיינען פרומע. אָבער איך האָב צו זיי ניט, עס בלוטעט זיי די הארץ, זיי ווערגען זיך מיט'ן ביסען. איך האָב צו זיי ניט, עס בלוטעט מיר מיין הארץ קוקענדיג אויף זיי, נעביך...

אָבער דו, גבאי, דיין ביזנעס, דו, רשע אין צדיק'ס געשטאלט, ניין רשע, איך לאָז דיר אוועק, געה, איך וועל מיט דיר מעהר ניט ריידען, איך וויל דיר ניט קענען, איך ווינש נור דיי־נע מעמבערס, וואו דו ביזט א גבאי, אז זיי זאָלען ניט שטאַרבען, או דו, טרפה נשמה, זאָלסט ניט אָנריהרען זיך אָן זיי ביי דער טהרה.

די יעניגע וואָס קענען עטוואָס

פערמיידען אז די קינדער זאָלען ווע־
ניגער האָטש מחלל שבת זיין, מוזען
עס טהאָן ווי מעגליך, דאָס זאָג איך
אייך, פרומע נשמות, טהייערע מיינע,
איך ליעב אייך מיט לייב און לעבען,
איך פיהל אייערע שמערצען, נור איהר
קענט זיך ניט העלפען...

איך פיהל אז בעריהמען קענט איהר
זיך געווים ניט דערמיט, וואָס אייערע
קינדער זיינען מחלל שבת. וואָס איז
דער מענש מיט זיין גאנצען לעבען?
נאָר אז מען קען דער אייגענער נשמה
גוטעס טהאָן, און פאר די קינדער דאָס
זעלבע, און ח"ו ניט, וואָס טויג עס,
וואָס איז עס?

יעקב פאטריארך, דו ביזט אן אמת־
ער צדיק, דו הייליגער נביא, דו זאָגסט
אז „וענתה בי צדקתי ביום מחר", אויף
„מיר" וועט עדות זאָגען מיין שעהנע
אויפפיהרונג, אז איך בין שעהן און
פיין, אז איך בין גוט און פרום. יעקב,
וואָס העלפט עס דיר דער בעריהמען
זיך, אז דיינע קינדער וועלען טהאָן
ווי דו, איז גוט, איך וויים גאנץ גוט,
יעקב, אז דו וועסט ח"ו ניט הייסען זיי
טהאָן שלעכטעס, איך וויים גאנץ גוט
אז דיינער א קינד וועט טהאָן עטוואָס
שלעכטעס, וועט דיר עס געווג קרייג־
קען, אָבער זאָג ניט, יעקב, „וענתה בי
צדקתי", עס וועט אויף מיר עדות זאָ־
גען מיין גערעכטיגקייט. וואָס הייסט
אויף מיר אליין, וואָס זיינען דאָס פאר
ווערטער? און וואו זיינען דען דיינע
קינדער?

איך וויים, יעקב, אז דו לערענסט זיי
גוטעס, אָבער דו ווייסט נאָך ניט וואָס
שפעטער וועט זיין, טאָ ווארום זאָגסטו
עס וועט אויף מיר עדות זאָגען „ביום
מחר", אין א צייט ארום? פיעלייכט
אין א צייט ארום געהען ארויס דיינע
פאָאר קינדער, אָדער איינער, אדער
איינע, צו תרבות רעה? אתה אמרת
וענתה „בי" צדקתי ביום מחר, זאָג
איך דיר שלמה וועט זאָגען „אל תתהלל
ביום מחר", בעריהם זיך ניט מיט'ן
מאָרגען, אויף „זיך" אליין, און ווייל
דו בעריהמסט זיך אליין מיט'ן „ביום
מחר", זאָג איך דיר טאקע אז „מחר
בתך יוצאת", דיין טאָכטער וועט
ארויסגעהן.

אז יעקב אבינו, דער געטליכער
נביא, דער עמוד התורה, וואָס האָט גע־
לערענט זיינע קינדער גוטעס, נאָר ער
האָט זיך ניט געדאַרפט בעריהמען
„וענתה בי צדקתי ביום מחר", אויף
מיר אליין, איז ער דערפאר געשטראָפט
געוואָרען, קל וחומר — דער גבאי, אז
ער גיט איבער דעם סטענד צו זיינע
קינדער אויף שבת...

לערענט, פריינדע, א ביסעלע פון
דעם, לערענט, טהייערע, א ביסעלע
דערפון, האָט אויף מיר קיין פעראי־
בעל ניט, וואָס איך האָב פראָסט און
שלעכט און שטארק געזידעלט דעם
גבאי, און איך בעט אייך, אז אויב
ביי אייך געפינט זיך א גבאי, א סטענד
קיפער, שיקט איהם צו מיר, ווי שוואך
איך בין, נור ביי מיר אין הויז וועל
איך שוין וויסען ווי זיך צו בעגעהן מיט
איהם.

מ׳

# הפטרת ויצא

„צרור עון אפרים צפונה חטאתו״

איך האָב דעם גערטנק געזעהן אין א ספר, נאָר איך געדענק ניט וואו, אדער איך האָב געהערט און ווייס ניט פון וועמען, דורך א קורצען משל. מיר געדענקען אז אין רוסלאנד זיינען געווען פיעלע לייטע וואָס האָבען גע־האנדעלט מיט טרפה סחורה, פרייסי־שע, און יעדע סטאַרקע פון די גרע־נעץ־שטעדטלאך איז פול געווען מיט דיעזע סחורה. געוועהנליך, די אויפ־גענומענע פון דער רעגיערונג האָבען זיך געמאכט ניט־וויסענדיג, איהר פערשטעהט דאָך פארוואָס, מן הסתם. — און אז עס פלעגט זיך א מאָל מאַ־כען אז עס פלעגט דארפען קומען א גרויסער נאטשאלניק רעווידירען די סטאָרס, דאן פלעגט מען זיך שוין דערוויסען, א מאָל נאָך פון די נאַ־טשאלניקעס אליין. וואָס פלעגט דאן טהאָן ישראל, חיים, בעריל און שמעריל, זיי פלעגען איינפאקען די טרפה סחורה און עס בעהאלטען, וואו מען זאָל עס ניט געפינען. ווען דער אראָבגעקומענער נאטשאלניק פלעגט דורכגעהן, פלעגט ער גאָרנישט געפי־נען. און ווען ער פלעגט אָבפאָהרען פון שטעדטעל, פלעגט יעדער נעהמען די בעהאלטענע זאכען און עס צוריק ארייינטראָגען אין סטאָר.

דער נמשל איז ווי אָנגעמאָסטען אויף אונז. א גאנץ יאָהר האנדלען מיר מיט טרפה סחורה, אנדערע וועני־גער און אנדערע מעהר, וואָס די טרפה סחורה איז, פערשטעהט איהר דאָך אויך, מן הסתם... נו, אבי איהר ווייסט דארף איך ניט שרייבען אלערהאנד עבירות, וועלכע ווערען אָבגעטהאָן... אי, אין יעדער שוהל איז דאָך פאראן א נאטשאלניק, א רב אדער א דרשן? נו, מילא, עס ווערט שוין רעכט. מען מאכט מיט איהם אָב: שוויייג, וועט בעסער זיין, וועסטו א גרעסערע הכנסה האָבען. און אויב דער רב־נאטשאלניק איז צו שטרענג, און ער הויבט אָן צו שטארק זיך צו בייזערען, אויף די טרפה סחורה, האָטש וואָס מען ברייינגט אין שוהל, אין מקום קדוש אריין, אויף דיעזע הויבט זיך אָן דער רב צו בייזערען, און שרייט: גזלנים, ווי אונפערשעהמט איהר זייט, איהר נעהמט א חזן אויף א שבת און מען פערקויפט ארייינגאנג־טיקעטס אום שבת, בפרהסיא, — נעהמט מען און מען זאָגט דעם רב אָב אין גאנצען, אזוי ווי עס האָט פאסירט אין ניו יאָרק, גאָר אין א שעהנעם, פיינעם אָרט. אָבער גאָר, גאָר, דער רב שרייעט: סטייטש, פרייסישע סחורה?! שרייעט די פרייסישע סחורה צו איהם: אז דו ביזט גאָר ביי אונז טריפה סחורה. נור, מילא, מיט די רבנים ווערט שוין רעכט, מיט גוטען, מיט בייזען — עס ווערט רעכט...

אָבער וואָס טהוען אידען זיך אָן

עצה, אזוי צו זאָגען, אז דער זעלבער רב נאטשאלניק, וואָס א גאנץ יאָהר האָט מען דעם נאטשאלניק ניט גע־פאָלגט, אָבער איבערהויבט פערלאנגט מען פון איהם, אז ער זאָל חאָטש דער־מאָהנען ווען דער גאָר גרויסער נא־טשאלניק קומט. נו, אז דער גרויסער נאטשאלניק דארף קומען, זאָגט זיי אָן דער רב מיט פיער וואָכען פריהער: רבותי, באלד קומט אן נאטשאלניק, ראשה־השנה... באלד קומט דער גאָר גרויסער יום כפור...

אידעלאך גיבען זיך אן עצה. מען הויבט אָן פאקען אין פעקלאך און זע־קעלעך די טריפה סחורה און מען בע־האלט. ווי אָבער דער גרויסער נא־טשאלניק פאָהרט אָב, נעהמט מען אָט ארויס צוריק די אלע פעקלעך, וואָס זיינען פערבונדען געוועז אין די זעקע־לעך, און פיעלייכט זיינען זיי א ביסע־לע פערשטויבט געוואָרען, נעהמט מען און מען פוצט זיי ארום, אז זיי בלאנ־קען נאָך מעהר ווי פריהער...

„צרור עון אפרים", עס איז נאָר פארבונדען אפרים'ס טריפה סחורה... עס איז נאָר פערפאקט אין זאק אויף די איינינגע טעג, וואו איז דאָס אָט נאָר טאקע „צפונה חטאתו", עס איז בע־האלטען זיין זינד... מן הסתם, פער־שטעהט איהר דאָך אז עס איז ניט גוט אזוי ווי מיר טהוען, ווייל דער נביא זאָגט גלייך ווייטער: „שובה ישראל עד ד' אלקיך", קעהר זיך אום ישראל פון דעם וועג אין וועלכען דו ביזט ביז יעצט געגאנגען. „אמרו אליו כל תשא עון", אוועקטראָגען אלע זינד, און ניט ארויסנעהמען צוריק פון דעם בעהעלטענים. נאָר וואָס זאָלסטו נעה־מען — „וקח טוב", און נעהם גוטעס, וועט השי"ת געבען אלדאָס גוטע, אָמן.

---

מ"א

# להקמת מצבה

„ויצב יעקב מצבה על קבורתה היא מצבת קבורת רחל עד היום הזה"

קינדער, איהר האָט זיך דא היינט פערזאמעלט. ווארום זייט איהר דאָ געקומען? איז דען דיעזער פלאץ א פלעזשור פלאץ? שוועסטער און ברי־דער, פריינד און גוטע פריינד, וואָס זייט איהר דא געקומען? איך וויים גאנץ גוט אייער אנטוואָרט: איהר זייט דאָ געקומען, ביים קבר, ביי דעם בערגעל ערד, זיך אויסצווויינען, ווייל היינט האָט מען דא אוועקגעשטעלט די מצבה, אָט דעם גרויסען שטיין, אויף דעם קאָפּ פון אייער יונגער מו־טער, וואָס האָט נאָך קיין קינד צו דער חופה געפיהרט, איהר שוועסטער, ברידער, פריינד, בעקאנטע, פערוואנד־טע, דאָס גלייכען.

יא, פריינדע, דאָס איז דער תירוץ אויף מיין פראגע. אבער אז אויף דעם אליין ,טאָ ווארום האָט איהר מיר אויך ארויסגערופען, איך בין דאָך ניט קיין פריינד און אפילו ניט קיין בעקאנטער? אויף צו וויינען אליין דארף מען ניט האָבען, א רב, אדער א דרשן, דער־צו זעהט איהר דאָך אליין, קינדערלאך, אייער בראך, אייער מאמע וועט שוין ניט אויפשטעהען, זי ליגט און פוילט אונטער דעם בערגעל זאמד...

איך וועל אייך אלעמען ערקלעהרען דעם ארויספאָהרען היינטיגען פאר אייך דאָ, און אויך מיין זיין דאָ, אויף עטוואָס אנדערש ווי איהר דענקט. ניט דער עיקר איז דאָ דער וויינען, ניט דער עיקר איז דאָ דער שטיין ,וואָס איהר האָט דאָ אויפגעשטעלט, צו קאָסט ער מעהר וויפיעל איינער וועט שאצען, אדער וועניגער. דאָס איז פאר די געשטאָרבענע גאנץ גלייך. וויינט יא, אָדער וויינט ניט, איז פיר איהר אליץ איינס... נור דער אויפ־שריפט פון דעם שטיין — דאָס איז דער עיקר. גיט א בליק, קינדערלאך, איבערהויפט איהר דארפט עס וויסען, האשה הצנועה, די פרוי די פרומע, בע־האלטענע פרומע, אייער מאמע ,איז געוועזן א זעלטענע פרומע אידישע טאָכטער. געוויס האָט זי געוועלט אייך אימער לערנען אין דעם וועג וואָס זי האָט זיך געפיהרט, זי האָט געוויס געוואָלט זעהן פון אייך אזא אידישע פיהרונג — נו, זי האָט עס נעביך ניט אויסגעפיהרט צו זעהן מיט איהרע אויגען. אָבער איהר פערלאנג איז נאָך יעצט אויך דער זעלבער. ווען מיר וואָלטען געקענט הערען וואָס איהר הייליגע נשמה בעט יעצט ביי אייך, קינדערלאך: זעהט זיך פיהרען און געהן אין דעם אידישען וועג, ווי איך האָב אייך געלערענט. זעהט מיר ניט צו פערשעהמען, ניט דאָ אין קבר, ניט מיין נשמה אין גן עדן!

זייט וויסען, קינדערלאך מיינע, אז איהר וועט אלע יאָהרצייט געהן לאָזען מאכען א הזכרה, וועט איהר הערען אז דער חזן זאָגט דאָרט אייניגע ווער־טער: „ויצרור בצרור החיים את נשמתה“, און דער עוויגער זאָל פער־בינדען אין דעם בונד פון לעבעדיגע איהר זעעלע; דאָס הייסט, ווי באלד דער מענש שטארבט, דארף ער בעטען ביי די קינדערלאך: זייט וויסען, מיי־נע טהייערע קינדערלאך, אויב איהר ווילט אז אייער מאמע זאָל ניט היי־סען געשטאָרבען, דאן טהוט ווי זי האָט אייך געלערענט, טהוט וואָס זי האָט געטהאָן, היט איהרע וועגען, ווארום איהר נשמה איז אָנגעבונדען אָן אייע־רע נשמות. אז איהר טהוט דאָ עפּעס א גוטע טהאַט, דאן לעבט איהר נשמה. אויב איהר פערשטעהט עס ניט, ווי דאָס קען זיין, ווענדעט זיך קינדער־לאך אויב איהר פערשטעהט שוין אלעס און נור דאָס נאָך ניט, איז נאָך אויך קיין בעווייז אז דאָס איז ניט אזוי!

נאָר איך מוז אייך זאָגען אז איהר פערשטעהט נאָך גאָרניט, אזוי ווי איך פערשטעה אויך ניט. פערשטעהט איהר ווי אזוי און ווי קען דאָס א קעסטע־לע ארויסריידען און ארויסזינגען אלע טענער, מיט א גאנצען כאָר, מיט די ווערטער צוזאמען, שארף און שטארק? איהר פערשטעהט עס ניט. איהר ווייסט

ווי מען טהוט עס, אָבער וואָס דאָס איז און ווי אזוי קען עס זיין? מילא, וואָס זאָלען מיר ריידען פון אנדערע געגענ־שטענדע, זאָלען מיר פון זיך אליין ריידען, אָנכאַפּען איין זאַך, אויב איהר פערשטעהט וואָס דאָס איז, ווי אזוי די אויג זעהט. ניין, ניט איהר און אפילו ניט דער גרעסטער פּראָפעסאָר פארשטעהט דאָס!

אלזאָ, אייער מאמע זאָגט צו אייך: ווילט איהר, קינדערלאַך, אייער מאמען טויטען אויף עוויג, קענט איהר נאָר אָבשניידען דעם פאָדעם מיט וועל־זי איז צו אייך צוגעבונדען, דאָס איז מיט איהרע מעשים. „ויצרור", עס זאָל זיין פערבונדען איהר נשמה, און זי זאָל עוויג לעבען. מיט וואָס? און ווי אזוי? אָט „בצרור החיים", ווען עס איז פערבונדען מיט דעם בונד פון די לעבעדיגע.

מיינע פריינדע, איהר געזעגענט זיך מיט אייער פריינד, מיט אייער שוועס־טער, מט אייער מוטער. דאָס איז דער לעצטער כבוד וואָס איהר האָט איהר געגעבען. קינדער, ביי אייך הייסט עס ניט דער לעצטער כבוד. איהר דארפט אלע יאָהרצייט היטען, און ווען איהר קומט אהער, זאָלט איהר א קוק טהאָן אויף די אויפשריפטע פון מצבה און זיך דערמאָהנען דעם לעבען און שטרע־בען פון אייער מוטער. זייט וויסען אז אונטער דעם בערגעלע ליגט א היילי־גער קערפער, א יונגער, אין די בעס־טע יאָהרען. א יונגע, ווען זי שטארבט, איז מעהר צו בעדויערען. ווען שרה שטארבט, געפינען מיר ניט אז א מצבה זאָל אויף איהר קבר געשטעלט ווערען, און אזוי פון פיעלע. נאָר וואָס עפּעס גראדע רחל'ס קבר האָט יעקב באלד אויף איהם א מצבה געשטעלט? איהר ווייסט פארוואָס? ווייל זי איז געשטאָרבען א יונגינקע, דארום איז עס מעהר צו בעדויערען. און השי"ת זאָל געבען עס זאָל שוין קומען די צייט פון בלע המות לנצח, אָמן.

---

מ"ב

# -רוקסום

„וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען"

וואונדער איבער וואונדער האָב איך א מאָל געהאַט, ווען איך האָב געלע־רענט (סנהדרין דף ק"ו). דאָרט זאָגט רבי יוחנן: „כל מקום שנאמר וישב אינו אלא צער."— וואו עס שטעהט דער וואָרט „וישב", זיצען, איז נאָר צער און יסורים. איך ווייס אז אלע ספרים זאָגען אויף „וישב" אז דאָס מיינט זיצען רוהיג, אפילו רש"י אין וישב ברייננגט אויך דעם מאמר „וישב יעקב"—„ביקש יעקב לישב בשלוה", יעקב האָט געוואָלט זיצען

בשלוה. און ר׳ יוחנן זאָגט פערקעהרט: „כל מקום שנאמר וישב אינו אלא צער״? ער ברייננגט נאָך א בעווייז אז עס איז אזוי: עס שטעהט „וישב ישראל בשטים, ויחל העם לזנות״.

פיעלע אומגליקען פאר׳ן אידישען פאָלק זיינען נאָר ארויסגעקומען צו־ליעב דעם גרויסען לוקסוס וואָס דער איד האָט אימער ליעב נאָכצוטהאָן זיי־נע שכנים. דער ארעמסטער געהט ארוים אין סטריט ווי א פירשט, די דיענסט־מיידעל ווי די יענעראלשע, און עס האָט אונזערע בעלי בתים אין רוס־לאנד אויסגעשטאָכען די אויגען. עס ווערט זיי א וועהטאָג אין הארצען. זעה נור, זאָגט זי צום גענעראל, איהר מאן, ווי די ארעמע אידישע טאָכטער געהט דאָך פונקט ווי איך!

דערפון איז אימער די פּאָגראָמען ארויסגעקומען. .איהר ווייסט דערפון אזוי ווי איך, דארום וועל איך ניט מאריך זיין אין דעם. דארום זאָגט ר׳ יוחנן א גאנץ פּשוט׳ע זאך. ניט מיינט אז איך טייטש דעם „וישב״ אנדערס ווי אלע, זאָגט ער. ניין, טא־קע איך טייטש אויך אזוי „בשלוה״, מיינט עס נור איך וועל אייך ערקלעה־רען איין וואָרט זאָגט ר׳ יוחנן וואָס עס קומט ארויס דערפון, פון אייער דיינקען, וואָס איהר דענקט אז איהר זייט „בשלוה״, און וואו איהר זייט „בשלוה״ טאנצט איהר נאָך זיי אין לוקסוס און פאר דער חברה, אייערע שונאים, אז איהר זייט גוט אָב. זיי שטעכט עס געגנוג. וואָס קומט אָבער ארויס דערפון, וועל איך אייך זאָגען: עס קומען דערפון פּאָגראָמען, בלוט־פערגיסונג, רדיפות, רציחות, און אלע אומגליקען. „אין וישב אלא צער״, עס איז ניטא קיין „וישב״ וואו דער איד מיינט אז ער איז שוין רוהיג און וויל האָבען „שלוה״, פּוצט ער זיך דאָך, און אזוי ווייטער — אָט פון דעם קומט ארויס נאָר א צער, אזוי זאָג איך זאָגט ר׳ יוחנן.

אָבער איינער קען מיר פרעגען: אמת, רבי, איהר האָט אין אייער ספר ארייגגעשטעלט אָט דעם „וישב״, און אין אמת קען איך אייך זאָגען אז עס איז טאקע גוט און ריכטיג, און עס איז זעהר גוט געטייטשט. אָבער, ענטשול־דיגט מיר, רבי, אין אמעריקא איז דער טייטש קיין טייטש ניט... ווייל דאָ איז דאָס לאנד צופריעדען אז מיר זיינען ווי אלע, מיר געהען ווי אלע. אין גע־גענטהייל, זי גלייכט ניט אז מען זאָל זיך אָבשטעלען ריקווירטס, נור געהן פאָרווערטס. דעריבער, וואָס מיר ברויכען דאָ לוקסוס ווי אלע קען ניט זיין פון דעם קיין „וישב — צער״...

איך שטעל מיר פאָר אז יעמאנד האָט געפרעגט, איך שטעל מיר פאָר פונקט וואָס איך וואָלט איהם געענט־פערט: נו זאָלען מיר טאקע מיין פריינד לערנען יעצט ר׳ יוחנן׳ס מאמר טאקע פאר אמעריִקא, און עס וועט נאָך בעסער אויסקומען ווי אין רוסלאנד, רומעניען ,מאראקא.

זאָג מיר, מיין פריינד, וואו איז טא־קע אזוי יעקב אראָפּ פון וועג ווי דאָ? די טראדיציאָן און רעליגיאָן האָט יעקֹב איבערגעלאָזען אויפ׳ן שיף, אדער אין גאס אין האמבורג, זעה וואָס פאר א יונגער דור עס איז אופגעשטאנען, חוץ

וואס ער איז ניט געלערענט, איז ער דאך ניט מענשליך. די טיטשער־קע טאכטער זאגט צו דער מאמען: דו שווייג ,דו האסט גאר קיין שכל ניט...

דער זוהן דער לאיער, אדער דאק־טאר, זאגט צום טאטען: אי, לאז מיר צורוה, דו ביזט פון די אלטע נארא־נים. יעצט לאמיר בעטראכטען דעם אמעריקאנעם הוא־הא... האבוועון בלשון אלט־מאדישע שפראך, טאג ווי נאכט, אין ביזנעס, שבת אפען, ווייל ער ווייסט אז ער איז ניט קיין איד, זונטאג ווערט ער א איד, און האלט אויך אפען ! וואס ארבייט א מיידעל אווער־טיים? אבי צו פערדיענען א פאאר דאלאר מעהר, אויב עס איז ניט צוליעב דעם לוקסוס ? וואס ווערט פון דער קלוגער טיטשערקע? זי ליעבט זיך איין אין א טיטשער, אדער אין ווע־מען־עס־איז, א שמוציגע בריאה, וואס האט שוין נים קיין כחות... און נאכ־הער בעפרייט איהר די געז־פייפ... אדער א באטעלע... פרייהייט קען ישראל ניט האבען אין זיך, ער שפרינגט באלד ארויס פון ווינדע... דער דור... זעהסטו דאך וואס פון איהם איז... דער לוקסוס לעגט זיי צעהן יארד אין דער ערד... שמוץ און זנות איז נאר אין דיעזען לאנד. גע־הייראטה, אוועקגעווארפען, געלעבט מיט אן אנדערע, איז די טרייעלס אין היגע קאורט.

רבי יוחנן, אידישער, געטליכער פערזאן, א נביא ביזטו ביי אונז ביי־נאהע. דו האסט פאראויסגעזעהן וואס „וישב יעקב”, ווען יעקב זיצט רוהיג אין א פרייע לאנד, וואס עס ווערט פון איהם. „אין וישב אלא צער”, עס איז ניטא קיין וישב וואו פרייהייט און לוקסוס עקזיסטירט, עס זאל דערפון ניט ארויסקומען צער, צער פאר עלטע־רען, צער פון שלעכטע אויפפיהרונג, כמו „וישב יעקב בשטים”. וואס איז דארט געוועזן? „זנות”. „ויחל העם לזנות”. „וישב יעקב” — אין אמע־ריקא, קפץ עליו רוגזו של יוסף, שפרינגט ארויף אויף דעם אלטען טא־טען מאמען די צרות פון די קליינע יוסף׳לעך. ניטא אפילו קיין קדיש... צו־ליעב וואס? צוליעב לוקסוס, חלול שבת ויו"ט. גאט העלף אונז שוין אין אונ־זער לאנד, וועט שוין זיין וישב אויף ריכטיג.

---

מ"ג

# נסיון העושר

„וישב יעקב (רש"י) ביקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף”

יעקב אבינו, אונזער פאטריארך, וואס האט נאך ביי זיין מאמען אין בויך געפייט מיט עשו זיין ברודער, איהם צו געבען עולם הזה, און אליין

צו נעהמען עולם הבא, און אלעם ענ־דע, ווייל ער יעצט עולם הזה אליין? איך פערשטעה עס ניט, פריינדע!

נור קלעהרענדיג א סך אין דעם ענין, האב איך אויסגעפונען א ריכטי־גען געדאנק, נאך מיין פערשטאנד נאך, ווארום יעקב געלוסט יעצט עולם הזה, אויף דער קורצער צייט פון זיין לעבען.

איך האב געהערט אוויץ, אז בעריל בעל עגלה, פון מיין שטעדטעל, פלעגט אימער בעטען ביי גאט, אזא סארט געבעט: גאט אין הימעל, איך בעט דיר, גיב מיר „לחם לאכול ובגד ללבוש" — ברויט צו עסען און א קלייד צו טראגען. דאס גיב מיר דו, און א שנאפס וועל איך מיר שוין אליין קויפען...

מיר געפעהלט זעהר בעריל בעל עגלה'ס תפלה, ווייל מיט בעריל בעל עגלה פאהרט ישראל פון איין לאנד אין דעם צווייטען, אין גלות... פון שטאדט צו שטאדט, פון דארף צו דארף, און די בעל עגלה'ס ישראל'ס זאגען אזוי אז זיי נעהמען אליין. אזוי איז יעצט ישראל געווארען ווי זיין בעל עגלה. קוים האט ער ניט קיין ברויט, דאן בעט ישראל נאך דריי מאל אין טאג צום הימעלשען פאטער, שחרית, מנחה און מעריב: גיב מיר ברויט און א בגד אנצוטהאן. קוים קריגט עס ישראל אין אמעריקא, ער מאכט א לעבען, און איהם האט שוין גאט געגעבען ברויט, מיט א קלייד, אפילו מיט אלע העטס, מיט דער סטייל נאך, רומס מיט אלע אימ־פרואוומענטס, דאן זאגט ישראל: וואס גאט, וואס מיר בעטען? א שנאפס קויף איך מיר אליין, איך בין דער העעלד, „כחי ועוצם ידי", מיינע קרעפ־טען, מיין חכמה, מיין שפארזאמער לע־בען, וואס איך האב אימער איינגע־האלטען דעם סענט, „עשה לי את החיל הזה", האט מיר אויפגעטהאן דעם פער־מעגען...

יעצט ווער קען שוין צוטרעטען צו מיין פארשוין (אזוי רופט א בעל עגלה זיינע מיטפאהרער) ער איז שוין ניט דער זעלבער, ער האלט שוין פעררי־סען דעם קאפ, ווייל א פוסטע כלי איז ער, און איהר ווייסט דאך וואס די דייטשען זאגען, אז פון פוסטע פעסער איז דער קול גרעסער, און די חז"ל האבען עס פריהער געזאגט, אין בבא מציעא פ"ו: „איסתרא בלגינא קיש קיש קריא", איין סענט אין א פיט־שער קלאפט קיש קיש, אז מען שא־קעלט עס. אבער אז עס איז פול קלאפט זי ניט. היינט אז א מטבע איז אין דעם ליידיגען פיטשער — קלאפט זי...

קורץ, פריינדע, מיר זעהען דאך מעשים בכל יום אז דער ניסון פון רייכקייט איז גרעסער ווי דער נסיון פון ארעמקייט. עס איז פיעל גערעדט געווארען שוין אין אלטע ספרים, און מיר זעהען עס, ווער געהט דאוונען דריי מאל אין טאג אין שוהל? איך ווים אז איהר וועט זאגען דעם אנט־ווארט: ניט בראדוויער מאגנאטען, נור מאנראער טאפ־פלאאריגע.

יעקב האט זיין גאנצען לעבען גע־ליטען צרות, און ביי דעם נסיון פון צרות האט ער זיך דערדיענט דעם טי־טעל ישראל, דורך פייטען זיך אימער

מיט עשו, מיט לבן, מיט שכם און חמור, און זא ווייטער. בייגעשטאנען דעם נסיון הצרות והעוני, זעהר גוט, „עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי", זייענדיג ביי לבן אין אלע יסורים, אין קעלט און אין היץ, און געהיט אלע מצות.

האט אבער יעקב זיך אימער גע־טראכט: איך דארף עולם הזה אויף אלע כפרות. נור איך וואלט נאך אלע מיינע צרות וועלען האבען איינינע יאהר שלוה, כדי צו שטארקען זיך אי־בער דעם גרעסערען נסיון... העושר...

„ביקש יעקב לישב בשלוה", יעקב האט געוואלט יעצט זיצען בשלוה, ווי מיר האבען גערעדט. יא, יעקב, דו ביזט גערעכט, דיר קען מען געבען שלוה, דו וועסט געווים ביישטעהן, דו בלייבסט דער זעלבער צדיק. אבער יעקב, וואס טהוט מען מיט דיינע קינ־דער? יעקב, זיי וויסען, דיינע קינדער קענען ניט ביישטעהן, זיי וועלען אנ־הייבען זוכען כבוד, גדולה, גרויסע שטעלעס, און זיי וועלען אפילו אויף דיר אליין קיין מיטלייד ניט האבען. די גרעסטע יסורים וועלען זיי דיר פערשאפען.

„קפץ עליו רוגזו של יוסף", שפרינגט אויף איהם דער צארן, די שלעכטע טהאטען פון זיין קליינעם יוסף, און די גרעסערע קינדער. דער רעדט אויף זיי, זיי טהוען שוין ניט די זעלבע גוט־טע טהאטען פון א מאל, און עס איז ארויסגעקומען די גרויסע צרה, מכירת יוסף, גלות מצרים. מיר ליידען נאך יעצט דערפון. השי"ת זאל אונז שוין העלפען, אמן.

---

מ"ד

# מ צ ב ה

„קברו של משה רבינו ע"ה נברא בערב שבת (פסחים ד׳) וכן באבות"

פאר אייך, קינדער, וועל איך ער־קלעהרען היינט דעם מאמר, ווייל עס איז דווקא פאסענד. נו, וועל איך פרע־גען אייך, ווארום האט מען בעדארפט משה רבינו'ס קבר צו בעשאפען דווקא פרייטאג פאר נאכט, אין דעם ערס־טען פרייטאג פון די „ששת ימי בראשית"?

ווייעדער האב איך אימער ניט פער־שטאנען, צוליעב וואס רופט ער משה רבינו'ס רוהע־ארט „קבר"? מיר ווי־סען דריי נעמען, מיט וועלכע דער בית עולם ווערט אנגערופען: „בית הקברות", „בית חיים", „בית עולם". זאגען ספרים: „בית הקברות" ווערט אנגערופען פאר א רשע וואס וועט קיין תחיית המתים ניט אויפשטעהן, פאר איהם הייסט די הויז א גרוב, בעגרא־בען אויף עוויג. טא ווי אזוי רופען די חז"ל זיין הייליגען ארט „קברו של

משה," וואו משה רבינו איז בעגראָ־בען?

איהר אלע פערזאמעלטע, איהר זייט געקומען אָבגעבען כבוד אייער פאָטער, און אלע רופען עס דעם לעצטען כבוד. מיט דעם שטיין שטעלען אויף דעם פאָטער'ס גראָב. ניין, איך רוף עס ניט אזוי, און אויב איהר מיינט אז דאָס איז דער לעצטער כבוד, דאן הייסט היינט, אז איהר בעגראָבט אייער טאַ־טען אין א קבר, דאָס הייסט, דער בית עולם, בית הקברות. ווי אזוי איז דאָס? אָט הערט:

א מענש וואָס לאָזט איבער קינ־דער אויף דער וועלט, און די קינדער פיהרען זיך אין דעם זעלבען וועג ווי דער פאָטער, הייסט דער פאָטעער ניט געשטאָרבען, נור ער שלאָפט ביז אליהו הנביא וועט איהם אויפוועקען צו תחיית המתים... היינט אויב דער וואָס דענקט אז מיט דעם שטיין שטעלען איז דער לעצטער כבוד, און איהר געהט אוועק און איהר וועט אין זינען ניט נעהמען אז אייער פאָטעער'ס נשמה רופט צו אייך יעצט: קינדערלאך, זעהט בעגראָבט מיר ניט אויף עוויג, מיט אייערע שלעכטע אויפפיהרונגען, זעהט מיינע קינדערלאך, זאָגט ניט אז איהר האָט מיר שוין דעם לעצטען כבוד אָבגעגעבען. ניין, טויזענד מאָל ניין! יעצט הויבט זיך אָן מיין כבוד. גע־דיינקט, קינדערלאך, ווי איך האָב אָב־געהיט כשרות, זעהט צו האלטען כשר'ע קיכען ביי אייך, ווען ניט בע־גראָבט איהר מיר. זעהט צו האלטען שבת, און אלעם וואָס הייליג ביי ...ן איז.

געדענקט, קינדערלאך, ווי איך האָב געהיט תפלין לייגען, איך בעט ביי אייך חאָטש א העלפט, טהוט מיר נאָך, געדיינקט, קינדערלאך, מיין שבת היי־טען, געדיינקט חאָטש א צעהנטעל, היט ווי איך, דאן וועט זיין מיין כבוד. ווען ניט, בעגראָבט איהר מיר אויף עוויג...

געדיינקט, דערמאָהנט אייך וויפיעל מיהע איך האָב געלייגט אויף אייך. אויב איהר וועט חס ושלום ניט היי־טען, דאן איז דאָס מיין עוויגע חרפה פון אייך, אָדער ווי איהר רופט עס טאקע דעם לעצטען כבוד.

מיינע טהייערע פערזאמעלטע, משה איז געווים ניט געשטאָרבען ביי אונז, משה לעבט, נאָר עס ווענדט זיך ביי וועמען. אָט הערט וואָס הייסט עס עס ווענדט זיך ביי וועמען: משה האָט אונז די גאנצע תורה געגעבען פון גאָט, נור דאָך, איין גרויסע זאך איז פון איהם אליין, און נאכהער האָט גאָט אויך פארבאטען אויף דעם. וואָס איז דאָס? דאָס איז שבת. שבת האָט משה געגעבען פאר אונז, ווען ער האָט נאָך אין מצרים אויסגעבעטען ביי פרעה'ן א טאָג רוהע פאר די אידישע שקלאפען, און ער האָט עס בעקומע די ערלויבעניש אז אידען זאָלען רו־הען א טאָג, האָט משה אויסגעקלי־בען שבת... דארום זאָגען מיר אין „שחרית של שבת": „ישמח משה במתנת חלקו", ווייל דאָס איז זיין מתנה. אָבער אז א איד פאָלגט ניט נאָך אונזער משהן, און עס קומט פרייטאָג פאר נאכט, וואָס מען דאַרף פארשליסען אלע ביזנעס, דאן הויבט

זיך אַן דער שבת, און ער טהוט ניט אזוי, איז ביי דעם אידען אָבגעשטאָר־בען „משה", און ביי איהם רופט זיך „קברו של משה רבינו עליו השלום", משה'ס קבר, דאָס הייסט אז משה הייסט אויך בעגראָבען. ווען איז דאָס? ווען קען דאָס זיין? איהר ווייסט ווען! נברא, ער ווערט בעשאפען, „ערב שבת בין השמשות", פרייטאָג פאר נאכט, ווען מען נעהמט ניט צו דעם שבת.

קינדער, קומט צו געהן אָפט אויף דעם בית החיים, לעזט אימער די מצבה, וועט איהר זיך דערמאָהנען דעם סאָרט אידען, די פיקטשע, די תמונה, פון אייער פאָטער, פאָלגט נאָך זיינע טהאטען וויפיעל איהר קענט, איהר זאָלט ח"ו ניט דארפען קו־מען אהער, ווען איינער ווערט זעהר געפעהרליך קראנק, בעטען ביי דער הייליגער נשמה, זי זאָל בעטען פאר אייך... זעהט עס זאָל זיין ניט דער לעצטער כבוד, ניט דער ערסטער, וואָס פאר א שלעכטעס איהר וועט וועלעען טהאָן, דערמאָהנט אייך באלד אייער פאָטער, זעהט איהם ניט צו פערשעה־מען, וועט ער זיין א מליץ טוב פאר אייך און פאר'ן גאנצען כלל ישראל. אָמן.

---

נ"ה

# חלום פרעה

„ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חולם וגו'"

א וואונדער, א מאָדנער וואונדער, האָט פרעה געזעהן אין חלום: זיבען קיה מאָגערע, אָבער מאָגערע, פשוט'ע נבלות, אזוי ווי די וואָס ווערען גע־שלאכטעט אין די ניו יאָרקער שלאכט־הייזער, פיר די בוטשארעס, וואָס פאר־קויפען פאר פערצעהן סענט א פונט בשר כשר, מיט'ן הכשר פון ביעף־טראָסט... אָט אזעלכע בהמות נעביך האָט פרעה דערזעהן אין חלום און ער האָט זיך דערשראָקען. אז אָך און וועה איז צו איהם געוואָרען, ער האָט גע־קראָגען א הארץ־קלאפונג, „ותפעם רוחו".

נאָך מעהר וואונדער, אז זיבען פעט־טע קיה, גראָבע און דיקע, גרעסער פאר באָפּלעס, זיינען אויך געשטאנען נע־בען זיי, און די מאָגערע קיה האָבען אריינגעשלונגען די פעטע און דאָס איז ביי זיי געוועזן פונקט ווי ביי א קאָזאַק א „צוקער לעקעבעל". דאָ איז דער וואונדער געוואָרען גאָר געפעהר־ליך. ערסטענס, ווייסט ער ניט וואָ־רום עפעס זיבען, און די גאנצע גע־שיכטע — ווי קען דאָס זיין? היינט מיט זאנגען, מאָגערע זיבען, אויסגע־קלאפטע, און זיבען פעטע, פולע, און נא דיר א געשעפט, זיי די מאָגערע זאנ־

נען האָבען אויך איינגעשלונגען די פעטע, און די זעלבע געשיכטע.

פרעה'ן קלאפּט די הארץ. די מכשפים קלעהרען און קלעהרען און לאָזען גאָר אויס דעם כעס צו די טעכטער, ער וועט האָבען זיבען טעכטער און וועט בעגראָבען זיבענען.

נארישער קעניג, דומע מכשפים, אפילו א ביסעל האָט איהר וועגען די טעכטער געטראָפען ,אָבער איהר זייט אראָפּ פון וועג. טעכטער זיינען דאָס טאקע, נאָר וואָס, משוגעים, זאָגט איהר אז געבאָרען, בעגראבען? פע אזא ביזנעס...

נאָר וואָס דען? קומט און הערט וואָס די וועלט זאָגט, און איך וועל נאָר איבערגעבען וואָס די וועלט זאָגט, און מיין אויפטהאָן אין פסוק.

איך קען א באנקיר אין ניו יאָרק. ער האָט מיר געוויזען א מאָל וויפיעל ביכער עס איז פאראן אין זיין באנק, ביינאהע אלע זיינען פול, פערשריבען, ווער עס האָט געלד דעפּאזיטעט, טאַקע זיבען פעטע, גראָבע, גרויסע, שווערע, שטארק געבונדענע (ווייל די מענשען וואָס געפינען זיך אין די ביכער זיינען שטארק משוגע דארום איז שטארק געבונדען...) אָבער נאָך א מאָל טאקע זיבען.

איין מאָל בין איך געוועזען ביי איהם אין הויז. איך האָב איהם ניט געטראָפען, בין איך געזעסען. דערווייעלע האָב איך בעמערקט אויף א טישעל זיינען געלעגען זיבען קליינינקע, פולע, געשריבענע ביכעלעך, פינף סענטיגע. איך האָב גענעפענט א ביכעלע און געפונען לאמר, אזוי צו זאָגען: דער פראנט פיידזשעלע מיט אן אויפשריפטעלע, דאָס דאָקטאָר בילס, און א פעטהען, ניט פאר ריצען־אויל, און ביטעער־זאלץ, דאָס הייסט זי טרינקען די דעפּאזיטארס, נאָר דאָרט איז דאָ אזעלכע מינים שמעקעכץ און טרינקעכץ, אז דער ביכעל האָט בעטראָפען איין סומע פון א פּאָאר טויזענד דאָלער...

א ביכעלע קליידונג, העטס, שיך און זא ווייטער ,האָב איך געפונען פאר איין סיזאָן עפּעס געגויע דריי טויזענד. היינט א קיך־ביכעלע — וויל איך גאָר ניט אויסזאָגען. היינט א דזשועלערי און דיימאָנדס — אויך שא... קורץ, עס האָט מיר אָנגעפאנגען טונקלען אין די אויגען פון די קליינע ביכעלעך, די איינציגע, מעהר ווי מיר פלעגט טונקלען די אויגען א דאָנערשטאג נעכטיל אז איך בין געזעסען וואך א גאנצע נאכט אין וואלאָזשין, דורכגעלערענט אין דער נעכטיל פופצעהן בלאט גמרא מיט תוספות, געדארפט פיקסען א יש ליישב אויף דערצו, דאן האָט מיר די אויגען ניט געשווינדעלט אזוי שטארק ווי פון די קליינינקע ביכעלאך, אז קוקענדיג אין זיי האָב איך פערשטאנען עפּעס, און דער יצר טוב האָט צו מיר געזאָגט: דו האָסט דאָרטען דרייצעהן דאָלער, געה חאַפּ ארויס...

נאָר דער יצר הרע האָט גובר געוועזן, און איך האָב ניט ארויסגענומען. אין א וואָך ארום האָב איך געזעהן דעם גרויסען קרויזד, האָב איך פערשטאַנען אליין אז דאָס לויפט מען אויף וואונדער, ווי די זיבען קליינע ביכעלאך

האָבען איינגעשלונגען די זיבען גרויסע, גראָבע, דיקע, אין לעדערנע בענדער, אָט דיעזע זיבען ביכער...

איך בין געווען א ביסעל צוטומעלט פון מיין חלום, און פון אלעמענ׳ס חלומות, וואָס זיי און איך האָבען געחלום׳ט, און אז מיר האָבען ערוואכט — אויב עס זאָל עפּעס קענטיג זיין פון די גרויסע ביכער...

אי, פּרעה, וואָס וואונדערסטו זיך? דו וואָלסט זיין אין דיעזער צייט, וואָלסטו געזעהן אזעלכע זאכען אויף א מאָל צעהן א טאָג, וואָלסטו פון דיין חלום זיך ניט געוואונדערט. דיינע מכשפים האָבען א ביסעל געטראָפען, עפּעס טעכטער, האָבען זיי געזאָגט... יא, טאקע טעכטער, אָבער די ענדע האָבען זיי ניט פערשטאנען.

די היינטיגע וועלט, די תאוה איז אזוי געפעהרליך, אז צוליעב דעם גיט מען זיבען קליינע ביכעלעך דער ווייבעל...

גיב זיי נאָך, גיב זיי ביכעלאך, דו וועסט ווערען א פּרעה, א חלום פון איינשלינגען א וועלט, א חלום אז דו וועסט דערפון קריגען הארץ־קלאפּונג, א חלום אז דו וועסט זיך ארומזעהן, דו פּרעה, דו האָסט שלעכט גע׳חלום׳ט. עס וועלען נאָר אוועקגעהן די פּאָאר יאָהר, „ויהי מקץ שנתים ימים“, א צרה וועט קומען אויף דיר, אז עס וועט אוועק די פאאר יאהר (ווי די וועלט זאָגט: עס איז אוועק די פּאָאר יאָהר און מען האָ זיך גאָר ניט ארומגעזעהן, פּונקט ווי א חלום), וועסטו דאן זעהן „ופרעה חולם“...

---

מ״ו

# לברית מילה

„ויען ראובן אותם לאמר: הלא אמרתי אליכם לאמר, אל תחטא בילד ולא שמעתם וגם דמו הנה נדרש“

ספרים פרעגען: ווארום האָט גאָט פערזאָגט צו בעשניידען דעם קינד צו אכט טאָג, דאכט זיך אלע מצות איז מען מחויב ערסט צו דרייצעהן יאָהר? נאָר עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, מיינע פריינדע, אז מען מוז דאָך דעם קינד ביז בר־מצוה לערנען די תורה און מצות. און אז דער פאָטער לערנט ניט דעם קינד קיין תורה און מצות, אין חדר גיט ער איהם ניט, קיין ברכה מאכט מען מיט איהם ניט, ציצית טראָגט ער ניט, היטען שבת היט ער ניט, איז דאָך דער קינד קיין איד ניט. איז דאָך א פראגע, ווארום האָט ער גענומען א בייבי פון אכט טאָג און האָט עס נעביך איבערגעגעבען צום מוהל, און האָט געלאָזען שניידען זיין פלייש?

מילה איז מען מקיים מיט א קליין קינד, כדי ער זאָל הייסען איד, און א

אידען דארף מען תורה לערנען, און מצות ווי צו טהאָן, אָבער חס ושלום אז ניט נעלערענט, און ער וואקסט א גוי, איז דאָך א רחמנות אויף דעם קינד ווארום מען האָט זיין יונגע בלוט געלאָזט רינען אומזיסט. „הלא אמרתי אליכם“, איהר זאָלט געדיינקען וואָס איך האָב אייך געזאָגט „לאמר“, אז איהר זאָלט עס איבער׳לאמר׳ן פאר זיך אימער, איהר זאָלט דעם וואָרט אימער נעדיינקען, אז איהר האָט אייער קינד נעלאָזט מל זיין ,כדי איהם צו מאכען פאר א אידען, דארפט איהר איהם דאָך זעהן וואָס דארף א איד וויסען! וואָס דארף א איד טהאָן! וואָס דארף א איד קענען!

אויב איהר טהוט עס ח"ו ניט, איז דאָס וואָס איך וויל אייך זאָגען, אז איהר זאָלט נעדיינקען, זאָג איך אייך, אז איהר זינדיגט מיט אייער קינד, דאָס וואָס איהר האָט איהם מל געווען, „לאמר אל תחטאו בילד“, איהר זאָלט נים זינדיגען מיט׳ן קינד, מיט דעם וואָס „וגם דמו הנה נדרש“, דאָס וואָס איהר האָט פארגאָסען זיין בלוט, דאָס וועט געפאָרשט זיין, ווארום מיט דעם ווייז איהר אז ער איז א איד, און איהר אליין מאכט א אידען פאר א גוי.

א פּאָאר ווערטער, אז מיר ריידען וועגען דעם, וועל איך דערמאָהנען, טאַקע, אז דער ברית ווערט אויך טאקע ניט געמאכט ווי פאר א אידען, נור ווי פאר א גוי, וואָס הייסט עס ווי פאר א גוי? — הער איך אין אייער גע־דאנקען ליגט שוין מיר צו פרעגען.

גאנץ איינפאך, אז איהר זייט מל אייערע קינדער, פונקט ווי גוים, דאָס הייסט, אז א גוי ווערט א איד, האָט ער זיך מל געווען אין דעער צייט? דאכט זיך אז ער איז שוין א גרויסער פויער, ניט צו אכט טאָג. אזוי טהוט מען יעצט ביי אידען, אז שבת דארף זיין דער ברית, און שבת קען דאָך דער פארמאן ניט קומען, מאכט מען דעם ברית זונטאָג. נו איז עס אין דער צייט? הייסט עס ניט ווי א גוי איז זיך מל?

ווען גבירים דייטשע טהוען דאָס, לאָזען זיי זיך טהאָן וואָס זיי טהוען, זיי טהוען אלעס ווי גוים. אָבער מיר, פיל־ווישקער, באלטרעמאָנצער, ניעשווי־זער, חעלמער, ווארנער, ליקניקער, קנאקערס מיינע? מילא די גבירים — אָבער דו, שלעפער, וואו קומסטו דער־צו?

מיר האָט איינער דערצעהלט ער איז געווען ביי א רב (געוועהנליך ניט רב מיט א קמץ, נור א רב מיט א פתח, א באָרד מיט וואָנצעס איז א ריכטי־גער קמץ, הייסט ער רב, זיי אָבער נעה־מען אראָב דעם באָרד ,נאָר די וואָנ־צעס לאָזען זיי, איז א פתח, הייסט ער רב, ראבאי) האָט ער אויך געמאכט דעם שבת־דיגען ברית אויף זונטאג (נו, זאָגט יענער צו מיר) און איהר, רבי שרייט אויף דעם? וואָס זאָל איך טהאָן, זאָג איך איהם, עס איז אזא רב... א מאָל איז אנדערש געווען. שאול האָט געזוכט עזלען און האָט גע־פונען א נביא, היינט זוכט מען נביאים און מען געפינט עזלען (עס איז ניט מיינער א וואָרט, נאָר איך געדיינק ניט פון וועמען איך האָב עס געהערט).

פריינדע, נעהמט צו די ווערטער, עס איז פון ריינעם, טיעפען הארצען, וואס איך רייד, דאס זעלבע שרייב איך פאר אייך. שקולה מצות מילה כנגד כל התורה כולה .אז מען לייגט עס אָב, לייגט מען נאכהער אָב די גאנצע תורה, אלץ שפעטער און שפעטער, ווי די התחלה אזוי איז דער סיום. מאכט דעם ברית אין דער צייט וועט אלעס זיין אין דער צייט ,אפילו שמונה עשרה לחופה. אָמן.

---

מ"ז

# חנוך הבנים

„ויאמר ישראל אל יוסף אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך כי עודך חי"

יעקב זאָגטצו יוסף: איך וועל שטאר־בען דעם מאָל, ווייל איך האָב געזעהן דיין פנים אז דו לעבסט נאָך. דעם אויסדרוק „אז דו לעבסט נאָך", „עודך חי" ,איז ניט קיין גוטער אויסדרוק. אזוי ווי איך האָב א מאָל געזאָגט אין א דרוש דעם מאמר החכם מכל אדם (אין קהלת) „ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר חיים עדנה", איך לויב די טויטע וואס זיינען שוין לאנג געשטאָרבען פון די לעבעדיגע וואס לעבען נאָך, איז אויך עפעס אזוי דער אויסדרוק „לעבען נאָך"?

ווען איך טרעף מיינעם א לאנדס־מען, וואס איז יעצט געקומעען פון מיין שטאָדט, און איך פרעג זיך נאָך אויף צווייען וואס זיינען פונקט דער היפוך איינער פון אנדערן, איינער ר' יוסף דיין, דער גרעסטער צדיק און ת"ח פון שטאָדט ,און אויף דעם גרעסטען רשע, א מסור, יאָסקע מסור, און אז איך פרעג איהם וואס מאכט ר' יוסף דיין? אנטוואָרטעט ער מיר מיט א קרעכץ : ער איז שוין נעביך לאנג גע־שטאָרבען.

וואס מאכט דער יאָסקע מסור? אויב ער לעבט, ענטפערט ער: ער לעבט נאָך. דער וואָרט „נאָך" גיט א בע־דייטונג אז עס איז אן אונגליק וואס ער לעבט נאָך, ער איז א צרה פאר דער געזעלשאפט . און זיין אנטוואָרט אויף דעם צדיק „ער איז שוין לאנג גע־שטאָרבען, נעביך, אי, נעביך," פער־שטעהט דער פערביייגעהער אפילו אז דער ערסטער איז א שאָדען וואס ער איז געשטאָרבען, און דער צווייטער איז אן אונגליק וואס ער לעבט נאָך. דער צדיק, ווען ער יואָלט געלעבט, וואָלט ער געענטפערט : „צו דאנקען גאָט, ער לעבט און איז געזונד".

זאָגט שלמה : איך לויב מעהר א סך די טויטע, „ושבח אני את המתים". די וועלכע טויטע? די וועלכע מען זאָגט „שכבר מתו", אז זיי זיינען

שוין נעביך לאנג געשטאָרבען, איז דער טויטער ביי מיר טהייערער „מן החיים" מעהר פון די לעבעדיגע. וואָס מען זאָגט אויף זיי „אשר", וועלכע, „חיים עודנה", וואָס זיי לעבען נאָך. אלזאָ, יעצט איז די פראגע הארבער א סך: וואָס זאָגט יעקב „כי עודך חי", אז דו לעבסט נאָך?

דער מענש אויף דער וועלטעלע וואָס ער איז געבאָרען, דער מענש מוז שטארבען. קיינער קען עוויג ניט לע־בען, פון גרעסטען ביז'ן קלענסטען. שטארבען מוז מען, אָבער עס איז פער־שיעדען מיט'ן שטארבען. איינער שטארבט אָב אויף עוויג פון ביידע וועלטען, הייסט עס צוויי מאָל גע־שטאָרבען, פון דאנען און פון דאָר־טען, איינער שטארבט נאָר פון דער וועלט, אָבער ניט פון יענער וועלט, דאָרט לעבט ער, און דאָס הייסט איין מאָל געשטאָרבען.

דער וואָס לאָזט א קינד אויף דער וועלט, און דער קינד איז א גוטער, און יעדען יאָהרצייט היט ער אָב דעם דאוונען און לערנען, און ער היט דעם קדיש, און אימער איז ער א איד, איז פון זיינע מעשים וואָס ער טהוט דאָ, האָט א חיות זיין פאָטער'ס אָדער זיין מוטער'ס נשמה, און זיי ווערען אלע מאָל אלץ נתעלה אין א העכערען גן־עדן. קען דען יעצט הייסען אז דער אלטער איז געשטאָרבען? יא, געשטאָר־בען איז ער נאָר פון דאנען, אָבער אז דאָרט שטייגט ער העכער און העכער פונקט ווי א לעבעדיגער, וואָס טהוט גוטעס, און ער קויפט זיך איין די צווייטע עוויגע וועלט.

אז חס ושלום ער לאָזט איבער א רשע, און דאן בעולם הבא, דארט קען מען שוין מעהר ניט זיך אויפטהאָן קיין גוטעס, און דער זונעלע זיינער טהוט איהם געוויס ניט אויף קיין גו־טעס, בעולם הבא, קיין העכערע מדרגה קען ער ניט בעקומען, איז ער אזוי ווי אָבגעשטאָרבען פון ביידע וועלטען.

יעקב אבינו האָט גאנץ גוט גע־וואוסט אז יוסף לעבט וואו עס איז, און עס קען זיין אז ער איז נאָך וואו עס איז געוואָרען א גביר, און די גבירים, ווייסט מען דאָך זייער אידיש־קייט, דעם לוקסוס, דער וואוילטאָג מאכט זיי דאָך משוגע, ווי איך האָב געהערט א טהייערען וויץ ערצעלהלט פונ'ם גרויסען גאון און צדיק ר' איי־זעל חריף. ער איז גערופען געוואָרען צו אן אספה, אין סלאָנים, זיך צו בע־ראטהען וועגען א גרויסען אינטערעס, וואָס זיי האָבען געדארפט האָבען דעם רב דערביי. ער האָט זיין מיינונג גע־געבען פונקט פערקעהרט ווי די גבירים. אָבער זיי האָבען ניט אזוי גיך נאָכגעגעבען דעם רב. דערווייל׳ע איז אריינגעקומען א אידענע וויינענדיג, און געבעטען אז זי וויל זעהן דעם רב. ער, דער צדיק, איז צוגעגאנגען צו איהר און איהר געפרעגט: וואָס דארפסטו? — רבינקע! לעבען זאָלט איהר, ראטעוועט מיר, איך האָב איין זוהן און ער איז אין אמעריקא, האָט זיך מיר גע'חלום'ט הייינטיגע נאכט דאָס ער איז משוגע געוואָרען. רבינקע, האָט רחמנות, ראטעוועט מיר. זייט מיר פותר חלום צו גוטען.

געה אהיים און זיי גאנץ רוהיג, א

גליקליכען חלום האָסטו געזעהן. דיין זוהן איז א גביר געוואָרען... רבי'נקע, וואָס איז דאָס פאר א פתרון? וואו קומט משוגע איבערצולייגען אויף א גביר? משוגע קען מען איבערלייגען אז ער איז געוואָרען א קלוגער, אָבער משוגע — א גביר? וואָס האָט דאָס צו טהאָן איינע מיט די אנדערע?

— געה אהיים — האָט איהר דער רב געענטפערט — איך האָב דיר ריכטיג אויסגעלייגט דעם חלום. אָט גיב א קוק, שטעה דאָ אונטער, און זעה, די אלע גבירים וואָס זיצען דאָ זיינען אלע משוגע...

אלזא, יעקב האָט געוואוסט אז אויב זיין זוהן יוסף איז וואו עס איז רייך געוואָרען, איז ער אויך משוגע גע־וואָרען. און מיט וואָס הייסט משוגע? מיט דעם אליין ,אז מען זאָל אראָב פון וועג או ח"ו לייקענען אין די גאָט־הייט, דארף מען האָבען א גרעסערען משוגעת ווי דאָס איז?

אלזאָ, האָט יעקב אימער אזוי גע־דיינקט און דאן שטאַרבט ער צוויי מאָל, ווי מיר האָבען געשריבען בע־פאָר. און יעצט קומט מען צוגעהן און מען זאָגט איהם אָן: דיין זוהן יוסף עוד יוסף חי ,ער לעבט, א צדיק הייסט ער לעבט, רשעים זיינען טויטע, האָבען זיי איהם אָנגעוואונקען אז חוץ וואָס ער לעבט, ווארום לעבען לעבט א פערד אויך, נאָר חי — ער איז א לעבעדיגער. ער גלויבט זיי. אָבער אז זיי האָבען איהם געזאָגט „וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים", ער איז דער הערשער אויף דעם גאנצען לאנד מצרים, און זיין א „חי", א צדיק הייסט עס, דאן

„ויפג לבו כי לא האמין להם", דאן איז צווייפעלהאפט געוואָרען ביי איהם דען ער האָט זיי ניט געגלויבט. ביידע זאכען קענען ביינאהע ניט זיין, און אין די ווארהייט, איהר האָט שוין גע־זעהן, א סענאטאר, אפילו א ביסעלע קלענער ווי יוסף איז געוועזן, נו, האָט איהר געזעהן אז ער זאָל טראָגען ציצית? לייגען תפילין? אפילו א שטי־קעל דזשאָדזש טהוט דאָס אויך ניט. איך האָב עס ניט געזעהן. אי, זאָגט יעקב, שלעכט, יעצט שטאַרב איך צוויי מאָל...

אָבער אז ער האָט דערזעהן יוסף זיין זוהן, און ער האָט א גוטע ראיה, ער פערשטעהט חכמת הפרצוף, און ער זעהט איהם אז ער איז דער גרויסער צדיק, יעצט זאָגט ער צו זיין זוהן: יוסף מיין קינד, „אמותה הפעם", איך וועל שוין יעצט נאָר דעם מאָל שטאַר־בען, דעם מאָל פון דער וועלט הייסט עס, אָבער נאָר איין מאָל, דאָרטען וועל איך לעבען. ווייסטו ווארום? ווייל „אחרי ראותי את פניך", איך האָב נאָר דערזעהן דיין פנים, און איך ווייס און פערשטעה אז „עודך חי", אז דו לעבסט נאָך, דו ביזט א צדיק, שטאַרב איך נאָר איין מאָל...

איך הער יעצט אייניגע פרעגען: וואָס איז „כי עודך חי", דו לעבסט נאָך? אדרבה, ווייל ער איז א צדיק האָט ער דאָך אזוי ניט געדאַרפט זאָ־גען, נאָר מיינע פריינדע, ווייל ער וואונדערט זיך דאָ. גענוג וואונדער איז מיר אז מען האָט מיר אָנגעזאָגט אז דו לעבסט, נאָך גרעסער דער וואונ־דער, אז דו ביזט א מושל, גרעסער

און גרעסער און פיעל גרעסער, אז דו ביזט נאָך א צדיק, אז „כי עודך חי“, אז דו לעבסט נאָך ווי א צדיק, איז דאָ דער וואָרט „עודך“ אלס וואונדער אז דו ביזט נאָך א צדיק. פערשטעהט דעם מוסר דערפון אליין...

---

מ"ח

# עלטערינס קרעבץ

אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך כי עודך חי.

די וועלט זאָגט, אז עס קומט צום לעבען דאן שטארבט מען. ווען מען וואָלט שוין יא געהאט נחת פון קינדער, פטור פון דאגות חיונה, דאן קומט דער טויט און נעהמט איהם צו. דאָסגלייכען זאָגט יעצט יעקב אבינו עליו השלום: מיין טהייערער קינד, ביז יעצט האָב איך קיין מורא ניט געהאט פאר'ן טויט, ווייל איך האָב אימער געלעבט אין צרות, אפילו אין שוואַנגערען פון מיין מוטער מיט מיר און מיין ברודער עשו, האָבען מיר זיך שוין אינסייד געפייט, געהענדיג מיט איהם אין חדר נאכהער. פערשטעהט מען וויפיעל צרות איך האָב געליטען. פון בר־מצוה אָן א ביזנעס מיט א בכורה. וויפיעל צרות האָב איך דאדורך געליטען פון איהם! נאכהער ברכות פון טאטען, האָב איך געמוזט אין גאנצען אנטלויפען. נאכהער גאר א צרה ביי לבן צוואנציג יאָהר, א פּאָאר יאָהר ליידען צרות די נסיעה, צרת דינה, ועל כולם די צרות צוליעב דיר. אָי צרות. האָב איך אימער אויף זיך דעם טויט געבעטען, וועלכער וואָלט געווען מיין ערלייזער פון אלע צרות. אבער ווען דו ווילסט דעם טויט קומט ער ניט. אָבער יעצט, מיין קינד, פון אלעם פּטור געוואָרען, פון אלעם בעפרייט געוואָרען, און דיר האָב איך געפונען אין אזא הויכע מדרגה קערפּערליך און גייסטליך, יעצט איז מיר גוט, בעסער קען גאָר ניט זיין, האָב איך אָבער מורא אז „אמותה הפעם“, אז איך וועל ביי דיעזען מאָל פון אזא איבערבייט, פון אזוי פיעל אונגליק אויף אזא גליק, אז איך זאָל שטארבען, האָב איך מורא... ווייל „אחרי ראותי את פניך“, ווייל נאָכדעם ווי איך האָב געזעהן דיין פּנים אין וואָס פאר א מדרגה דו ביזט יעצט און דערציו ביזטו נאָך „חי“, א צדיק, ווי אין דעם דרוש בעפאָר איז גערעדט געוואָרען.

פריינדע, מיר וועלען יעצט דעם זעלבען געדאנק נאָר שרייבען אויף אמעריקאנער עלטערען, וואָס ווערען געבראכט אהער, נאָר זיי טייטשען ניט אזוי. יעקב האָט זיך געשראָקען און זיי שרעקען זיך גאָר ניט... א טאָכטער מיט א זוהן ברייננגען אראָב די עלטערען אהער. עהרליכע פרומע מענשען,

פשוט צדיקים. דער זוהן א מחלל שבת בפרהסיא, די קינדער גיט ער ניט אין חדר. די טאָכטער היט אפילו ניט איהר מצות. געקומען זיינען די אַל־טע דאָנערשטאָג. ער זעהט פרייטאָג פריה דער זוהן שטעהט אויף, אריינ־געקראָכען אין א שיסעל וואסער בע־פאָר און האָט זיך ארומגעוואַשען, גלייך זיך געזעצט ביים ברעקפעסט, וואָרום ער געהט דאָך צו דער ארבייט.

שטייטש, מיין זוהן, וואָס איז דאָס א פייער וואָלט מיר בעסער פאר־ברענט, דערטרונקען וואָלט איך בע־סער געוואָרען, איידער איך זעה דאָס, שטייטש, א פושע ישראל, קיין תפילין אפילו ניט !...

טאַטע, דו זאָלסט וויסען אז דאָ איז אמעריקא, און אין אמעריקא מוז מען אזוי טהאָן. און דאָ איז א פרייע וועלט, אז דו ווילסט קענסטו א גאנ־צען טאָג דאווגען. וועמען ארט דאָס? מיר לאָז צו רוה. איך וויים אז גאָט פערלאנגט ניט מען זאָל איהם זאָגען שבחים. פרייטאָג אבענד. געקומען שפעט צוגעהן אהיים, קיין מעריב, קיין קידוש. געזעצט זיך ביים טיש— און פארטיג, געריבען מעטשעס, גע־צונדען, געלאָשען. די קינדער קיין וואָרט עברי און זיי זיינען קינדער פון א נדה.

דאן זאָגען דער טאַטע און די מאַ־מען: געשוויינגערט אונזער זוהן, אונ־זער טאָכטער מיט יסורים, ביי דעם האָ־בען וועהטאָג, ביי יעדען ציינדעלע פאַסטען, ניט געגעסען, געגעבען יענקעלען צו א גוטען רבי'ן, פארזעצט אַלעס פון הויז און יענקעלען אויס־געקויפט פון מיליטער דיענסט, קיין נחת ביז יעצט ניט געהאט.

אָבער יעצט, אז מיר זיינען שוין דאָ אין אמעריקא אלע צוזאמען, און דו, יענקעלע, מאכסט א לעבען (אזוי רופט איהר דאָס דאָ), נו, וואָס וואָלט אונז געפעהלט? נאָר לעבען, אז מיר וואָלטען נאָך געקענט האָטש צוואנ־ציג יאָהר לעבען... אַי, ניין, קוקענדיג אויף דיר, מיין זוהן, און אויף דיינע קנדער, און אויף דיין פיהרונג מיט דיין פרוי... וועלען מיר אויסשרייען, אז די בעסטע מתנה וועט פאר אנוז זיין „אמותה הפעם“... איך וויל בע־סער שטארבען דעם מאָל די גרעסטע צרה פון אונזער לעבען... „אחרי ראותי את פניך“, נאָכדעם ווי מיר האָבען דערזעהן דיין אויסזעהן, פונקט ווי א גוי, און נאָך ערגער... ניין, מיר ווילען ניט לעבען, זעהענדיג ווי דו לעבסט, „כי עודך חי“, נאָך דיין לעבען נאָך וואָס פאר א סאָרט לעבען דו לעבסט... קענען מיר ניט לעבען. השי"ת זאָל שוין העלפען און אונז שיקען אליהו הנביא, און ער זאָל שוין זיין דער משיב לב אבות על בנים וכו', אָמן.

מ"ט

# הזקנה

ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה, ויהי ימי יעקב שני חייו שבע שנים וארבעים ומאת שנה.

פריינדע, די וועלט זאָגט אזוי: איז נאָר די ענדע גוט, איז אלעס גוט. און איך זאָג אייך, מיינע טהייערע, אימער, און שרייב יעצט פאר אייך דאָס זעלבע, אז די גאנצע תפילות וואָס מיר בעטען צו גאָט ב"ה אין אונזער גאנצען לעבען, דארף איין דריטעל גע־בעטען ווערען אויף דעם לעבען פון דער יוגענד, און צוויי דריטעל אויף דעם לעבען פון דער עלטער, אז דער עלטער זאָל זיין א גוטער. אויב דער עלטער איז גוט, איז אלעס גוט. דאן איז דאָס גאנצע לעבען גוט געווען. און אויב די יוגענד איז גוט, און דער על־טער שלעכט, דאן איז אלעס שלעכט.

שטעלט אייך פאָר, צום ביישפיעל, עלטערען האָבען געלעבט א רייכען לע־בען און זיי האָבען זייער זוהן געמאכט פאר א דאָקטאָר, און זייער טאָכטער פערהייראטה פאר א לאָיער. דער רע־דעלע האט זיך אויף דער עלטער א דרעה געטהאָן, און זיי זיינען געבליבען אָהנע ביזנעס, אָהן א שטיקעל ברויט, און די עלטערען דארפען יעצט אָנקו־מען צו די קינדער. ביידע קינדער האָבען געמאכט א מיטינג און עס איז געבליבען אז ביידען האלטען קען מען ניט, ניט דאָ און ניט דאָ, נאָר דער טאַטע זאָל זיין ביים זוהן, די מאמע ביי דער טאָכטער, און אז די טאָכטער צוקריעגט זיך מיט דער מאמען, דאן בייט מען זיך...

און דער זוהן גיט אָנצוהערענים דעם טאטען, אז בעסער פאר אלעס וואָלט זיין פאר איהם אז מען זאָל איהם צו־נעהמען אין מושב זקנים. וואָס זאָל איך מאריך זיין? דער לעבען גיט אונז אלעס צו זעהן און צו הערען ב"ה. דא־רום פון אלע תפילות וואָס מען זאָגט ווערען מיינע אויגען ניט נתפעל, נור פון דער איין ליין „אל תשליכנו לעת זקנה"... גאָט אין הימעל, האָב רחמנות ווארף אונז ניט אוועק אויף דער על־טער... און איך בעט ביי דעם הימעל־שען רבש"ע: מיר בעטען דיר ווי לאנג מיר האָבען כחות זאָלען מיר אליין פארדיענען אונזערע לעבנס־מיטעל, און זיך מאכען א לעבען, איך מיט מיין אלטעטשקע אין איין צימער, אבי ניט אָנקומען צו די קינדער. אמאָל איז אָבער דאָ נאָך מיטעלע מענשען, ערסט א יאָהר פינף און פופציג, און זיי האָבען שוין קיין כחות ניט צו ארביי־טען, דאָס הייסט דעם מענשען אריינ־געוואָרפען אין אלטקייט. ניט די אלט־קייט איז געקומען צו איהם. בעטען מיר: רבש"ע „אל תשליכנו", ווארף אונז ניט אריין „לעת זקנה", צו דער צייט פון אלטקייט. אין אמת'ן זיינען מיר נאָך יונג.

רבותי, צוריק צו די פריהערדיגע, איז די ענדע גוט איז אלעס גוט. יעקב האט דעם גאנצען לעבען געליטען, אבער אזא שעהנע ענדע אויף אלעמען געזאגט געווארען, און אז די ענדע איז גוט איז אלעס גוט. „ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה", יעקב האט געלעבט, דאס הייסט, וואס מען קען אנרופען לעבען, נאר די לעצטע זיעבעצעהן יאהר, מיט אלעם גוטען, עס איז גענוג נחת געווען פון יוסף, און פון די אייניקלעך אלע, אין מצרים. דעם גרעסטען רעספעקט האט מען פאר יעקב'ן. נו, פערשטעהט מען אז דאס איז געווען א לעבען, און ווייל די ענדע איז גוט דארום זאגט די תורה „ויהיו ימי יעקב", איז געווען אלע טעג פון יעקב „שני חייו", די יאהרען פון זיין גאנצען לעבען, גוטע, וואוילע.

השי"ת זאל אונז געבען א גוטען עלטער. ווי ווייט מיר זעהען איז אין אמעריקא אלטקייט ניט קיין ברכה, מען האלט דא ניט פון אן אלטען מאן, אבער גארניט ביינאהע. איך וועל ענדיגען מיט א טרויעריגען וויץ:

אין העסטער סטריט, ניו יארק, האט אן אלטער איד געפעדעלט מיט סטאקענס, זאקען, ווי מען רופט עס ביי אונז אין רוסלאנד, האט ער געשריען, דער גרינער איד: ווייבער, ביליג א פאאר זקן... פינף סענט א פאאר זאקען... אבער ניט מעהר... אין מיינע אויערען האט אבער געקלונגען אז ער שרייט: א פאאר זקנים אין אמעריקא ביליג, ביליג, קויפט זיי פאר פינף סענט...

השי"ת זאל געבען אז די זקנים זאלען טהייערער ווערען, ניט זאקען.

---

נ'

# צוואה

„ויקרבו ימי ישראל למות ויקרא לבנו ליוסף ויאמר לו: אם נא מצאתי חן בעיניך, שם נא ידך תחת ירכי ועשית עמדי חסד ואמת. אל נא תקברני במצרים. ושכבתי עם אבותי" וגו'.

אז עס איז געקומען די צייט ווען יעקב האט געשפירט אז זיינע טעג זיינען געצעהלטע, האט ער א צואה געמאכט, און האט געזאגט צו זיין זוהן יוסף: הער זיך איין, מיין קינד, וואס איך וועל דיר בעטען, איבערהויפט, מעהר פון אלעס, ביי מיינע לעצטע מינוטען. איך בעט דיר „שים נא ידך תחת ירכי", דו זאלסט אלע דיינע קרעפטען אנווענדען אז דו זאלסט בלייבען מיין שטעל־פערטרעטער, אויף מיין ארט, און דאס וועט זיין דער גרעסטער חסד פאר מיר, איך זאל ניט הייסען אין קבר בעגראבען אויף

עוויג... „אל נא תקברני במצרים“... דו זאלסט מיר ניט בעגראבען אין מצרים, אז איך זאל הייסען בעגראבען, ווייל איך האב ניט קיין גוטען קינד, און ח"ו ווען דו זאלסט ניט זיין פרום, היים איך בעגראבען, זעה איך זאל מנוחה האבען אין קבר, איך זאל קענען איינליגען מיט מיינע על־טערען, „ושכבתי עם אבותי“.

אויך לאז איך דיר בצוואה, אז דא אין מצרים זיינען דא גענוג לאדזשען, סאסייעטיס, פעראיינען, קאנגרעגיי־שאנס, און מען וועט מיר וועלען צו־נעהמען וואו אויף א סעמעטערי, זאל־סטו ווייסען זיין אז איך וויל ניט ליגען לעבען א מחלל שבת, אדער סתם לעבען אן אפיקורוס. איך בעט ביי דיר, מיין קינד, „ונשאתני ממצרים“, דו זאלסט מיר ארויסטראגען פון מצרים, און מקבר זיין מיר אויף א סעמעטערי וואו עס זיינען עהרליכע, פרומע מענשען, אבער ניט אין מצרים.

אמעריקאנער בעזארגען זיך מיט א סעמעטערי, זי זאלען האבען א פלאץ צו רוהען נאך זייער ווייטען וועג... אבער זיי בעזארגען זיך ניט מיט קיין צידה לדרך, שפייז צו דעם ווייטען וועג. יעקב, אונזער פאטריארך, האט דערהערט אז יוסף אנטווארטעט איהם יא, „אנכי אעשה כדבריך“, איך וועל טהאן ווי דו רעדסט, בוקט זיך יעקב צו איהם פאר שמחה, אז ער וועט ניט ליגען מיט א רשע צוזאמען...

א מוסר איז דא פארא. נעהמט אליין ארויס דעם מוסר פון צוואת יעקב. און השי"ת זאל געבען אז לעבען זאלען מיר מיט חשבון, וועלען מיר שטאר־בען אויך מיט ודוי און צוואה, און מיט א שהענעם טויט, א גרינגען טויט. זאגט די גמרא אין ברכות מען זאל אויף דעם אימער מתפלל זיין: „על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא, זו מיתה, והוא רחום יכפר עון.

# ספר שמות.

---

נ"א

## אידישע נעמען

„ואל שמות בני ישראל הבאים מ"צרימה את יעקב, איש וביתו באו, ראובן וגו' ויוסף היה במצרים."

אין דעם קורצען דרוש וועל איך שילדערען אין קורצע ווערטער דאס אין אנדערע פעלע זיינען מיר יעצט פיעל ערגער ווי אין מצרים, ווען די אידען זיינען געוועזען פארגרעבטע שקלאפען, געצענדיענער. מיר וועלען אננעהמען איין זאך, און מיט דעם וועט איהר זיך אליין איבערצייגען.

די חכמים אונזערע זאגען אין תלמוד און מדרשים, דאס איינע פון די זאכען וואס האט געבראכט דאצו ווארום די אידען פון מצרים זיינען אויסגעלעזט

געוואָרען פון זייער גלות, איז וואָס זיי האָבען ניט אוועקגעוואָרפען זייערע נע־מען, זיי האָבען ניט פערביטען דעם נאָמען וואָס עס האָט געוויזען יעדען מצרי אז דאָס איז א איד, און דאָ און דאָ וואוינט א איד. און מיר פער־שטעהען דאָך, ווי ווייט מען האָט דאָרט געליעבט א אידען, דאָך איז ביי דעם אידען זיין נאָמען געווען טהייער. איהם איז ליעבער געווען זיך צו רופען יקותיאל ווי אדיקוס, ירחמיאל, מעהר ווי פוט און כוש, און זאָ ווייטער. זיי האָבען שטרענג אָבגעהיט ניט צו פערשוועכען יעקב׳ס צוואה, „ויקרא בהם שמי“, עס זאָל גערופען ווערען אין זיי מיין נאָמען יעקב, ניט דזשייקאָב, אברהם, ניט אייבּרעהעם, שמואל ניט סעם, און זאָ ווייטער.

היינט גיט מען דעם נאָמען צום ברית, נאָכ׳ן זיידען, און גלייך ווי מען דערלאנגט דעם קינד צו דער מוטער צוריק נאָך דער מילה, פרעגט זי ווי האָסטו איהם א נאָמען געגעבען, זאָגט ער: נאָך דיין זיידען, „ברוך. פרעגט זי די דערביי־שטעהענדע: ווי איז דאָס אין ענגליש? זאָגט מען איהר אז מען קען איהם רופען „בעני“, און זי רעדט שוין צום קינד „בענעלע“, בענעלע“. איהר הערט א נאָמען נאָך ר׳ ברוך דעם שוחט? ר׳ ברוך דער שוחט איז דאָ געוואָרען א בענעלע, און בענעלע וועט נאכהער עסען אָהן א ברכה א באַנאַנעלע, און גאָר שפּעטער דורך׳ן קאורט אליין הייראטהען זיין כלה און לעבען אין גאנצען א גוי׳עלע...

איך, דער מחבר, האָב בעזוכט מיי־נעם א לאנדסמאן, האָב איך געטראָפען פינף נעמען אין איין הויז ביי איין פאָטער און מוטער. אָט הערט און רעכענט: דער פאָטער הייסט יחזקאל, רופען זיי איהם צאַלי, דער ניגער האָט א הינטעל, הייסט ער צאַלי, די ביז־נעס זיינע איז סעלצער, האָט ער אַן אייגען פערד, רופט מען דעם פערד אויך צאַלי, קינדערלאַך האָבען זיי, אָט וועל איך אויסרעכענען זייערע נעמען, בּאַיעלעך דריי: אייק, מייק, פייק, און צוויי מיידעלעך: קיידי און סיידי.

יעצט צוריק מצרים נעמען יקותיאל, ירחמיאל, שמואל, פלטיאל, שלומיאל, און זאָ ווייטער, אויף יעדען נאָמען איז דאָ גאָט. זעהט בעטראַכט וועט איהר געפינען. איך האָב שוין א מאָל גע־זעהן א מאַן איז געקומען אין שוהל שבת מאכען מי שברך זיין פרוי, די קינדבעטאָרין. אז דער שמש האָט איהם געפרעגט „מה שמה“? (ווי איז איהר נאָמען?) האָט ער געענטפערט: „א צווילינג“. ווי הייסט אייער פרוי, פרעג איך אייך? אָה, לילי. ווי הייסט איהר פאָטער? איהר פאָטער הייסט צאַלי. ווי וועט איהר וועלען א נאָמען געבען אייער צווילינג מידעלאך? מאַלי און סילי...

פיעלע זאָגען אז דאָ אין אמעריקא צוליעב דער סקוהל איז דאָס אזוי די מאָדע. פריינדע, ערשטענס, אז איך וואָלט מיר וועלען איינשפּאָרען וואָלט איך אייך זאָגען, אז דאָס איז א פאַל־שער תירוץ. ווען דער קינד וואָלט זיי ניט זאָגען קיין אנדער נאָמען, אי־בערהויבט די עלטערען ביים איינשרייבען, ביי דעם אריינברייגען דעם קינד אין סקוהל, וואָלט געמוזט די טיטשע־

רין רופען שמואל, חיים, לייבעל, חאצקעל, ווארום א בעווייז וועל איך אייך גלייך געבען: די איטאליענער רופען די טיטשערינס מיט זייערע נעמען. איך האב אליין געהערט ווי זיי רופען די איטאליענישע קינדער: גארדינוי, פראנצוויזערא, טאם, פריינקס. אין שיקאגא האב איך געהערט ווי א טיטשערין האט גערופען איהר שילער, אן אראבער, קעראדירורע. אלזא, איז דאס אויך א בלאף אז מען מוז אזוי רופען די קינדער צוליעב דער סקוהל...

יעצט וועל איך מיט אייך געהן געלאסען. איך גיב אייך נאך. נו, טא וואס איז אז אין סקוהל רופט מען דעם קינד דזשאנעס, דארום טארט איהר איהם ניט רופען יונה? שעהמען דארפט איהר זיך אין ווייטען האלז, א שאנדע און א חרפה! יונה הנביא איז אייך מיאוס, און דזשאנים איז פאר אייך שעהן...

שאנדע דארפט איהר האבען, ווען יעקב אבינו וואלט אייך יעצט בעגעגענט, פרעגען פון וואס פאר א פאלק זייט איהר? איהר וואלט דאך אנטווארטען „בית יעקב“, אדער „בית ישראל“, אדער אין מאמע־לשון — א איד. ווען ער גיט א פרעג ווי עס הייסט דער קינד אייערער, וועלכען איהר פיהרט פאר'ן האנד, וואלט איהר געענטפערט: „דזשייק“...

יעקב וואלט אויסגעשריען: נאט מיינער, אפילו מיין צוואה האלטען זיי ניט... אי, שרעקליך, וואו זיינען א הין־געקומען מיינע הינדער? דאס זיינען ניט מיינע קינדער... אי, איך האב געהערט אז נאך מיין טויט אין מצרים האט מען געהאלטען די נעמען ריכטיג, ווייל די תורה שרייבט נאך מיין טויט „ואלה שמות בני ישראל“, און דאס זיינען אימער געבליבען די אידישע נעמען, די זעלבע, ניט פארביטען פונקט אזוי ווי אין דער צייט וואס איך בין מיט זיי אריינגעקומען אין מצרים, „הבאים מצרימה את יעקב, איש וביתו“, אלעס מיט די זעלבע נעמען: ראובן, שמעון, לוי, אפילו „ויוסף היה במצרים“, יוסף וואר פון פריהער אין מצרים, דאך בלייבט ער מיט'ן נאמען יוסף, ניט צפנת פענח, ווי פרעה רופט איהם...

נ"ב

# אין מצרים און היינט.

„וימת מלך מצרים, ויאָנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו, ותעל שועתם אל האלהים מן העבודה. וישמע אלהים את נאקתם, ויזכור אלהים את בריתו."

די מדרשים ערצעהלען, וואָס פּרעה האָט געטהאָן צו די אידישע קינדער, ווען מען האָט ניט געמאכט דעם צאָהל פון די ציגעל, האָט ער גענומען דעם אידענ'ס קינד, וועלכער האָט ניט גע ענדיגט די צאָהל פון די ציגעל, און האָט דעם פּאָטער און מוטער אוועק־געשטעלט דערבּיי, און האָט זייער קינד איינגעמויערט אין וואנד, שעהן פער־לייגט די פיסעלעך... דער קינד שרייט: פּאַפּאַ, מאמא, און פערשטעהט די שמערצען פון די עלטערען...

און איך זאָגען טאקע גלייך, אז יעצט טהוען מיר דאָס אליין צו אונ־זערע קינדער. איך דיינק אז איהר וועט ווערען ברוגז אויף מיר, און זאָ־גען: וואָס ער קען זיך אויסדענקען!... נאָך מעהר, אז פּרעה איז קרעציג גע־וואָרען, האָט מען איהם געראטהען צו קוילענען אייניגע הונדערט קינדער און פון זייער בּלוט זיך מאכען וואנעס... געווים האָט מען דאָס געבּרויכט די אידישע קינדער'ס בּלוט, וואָס זיי זייַ־נען הפקר זאָ ווי זאָ.

נו, איך וועל איך גלייך זאָגען אז מיר טהוען עס אליין צו אונזערע קינ־דער. מיר קוילענען זיי אין די וואַ־נעס. וועט איהר דאָך געווים ברוגז ווערען אויף מיר. נאָר וואָס קען איך העלפען, פיעלייכט וועט איהר בּעמער־קען ריכטיג וואָס איך שרייב דאָ, וועט איהר פערשטעהען אז איך בּין גע־רעכט. נאָך ווי גערעכט!...

איך האָב אָנגעטראָפען מיינעם א בעקאנטען, א איד וואָס האָרעוועט טאָג ווי נאכט אום רייך צו ווערען. שבת, יום טוב, וואָכעדיגע טעג — ער אר־בייט אָהן אויפהער. איך פרעג איהם: מיסטער פינקעלשטיין, וואָס מאכט איהר? ווי געהט עס? ווי איז ביזנעס? ער האָט מיט א זיפץ געענטפערט: אָט, (אז איינער זאָגט מיר „אָט", ווייס איך אז דאָס מיינט „אָהן טעם", איך לעב אָהן טעם..) מען האָרעוועט טאָג און נאכט און מען מאכט קוים א לע־בען. אָבער טאקע קוים. וואָס מאכען אייערע הויז־מענשען, אייער פרוי און קינדער? וואָס זאָל איך אייך רבי לאַ־זאראָוו, זאָגען, מיין פרוי האלט פיער בּאָרדערס... (דאָס איז די פיער פון דער הגדה: חכם, רשע, תם און שאינו יודע לשאול), זי האָרעוועט טאָג און נאכט. אִי, האָרעווען מיר, פרעגט גאָר ניט.

מיסטער פינקעלשטיין, איך האָב דאָך געהערט אז איהר האָט געקויפט א פּאָאר הייזלעך אין בראָנזוויל, נו, וואָס איז אייך אזוי שלעכט?... איבּרי־

גענס, אין פּראַפּערטי ביזנעס בין איך קיין מבין גאָר ניט, אָבער זאָגט מיר וואָס מאַכען אייערע קינדער?

אָה, מיינע קינדער ארבייטען אויף שוּוער. מיין זוהן סעמי פערדיענט מיט אָווער־טיים 15 דאָלאַר א וואָך (שבת און יום טוב מן הסתם אפילו ווי אָווער טיים ניט גערעכענט...) מיין מיידעל סיי־די פערדיענט צעהן דאָלאַר א וואָך. איך האָב צוגענומען מיין דזשייקען פון חדר, ער פערדיענט אויף פיער דאָלאַר א וואָך...

מיסטער פינקעלשטיין, וואָס רעדט איהר? עס קען ניט זיין, איהר זאָלט עס טהאָן? ער קען דאָך נאָך ניט קיין עברי! נו ,ווי אזוי טהוט איהר עס? איך וועל אייך ערצעהלען, מיין פריינד, איך האָב געקויפט דריי הייזלעך, און די מאָרטגיידזשעס זיינען גרויס, און זיי שטעהען נאָך לעהר. איך האָב, וויע־דער, געקויפט לאָטס און בילד דאָרט איינינגע הייזקעס, איז מען תמיד פער־איינגט. אז דזשייקעלע ברײנגט טאקע פיער דאָלאַר וועכענטליך, איז גרינגער אין הויז, קען איך בויען די הייזקעלעך, אז נאָך א פערדיענער איז דאָ צו צאָה־לען די מאָרטגיידזשעס.

דאָס האָט מיט מיר גערעדט א איד, ניט חס ושלום אדייטשער יאהודי, א בעל־חבית׳ישער איד. קרעכצען, קרעכצט ער אז מען ארבייט שוּוער, און גיט אפילו קיין איין קרעכץ ניט אויף דעם וואָס די פאַרדיענטע זיינע קומט פון פאַרדיענען אום שבת און יום טוב, ניט לייגען תפילין או טהאָן „כל דבר אסור“...

נאָך מעהר, שוין צוגענומען א קינד פון חדר און ער פערדיענט שוין אויף, און קען אפילו ניט דאַוונען. זאָגט מיר, טהייערע ברידער מיינע, נו, ווי קומט עס יעצט אוים מיט דעם קינד׳ס נשמה׳לע, דזשייקעלע׳ס גייסטעלע, וואָס ער האָט צוגענומען, און דערמיט לייגט ער אוועק איינינע ציעגעל אין וואַנד פון זיינע מייערליך. דער קינד איז א געטיטעטער גייסטליך, הייסט עס ניט אז ער מויערט איין דעם קינד אין וואַנד א לעבעדיגען?...

הייסט עס ניט אז ער קוילעט זיין קינד אום זיך נאכהער לעבען א רייכען לעבען, צו בעוואָהנען א גרויסען פלעט מיט סטיעם היט, הייסע וואסער און זיך מאַכען וואַנעס?...

אז ער זאָל אויסרעכענען ריכטיג, האָט ער אָבער בעפאָר ער איז געקומען דערצו, דאָס הייסט צו דער וואַנע — געקוילעטעט זיין קינד!...

ויעדער, אז ער קרעכצט, קרעכצט ער נור צוליעב דער ארבייט. אי, מען ארבייט שוּוער! וועגען דער נשמה דערמאָהנט ער ניט, פון אידישקייט — קיין זכר ניט...

אין מצרים, אין אזא צייט, וואָס מען קוילעט אידישע קינדער, איבער דריי הונדערט א טאָג, מען מויערט איין קינדער אין די ווענד, אין דער צייט וואָס דער מלך מצרים איז מצורע, נו, וואָס דאַרף דער איד אין מצרים קרעכצען, זיפצען אין דיעזער צייט? אז ער ארבייט שוּוער אָדער וואָס מען קוילעט זיינע קינדער? איך פערשטעה אז ער דאַרף זיפצען פון די קינדערשע בלוט־פערגיסונג מעהר ווי פון דער ארבייט!

אלעם ענדע, וואס זיפצט דער איד אין מצרים, אז „וימת מלך מצרים", אז ער איז מצורע געווארען. ווי די חז"ל זאגען: „ויאנחו בני ישראל", און די בני ישראל האבען געזיפצט, נים פאר קינדערשע בלוט, פאר איינמויע־רען זיינע קינדער אין וואנד, נאר זיי האבען געזיפצט „מן העבודה", פון דער ארבייט. מען ארבייט שווער, אט אזוי פערגרעבט איז מען געווען אין מצרים, און אזוי פערגרעבט איז מען יעצט, אין אמעריקאנער שעפער און פעקטא־רים, און זא ווייטער. „ותעל שועתם אל האלהים מן העבודה", און זייער געשרעה איז אויפגעגאנגען צו גאט פון דער ארבייט, אז זיי קענען שרייען אין דיעזער צייט, ארבייט, ארבייט, איך ארבייט שווער, און נים דערמאה־נען די קינדער. דאן „ויזכור אלהים את בריתו", האט גאט שוין דערמאהנט דעם ברית, דעם אגרימענט וואס ער האט געמאכט מיט די אבות ארויסצו־נעהמען זיי ,און ווען נים יעצט, ווען מען שוין נים קענען איינגאנצען זיי ארויסנעהמען, אזוי וועלען זיי ווערען פערגרעבט.

השי"ת זאל אויף אונז רחמנות הא־בען, און ער זאל אונז שוין אויך אויס־לייזען פון דעם איצטיגען צושטאנד, וואס עס הערשט יעצט ביי אונז די זעלבע ווי דאן, און אונז ברייננגען אין ציון, אמן.

---

נ"ג

# הפטרת שמות

„הבאים ישרא יעקב יציץ ופרח ישראל ומלאו פני תבל תנובה."

איך האב א מאל, זיצענדיג ביי מיין שרייב־טישעל, געקלעהרט ווי אזוי האט געקענט ישראל עקזיסטירען אין מצרים, אז מען זאל זיי דערקענען אז זיי זיינען אידען,און זיינען געבליבען אידען, אהן א תורה, אן תרי"ג מצות, ווי איז דאס געשעהן?

איך האב ערקלעהרט, און מיין ער־קלעהרונג איבערגעגעבען אויף דער בימה, און עס איז געפעלען געווען אלע קלאסען מענשען. און אנגענומען אז דאס איז די סיבה וואס זיי האט אב־געהאלטען איינינגע הונדערט יאהר צו בלייבען וואס זיי זיינען געווען.

דאס וואס דער גרינדער פון זייער נייער היים איז געווען יוסף הצדיק, דער לעהרער זייערער איז געווען יעקב אבינו, און אז ער האט איינגעוואר־צעלט אין זיי די אמונה, די אידישע וואהרע לעהרע, וואס ער האט עס גע־האט בקבלה פון זיין זיידען אברהם, און פאטער יצחק, און אז מען פאר־ווארצעלט גוט דעם בוים, דאס הייסט מען פלאנצט איין גוט דעם בוים, ווע־

רען די וואָרצלען גוט פונאנדערגע־שפרייט, און דאן וואקסט ער הונדער־טער יאָהרען.

דאָס זאָגט דער נביא: „הבאים“, די וואָס זיינען אין מצרים אריינגע־קומען, אזוי ווי „הבאים את יעקב“, און זיי זיינען געבליבען קענטיג אין אזא געפעהרליכען אָרט, אלס אן אנ־דער פאָלק, און געבליבען אלס זרע יעקב, ווי איז דאָס? קלעהרט דער נביא מיט א וואונדער. זאָגט ער גלייך וואָס איז צו קלעהרען, אז די „הבאים“, די וואָס זיינען אַנגעקומען אין מצרים מיט יעקב'ן, „ישרש יעקב“, האָט זיי יעקב גוט איינגעוואָרצעלט, אז פון זיי נאָך אזא שווערען גלות איז אויסגע־וואקסען און געבליהט א הויכער קלאָס, „יציץ ופרח ישראל“, פון אזא איינ־וואָרצלען איז אויסגעשפּראָצט און אויסגעבליהט זאנפטיגע בלומען ריח, פארשמעקט די גאנצע וועלט מיט א תורה, און זיי האָבען געגעבען אלעמען די עשרת הדברות, וואָס זיי האָבען נאכהער געקראָגען פון גאָט דורך משה.

אזוי ווייט, גרוים געוואָרען, אז דורך זיי „ומלאו פני תפבל תנובה“, אז זיי האָבען אָנגעפיהלט די גאנצע וועלט מיט פרוכט... מיט אחדות הבורא.

אז היינטיגע עלטערען וואָלטען טהאָן אזוי, וואָלט אויך אויסבליהען א דור א גוטער. היינטיגער יעקב וואָר־צעלט ניט איין, נאָר וואָרצעלט אוים. עס איז ביי דיעזען דור געבליבען נאָר בין אדם לחבירו. ווען זיי וואָלטען טהאָן ווי זיי זאָגען, וואָלט אויך גוט זיין.

מיינער א לאנדסמאן א שלומיאל, ניט קיין פערדיענער, פארשטעהט מען וואָס פאר א פנים ער האָט געהאט ביי זיין פרוי און קינדער. ער האָט איין מאָל אין די רעגס, מיט וואָס זיין האנ־דעל איז געווען, געפונען א גאנץ גו־טען ראָק, וועלכער האָט איהם זעהר גוט געפּיט, נאָר ער איז איהם געווען צו־לאנג. ער איז געקומען אהיים, גע־בעטען די פרוי זי זאָל עס קירצען. וואָס נאָך ווילסטו, שלומיאל, ער גיט מיר נאָך ארבייט. האָט ער געבעטען די שנור, זי האָט איהם אויך ענטזאגט, געבעטען די טאָכטער — אויך ענט־זאָגט. ער האָט זיך געלעגט שלאָ־פען. אין מיטען נאכט זאָגט די טאָכ־טער צו זיך: א רחמנות אויף דעם טא־טען. ער האָט נעביך ניט מיט וואָס ארויסצוגעהן. איך וועל איהם וויזען טרייהייט פון א קינד. זי איז אויפגע־שטאנען און געקירצט דעם ראָק אויף א האלבען יארד.

די שנור האָט זיך אויפגעכאפט צוויי א זייגער ביי נאכט, און האָט אויך אזוי זיך בעזאָנען: א רחמנות, איך וועל איהם וויזען טרייהייט. זי האָט געקירצט דעם ראָק אויף נאָך א פער־טעל יארד.

די פרוי כאפּט זיך אויף פיער א זייגער פארטאָג און זאָגט צו זיך: דאָך א רחמנות, אפילו א שלומיאל א גרויסער, נאר איך וועל איהם קירצען דעם ראָק, לאָז ער האָבען וואָס אָנצו־טהאָן, דער שלומיאל... פארשלאָפען איז זי, האָט זי גענומען און האָט גע־שניטען א פערטעל יארד. אין שניידען פיהלט זי אז די שער עפּעס געהט שווער. זי גיט א קוק אז זי האָט אָב־

געשניטען שוין דעם אנפאנג פון די פאקעטס, אז אפילו די פאקעטס זיינען שוין אויך געבליבען אבגעשניטען, מיט לעכער...

דער נמשל, פריינדע, איז: מיר זיינען געקומען אין אמעריקא, האבען מיר אליין א קוק געטהאן אז דער ראק איז עפעס צו־לאנג. דאס הייסט — די תורה און מצות זיינען צו גרויס. די עלטערען אליין האבען געטראכט עס איז ניט גרינג צו טראגען אזא לאנגען ראק, נאר דאך, עס פאסט ניט אליין צו שניידען...

די קינדער האבען א קוק געטהאן אז מען דארף דעם טאטענ׳ס לעהרע א ביסעל קירצען, און אפטמאל האט נאך דער טאטע אלין געבעטען: איך שטעה ניט שבת אין ביזנעס, נור דו, טאכטער, מעגסט. די טאכטער האט געקירצט, די שנור פערשניטען, די פרוי ביז די פאקעטס, און ביי אלעמען איז געבליבען, יעצט אז מען דארף נאר זיין א איד בין אדם לחבירו, געבען געלד, אידישע פאקעטס...

נו, מיינט איהר אז עס איז אזוי? אי, זיי האבען די פאקעטס אויך פערשניטען, היינטיגע צדקות, פיקניקס, און טאנצען, טהעאטערס און בעלער— ניטא דער אידישער פאקעט, פארשניטען פארשניטען!...

היינט קוקט צו דעם „ישרש יעקב בן יצחק אבינו", צו דעם ישרש האצקעל בן ר׳ תודרוס, קוקט און פערשטעהט א סך, מאכט ברייטער דעם נמשל, וועט איהר לאכען און פייערלייכט וויינען...

---

נ"ד

# תשובה פון א סאציאליסט

„וירא פרעה כי היתה הרוחה ויכבד את לבו."

פרעה האט דערזעהן אז עס איז א ביסעל גרינגער געווארען, האט ער וויעדער שווער גמאכט זיין הארץ. מיר געפינען אזעלכע סארטען פרעה׳ס אויף יעדען טריט און שריט.

איך בין מיט איינינע יאהר צוריק געווען א פאאר יאהר אין שיקאגא. אלע זונטאג פלעגט מיר קומען הערען א בעוואוסטער סאציאליסט. יעדען מאל פלעגט ער מיר דאנקען פאר׳ן ריידען. איהם פלעגט געפעהלען די איינפעלע, מיט א וויץ. נאר ער פלעגט מיר זאגען: איך ליעב אייך און גלייך אייער ריידען, אבער פרימער וועט איהר מיר ניט מאכען. קורץ, איך האב ערפאהרען אז ער גלויבט ניט אפילו אין גאט אליין. תפילין, האט ער מיר דערצעהלט, האט ער שוין פון צוואנציג יאהר ניט געלעגט, און איז אלעס עובר געווען אויף כל התורה.

איין מאל פאר נאכט ער איז דא, און געהט צו צו מיר. איך זעה ער איז

פארוויינט. וואס איז געשעהן — פרעג איך איהם? רבי לאזאראוו, איך בין געקומען צו אייך, נור איהר קענט מיר העלפען, מעהר קיינער!

זאגט מיר שוין וואס ווילט איהר, און מיט וואס קען איך אייך העלפען, און אויב נאר מעגליך וועל איך זיך גע־וויס ניט ענטזאגען. — רבי לאזאראוו, מיין פרוי איז געפעהרליך. דער פראָ־פעסאר האט אבגעזאגט איהר לעבען. נאט אייך פינף דאלאר און איהר וועט שוין קענען טהאן פון איהר'ט וועגען, און איך האף אז זי וועט לעבען — פריהער גאט און נאכהער איהר.

איך האב פון מיין סאציאליסט דער־הערט „גאט", איז מיר ליכטינג געוואָ־רען אין די אויגען, זאגאר אין אזא צייט... נו, זאג איך צו איהם, פריינד, איך דיינק אז איך וועל אייך פיעלייכט טאקע קענען העלפען, נור מיט אייער הילף. אויב איהר וועט מיר העלפען, וועל איך פיעלייכט קענען איהר העל־פען.

רבי לאזאראוו, יעצט קען איך אייך ניט העלפען מעהר ווי אין די פינף דאָ־לאר, און אז זי וועט געזונד ווערען וועל איך אייך געבען פופציג דאלאר.

ניין, מיין פריינד, איך וויל ניט קיין געלד. נאט אייך אייערע פינף דאלאר. ניט אין דעם איז מיר צו העלפען. איך וויל איהר זאלט מיר העלפען וועט איהר און אייער פרוי געהאָלפען ווע־רען. איך וויל ניט אנדערס איהר זאלט מיר געבען אייער האנד אז איהר וועט היטען אלע שבת כדת וכדין.

רבי לאזאראוו, איך גיב אייך מיין האנד, איך וועל היטען שבת ווי מען דארף. נו, יעצט לאמיר ביידע בעטען ביי גאט און ער זאל עהלפען.

גראדע אין אייניגע וואכען ארום איז זיין פרוי געזונד געווארען, און איך האב געוואוסט אז ער ארבייט ניט שבת, ווייל איך האב איהם געזעהן, און נאך אכט וואכען צייט האב איך איהם שוין ניט געזעהן.

אין א האלב יאהר ארום בין איך געגאנגען אין מעקסוויל סטריט, און זעה אז פון ווייטען געהט מיר אנט־קעגען מיין נייער שומר שבת... אבער אי, פון מויל געהט א רויך. ער האט מיר ניט בעמערקט, ביז אין האלבען בלאק פון מיר. ער האט מיר שוין דער־זעהן, האט ער געכאפט דעם סיגאר אין ארבעל און געהט. האלא, גוט שבת, וואס מאכט אייער אידענע, ווי געהט עס? מיין אידענע איז געזונד, ביזנעס ניטשלעכט, און איך זעה ער וויל אנטלויפען פון מיר, איך געה נאך, ביז איך האב דערזעהן אז עס ברענט איהם שוין די קאפס. וואס איז דאס? — האב איך ערשטוינט געפרעגט. ער האט קיין ווערטער געהאט, נור אז איך האב ניט אב געלאזען איהם, האט ער מיר געענטפערט: איך וויים, אט, אז... מיין פרוי איז געזונד... און ער האט מעהר ניט געקענט ריידען.

נו, פריינדע, נאט אייך א צווייטען פרעה. „וירא פרעה כי היתה הרוחה ויכבד את לבו", אז פרעה האט דער־זעהן אז עס איז גרינגער, פטור פון דער צרה, מאכט ער שווער די הארץ...

## נ"ה
# לפסח

„דבר נא באזני העם וישאלו" וגו'.

זעהר פיעל ספרים פו'עגען, ווארום האָט גאָט געהייסען לייהען? אמת טאַקע, זי קומט, זיי האָבען גענוג שוועהר געארבייט .האָט דאָך הקב"ה געדארפט זיי געבען א זינען, ווען זיי האָבען זיי ארויסגעטריבען, אז זיי זאָלען זיי געבען כסף וזהב, אָבער לייהען און ניט אוועקגעבען, איז טאַקע עפּעס ניט אזוי שעהן...

הערט א מעשה, אָבער טאַקע א שעהנע... דאָס וועט אייך געבען אַן ערקלעהרונג ווארום דאָס האָט זיך אזוי געהאנדעלט. איך בין געפאָהרען אין דייטשלאנד, פון קעניגסבערג נאָך בערלין, געגען מיר איז געזעסען א דייטש, א יהודי, טאַקע א בערלינער, און וואַנצעס טאַקע ווי ווילהעלם אליין.

מיר האָבען זיך פונאנדערגערעדט, האָב איך ערפאהרען אז ער פאָהרט פון ביאליסטאָק. מיר איז געוועזען א גרויסער וואונדער, וואָס האָט צו טהאָן אין ביאליסטאָק אזא סאָרט דייטש? אז איך האָב איהם וועגען דעם געפרעגט, האָט ער מיר גענומען ערצעהלען, און מיט קללות אויף אלע פרומע אידען, דאָס זיי זיינען אלע גנבים, רויבער, מערדער, און סתם נידעריגע ברואים. וואָס איז? א ביאליסטאָקער גביר האָט מיט איהם געהאנדעלט און ער האָט איהם אָנגעזעצט אין צעהן טויזענד רובעל. הערט, זאָגט ער צו מיר, אייערע לערנער זיינען גנבים. איך קום אין זיין הויז, איך וויל איהם טרעפען און מיט איהם ריידען, זאָגט מען מיר אז ער איז אין בית המדרש ביים דאווגען. וואָס זאָל איך טהאָן? איך געה אין בית המדרש, מען האָט יעצט אָנגעפאנגען דאווגען. איך וויל מיט איהם ריידען, ער אנטווארט מיר אויסער לאהאפּסיק (ער מיינט „אסור להפסיק") האָב איך מיר געמערקט אז דאָס מיינט מען טאָר ניט ריידען. מען האָט געדאווענט, און ניט ווילענדיג האָב איך אויך געדאווענט, אָהנע תפילין, נור געזאָגט בּאראכו און קאדושע...

נאָך דעם דאווגען, איך וויל מיט איהם ריידען, ער זאָגט מיר אז יעצט דארף ער לערנען, איהר קומט ביי מיר אין הויז. איך בין געקומען אין הויז א ביסעל שפּעטער, מען זאָגט מיר ער איז צו מנחה. איך קום אין בית המדרש, ער לערענט, נאכהער דאווענט ער. איך האָב זיך אזוי אָבגעמאטערט דריי וואָכען, הויז — בית מדרש, אז איך קען שוין אויסווענינג די קאדושע. נו, אָט פאָהר איך דאָס צוריק נו, מיין פריינד, זאָגט ער צו מיר מיט צאָרן, האָט פּאַסירט אז אונזער א דייטש זאָל נעהמען ביי א ביאליסטאָקער און ניט אוועקגעבען?...

איהר האָט א סך, זעהר פיעל גערעדט, מיין ליעבער פריינד, הער דייטש, און איהר האָט געזידעלט אלע

פרומע אידען אין כלל צוליעב יענעם ביאליסטאָקער. איך וועל אייך ער־קלעהרען אז דאָס וועט גאָט ב"ה ניט צולאָזען קיינמאָל אז אייערער א יהודי זאָל לייהען פון אונזער א ביאליסטאָ־קער און ניט אָבגעבען. וואָלט דער ביאליסטאָקער געדארפט פאָהרען אין בערלין, וואו וואָלט ער אייך געטראָ־פען? אין טאַנץ זאַלען. דיערווייל וואָלט ער געדארפט אויך מאַכען א טענצעל, אָדער ער וואָלט מיט אייך א מאָל גע־דארפט עסען אייערע האַלב־כשר'ע מאכלים. ער וואָלט געקומען צוריק א האַלבער איד... און אין גאנצען א טריפה'נער ביין... וואָס מאכט הקב"ה אום אז דער ביאליסטאָקער זאָל א מאָל ניט א פאָהר טהאָן פאר פערגע־ניגענד קיין בערלין, און דאָס וואָלט דאָך איהם שאדען, האָט ער געמאכט אז איהם זאָל געהן שלעכט אין ביז־נעס און זאָל אייך שולדיג בלייבען צעהן טויזענד רובעל, נו, וועט ער שוין קומען צו אייך?... דאָס זעלבע האָט ער געמאכט פארקעהרט, אז ער זאָל פון אייך לייהען און דער געשעפט איז אוועק שלעכט, אז ער האָט ניט געקענט אָבגעבען, זייט איהר דאָך געקומען קיין ביאליסטאָק, און דאָס האָט אייך גוטעס געטהאָן. ווארום ווען וואָלט איהר גע־הערט אזוי פיעל קדושות און ברכות? אז ניט, וואָלט איהר דאָך גאָר פוסט געבליבען, אָהן א דבר שבקדושה דעם גאנצען לעבען.

דאָס גלייכען, השי"ת האָט געוואָלט אז אידען זאָלען שוין מעהר אין דעם מקום הטומאה, אין מצרים, ניט קומען, וואָס האָט ער געטהאָן? קומען קומט זיי דאָך די געלד, זיי האָבען עס כשר פער־דיענט. נאָר אז פרעה זאָל זיי אליין געבען, וואָלטען זיי זיך דאָך געוויס אומגעקעהרט קיין מצרים, זיי האָבען דאָך אפילו נאָכ'ן לייהען אויך גע־זאָגט „נתנה ראש ונשובה מצרימה". אבער דאָך איז מען ניט געגאנגען. פאר וואָס? ווייל דער לייהען האָט זיי געמאכט ניט צו געהן. אזוי דענק איך איז דער טעם פאר'ן אָנזאָגען צו ליי־הען.

---

נ"ו

# לפסח

„דבר נא באזני העם וישאלו — אין נא אלא לשון בקשה, שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וענו אותם קיים בהם ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם." (ברכות דף ט')

רייד דאָך אין די אויערען פון דאָס פאָלק זיי זאָלען לייהען. זאָגט די גמרא אז „נאָ" איז דער פשט א בקשה. גאָט בעט ביי משה'ן, אז משה זאָל זיך בעטען ביי די אידען, אז זיי זאָלען ליי־הען כלי כסף וכלי זהב וכו', כדי דער

צדיק זאָל ניט זאָגען אז דעם שעבוד וואָס איך האָב איהם געזאָגט, אז זיינע קינדער וועלען דארפען דיענען אין מצרים, האָט ער מקיים געווען מיט זיי, אָבער דאָס וואָס איך האָב צוגעזאָגט דאָס זיי וועלען נאכהער ארויסגעהן ברכוש גדול, מיט א גרויסען פערמעגען, דאָס האָט ער ניט מקיים געווען פאר זיי.

פיעלע ספרים פרעגען, וואָרום רופט גאָט יעצט צו אברהם מיט'ן נאָמען צדיק, און וויעדער, אברהם זאָל אזוי געלוסטען אז זיינע קינדער זאָלען רייך זיין ? די ספרים טייטשען דעם פסוק „ואברהם כבד מאד במקנה“, דער פערמעגען איז געווען פאר איהם א לאַסט, א שווערע משא, ווארום האָט ער געלוסט אז זיי זאָלען ארויס מיט א גרויסען פערמעגען?

ביידע פראגען וועלען פערענטפערט ווערען מיט איין געדאנק. מיר ווייסען אז ווען איינער איז פרום נאָר אין דער צייט ווען ער איז אָרעם ,דער איז ניט קיין גאנצער צדיק. די גמרא זאָגט אין ברכות: „צדיק ורע לו“, ווען איז ער א צדיק, אז איהם איז שלעכט, צדיק „שאינו גמור“, דער איז ניט קיין גאנצער צדיק, ווייל ער איז ניט בייגעשטאנען ביי דעם נסיון פון רייכקייט.

ווארום מיר זעהען דאָך אָפט אז דער זעלבער ארעמאן אז ער ווערט רייך, געהט ער אוועק אין קרומען וועג. מן הסתם איז דאָך דאָס א גרויסער נסיון ווער עס בלייבט א איר אין דער צייט וואָס איהם איז גוט. „צדיק וטוב לו“, אז ער איז א צדיק ווען איהם איז גוט, ווערט ער גערופען „צדיק גמור“, א גאנצער צדיק.

אברהם אבינו האָט געוואָלט, אזוי ווי זיינע קינדער זיינען בייגעשטאנען דעם נסיון פון ארעמקייט און זיי האָבען זיך געהאלטען אין פיעלע הינזעכטען צוגעבונדען צו די גאָטהייט, אָבער מען קען זיי ניט רופען צדיקים גמורים. האָט ער געוואָלט אז זיי זאָלען דורכמאכען דעם נסיון העושר, דעם גרויסען נסיון פון רייכקייט. דאמיט וועלען זיי קענען גערופען ווערען ריכטיגע צדיקים...

אברהם אליין האָט דורכגעמאכט ביידע נסיונות, דעם נסיון פון אָרעמקייט, פון צרות, פון לך לך, אפילו געפאהר מיט א קאלך־אויבען בייגעשטאנען. נאכהער אז ער איז געוואָרען דער גרויסער מיליאָנער, אָט דאן האָט ערסט אברהם געדיענט ריכטיג דעם בעשעפער אין הימעל, דאן איז ער דאָך נאָך דעם כלל „צדיק גזור“, א ריכטיגער, וואהרער צדיק.

דאָס זאָגען אונז די חכמים הקדושים „דבר נא , אין נא אלא לשון בקשה“. איך בעט דיר, משה, בעט פון זיי, ווייל אברהם דער „צדיק“, ער האָט דורכגעמאכט ביידע נסיונות, וועט ער זאָגען איך בין נאָך ניט צופריעדען עס קען זיין אז מיינע קינדער זאָלען ניט גערופען זיין צדיקים גמורים, ווייל ער וועט אזוי זאָגען : „ועבדום וענו אותם“, דאָס וואָס מען האָט מיט זיי געארבייט, און מען האָט זיי געפייניגט, „קיים בהם“, האָט ער זיך געהאלטען מיט זיי. דאָס הייסט זיי זיינען געבליבען ביי זייער טראדיציאָן,

און זיי האָבען זיך געהאַלטען מיט איהם. אָבער „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול". וואָס איך האָב איהם צוגעזאָגט אז זיי וועלען נאכהער ארויס מיט א גרויסען פערמעגען, האָט ער זיי ניט גע־געבען. אי ווארום האָט ער זיי ניט געגעבען? ווייל ער זעהט ארויס אז „לא קיים בהם", ער קען שוין מיט זיי זיך ניט האַלטען. אַלזאָ, משה, בעט ביי זיי זיי זאָלען לייהען, און זאָל ער פערגעניגען האָבען פון זיינע קינ־דער, אז זיי קענען בייזשטעהען דעם נסיון העושר אויך.

מיר זעהען היינטיגע צייט, אז דער נסיון פון פרייהייט ,דער נסיון פון רייכקייט, פיהרט אראָב פון וועג. ווי איינער בעקומט נאָר די „מזומן" איז ער שוין ניט „מזומן לחיי העולם הבא", ער טאנצט שוין אויף צוויי חתונות, א ביסעל אויף אונזערע, אָבער אסך אויף זייערע. ער גלויבט שוין ניט אז אלעס האָט איהם השי"ת געגעבען, אזוי ווי איך האָב געהערט א וויץ. א רייכער ישוב'ניק איז אָבגעברענט געוואָרען און געבליבען טאקע א גרוי־סער אָרעמאן. איז ער געשטאַנען ביי זיין פערברענטער הויז און געוויינט. זאָגט צו איהם איינער: ר' דוד, וואָס וויינט איהר? „ד' נתן וד' לקח", גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט צוגענומען, ער וועט אייך ווייטער געבען.

וואָס ענטפערט דער ישובניק: פאַר־קריינק איך די קאָפּיקע וואָס עס האָט מיר ווער געגעבען. דאָס איז אלעס מיינע אייגענע פאַרהאָרעוועטע. איצ־טער האָבען מיר א סך אזעלכע ישוב'־ניקעס וואָס זאָגען „ד' נתן?", גאָט האָט געגעבען גאָר?, איך האָב אליין גענומען !...

---

נ"ז

# לפסח

„ויסב אלהים את העם דרך המדבר — מכאן שאפילו עני שבישראל לא יאכל עד שיסב." (מדרש)

ווען פרעה מוז ניט ווילענדיג ארויס־שיקען דאָס פאָלק, דאן האָט זיי גאָט ניט געפיהרט גלייך, דורך דעם וועג פלשתים ,און ער האָט זיי ארומגערינ־געלט דורך דעם מדבר וועג. זאָגט דער מדרש: פון דאנען איז א בעווייז אז אפילו דער ארעמסטער איד זאָל זיך פסח אָבענד ניט זעצען עסען סיידען ביז ער מאכט זיך א הסיבה בעט, דאָס הייסט מיט קישענס, ווייך צו זיצען, אָנגעשפּארט אויף דער לינקער זייט, ווי א שררה.

מיר אידען האָבען אימער געלעבט מיט דער האָפענונג, און גליקליך איז דער מענש וואָס האָפט. די האָפענונג לאָזט איהם ניט פאַלען אין די גרעס־

טע אונגליקען, די האָפענונג גיט איהם
כח איבערצוטראָגען אַלעס שלעכטעס.
איך האָף, זאָגט ער, אז דאָס וועט
אויך מיידען און עס וועט אַלע וואָל־
קענס אוועק, און די זונן מיט איהרע
ליכטיגע שטראַהלען וועט אויף מיר
אָנפאנגען שיינען. דאָס גלייכען א
גאנצעפאָלק, ווען עס האָט האָפענונג
בלייבען זיי שטארק צוגעבונדען צו
די פרינציפּען פון דעם פאָלק און זיי
לעבען. מיר אידען האָבען אימער גע־
האָפט, און מיר האָפען היינט, און אין
גיכען שוין וועט קומען אונזער לאנגע
האָפענונג אויף דער ווירקליכקייט.

איך האָב א מאָל געפרעגט מיין פאָ־
טער ביי דעם סדר: דו זיצט אזוי
ברייטליך, און מען זאָגט, האָב איך
געהערט, אז דו ביזט היינט א מלך, און
די מאמע איז א מלכה. שטייטש, אז דו
ביזט א מלך, פארזאָג אז מען זאָל אין
שטעדטעל ניט מאכען קיין פּאָגראָם.
מיר ריכטען זיך דאָך אויף אן איבער־
פאַל פון די גוים. איך פעו־שטעה ניט,
מיין פאָטער, וואָס איז דאָס פאר א
מלך אָהן א פאָלק און אָהן געהאלט
צו קריגען האָטש פינף מיליאָן א
יאָהר. צום סוף זיינען מיר אזעלכע
שלעפּערס, און דו אליין קוקסט אין
פענסטער פאר פּחד פון א פּאגראָם?

מיין טהייערער קינד, א קייזערלי־
כען לעבען וועלען מיר ערשט האָבען אז
משיח וועט קומען, און דאן וועט זיין
דער וואהרער „זמן חרותנו“, דאן וועט
יעדער איד לעבען א קעניגליכען לעבען
און דאָס שטעל איך מיר איצטער פאר
נאָך מיין פערמעגען וויפיעל איך קען
זיך איך ווי א פּריץ, דאָס וועט גע־
ווים זיין. און איך האָב בעמערקט
אויף מיין פאָטער'ס פּנים אזא מין
שמחה! פיעלייכט האָט ער דאן געהאט
מעהר צופריעדענהייט ווי ניקאָליי,
להבדיל אלף הבדלות... האָטש אז עס
איז געקומען צו „שפוך חמתך על
הגוים“ און דער טאטע האָט געהייסען
די מאמען עפענען די טהיר, האָט זי
געזאָגט אז זי האָט מורא, אָט די
מלכה, די קעניגין, האָט מורא... א
קשיא אויף א מעשה, האָב איך זיך
געקלעהרט, עס קען זיין אז ער איז
טאקע א קעניג און מיין מאמע א קע־
ניגין, ווייל איך ווייס אז ניקאָליי האָט
אויך מורא אליין צו געהן...

אי די האָפענונג איז א טהייערער
ארטיקעל דאָס איז! מיט דער האָפע־
נונג האָבען מיר דערלעבט ביז יעצט.
דו ארעמאן, וואָס דו האָסט אויף פּסח
פארזעצט דיין וואָטש און דו דארפסט
נאָך פּסח אויף מאָרגען געבען רענט,
און עס איז ניטאָ קיין האָפענונג אויף
איין סענט.

דו שלעפּער, זיץ ביים סדר מיט דעם
געדאנק, אז השי"ת וועט דיר געוויס
העלפען. האָב דעם ריכטיגען האָפענונג
גיב א בליק אז השי"ת האָט די אידען
ארויסגענומען פון מצרים, און ער
וואָלט זיי באלד געגעבען ארץ ישראל,
נו, דאן וואָלט ביי זיי א שמחה גע־
דארפט זיין, פייערען דעם יום טוב מיט
פּראכט און מיט גלאנץ. גיב אָבער
א בליק אז מען נעהמט א פאָלק, איי־
ניגע מיליאָן מענשען, און מען פיהרט
זיי אין א מדבר אוועק, ניט זייהען,
ניט שניידען, קיין הויז צום וואוינען,
קיין ברויט, קיין וואסער, ווי קען מען

דאָס געהן מיט קליינע פּיצעלעך קינ־ דער? דערצו דאַרף מען געהן איבער דעם ים, פאַרלויפיג איז עס וואַסער. פון הינטען יאָגט נאָך די מחנה מצרים, אנטקעגען א ים; פון איין זייט שלאַנ־ גען און עקדישען און דאָס פּאָלק געהט וואו מען הייסט, מן הסתם וועט גאָט העלפען... „ויסב אלהים את העם דרך המדבר ים סוף", און גאָט האָט ארומ־ גערינגעלט דאָס פּאָלק אז זיי דאַרפען געהן ארום און ארום, און דאָך געהט מען. מען ווייסט פון ים, און מען ווייסט אז עס איז נאָכ'ן ים א מדבר, און מען געהט — און זיי זיינען אלע געהאָלפען געוואָרען... זאָגען די חכמים „מכאן", פון דאנען קעסטו לערנען, אז אפילו „עני שבישראל" לא יאכל עד שיסב", אז אפילו דער ארעמסטער איד, וועלכער האָט א גאַנץ יאָהר „מרור" אין הויז, גענוג ביטערקייט, די גבירים האָבען קיין מרור אפילו פסח אויך ניט, אָט דער שלעפּער זאָל זיך ניט זעצען עסען „עד שיסב", ביז ער מאַכט זיך א הסיבה בעט, און דאַרף זיצען ווי א פּריץ... דאגה ניט אויף שפּע־ טער. דער גאָט וואָס קען מאַכען עני כבוד, דער גאָט וועט דיר געבען צו באצאָהלען רענט, „עמדו אש" קען ער געבען, און דיין געז־ביל צו בעצאָהלען ניט? זייז פרעהליך, האָפ, און האָפּע־ נונג איז אלעס. די האָפענונג אונזערע אין כלל זאָל שוין פערווירקליכט ווע־ רען, אָמען.

---

## נ"ח

# לפסח

„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות."

א גרויסער ארעמאַן, מיט ניין קינ־ דערלאַך, און אלע, קיין בּייז אויג זאָל זיי ניט שאַדען, מיט שאַרפינקע צייהנ־ דעליך, און געזונטע מעגעלעך, און זיי קענען קייען, און ווילען קייען... נאָר ער וואָהנט אין צוויי רומקעלעך, שוין געקראָגען א מוף־צעטעל. אלע וואָך פאַרדיענט ער פינף דאָלער, נאָר שוין זעקס וואָכען ווי ער שטרייקט, שוין צוויי טעג פאַראיבער, מעהר ווי קאַל־ טע וואַסער אין מויל ניט גענומען. ער זיצט און קלעהרט און טראַכט זיך: עס איז א סברה, פיעלייכט מאַכען א גרעסערען געז־ביל... יא, היינט אבענד וועל איך זיי ארויסשיקען אלעמען פון הויז און עס מוז נעהמען אן ענדע פון מיין לעבען. איך קען שוין דעם צער פון מיין טהייערע צדקנית, מיין פרוי, און די קליינע עופה'לעך ניט אריבערטראָגען. יא, אזוי בלייבט עס. אי דאָס וואָס די תורה האָט געזאָגט אז „המאבד את עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא", דער וואָס נעהמט זיך אליין דעם לעבען פערליערט זיין עולם

הבא, דענק איך אז איך וועל עטוואָס דאָרט קענען זיך דורכריידען מיט זיי...

זיצענדיג אָט מיט די געדאנקען, קומט אריין דער לעטער־קעריער און מען דערלאנגט איהם א לעטער פון סאן־פראנציסקא. דאָרט האָט ער גע־האט אן אָנקעל. ער עפענט אויף — עס ליעגט א טשעק אויף הונדערט דאָלאר, און אין לעטער ווערט געשרי־בען דאָס אזוי ווי זיין אָנקעל האָט קיין קינדער געהאט, און פון איהם איז אי־בערגעבליבען א מיליאָן דאלאר, דארום האָט ער בצוואה אלע זיינע פריינד אי־בערגעזלאָזען זיין געלד, און אויף זיין חשבון קומט אוים פינף הונדערט און צוואנציג טויזענד דאלאר. קום שנעל נאָך סאן־פראנציסקא און איך דיין פריינד יוסף וויים אז דו ביזט זעהר אָרעם, שיק איך דיר מיינעם א טשעק אויף הוצאות הדרך, קום שנעל...

איך וויל מיין פעדער ניט מאַטערען אומזיסט איך פאַרצושטעלען די שמחה... איך לאָז דאָס איבער צו אייך אליין... פון ניעדעריגסטען שטאַפּעל צום העכסטען שטאַפּעל. יעצט ווייַ־טער, ער האָט געבראכט דאָס געלד, געלד לאָזט ניט רוהען, ער האָט גע־מאכט ביזנעס און אין צייט פון דריי מאָנאַטען האָט ער פערדיענט פינף און צוואנציג טויזענד דאָלאר. נו, פרעג איך ביי אייך, איז די שמחה גלייך צו די ערשטע פינף און צוואנציג טוי־זענד? איך גיב איבער צו אייך איהר זאָלט עס גוט בעטראכטען. איך דענק אז עס קען שוין גאָרניט זיין אזא שמחה ווי די ערשטע, סיידען ער זאָל פארדיענען א מיליאָן דאָלאר, אָדער פיעלייכט נאָך מעהר... אז ער זאָל האָ־בען אזא תענוג ווי פון די ערשטע...

ווי דער איד איז געווען פערשקלאפּט אין מצרים, ווי איך האָב שוין גע־שילדערט וועגען זיין ניעדעריגקייט, און השי"ת האָט אונז אויסגעלייזט פון אזא ביטערען פינסטערען גלות, איז די שמחה געווים געווען אזוי גרוים אז עס ליעגט אין קיין מענשענ'ס קראפט עס צו שילדערען.

היינט אז גאָט ב"ה זאָגט אונז צו אז מיר וועלען האָבען אזא שמחה ווי דאן... טאָ שטעלט אייך פאָר יעצט ווי גרוים וועט זיין די לעצטע ער־לייזונג... מיליאָנען, מיליארדען, מעהר גרוים די וואונדער, און די ערהויבונג און ישועה גרעסער. שטעלט אייך אליין אין פאנטאזיע פאָר דאָס האָט אונז געלאָזט וויסען דער נביא פון גאָטעם מויל וואָס ער גיט איבער, „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", אז עס וועט זיין א תענוג אנטקעגען דעם ערשטען תענוג, טאָ ווי גרוים וועט שוין זיין די ישועה!... במהרה בימינו אָמן.

נ"ט

# לפסח

„דבר נא באזני העם וישאלו"

די חז"ל דערצעהלען אז בני מצרים זיינען געקומען קלאגען די אידען פאר איהם, אז די אידען זאלען זיי אוועק־געבען די געלד וואס זיי האבען אין מצרים געליהען. גביהה בן פסיתא האט זיי געזאגט: פון וואנען ווייסט איהר אז מיר האבען געליהען, ווייל איהר קוקט אין אונזער תורה. דארט שטעהט „דבר נא וישאלו", אז גאט האט געהייסען לייהען, און זיי האבען געליהען, „וינצלו את מצרים", זיי האבען אויס־געליידיגט מצרים. וועל איך אייך אויך ברייננגען א פסוק פון דער תורה. אין דער תורה איז געשריבען „ומושב בני ישראל וגו' ד' מאות שנה" וגו', בא־צאהלט אונז פאר פיער הונדערט יאהר, פאר ששים רבוא מענשען ארבייט. אז זיי האבען דאס געהערט, האבען זיי איבערגעלאזען די פעלדער און זייער פערמעגען, און זיינען אנטלאפען.

ווען זיי וואלטען יעצט קומען, וואל־טען זיי אפילו מיט דאס גאנצע געלד פון דער וועלט אונז ניט בעצאהלט, ווען מיר וואלטען ביי זיי געבעטען ניט מעהר ווי זיי זאלען אונז באצאהלען וואס אונז האט געקאסט פסח פון דאן אן פאר דער גאנצער צייט, און דאס איז דאך צוליעב זיי... ווי דענקט איהר, די גאנצע וועלט וואלט יעצט קענען בעצאהלען?

איך וואלט נאר וועלען פארמאגען פאר נויארקער אידען אליין וואס איין פסח קאסט ציבעלע...

---

ס'

# לפסח

„והיו מספרים ביצואת מצרים כל אותו הלילה עד שבא תלמידיהם ואמרו להם הגיע זמן קריאת שמע של שחרית"

מען האט געפרעגט א פילאזאף, ווי־פיעל מענשען זיינען פאראן אויף דער וועלט, האט ער געענטפערט: דער־ווייל זעהר ווייניג... יעדער פערשטעהט דעם זעלטענעם אנטווארט פון א גרויסען מענשען...

אה, אז עס איז זעהר ווייניג מענ־שען, זעהען מיר אידען מעהר פאר אלעמען... חוץ וואס זיי אליין דאר־פען יעצט אויף אלע זעהן. די איצטי־גע מלחמה בעווייזט זיי אז עס איז קיין מענשען ניטא, נור ווילדע טיגער־

רען מיט לייבען רייסען זיך...

נאָר מיר אידען זעהען פון אונז אליין אז ווי לאנג עס איז דאָ א אידען־פראגע, א פאָגראָם מאכער, א אידען־יאָגער, א אידען־שלאָגער, ווארפען ביי־בים פון פענסטער און טראמפלען אונ־טער די פיס, קלאפען צוועקעס אין מענשליכע קעפ, שניידען צינגער און ווארפען פאר הינט... אָה, מען דארף אָנצינדען א ליכטיגערע ליכט ווי די יעצטיגע עלקטרי לייטס, צו זוכען מענ־שען...

מיר לייענען אימער קריאת שמע און לערנען די וועלט ד׳ אלקינו ד׳ אחד, פאר אלעמען איין גאָט... הן אז אונז איז פינסטער, הן אונז איז ליכטיג... אז מען רייסט רבי עקיבא׳ן זיין פלייש מיט אייזערנע קאמען, רבי עקיבא לייענט קריאת שמע, „שמע ישראל“, אָבער דאָס הייסט א קריאת שמע של ערבית, א מעריב קריאת שמע, א פינסטערע קריאת שמע.

אז אונז איז גוט, לייענען מיר קריאת שמע און דאָס הייסט קריאת שמע „של שחרית“, א מאָרגען, זונען־שיין קריאת שמע.

אונזערע פילאָזאָפען האָבען בע־מערקט מיט זייער ליכטיגען בליק אז מיר וועלען דארפען לייענען: א קריאת שמע של ערבית, א פינסטערע קריאת שמע. לייענען, „כל אותו הלילה“, די גאנ־צע נאכט פון גלות. „והיו מספרים“, זיי האָבען דערצעהלט די אלע נסים וואָס אונז וועט פאָרקומען „כל אותו הלילה“, די גאנצע נאכט, ביז היינ־טיגע מלחמה... אָהן נסים וואָלטען מיר ניט איבערגעלעבט די פינסטערע נאכט. אָבער מיינט ניט, פריינדע, אז מיר וועלען ניט לייענען די „קריאת שמע של שחרית“, די מאָרגענ׳ס זונען־שיין קריאת שמע, אין גיכען אין אמע־ריקא, ענגלאנד, פראנקרייך, האָלאנד, איטאליען זיינען שוין האלב מענשען געוואָרען, און מען גיט אונז שוין פריי־הייט. „עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם הגיע זמן“, גרויסע לייט, עס איז גע־קומען די צייט, הגיע זמן קריאת שמע של שחרית... אז מיר קענען שוין אָנ־פאנגען, פאָרלויפיג נאך ניט איבעראל, אָבער מיר קענען שוין אָנפאנגען די מאָרגענס קריאת שמע.

---

ס״א

# לפסח

„רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם וכו׳ ואף אתה הקה את שיניו וכו׳“

וואָס זאָגט דער רשע? וואָס איז דאָס פאר אן ארבייט, וואָס דארף מען זאָגען די הגדה? ער פרעגט ניט אויף די פיער כוסות, ער וואָלט ניט גע־

פרעגט אפילו ווען עס וואָלט געדארפט געטרונקען ווערען אכט „כוסות“, אויף די קניידלעך פרעגט ער אויך ניט. נאָר די הגדה — דאָס איז איהם ווי א ביין אין האלז. אלזאָ, ווען ער זאָגט עס צו דיר, „ואף אתה הקהה את שניו“, און דו אויך מאך הייליג זיינע צייהנער, און זאָג איהם. איך וועל פרעגען, נעמליך, ווען דער רשע וואָלט איהם איילינג געמאכט די צייהנער, נו, דאן איז שייך צו זאָגען „ואף אתה, און דו טהוע דאָס אויך?...

נאָר, מיינע פריינדע, דער בעל הגדה זאָגט אונז גאָר אן אנדער זאך. אז דו טאטע האָסט אזא זוהן וואָס קען האָבען די חוצפה צו פרעגען ביי דעם סדר און נאָך דערביי לאכען: „מה העבודה הזאת לכם?“, וואָס איז דאָס פאר אן ארבייט צו אייך. פילאָזאָף מיי־נער, קנאקער גרויסער, עפּעס א קליי־קלייניגקייט! אזא חכם! קוים טאטע האָט ער שוין ניט אזוי פיעל רעספעקט פאר דיר ביי דעם סדר, זאָלסטו ווי־סען, טאטע, "ואף אתה". און דו אויך ביזט שולדיג א ביסעלע אין דעם „ואף אתה“, און דו אויך, טאטע, ביזט שול־דיג. נאָר יא, שולדיג, האָטש יעצט „הקהה את שניו“, מאך זיהם איילינג דעם שייגעץ, זיינע צייהן, דאָס הייסט, גיב איהם אז דער רוח זאָל איהם נעה־מען, און קוק ניט וואָס ער איז ניט פרום, אָבער רעספעקט פאר דיר, טאַ־טע, דארף ער דאָך האָבען. און אז ער האָט שוין קיין רעספעקט ביי דיין טיש, ביזטו שולדיג, ווייל מן הסתם האָסטו צוזאמען מיט איהם געשפיעלט א פינאָקעל.

איך האָב געהערט ווי א זונעלע האָט געזאָגט צום אנדערען זונעלע, זיין ברו־דער, ווען זיי ביידע האָבען געשפיעלט צוזאמען מיט'ן טאטען, טאטע, דו האָסט טויז פּיק. ניין, זאָגט דער טאַ־טע... אלזאָ,, זאָגט ער, נו איימע, האָב איך איהם אין דר'ערד... טאקע דעם טאטען, מיינט עס... אויף אזא טאטען זאָגט דער בעל הגדה: „יאף אתה“, און דו אויך ביזט שולדיג...

---

ס"ב

# יתרו און ישראל

„וישמע יתרו הה"ד רעיך וריע אביך אל תעזוב“ (מדרש)

אויבערפלעכליך, האָט גאָר קיין בע־דייטונג דער מדרש, יתרו האָט גע־הערט, וואָס גאָט האָט געטהאָן גוטעס צו זיין פאָלק, און ער איז געקומען און מיטגעבראכט צפורה'ן מיט זיינע אייניקלעך צו זייער פאָטער, משה רבינו. זאָגט דער מדר"ש, דאָס איז דערמיט רעכט דער פסוק דיין פריינד און דיין פאָטער'ס פריינד זאָלסטו ניט פארלאָזען...

מיר זעהען יעצטיגע צייט, ווי עס איז געוואָרען א חורבן אויף דעם יו־דענטהום, דאָס מען האָט אוועקגעוואָר־פען אלע וואָס הייליג איז און פון דעם גרויסען וואנדערען אונזערען האָבען מיר יעצט אין אמעריקא איבערהויפט ניט מיטגענומען אונזער תורה.

איך האָב א מאָל פאַרגעשטעלט, אין א דרוש, זעהר א שעהנעם ביישפיעל, פאַסענד פאר דעם אידישען פאָלק. איך גלייך דעם אידישען פאָלק פון בעפאָר צו אן „אשת חיל“, א פרוי א בריה, א „חכמנית“, און דעם איצטי־גען אידען צו א פרוי א שלים־מזל׳־ניצע.

א פרוי אן „אשת חיל“, אז זי מופט, איז מיט צוויי טעג בעפאָר פאַקט זי שוין איין איהרע דיימאָנטענע רינגען און נאכהער איהרע קלענערע „חפצים“, און נאכהער אלע זאכען. און ווען זי מופט אריבער, זי פאַקט זיך שוין אויס און צושטעלט אלעס, דערמאָהנט זי זיך אז זי האָט פערגעסען אן אלטען האנ־טוך מיט וואָס זי פלעגט אויסווישען דעם טריפה׳ן טאָפּ.

א שלימאַזעלניצע, אז זי מופט, מיט צוויי טעג בעפאָר פאַקט זי איין צו־ערשט די סמאַטעס, נאכהער בגדים, און נאכהער חפצים. אז זי האָט שוין אריבערגעמופט און פאַקט זיך אויס, דאן דערמאָהנט זיך זיך אז זי האָט פערגעסען די זילבערנע לייכטערס, אין וועלכע זי דארף ליכט בענשען...

דער איד מופט אימער. איך וויל יעצט ניט מאכען דעם אידישען מופ־צעטעל, וויפיעל מאָל ער האָט שוין געמופט און וואו ער האָט געמופט.

עס איז צו שווער, די הוצאות פון דרוק, דאָס דארף פארנעהמען א גאנ־צען ספר...

דער פארצייטיגער איד, אז מען האָט איהם געמאכט צו מופען פון א לאנד, האָט געטהאָן ווי די „אשת חיל“. בע־פאָר האָט ער איינגעפאַקט זיין ציע־רונג, דאָס איז דעם „חומש“, מיטן „ש"ס“, דעם „שלחן ערוך“, „הנחמדים מזהב ומפז רב“, זאָגט דוד מלך ישראל, אז ער האָט שוין איבערגעמופט האָט ער זיך ארומגעזעהען ער האָט עפּעס פערגעסען נארישקייטען, זעהר וויינ־ציג אלס ביישפיעל, פון יעקב אבינו ביז רבן יוחנן בן זכאי — דער ערסטער מופענדיג פון כנען נאָך מצרים האָט געשיקט יהודה׳ן בעפאָר צו מאכען א ישיבה אין גושן. אזוי זאָגען די חכמים אויף דעם פסוק ואת יהודא שלח לפניהם גושנה להורות וגו׳, רבן יוחנן בן זכאי אז ער האָט געזעהן מען מוז ארויסמופען פון כנען, האָט ער געבעטען פון רוים די ערלויבעניש פון יבנה.

דער היינטיגער איד, א רעגעלע שלימעזאלניצע, מופט ער וואו איבער, אונגעפעהר, פון רוסלאנד קיין אמערי־קא, פאַקט ער איין זיין טאַי אפילו, נאָר איין זאך פערגעסט ער. מיר ריי־דען שוין ניט פונ׳ם „שס — נאָר אפילו דעם טלית ותפילין האָט ער אויך פער־געסען צו נעהמען מיט זיך...

און גראדע דיעזע זיינען די גאנצע קנאקער אין היינטיגען דור. נאָר דאָס איז כמנהג העולם. די פערד געהען פרי־הער פאר די בעלי בתים, דער בעל הבית זיצט אין וואָגען, דער פערד פאַר־

אויס, א כלב נאָך פריהער פאר דעם פערד...

א מוסר השכל קענען מיר האָבען פון דעם גר צדק, יתרו. ער האָט אנערקענט דעם אידישען גלויבען אלס גלויבען, אין אמת, די אידישע תורה, אלעם די ריכטיגע לעהרע פון דער גאנצער מענשהייט, איז ער אראָפּגעקומען אין דעם מדבר, איבערלאָזענדיג אלע תענוגי העולם הזה און געקומען איינ־קויפען דיימאָנדס, די תורה...

דער צווייטער, אונקלוס הגר, איבער־געלאָזען אלע רייכקייט, אלע פערגע־ניגענס, זייענדיג א פלימעניק פון רוי־מישען מאָנארך...

דער דריטער „גראף פּאָטאָצקי", אויף קידוש השם זיך געלאָזט פערברענען, אין ווילנא. איך האָב געבראכט די דריי, עס זיינען אָבער דאָ הונדערטע, נאָר די זיינען די הייליגסטע... זיי זיי־נען פון אלע זייערע פערגעניגענס אנט־לאָפען, און געקומען נעהמען די ריכ־טיגע דיימאָנדס פון דער תורה הקדושה... חאָטש זיי זיינען געוועזען פרעמדע און זייערע עלטערן זיינען ביים בארג סיני ניט געשטאנען. אל־זאָ, וואס פאר א מוסר לערענט אונז, אז זיי זיינען פרעמדע געוועזען, דאָך זיי־נען זיי נעקומען זיך בעהעפטען צו גאָט און אונזער תורה, הייסט אז מיר אליין זיינען אלע די קינדער פון אברהם, געשטאנען אויף דעם בארג סיני, און גאָט ווערט גערופען „רועי", „זה דודי וזה רועי", — מאָ ווי דאר־פען מיר שוין כאפּען די דיימאָנדס פון דער תורה הקדושה...

„וישמע יתרו", יתרו האָט געהערט, מעהר ניט און ניט געזעהן, און אלעס ווי איך האָב געשריבען, דאָך איז ער געוואָרען דער צדיק, און קויפט איין אזא טהייערע סחורה, הייסט פער־שטעה דו, איד, הה"ד דארף דאָך רעכט זיין וואָס עס איז געשריבען קוקענדיג אויף יתרו דארפסטו דאָך, ישראל, לערנען א קל וחומר, „רעך", דיין פריינד, איז דאָך גאָט, און וריע אביך", דיין פאָטער'ס פריינד, „אל תעזוב", דארפסטו דאָך געוויס איהם ניט פער־לאָזען...

---

ס"ג

# פרעזידענטען

„והגבלת את העם וגו' השמרו לכם עלות בהר וגו —
לא תגע בו יד וגו' במשוך היובל המה יעלו בהר"

אין אמעריקא איז א מיש־מאַש, עס קומט יוחנן הסנדלר (ניט ר' יוחנן). געוועזען אין דער הייטעס א לאָטוטניק פון שיך, געהאט א צורה ייי אן אָבּ־געריבענע, גלאטע מטבע, וואָס קיינער האָט איהר ניט גענומען, נאָר זיצענדיג

ביים ווארשטאט, און מאַבענדיג די דראַטווע, האָט אימער זער גראָבער קערעל געזונגען שט׳קלעך „ימים נוראים׳דיגע" נגונים. דאָ ווערט ער א חזן. און מען שריבט אויף איהם „לשמוע אל הרנה ואל התפילה", פון דעם בעריהמטען אָרעסער חזן...

דאָ קומט א היימעשער בעל־עגלה אָדער א זאמד־פיהרער, און ער איז א שייגעץ איבער אלע שקצים, ווערט ער א גבאי און שטעהט אויף דער בימה, און מען מאכט איהם „מי שברך", און ער טייטעלט מיט׳ן „יד" אין דער ספר תורה. דער בעל קורא האַלט שוין „אשר לו אלקים קרובים אליו", ער טייטעלט נאָך „כי מי גוי גדול". וואו געפינט איהר נאָך אזא גוי, אן עם הארץ וואי איך גבאי בין?...

עס קומט אשוחט וועלכער איז גע־וועזן געאסר׳ט פון רוסישע גאונים, נאָר ער האָט אן עזות מחוצפה׳דיגע מויל, און קען נאָך צו־זינגען אויף, ווערט ער דאָ א דרשן, און די ווייבער זאָגען אז אויף איהם רוהט די שכינה...

עס קומט א רב, טאקע א ריכטיגער רב, און קען נים ריידען, און רעדט דאָך. נו, מילא, ווער קען איהם הערען? ער קען דאָך ניט. אזא פנים האָט ער נעביך מיט זיין געמיינדע אין איינעם. ביזטו א רב, זיי א רב... וואָס קריכסטו אויף דער בימה? אז עס קומט טאקע א דרשן און קען טאקע ריידען, זאָגט ער אז ער איז א רב, און טאקע א גאון, און דער עולם־גולם קומט איהם פרעגען שאלות...

אז עס קומט אן אייניקעל אן עם־הארץ גמור, זיצט ער און שרייבט קמיעות, ווי להבדיל ר׳ יוחנן איבשיץ פון פראג, און מען שטעהט אין ליין און ער בעקומט פדיון, און די עגונה מוז נעביך זיצען און ווארטען ביז איהר מאן וועט קומען צור־יטען אויף׳ן ברום... זי ווארט נאָך היינט!...

אין פיעלע שוהלען שטעהען זיי שבת אלע ניט ריכטיג אויף די פלעצער נור איין מאָל א וואָך שטעהען זיי ריכטיג ,דאָס איז צו בואי בשלום. ווען אלע קעהרען זיך אום צום טיהר, דאן ווערט דאָרט דער אויבען־אָן... קורץ, עס איז א מיש־מאַש, א מין מיש־מאַש, א דור הפלגה...

יא, האָטש די תורה איז געגעבען געוואָרען פאר אלעמען, ראָך האָט גאָט געוויזען אז ניט אלע זיינען גלייך ביי דער תורה... „והגבלת את העם", גרענעץ ארום דעם פראָסטען נאַראָד, לאָז זיי ניט געהן און שטעהן וואו דו, מיין טהייערער משה. זאָג זיי, די בעלי־עגלות, „השמרו לכם עלות בהר", זייט געהיט ארויפצוטרעטען אויף דעם באַרג, אויף דער בימה, און טייטלען אין ספר תורה. זאָג זיי „כל הנוגע בהר" וגו׳, ווער עס וועט אָנריהרען אין בארג, ווער עס דאַרף ניט, „לא תגע בו יד", ריהר ניט אָן דיין האנד אויף׳ן בארג, ריהר ניט אָן דעם „יד", צו טייטלען, אז א רבי וואַרף דיר נאָך טייטלען צו קענען עברי... ווארט ביז משיח וועט קומען, דאן וועט זיין „ומלאה כל הארץ דעה" די גאנצע וועלט וועט ווערען פול מיט וויסענשאַפט. אלע, איבערהויפט מיט דער וויסענשאַפט פון דער תורה, „במשוך היובל", אז עס וועט שוין זיין דער

שופר של משיח, דאן „הכה יעלו בהר דאן קענען זיי ארויף אויף דעם בארג, אָבּער ניט יעצט...

רב, זיי א רב; מגיד, זיי א מגיד; אפיקורס, זיי אן אפיקורס, א דאגה מיר. אָבּער וואָס קריככמו אויף דעם „הר ד׳“?... מגיד, זיי ניט קיין רב; שוסטער, זיי ניט קיין חזן; בעל־עגלה, זיי ניט קיין גבאי; טריפה׳נער ביין, זיי ניט קיין פרעזידענט, — דאן וועט די תורה קענען האָבּען א קיום, צו־ליעב דעם וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָ־רען „והגבלת את העם“...

---

ס״ד

# ביז אדם לחברו

„ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם“

די תורה אונזערע איז מעהר ווי העלפט אָנגעזאָגט געוואָרען אויף „בין אדם לחבירו“, ווי „בין אדם למקום“. פיעל מעהר דארף דער מענש פאַר־זיכטיג זיין, היטען די מצות וואָס אָנ־בּעלאנגט מענש צו מענש, און ווען ער איז עובר אויף די מצות בין אדם לחבירו, איז ערגער תשובה צו טהאָן אויך, ווייל וואָס אָנבּעלאנגט צו גאָט אז ער איז עובר, העלפט תשובה, ווען ער בּעט בּיי גאָט ער זאָל איהם מוחל זיין. אָבּער „בין אדם לחבירו“, העלפט ניט אפילו ער זאָל טהאָן די גרעסטע תשובה, סיידען ער גיט פריהער אוועק יענעם וואָס ער האָט בּיי איהם גע־רויבּט, אָדער ער האָט איהם מבייש גע־ווען, אָדער אנדערע ענהגליכע זאכען, דארף ער בּעטען מחילה פון דעם ווע־מען ער האָט געטהאָן די שלעכטעס, און אז ער איז איהם מוחל, דארף ער ערשט תשובה טהאָן צו גאָט אויף דעם וואָס ער האָט עובר געווען אויף זיין פארזאָג אויף „בין אדם לחבירו“.

די היינטיגע זאָגען, אז מען דארף זיין א איד בּין אדם לחבירו, נאָר ניט בּין אדם למקום. קיין תפילין דארף מען ניט, שבּת אויך ניט, קיין מצוות אויך ניט ,נאָר בין אדם לחבירו. פריינ־דע, עס איז א בּלאָף. זיי טהוען ניט די מצות בין אדם לחבירו אפילו. זאָ־לען מיר זעהן, פריינדע, אויבּ עס איז געווען מעהר גנבים פון פּאַקעטס, חברה פערד סס׳ער, אונטערציינדער, אמאָל, ווען עס איז געווען הייליג דער בּין אדם למקום אויך, אָדער היינט. זיי שרייען אז זיי זיינען געפעהרליך אָבּ־געהיט בין אדם לחבירו, און צו אלעם ענדע זיינען די פריזאָנס פול מיט זיי, ניט מיט די תפילין־לייגער...

איך ווים פון אזעלכע א סך, וואָס זאָגען אזוי, אָבּער עס איז שקר וכזב. די תורה אליין האָט געזאָגט אז בין אדם לחבירו דארף מען נאָך פריהער זיין אָבּגעהיט מעהר ווי אלעם, אָבּער

מען דארף נאכהער לערנען בין אדם למקום. „ואלה המשפטים“, אט די משפטים, וואס דאס איז נאר מענש צו מענש, די אלע דינים „אשר תשים“, וועלכע דו זאלסט פאר זיי טהאן, דאס הייסט, זיי אויסלערנען אויף קלאהר, נאך „לפניהם“, בעפאר די מצות בין אדם למקום, וואס אנבעלאנגט צו גאט ב"ה. די מצות בין אדם לחבירו דארפען זיי קענען נאך בעפאר אלעס. ער עסט ברויט, זאל עס ניט זיין קיין גערויבטע, דען אויב עס איז גערויבטע, טאהר ער ניט מקיים זיין די מצוה פון מאכען א ברכה, ווארום „ובוצע בירך נאץ ד'“, דער רויבער בענשט נאך, ער מאכט א ברכה, ערצארענט ער גאט ב"ה. אי, חברה היינטיגע, זייט מקיים דעם בין אדם לחבירו ווי די תורה זאגט, ועט געוויס גוט זיין...

---

ס"ה

# אמעריקאנער בר־מצוה

„כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם“

ווען דו קויפסט א אידישען קנעכט, זעקס יאהר זאל ער ארבייטען און דעם זיבעטען יאהר זאל ער ארויסגעהן פריי.

טהייערע ברידער, ווי לאנג נאך וועט זיין אונזער פאלק פערנארט מיט אלע נארישע, דומע מנהגים. א מאל א בר־מצוה, אז עס איז געווען, דער קינד, זאלען מיר אננעהמען איז ניט קיין למדן, אבער דאך עברי, חומש, רש"י, טראפ, א ביסעל תנ"ך האט ער יא געלערענט, און געוויס פלעגט ער לייגען תפילין. נו, אזא בר־מצוה קען מען זיך אפילו אויך פרעהען. ווער רעדט נאך אז דער קינד האט געקענט זאגען א גוטען חילוק צו זיין בר־מצוה.

אבער יעצטיגע נארישע, דומע מענשען, דער קינד קען קיין קדיש ניט זאגען, מען האט איהם א פאלשע הפטרה אויסגעלערענט, ווייל ער קען דאך די טראפ ניט. אזא סארט אויסלערנען קען מען אבער אויך. הערט א מעשה, גראף טישקעוויץ, גאר דער אלטער האט געפונען א בערעלע אין וואלד. ער האט איהם געבראכט אין זיין פאלאץ, ער האט דעם בערעלי געוואלט מאכען פאר א לייט, ער זאל קענען טאנצען, און נאך אזעלכע זאכען.

ער האט געלאזט רופען צו זיך זיין שניידער, וועלכער פלעגט פיר איהם אלעס נעהען און דער גראף האט איהם געהאלטען פאר א קלוגען אידען, און האט צו איהם געזאגט: הער זיך איין, מאשקע, איך וויל אז דו זאלסט איהם אויסלערנען שעהנע קונצען, דעם בערעלע.

— גראַף, איך וועל איהם לערנען דאוונען, און אין דריי מאָנאַט צייט וועט דער בערעלע קענען גוט דאוו־נען.

— נו, מאַשקע, דו קריגסט פון מיר א הונדערטער אויב דו וועסט איהם אויסלערנען דאוונען.

— זעהר שעהן, פריץ'ל, גיב מיר איהם אין מיין האנד, ער וועט שוין קענען.

משה, אונזער שניידער, האָט דעם בערעלע גענומען צו זיך, און האָט איהם אריינגעלאָזען אין א צימער, אין וועלכען עס איז מעהר ניט געווען ווי א פּאָליצע. דאָרט האָט איהם דער שניידער אוועקגעלייגט דעם גרויסען קרבן מנחה, זיין אידענע'ס, און דעם בערעל א גאנצען טאָג ניט געגעבען קיין עסען. אויף מאָרגען איז דער משה אריין אין דעם צימער וואו דער בעריל איז.

דער בעריל האָט איהם נאָר דער־זעהן, האָט ער איהם געוואָלט איינ־שלינגען. ער האָט געכאַפּט א שטיקעל ברויט און האָט ארויפגעשליידערט אויפ'ן טאָוועל פון סידור, און עס גע־וויזען דעם בער. דער בער האָט אָנ־געהויבען בורטשען און האָט פון סידור אראָפּגעכאפּט די ברויט. אויף מאָר־גען האָט דער שניידער ווידער אזוי געמאכט. עס זיינען אזוי אוועק איי־ניגע טעג, אז דער בער פלעגט נאָר דערזעהן דעם סידור, פלעגט ער שוין אָנהויבען ברומען און בורטשען. די צווייטע וואָך האָט שוין דער שניידער גענומען די שטיקלעך ברויט און זיי צוטהיילט אין סידור גופא: ביי אדון עולם א שטיקעל, ביי ברוך שאמר א שטיקעל, ביי יוצר אור א שטיקעל, און אזוי ווייטער. ער האָט דערלאנגט דעם סידור, ער מישט פאר איהם, עס קומט צו אדון עולם — א שטיקעל ברויט. דער בער ברומט און עסט עס אויף, ביי ברוך שאמר — דאָס גליי־כען און זאָ ווייטער, אָט אזוי האָט ער פאר איהם געטהאָן אייניגע וואָכען. דער בער האָט זיך אזוי צוגעוואָהנט צום סידור, אז ער פלעגט איהם דער־זעהן אויפ'ן פּאָליצע, פלעגט ער זיך שטעלען אויף די הינטערשטע פיס און מיט די צוויי פאָדערשטע פיס אראָב־נעהמען דעם סידור, לאנגזאם, מיטן מויל, עס עפענען, און בורטשען זוכענ־דיג אין איהם ברויט.

צו דער צייט, האָט דער שניידער געבראַכט דעם בער צום פריץ. ווי דער פריץ האָט איהם דערזעהן, האָט ער איהם געפרעגט: נו, מאַשקע, דו האָסט איהם אויסגעלערענט דאוונען? —יא, זאָגט דער שניידער.

דער בער האָט א גאנצען טאָג ניט געגעסען. דער שניידער האָט גענומען דעם סידור און עס אוועקגעלעגט אויף א פּאָליצע. ווי נאָר דער בער האָט דער־זעהן דעם סידור האָט ער אים אראָפּ־געכאַפּט און האָט איהם גענומען בלע־טערען און בורטשען, בורטשען און ברומען און בלעטערען.

דעם פריץ איז געפעלען געוואָרען דער קונץ. אָבער דער פריץ זאָגט צום שניי־דער: יא, מאַשקע, שעהן איז דאָס, אָבער ער בורצעט דאָך נאָר, איך הער ניט קיין ווערטער?

פריץ'ל, זאָגט דער שניידער, דו קום

ביי אונז אין שוהל, וועסטו זעהן אז אלע איצטיגע וואס דאוונען, מענשען, ניט קיין בערען, דאוונען אויך אזוי, זיי בורטשען און וויטער גארנישט.

פריינדע, עס איז אויך אנגעמאסטען פאר יעצטינגע בר־מצוה'ס. מען נעהמט א קינד, א ווילדען בעריל, וועלכער קען קיין ווארט ניט זאגען, און אז ער דאוונט שוין יא א ביסעל, אט ער בורטשעט, ניט ער ווייסט וואס ער בורטשעט, ניט קיינער וויים, נאר מען קען דאך ניט מאכען קיין פארטי, נעהמט מען דעם קינד אין א חדר אריין און מען לערענט איהם אוים א הפטרה מיט א ספיטש, און ער זעהט דעם רעבינ'ס מינע, ווייל דער רבי שטעהט דערביי און ער בורצעט אב די הפטרה. פרעגט איהם אויב ער ווייסט אפילו איין טראפ פון דער הפטרה. אט ער בורטשעט, אבער פאר בורטשען האט דער מלמד געקראגען וואס צו עסען. דער בערעלע אליין, מיט דעם טאטען, דעם גרויסען בער, און די בעריכע, מיט נאך א סך בערעלעך, קומען זיך צוזאמען זעהן די קונסט פון דעם בערעלע, ווי דער שניידער משה מלמד האט אויסגעלערענט א בערעלע א הפטרה'לע. מען קומט אין שוהל, מען ברייננט אום שבת צו בעשיטען דעם בערעלע מיט קענדיס, ניסעלעך, פאר'ן בורטשען...

ווי לאנג נאך וועט איהר אזוי דום זיין. יא, עס איז א גרויסע שמחה, א בר־מצוה פארטי, אבער אז דער בערעלע זאל קענען דאוונען ניט ווי ער קען יעצט.

מיסטיינס געזאגט, פון וואנען זאל ער קענען? אז צו זיעבען יאהר דערמאהנט זיך דער טאטע איהם אוועקצוגעבען אין חדר. מילא, א חדר מיט זעכציג קינדער, אין גאנצען א פאאר שטונדע, ווי לאנג געהט ער אין חדר, זעקס יאהר, מיט די פריהערדיגע זיעבען יאהר ווערט ער דרייצעהן יאהר אלט, און מיט די דרייצעהן יאהר סטאפט מען שוין פון חדר, ווייל ער איז דאך שוין בר־מצוה...

אי ,שרעקליך, טאטע מיט דיין בערעלע. „כי תקנה", אז דו וועסט וועלען קויפען „עבד עברי", א אידישען קנעכט, א קינד ער זאל זיין א עבד ד', גאטעס קנעכט, ווי טהוט איהר יעצט? הויבט איהר אן צו זיעבען יאהר, און „שש שנים יעבוד", און זעקס יאהר געהט ער נאך איבער געוואלד אין חדר, ובשביעית, די זיעבעטע יאהר, ווערט ער דאך בר־מצוה, „יצא לחפשי", געהט ער שוין ארוים פריי, „חנם", אומזיסט, „חנם בלא מצות" זאגען די חז"ל אויף אן אנדער „חנם", פון „בהעלותך", חנם אהן תפילין, אהן ציצית. אויף אזא טאטען געהט דער צווייטער פסוק „אם בגפו יבא", אזוי ווי ער איז געקומען אויף דער וועלט אהן קינדער, נור אליין, אזוי „בגפו יצא", אזוי וועט ער ארויסגעהן אליין, אהן קינדער...

פריינדע, ווארפט אוועק די נארישקייטען. זעהט אז אייער קינד זאל עטוואס טאקע קענען ביז בר־מצוה. און אז מעגליך, לאזט איהם נאך וויטער געהן אין חדר א פאאר יאהר. און אז איהר פרעהט זיך, זאל די פרייד זיין אן אמת'ע, א ריכטיגע.

ס"ו

# צ ד ק ה

„ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי" (ר״ל״י) לי לשמי.

איהר זאָלט נעהמען צו מיר תרומה פון דעם יעניגען וועלכען עס בעוויליגט זיין הארץ צו געבען פון דעם זאָלט איהר נעהמען. רש"י הקדוש זאָגט „לי", וואָס בעדייט דער וואָרט „לי", צו מיר? זאָגט ער: „לי לשמי", איהר זאָלט פון מיין נאָמען וועגען געבען תרומה. דאכט זיך צדקה איז „אפילו שלא לשמה", ניט פון גאָטעס וועגען אויך.

אז מיר וועלען בעטראכטען, וועלען מיר אויסגעפינען אז די מעהרסטע ישיבות, תלמוד־תורה'ס און בתי־מדרשים, ווערען אויסגעהאלטען פון די ארעמע אפערייטאָרסט, בינלערס, קאָטערס, קארפענטערס, און אלע ארעמע בעלי מלאכות, ווארום דער גביר געהט דאך גאָר ניט אין שוהל, דעם גביר קימערט ניט פון די תלמוד־תורה, ביי איהם איז דאָס איבעריג אין גאנצען. קיין משולח קומט ער ניט הערען. ווער געהט אין שוהל? דער ארעמער בעל מלאכה, דער שמש קלאפט מיטן באָקס, ווער גיט די פעני? דער ארעמער בעל מלאכה. ביי דעם דאוונען דריי מאָל א טאָג קומען סתם שנאָרער אין שוהל. ווער גיט זיי נדבות? דער בעל מלאכה. ווענמען רופט מען אויף צו דער תורה? ווער גיט געלד פאר דער תורה, צו קויפען א נייע, צו מאכען א סיום התורה? לערנען משניות, צאָהלען א רבי'ן? אלעס דער בעל מלאכה, דער ארעמער איד! ווער האלט אויס די רבנים? ווייטער און ווידער די בעלי מלאכות. רעכענט אויס, ווער גיט צדקה, וועט איהר זעהן די ארעמע לייט גיבען!

דער גביר, לויט זיין פערמעגען, גיט אפילו קיין צעהנטעל ניט פון דעם וואָס דער ארעמאן גיט. קוקט אויף דעם ארעמאן'ס פארדיענסט, רעכענט ריכטיג, וועט איהר פערשטעהן אז דער ארעמער קלאָסס גיט מעהר

די גבירים גיבען פאר האָספיטעלער, פאר קריפעלס. יא, דאָס איז אויך זעהר גוט. אָבער נאָר פאר דיעזע צוועקען, פאר אלטע קעץ פאר הינט! אין גרענד סטריט איז געשטאנען אן ארעמאן און האָט געשריען: שענקט א נדבה א בלינדען! א רייכער מאן פארבייגעהענדיג האָט איהם דערלאנגט א פעני. ווי דער מאן האָט עס צוגענומען, האָט דער גביר באמערקט נאך דעם צונעהמען פון דער פעני אז דער מאן איז ניט אינגאנצען בלינד. זאָגט דער גביר צו איהם: איהר זייט א בלאָפער, מיסטער, איהר שרייט אז איהר זייט בלינד, און אלעם ענדע זעהט איהר גוט. יא, האָט געענטפערט דער ארעמאן: וואָס האָט איהר געוואָלט אז פאר אייער איינציגע פעני זאָל איך אין גאנצען זיין בלינד. ניין, פאר איין

פעני קען איך ניט זיין בלינד!...
גיט צדקה, טהייערע ברידער, מייר נע חברים ארעמע לייט. איך בין אויך אזוי רייך ווי איהר, איהר זייט מיינע ברידער, לאמיר געבען. מיר לייגען ניט צו דערצו, ווארום אז מיר גיבען ניט מיט גוטען, מוזען מיר געבען מיט בייזען.
אין ברכות (ס"ג) זאגען די חז"ל דיעזע ווערטער: „למה נסמכה פרשת סוטה לפי' תרומות ומעשרות, לומר לך כל שיש לו תרומות ומעשרות ואינן נותנן לכהן סוף נצרך לכהן על ידי אשתו", דאס הייסט, ווארום איז דערביי אינע נאך דער אנדרערער, פרשת סוטה„ ווען א פרוי האט זיך פארבארגען מיט א מאן, און מען ווייסט ניט אויב זי האט געזינדיגט אדער ניט, און זי זאגט אז ניט, דארף דער מאן איהר ברייננגען צום כהן, און מען האט אויפגעשריבען דעם שם המפורש, גאטעס נאמען און אבגעמעקט אויף דעם וואסער, און מען האט איהר אנגעטרונקען דיעזע וואסער. ווארום איז די פרשה סוטה נאך די פרשה תרומות ומעשרות גלייך? צו זאגען, דאס הייסט דו זאלסט וויסען, מען זאגט עס דיר אן, אז אויב דו האסט תרומה צו געבען צום כהן און דו גיסט ניט, וועט די ענדע זיין אז דו וועסט דארפען ברייננגען די פלונית'טע צום כהן, אנצוטרינקען איהר די מים המאררים.
און דאן וועט דאך צוליעב דיין ווייבעל און צוליעב דיר, וואס דו האסט ניט געוואלט קומען צום כהן מיט גוטען, וועט צוליעב דיר אבגעמעקט ווערען מיין נאמען, אלזא זאגט גאט צו משה רבנו: זאג זיי „ויקחו לי תרומה", זיי זאלען נעהמען אבשיידען צו מיר תרומה, און געבען וואו מען דארף, אז ניט, וועט דאך ח"ו דארפען אבגעמעקט ווערען מיין נאמען. טא גיט טאקע „לי"„ „לשמי", צוליעב מיין נאמען וועגען, עס זאל ניט ח"ו אבגעמעקט ווערען דורך דער סוטה...

---

ס"ז

# צ ד ק ה

„ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי"

דעם געדאנק פון תרומה און פון אלע צדקות, וואס השם יתברך שמו האט געהייסען אונז מענשען געבען, און ווארום רופט מען עס אן „לי", צו מיר? גיט מען דען איהם? וויל איך ערקלעהרען מיט א קורצען משל. מיר דאכט אז דער משל איז פון הגאון הגדול הדרשן המפורסם רבינו יצחק אליהו לאנדא.
א פאטער האט געבראכט זיין קליי־

נעם אינגעלע ניסעלעך, און ער האָט איהם אוועקגעגעבען אלע. אלע זיינע פּאקעטלעך האָט דאָס קינד פול געמאכט מיט די ניסעלעך. נאכהער איז צוגעגאנגען דער פּאָטער צום קינד און האָט איהם געבעטען אייניגע ניסעלעך. דאָס קינד האָט געגעבען מיט קליינעם חשק. האָט דער פּאָטער גענומען אליין פון איהם. דאָס קינד האָט זיך צואויינט.

א דערביי־שטעהענדער האָט געפרעגט דעם פּאָטער נעמליך: אז איהר האָט געוואָלט ניסלעך, האָט איהר איהם ניט געדאַרפט אוועקגעבען אין גאנצען, אָדער איהר האָט געזאָלט קויפען מעהר. ווארום יאָדעט איהר דאָס קינד?

דער פּאָטער ענטפערט אזוי: זייט וויסען, אז איך וויל ניט די ניסלעך. איך וויל נור טרייען דעם קינד וואָס פאר א הערצעלע ער האָט. וועט ער זיין א געבער, אָדער ער וועט זיין א נעהמער, און מען דארף איהם לערנען. איך וויל זעהן די מידה פון קינד, און איך דארף און בין מחויב איינצופלאנצען אין איהם גוטע זיטען.

דאָסגלייכען גאָט ב"ה גיט אונז און זשאלעוועט ניט, וויל ער אונז טרייען וואָס פאר הערצער מיר האָבען, אויב מיר וועלען געבען, אָדער ניט, מיר גיבען דאָך זיינע, ער גיט אונז. מיר דארפען געבען די וועלט, די מיטמענשען אונזערע, די וואָס גאָט האלט זיי אויף דער וועלט אונז נאָר מזכה צו זיין מיט אונזער צדקה...

„ויקחו לי תרומה", זיי זאָלען נעהמען צו מיר די תרומה, דאָס הייסט, מיינע איז דאָס מיר געבען צוריק, וואָס בעלאנגט צו מיר זאָ ווי זאָ. אי ווארום האָב איך אזוי געטהאָן, פריהער געבען און נעכהער צוריק אָבנעהמען? ווייל איך וויל זעהן „מאת כל איש אשר ידבנו לבו", פון דעם מענשען וואָס זיין הערצעלע בעווילינגט צו געבען, ווי ער גיט, וויפיעל ער גיט, און אויב ער גיט, פאר וועמען גיט ער. דאָס אלעס וויל איך וויסען. אויב אָבער זיי ווילען ניט געבען אליין, מיט'ן גוטען ווילען, זאָג איך אייך אָן, „תקחו", איהר זאָלט נעהמען איבער געוואלד. די חכמים זאָגען „כופין על הצדקה", מען צווינגט אויף צדקה...

---

ס"ח

# הספד

„ונתת אל הארון את העדות אשר אתן אליך, והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה סוככים בכנפיהם וגו' והבריח התיכון מבריח מן הקצה אל הקצה"

איך האָב ניט לאנג געזאָגט א הספד אויף א גאנץ פרומען און ערליכען אידען, ניט קיין פּראָסטער מענט געווען, געשטאָרבען איז ער אין די מי־

טעל־יאָהרען, אויך קליינע קינדער גע־
לאָזען. צווישען אנדערע רייד, האָב
איך געזאָגט ווי פאָלגט.

דעם מענשען באַגלייט קיינע געלה,
קיין רייכקייט. אפילו די פריינד, גאָר
נאָהענטע, מעהר ניט ווי ביז׳ן קבר.
אָבער די מעשים טובים זיינע, דער
פרק משניות, דער דאַוונען, און אין
אלגעמיין, די גאנצע אידישקייט, דאָס
געהט מיט איהם און ליעגט לעבען
איהם אין ארון. ניט זיין געלד נור דיע־
זעם „ונתת אל הארון“, און דו מענש,
זאָלסט זעהן, ווען דו פאָהרסט אָב פון
דער וועלט, און מען טהוט דיר אריין
אין אָרון, זאָלסטו אויך מיטגעבען „את
העדות“, אָט דיעזע תורה, וואָס דאָס
וועט זיין אן עדות, א וויטנעס, פיר
דיר, „אשר אתן אליך“, וואָס איך גיב
דיר, דיעזעס וועט דיר אָבהיטען פון
אלע שלעכטעס.

קינדערלאך, זייט וויסען, אייער טאַ־
טע איז אָבגעפאָהרען ניט קיין אָרע־
מאן. ער האָט מיט זיך מיטגענומען
פיעל, זעהר פיעל, מיט איהם אין אָרון.
אָבער יעצט ווענדט זיך אָן אייך. הערט
ווי אזוי: אויף דעם ארון איז געווען
„כרובים“. די חז״ל זאָגען אז זייער
פנים איז געווען ווי דער פנים פון א
קינד. דאָס בעווייזט יעצט פאר אייך
אויך, וואָס איהר האָט צו טהאָן פאר
איער פאָטער. איהר „כרובים“, איהר
קינדער, איהר זאָלט טהאָן וואָס איי־
ער פאָטער האָט אייך געלערענט צום
גוטען אלעס, דאמיט וועט איהר פאר־
דעקען דעם אָרון, בעשיצען דעם אָרון,
אז איהר קינדער וועט זיך פיהרען אין
זיין וועג, ווען ניט וועט איהר צו־
ברעכען זיין אָרון, ער וועט דאָרט האָ־
בען שאנדע פון אייך.

והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה“.
און די קינדער זאָלען פערשפרייטען
די פליגעלעך אויבען אויף דעם ארון,
איהר זאָלט בעשיצען זיין אָרון, קיי־
נע מזיקים, קיינע רוחות זאָלען איהם
ניט קענען שלעכטעס טהאָן. דאמיט
וועט ער הייסען לעבעדיג. „סוככים
בכנפיהם“, זיי, די קינדער, זאָלען באַ־
דעקען, באשיצען, „על הכפורת“, אויף
דעם דעק פון אָרון.

ווייעדער זייט וויסען, אז דער פאָ־
טער ווערט גערופען דער ריגעל און
קייטעל פון הויז. ער פארשליסט אלע־
מען צוזאמען, מען זאָל ניט צושפרייט
און צוריסען ווערען איינער פון אנ־
דערן. ער איז געווען דער „והבריח
התיכון“, דער מיטעלסטער ריגעל,
„מבריח מן הקצה אל הקצה“, וואָס
האָט אייך, די גאנצע פאמיליע, צו־
זאמענגעבונדען פון ברעג צו ברעג.
יעצט, קינדערלאך, איז דער צוזאמענ־
שליסער אייך צובראָכען געוואָרען. עס
איז ח״ו א געפאהר פאר אייך. אָבער
זייט וויסען, אז דער „הבריח התיכון“,
דער מיטעל־רינג, אייער מאמע, זאָל
לעבען, זי בעשטעהט יעצט אין שטעל
פון אייער פאָטער אויך. זי איז יעצט
פאָטער און מוטער, זי איז יעצט דער
„בריח התיכון“, איהר זאָלט זיך ח״ו
ניט צוטהיילען, לאָזט אייך פיהרען פון
אייער מוטער, זעהט אז דער “בריח
התיכון“, אייער מוטער, זאָל ח״ו ניט
ברעכען. בעט ביי גאָט פאר איהר לע־
בען, שליסט זיך אלע צוזאמען, ביז
השי״ת וועט עפענען די קברים, און
אייער פאָטער וועט אויפשטעהן תחית
המתים, אָמן.

ס"ט

# חנוך הבנים

„ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלות נר תמיד"

משה, פארזאָג די קינדער ישראל, זיי זאָלען ברייננגען צו די „שמן זית", קלאָהרע, דין געשטויסען, צום לייכ־טען, אָנצוצינדען דעם נר תמיד.

שלמה המלך זאָגט: „נר ד' נשמת אדם", ער גלייכט די נשמה צו א ליכט, אזוי ווי א ליכט אז זי האלט ביים ענדיגען ברענען, דארף מען אָנצינדען די אנדערע ליכט, ווען ניט בלייבט פינסטער, דאָס זעלבע דער מענש, בע־פאָר ער שטארבט אָב, דארף ער זעהן לערנען זיינע קינדער דעם „דרך ד'".

„ואתה", דו פאָטער, „תצוה", דו זאָלסט פארזאָגען „את בני ישראל", דיינע קינדער, „ויקחו אליך", זיי זאָ־לען נעהמען צו דיר, זי זאָלען עס אי־מער ברייננגען צו דיר, צו דיין נשמה, „שמן זית זך", דעם קלאָהרען שמן, דאָס איז די תורה, „להעלות נר תמיד", אָנצוצינדען דיין נשמה, זי זאָל קע־נען „תמיד", שטענדיג, עקזיסטירען, ווען ניט, ווערט דיין נשמה פערלאָשען אויף עוויג...

אין בראָד איז געוועזן א גרויסער גביר, א קארגער. ער האָט אימער גע־זאָגט אז א מענש דארף שפּאָרען און זאמלען, און ער האָט טאקע געזאמעלט מיליאָנען. אונטער זיין הויז איז גע־ווען א קעלער מיט אייזערנע דיקע ווענד, אז קיין פייער און וואסער האָט ניט געקענט צוקומען אהין. די טהי־רען שטארקע ווי פון דער גרעסטער פעסטונג. די קינדער, האָט ער געזאָגט, דארף מען ניט לערנען, ווייל אויב זיי וועלען לוסט האָבען צו קענען, וועלען זיי קענען.

אז ער איז אלט געוואָרען זעכציג יאָהר, האָבען די קינדער געפייערט זיין געבורטסטאָג מיט פראכט און גלאַנץ, און פיעלע מיליאָנערען געסט זיינען דערביי געווען. צוועלף ביי נאכט, ווען מען האָט זיך שוין גוט משמח געווען, דאן האָט זיך בעזאָנען דער גביר און זאָגט צו זיך: וואָס איז דאָס פארגעני־גען? זיי ווייסען גאָרניט פון פערגעני־גען. איך וועל באלד האָבען פערגע־ניגען. און ער האָט קיינעם ניט גע־זאָגט, און איז אראָב אין קעלער. ער האָט געעפענט די פעסטונג, די איי־זערנע טהירען, און האָט פארגעסען די שליסלען ארויסצונעהמען און די טהירען האָט ער פערמאכט. ער האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף די גאָלד און דיימאָנדס, און האָט געקוואָלען, ווער איז דאָס אזא עושר ווי איך בין — האָט ער צו זיך געזאָגט.

ער איז אָבגעלעגען א פּאָאר שטונ־דען. ער נעהמט ארויסגעהן, ער געהט צו די טהירען, זיי זיינען פערהאקט. די שליסלען ניטאָ. „ויהי", א צרה. איהר פערשטעהט ווי איהם איז גע־וואָרען? ער האָט אָנגעפאנגען שרייען,

געשריען איבער די כחות, אָבער קיי־נער האָט ניט געהערט. ער האָט אזוי געשריען דאָס עס איז איהם ארויס א שטראָם בלוט פון האלז, און ער איז געפאלען אויף זיין פערמעגען אין צייט איינינע שטונדען איז ער געבליבען טויט... ארומגעהמענדיג זיך מיט די גאָלד...

זיי האָבען בעמערקט אז קלונימוס איז ניטאָ. אין אָנפאנג איז דאָס ניט געווען ערענסט. מען האָט איהם גע־זוכט, אָבער אז עס איז אוועקגעגאנ־גען מעהר צייט, האָט מען איהם שוין געזוכט מיט ליכט אין אלע בעהעלטע־ניסע, ביז אויף מאָרגען זעקס אוהר אין דער פריה איז מען געקומען צום קעלער, פיעלייכט איז ער דארט. ווי זיי האָבען דערזעהן די שליסלען אין די טהירען, האָבען זי פערשטאנען וואָס דאָ איז, און זיינען אריין און איהם געפונען טויט...

געוועהנליך, זיי האָבען איהם ארויפ־געגומען און דעם זעלבען טאָג בעגראָ־בען טיעף אין דער ערד, און זיינע קינדער האָבען גענומען אויסליידיגען דעם קעלער. איהם בעהאלטען אין דער ערד, דאָס גאָלד ארויסגעשלעפּט פון דער ערד, „לא יועילו אוצרות ביום עברה“, זאָגט דער חכם מכל האדם. דעם נמשל פערשטעהט אליין.

---

## ע׳

# פרשה שקלים

„כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם ונתנו איש כופר נפשו לד׳ בפקוד אותם ולא יהי׳ בהם נגף בפקוד אותם“

מיר זעהען פרומע אידען וואָס לער־נען און דאווגען, „מדקדקים במצוות“, אָבער נאָר ביז׳ן פּאַקעט, נאָר עס זאָל קיין געלד ניט קאָסטען, קענגען זיי דאוונען אפילו א גאנצען טאָג. זיי שטיצען א רב, אָבער נאָר מיט דער שטימע. אז עס קומט ביי דעם מי־טינג, זאָגען זיי מען דארף האָבען, אָבער נאָר דער רב זאָל זיי ניט קאָס־טען. קומען אין שוהל, קומען צו מי־טינגס, און זאָגען די גרעסטע דעה, נאָר קיין געלד. אויף דיעזע איז דאָ דער וועלט ווערטעל: ער איז פרום ביז׳ן פּאַקעט. „אני בצדק אחזה פניך“, אזא איד זאָגט: „אני“, איך ב׳צ׳ד׳ק׳ —„ביז“ „צו“ „דער“ „קעשענע“ „אחזה פניך“, קום זעהן דיין פּנים, אָבער ניט מיט דער קעשענע.

דער סאָרט איד איז מן התורה, מן הנביאים ומן הכתובים און פון תורה שבעל פּה, ניט פון די געהויבענע ליי־טע. איהם האַסען אויך אלע זיינע מיט־מענשען, זיי האלטען איהם פאר גאָרניט, איבערהויפּט האַסט מען איהם אין די צדקה־אנשטאַלטען. יאָ, עס איז פאַראן א סך אזעלכע וואָס פאר׳ן

טויט מאכען זיי א צוואָה און צוטהיי־
לען א ביסעלע געלד, אָבער אויף דעם
איז דאָ א וועלט וואָרט: „לעבען איז
מעהר קונסט ווי שטאַרבען".

און עס טרעפט אויך אז נאכהער
קלינגען די צייטונגען און חברות קו־
מען זיך צוזאמען און טהיילען איהם
צו א ביסעל כבוד. נאָר דאָס איז אויך
גאָרניט, ווייל עס איז דאָ א וועלט־
ווערטעל: „ביי דעם קלאַנג פון געלד
ווערען אפילו טויבע הערעדיג"...

אלזאָ, דעם מענשען גלייכט קיינער
ניט, דארום זאָגט גאָט ב"ה צו משה'ן:
משה טהייערער, אויב דו ווילסט ווי־
סען וואָס א ריכטיגער איד און מענש
איז, זאָלסטו ניט קוקען אויף זיין פרומ־
קייט אליין, דאָס קען זיין אז עס איז
פאַלש. נאָר אויב דו ווילסט וויסען
אז דאָס וואָס ער טהוט איז מיט אן
אמת, זאָלסטו איהם הייסען געבען
געלד, די אידישקייט זאָל איהם עט־
וואָס קאָסטען. און אויב ער וועט גע־
בען, דאן קענסטו וויסען בעשטימט
אז ער איז א פיינער מאַן. געוועהנליך,
אויב דו זעהסט אזא וואָס לייגט קיין
תפילין ניט, און ער גיט געלד, פון
איהם וויל איך גאָר ניט וויסען, דער
איז א רשע שאינו גמור. דער ערסטער
איז א „צדיק שאינו גמור". איך וויל
דיר נאָר זאָגען אויף דעם מדקדק
במצוות א „סימן מובהק".

„כי תשא", אויב דו ווילסט „ער־
הויבען" „את ראש בני ישראל", די
גרויסקייט פון א ישראל, און וויסען
אין וואָס פאַר א מדרגה ער איז,
„לפקודיהם", צו זייער צאָהל, וויסען
אויב ער איז געצעהלט צווישען די
גרויסע מענשען, אָדער ניט, „ונתנו
איש כופר נפשו לד'", זאָלסטו זאָגען
אז זי זאָלען געבען געלד... דאן וועסטו
וויסען ווער ער איז...

ווארום אז מען זאָגט א אידען: דו
דארפסט געבען פינף דאָלאר צום בנין
בית הכנסת, זאָגט ער באלד: ווארום
האָט מען חאצקלען, וואָס ער איז ריי־
כער פון מיר, געשטעלט נור דריי. דאָס
זעלבע זאָגט חאצקעל, און עס ווערט
די גרעסטע מחלוקת צוליעב דעם. אל־
זאָ, משה, אז דו וועסט זאָגען „זה
יתנו", דאָס זאָלט איהר געבען, און
„ולא יהיה בהם נגף", און זיי וועלען
זיך ניט פאַטשען איינע די אנדערע,
דאן וועסטו וויסען אז „תרום קרנן
של ישראל".

---

## ע"א

# פרעזידענטען

„ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם אלה
הדברים אשר צוה ד' לעשות אותם"

משה האָט פערזאמעלט אלע אידען
און ער האָט צו זיי געזאָגט; דאָס זיי־
נען די אלע זאכען וואָס גאָט האָט בע־
פוילען דאָס צו טהאָן, דער מדרש

זאָגט ,אז השי:ת האָט איהם געזאָגט. ער זאָל מאכען קהילות, גרויסע פערזאמלונגען, און דרשן'ען פאר זיי אלע שבת.

אין קיין לאנד אין דער וועלט איז אזוי פיעל דרשנים ניט פאראן ווי אין אמעריקא. די וועלכע האלטען דרשות אלע שבת, און אלע טאָג, נור א גרויסע שוהל האָט א רב, אָדער א דרשן, און מען זאָגט צו קריאת התורה שבת ביי טאָג, מען האלט נאָר אין איין זאָגען. צו אלעם ענדע איז דער עולם פיעל ערגער ווי אין אלע לענדער, און וואו איז מחלוקת, דווקא צוליעב א רב, אָדער א דרשן. דא אין אמעריקא, וואו איז מחלוקת, אָדער סתם א פאראיבעל צוליעב א שלישי, וואָס איהם דוכט זיך אז שלישי איז די בעסטע עליה, ווארום דאָס איז דאָך די דריטע עליה, און וואו צווי איז ער דאָך אימער א דריטער... דא אין אמעריקא...

און אויב ער איז נאָך א ביסעל רייך, און קיין מענש איז ער דאָך ניט, ליבערסט איז צו זיין א מענש אָהן רייכטהום, איידער רייכטהום אָהן א מענשען... נו, דאן איז שוין אָבגערעדט אין גאנצען, ווען חס ושלום, אז מען האָט איהם ניט אזוי פיעל כבוד געגעבען ווי איהם דוכט זיך אז ער האָט עס געדארפט בעקומען.

ווארום איז דאָס? מען הערט די רבנים, זייערע דרשות, און צום סוף איז דאָ ערגער ווי ערגעץ אנדירסוואו?

דאָס איז, מיינע פריינדע, צוליעב איין אורזאכע, אז דעם רב, אָדער דרשן, האלט מען איוך ניט צוליעב דעם ווייל מען דארף א דרשן. ניין, טויזענד מאָל ניין! נו צוליעב ביזנעס. די שוהל איז געפאקט ווען דער דרשן זאָגט, איז דאָס ביזנעס. און איהם פאָלגען דארף מען ניט, מען דארף נאָר איהם הערען. אין געגענטהייל, זאָל דער דרשן פארטשעפען אין זאָגען דעם פרעזידענט, דעם שעהנעם מענשען, וואָס איהם וועט זיך נור דאכטען אז מען האָט עס איהם געמיינט, הויבט ער שוין אָן בילען אויף דעם רב... נו, וואָס זאָל דער רב טהאָן? ער הערט דעם בילען, טראכט ער זיך: ביל וויפיעל דו ווילסט, און איך וועל רייידען וואָס איך דארף. ווארום אז דער כלב בילט אויף דער לבנה, הערט דען אויף די לבנה צו שיינען צוליעב איהם?

ווי מיר אליין האָט דאָ אין נויאָרק אין א שוהל א בעגעגעניש בעגעגענט. איך האָב אין ריידען, צווישען אנדערס, געשילדערט די קארגע מענשען, און איך האָב איינע פון די געדאנקען פון וועגען קארגע געזאָגט ווי פאָלגט: א קארגער מענש און א פעטע בהמה, זי ברייננגען נוצען ערשט נאָכ'ן טויט...

נו, גראדע דער וויס־פרעזידענט האָט זיך אָנגעחאפט אז דאָס מיינט מען איהם ,נאָר ניט פאר א קארגען מענשען, נאָר פאר דער פעטער בהמה... נו, וואָס פרעגט איהר, ער האָט שוין ביי יעדען מיטינג געמאכט פאָרשלעגע אז מען זאָל מיר אָראָבנעהמען ווייידזשעס. נור איך האָב זיך ווענינ דערשראָקען און געזאָגט, פון אזעלכע בהמות אלע טאָג, און מענשען האָבען געהערט און איך האָב דאן בעקומען

מיט גאנצע צוויי דאלאר אויפ'ן וואָך שכירות מעהר...

משה רבינו האָט שבת געמאכט פערזאמלונגען, אום צו לערנען דעם עולם זיטען גוטע, און די תורת ד', אָבער ער האָט זיי געבעטען: קינדער ישראל, השי"ת האָט מיר געהייסען ריידען פאר אייך, אָבער ניט מיט דעם ריידען זאָלט איהר זיך בענוגענען, נור צו טהאָן וואָס מען רעדט צו אייך. אלה הדברים", אָט די רייד וואָס איך רייד צו אייך „אשר צוה ד' ", וועלכע גאָט האָט פארזאָגט ניט צו הערען אליין, נאָר „לעשות אותם", זיי צו טהאָן, וואָס מען רעדט זאָלט איהר עס טהאָן, ניט מיט'ן הערען אליין דאָס פטר'ן.

דארום, אז אין אלע שוהלען ביי־נאָהע הערשט דער שקר, געהען זיי נע־ביך אונטער. גיט א בליק אויף די שוהלען פון דער איסט סייד אין נו־יאָרק, און זעהט, אז די גרעסטע שוה־לען זיינען שוין אונטערגעגאנגען, ווייל כנסיה שהיא שלא לשם שמים אין סופה להתקיים — און דער שקר ברייננגט אויך א מאָל צום אמת... אָבער דאָס איז צום עולם האמת.

ערוואכט, פיהרער פון די שוהלען, ניט צו פערקלענערען די שכירות פון רב, און העכערען די שכירות פון דעם ניגער, וואָס שטעהט בים טהיר... ער־וואכט, ניט אָבצוזאָגען א רב, ווייל ער האָט גערעדט וועגען חילול שבת אין שוהל, וואָס מען פערקויפט טיקעטס אין שוהל... ערוואכט, וועלען די שוה־לען האָבען א קיום, ביז השי"ת וועט בויען דעם גרויסען בית המקדש אין גיכען, אָמן.

# ספר ויקרא.

ע״ב

## ויקרא

„ויקרא אל משה וידבר ד׳ אליו באהל מועד לאמר״

גאָט האָט גערופען משה׳ן או גע־רעדט צו איהם פון דעם פערזאמלונגס געצעהלט זאָגענדיג. איך האָב געזעהן אין ספרים זעהר פיעל טעמים ווארום איז דער אלף פון ויקרא א קליינער אלף? נור איין זאַך וואָס מיר איז גע־פעלען מער פאר אלעם וועל איך דאָ איבערגעבען פאר אייך.

א גרויסער מאַן פון די אומות העולם האָט א מאָל געזאָגט צו א גרוי־סען גאון: איך וועל דיר ווייזען אז משה איז פיעל קלענער געווען פאר בלעם׳ן. אומגעפעהר, אז איך בין א גרויסער מענש און איך דארף ועמען האָבען צו מיר, געה איך ניט צו יע־נעם, נור איך לאָז איהם וויסען און ער מוז קומען. דער קלענערער מוז געהן צום גרעסערען.

יעצט זעה, אז גאָט אייערער האָט געדארפט משה׳ן, „ויקרא אל משה״, האָט ער איהם גערופען צו זיך, און אז גאָט דארף האָבען צו בלעם׳ן, „ויקר אלהים אל בלעם״, האָט גאָט זיך געטראָפען צו בלעם און ניט איהם גערופען צו זיך. איז דאָך בלעם גרע־סער פאר משה׳ן און אפילו גרעסער פאר אייער גאָט, דען גאָט איז דאָך אויך געגאַנגען צו איהם...

דער אידישער גדול האָט געענט־פערט מיט אן אמת ריכטיגען פאַקט וועלכער איז אמאָל געשעהן. מיט איי־ניגע הונדערט יאָהר צוריק איז אין דייטשלאַנד ביים קייזער געווען א מאָ־דע, דאָס ער אליין פערזענליך פלעגט צונעהמען פראָשעניעס פון צוויי ביז פיער א זייגער בייטאָג. עס איז געווען אויף דעם אן אָפיס, און דער קייזער פלעגט זיצען דאָרט. ווען דער קייזער פלעגט זעהן דורך דער ווינדאָו אז א

גרויסער מאן וויל איהם דערלאנגען א לעטער, פלעגט ער באלד זאָגען זיין מיניסטער: דו נעהם ניט צו פון איהם מיר צו דערלאנגען, נור זאָל ער אליין אריינקומען, איך וויל מיט איהם רייד־דען פערזענליך.

א געוויסען טאָג האָט געבראכט א ביטע־בריעף דער גרעסטער מאן פון בערלין. דער קייזער האָט איהם ליעב געהאט, האָט ער א וואונק געטהאָן צום מיניסטער סעקרעטער, אז ער זאָל איהם אריינרופען, און ער האָט מיט איהם פערבראכט. אין איינינע מינוט שפעטער איז צוגעקומען צום אָפיס א בעטלער מיט די טאָרבעס, מיט זיין שמוציגען גאנג, זאָגט דער קייזער צום סעקרעטער: געה גיכער ארוים, לאָז איהם ניט אריין, ער זאָל דאָ איינשמו־צען דעם פלאָאר, נעהם צו פון איהם דעם בריעף און זאָל ער ווארטען אין סטרים.

דאָס זעלבע איז מיט משה'ן און בלעם'ן, להבדיל אלף הבדלות. גאָט ב"ה זעהט משה'ן, רופט ער איהם צו זיך... גאָט ב"ה דארף האָבען אויף דער וויילע דעם בעטלער, דעם שמו־ציגען טמא, לאָזט גאָט ב"ה איהם ווייט ניט נעהן, און זאָגט איך וועל בעסער געהן צו איהם...

„ויקרא אל משה", רופט ער איהם צו זיך און „ויקר אלהים אל בלעם", און גאָט טרעפט זיך צו בלעם...

משה אליין, דער עניו פון דער גאנ־צער מענשהייט, איהם איז אָבער ניט געפעלען געוואָרען אז גאָט מאכט איהם אזוי גרוים, אז ער הייסט איהם שרייבען אין דער תורה „ויקרא", ער האָט איהם גערופען, האָט ער אויך גע־וואָלט שרייבען „ויקר", געטראָפען צו איהם... אָבער ער קען דאָך ניט שריי־בען אנדערס ווי מען הייסט, האָט ער געשריבען א קליינעם אלף... דאָס איז ווי „ויקרא" און ווי „ויקר"...

---

ע"ג

# צו ערטערין

„אדם כי יקריב מכם קרבן לד' מן הבהמה בן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם"

עס איז ניטאָ קיין צרה אויף דער וועלט, וואָס פאר א צווייטען זאָל עס ניט זיין א טובה. איינער פערליערט געלד — דער צווייטער געפינט עס. אפילו ח"ו קראנקהייט איז נאָר שלעכט צום קראנקען, אָבער גוט פאר'ן דאָק־טאָר, און פאר דעם אפּאָטהעקער. דער בימערסטער רעצעפּט איז זיס פאר דעם אפּאָטהעקער. אפילו דער טויט אליין, די גרעסטע צרה, איז גוט פאר דעם אָנדערטייקער, פאר די תכריכים־נעהער, ארון־מאכער און זאָ ווייטער...

ווי מעגליך דארף דער מענש זעהן דעם צווייטען זאָל קיין רעה ניט ארויס־קומען פון זיין טובה. אפילו וואו ניט קיין רעה זאָל ארויסקומען, דארף אויך נאָך מעהר א מענש זעהן א טובה צו טהאָן יענעם. דער גביר דארף וויסען אז גאָט האָט איהם געגעבען צוויי הענד כדי ער זאָל מיט איין האנד צו־טהיילען וואָס ער בעקומט מיט דער צווייטער... און ניט יוצא צו זיין פאר מענשען. ווארום דער וואָס וויל באמת גוטעם טהאָן פאר דער מענשהייט, דארף ניט וועלען יוצא זיין פאר מענ־שען.

אלזא, פרומע אידען, וועלכע האָבען קינדער, מיט אייך האָב איך וויעדער צו ריידען עטוואָס. ווארום דווקא אי־מער מיט אייך? גאנץ איינפאך, ווייל אויף א בוים אויף וועלכען עס וואקסט ניט קיין פרוכט, ווארפט מען ניט קיין שטיינער... אז איהר וועט מיר פער־שטעהן, דעם פערעל וועלט־שפריכ־וואָרט, וועט איהר צו מיר גאָר ניט האָבען, אז איך וועל א ביסעל מיט אייך זיך וועלען קריגען, נאָר וואָס איך ווינש אייך דאָס זאָל מיר גע־שעהן.

נאָך א מאָל די זעלבע, עס איז ניטאָ קיין רעה וואָס עס זאָל ניט ארויסקו־מען קיין טובה דעם אנדערן... אייערע וועלען אָןביידע וועלטען, די וועלט קינדער׳ס רעה איז נעביך וואָס זיי ניט אלע מאָל, נור די צווייטע וועלט געווים, מיט דעם וואָס איהר כאפט זיי גיך צו פון חדר, אבי זיי זאָלען טאָ־קע ברייננען פיידע. עס איז אפילו דאָ א ווערטעל מיט א פראגע: וואָס איז די גרינגסטע זאך אויף דער וועלט? אנטוואָרט: יענעם אן עצה צו געבען...

נאָר דאָך נעהם איך זיך די פריי־הייט אייך צו געבען אן עצה טובה. זעהט ווי מעגליך, אויב איהר זייט באמת פרום, ניט צו וועלען האָבען א טובה פאר אייך ,זיך גרינגער מאכען אין לעבנס מיטעל, דערמיט וואָס איי־ער אייגענער קינד זאָל ניט דאוונען און זאָל מחלל שבת זיין. ער שפירט ניט די רעה זיינע, אבער איהר שפירט, און גלויבט וואָס דאָס איז. די עלטערען וואָס קענען זיך ניט העלפען, פון זיי רעדט מען ניט. איך זעה פרומע על־טערען וואָס געהען דאוונען אלע טאָג, שבת אוודאי, ער דער צדיק, זי די צדקנית, טראָגען קיין ענדקערטשיף אום שבת. נו, דארף מען האָבען בע־סער? נו אז מען געהט אין שוהל און מען דארף דאָך דעם טלית טראָגען, גיט מען דזשייקען, און די מאמע גיט דעם קרבן מנחה קיידען.

מען מאכט א קינד בר־מצוה, דאָס הייסט, ער ווערט היינט אליין מחויב צו טהאָן אלע מצוות. מען ברייננט איהם אין שוהל, מען גיט איהם מפטיר, ברייננט מען מיט בעגס קענ־די, אום שבת קודש, איהם צו בע־ווארפען דערמיט פון עזרת נשים. ער ווערט היינט מחויב צו היטען שבת, און מען ווארפט איהם מיט חילול שבת. עס וואָלט ניט אזוי פיעל בלוטען דאָס הארץ, וואָלט איך זיך אויסגעלאכט וואָס פאר משוגעים מענשען עס זיי־נען פאראן.

ניין, טאטע! ניין, מאמע! אויב זיין א איד הייסט נור זיך אליין פיקסען,

ווארום האָט אברהם אבינו אזוי פיעל געליטען, וואנדערענדיג, אום צו ביל־דען און צו בריינגען „תחת כנפי השכינה" פרעמדע געצענדיענער, ניט קיין אייגענע קינדער אפילו?

אז איך פרעג א מענשען: זאָג זשע מיר, אויף וואָס ביזטו בעשאפען גע־וואָרען אויף דער וועלט? וואָס איז דער תכלית פון מענשען? אויב ער ענטפערט: צום עסען, זאָג איך איהם: שוטה, איז דאָך דער אָקס מעהר בעל תכלית פון דיר ,ער עסט דאָך מעהר פאר דיר!

אן אנדער אנטוואָרט: מיין תכלית, אז איך ארבייט א גאנצע וואָך און איך פאָהר ארוים אין מיין רוהע־טאָג... אין א פארק, איך שמעק דעם זאנפטיגען ריח פון די בלומען און גרעזלעך, דאָס איז מיין תכלית! שוטה, אויף דעם איז דאָ א גרעסערער בעל תכלית פון דיר, דאָס איז דער כלב. ער שמעקט אייני־גע טויזענד מאָל מעהר פאר דיר. ער האָט אזא גרויסען חוש הריח, אז ער שמעקט אפילו אויף די שטיינער די טריט וואו זיין בעל הבית איז געגאנ־גען.

איינער זאָגט מיר, אז איך האָב קינ־דער און פאר זיי ארבייט איך אום איך זאָל זיי איבערגעבען מיין פערמע־גען! שוטה, דאָס קען עדאָך דער גרוי־סער העלפאנד אויך, און ער ליעבט זיינע קינדער נאָךפיעלייכט מעהר ווי דו.

ניין, מיין פריינד, אויב דו לעבסט אויף אזא אַרט, ביזטו אין דעם זעל־בען תכלית פון די בהמה און אויב דו לערענסט דיינע קינדער נאָר צו דעם תכלית, זיינען זיי אויך בהמות.

נאָר דער אונטערשיעד איז, דו ביזט גערופען א בהמה גסה, און זיי זיינען בהמות דקות...

ניט גענוג, טאַטע מאַמע, וואָס איהר זייט פרום.אויב איהר ווילט צו גאָט־הייט זיך נעהנטערען, אויב אלעם פאר זיך אליין, ניין, דאָס טויג ניט. „אדם כי יקריב מכם קרבן לד'", א מענש ווען ער וויל זיך גענעהנען פון אייך א נאָהענטקייט צו גאָט, דאָס הייסט, איהר זייט פרום, איהר ווייסט אייער תכלית איז ניט פון א בהמה... און איהר ווילט מיט אייערע מעשים זיך דערנעהנטערען צו גאָט, זאָלט איהר אויך זעהן אז די בהמה'לעך אייערע, די קינדערלעך, זאָלט איהר אויך בריינגען צו אזא מדרגה. „מן הבהמה", פון די בהמה, די גרויסע קינדער איי־ערע, „ומן הצאן", פון די שעפסעלעך, די בהמות דקות, די קליינע קינדערלעך. „תקריבו את קרבנכם", זאָלט איה מאַ־כען גענעהנען אייער קרבן... זיי ווי מעגליך אייך לערנען די זעלבע זאך... מיט'ן מיטעל וועג, ניט מיט כעס, ניט מיט זיין צו זיי צו־גוט... נאָר מיטעל וועג .טאַטע, זיי ניט צו ביטער, פיע־לייכט וועלען זיי דיר אין גאנצען אויס־שפייען.. זיי ניט צו זיס, זיי זאָלען דיר ניט אויפעסען...

## ע"ד

# נחש הקדמוני

„ויעש אהרן ובניו את כל הדברים אשר צוה ד' ביד משה."

רש"י: להגיד שבחן שלא הטו מין ושמאל.

אהרן מיט זיינע קינדער האָבען געטהאָן אַלעס וואָס גאָט האָט פערזאָגט דורך משה. זאָגט רש"י צו זאָגען צו אהראָן און זיינע קינדער א לויב, זיי האָבען ניט אראָבגענומען אדער אויפגעטהאָן מעהר, דאָס הייסט „ימין ושמאל". איך פערשטעה ניט וואָס איז דאָס פאר א שבח פאר זיי. זיי האָבען געטהאָן ווי גאָט האָט פערזאָגט? נו, ווי דען ,ניט טהאָן וואָס גאָט פערזאָגט? איך האָב מיר אימער געוואונדערט אויף דעם פסוק, און נאָך מעהר אויף רש"י, וואָס ער טהוט אויף אז דאָס איז א שבח פאר זיי, ביז איך האָב געפונען די פראגע מיט דעם תירוץ אין משל ומליצה מהגאון ר' יצחק אלחנן לנדא זצוק"ל.

עס טרעפט, אז איינער מאכט דעם צווייטען פאר א שליח אויף עפעס איהם צו פערריכטען, דאַרף דער שליח טהאָן נאָר די שליחות, ניט מעהר און ניט וועניגער. אָבער אָפטמאָל קען זיין, אז דער שליח פערשטעהט אז מען דאַרף עטוואָס מוסיף זיין, אום עס זאָל זיין פאר די טובה פון בעל הבית זיינעם, דאַרף ער עס געוויס טהאָן.

אָבער ווען א דאָקטאָר גיט א רעצעפט, און מען געהט אין דראָג־סטאָר דאָס מאכען, טאָהר דער שליח און גיט דער דראָגיסט, וועניגער מאכען אָדער צולייגען. זיי קענען דערמיט טויטען דעם קראנקען אנשטאָדט איהם געזונד צו מאכען.

די תורה מיט די מצות צו טהאָן אַלעס ווי עס איז פאַרזאָגט געוואָרען אין דער תורה, האָט אונז גאָט ב"ה ניט געמאכט פאר שלוחים, אום איהם א טובה צו טהאָן דערמיט, ווארום „אם תצדק מה תתן לו". נור אזוי ווי א פראָפעסאָר גיט א רעצעפט צום געזונד און ווען מען וועט עס ניט נעהמען, דאן קען מען שטארבען, טאָהרען מיר ניט מוסיף זיין, ניט אראָפנעהמען, דארום איז פארזאָגט „לא תוסיפו ולא תגרעו", ניט מעהרען און ניט אראָבנעהמען...

אהרן ווייסט דעם רעכענונג, ווארום גאָט האָט אונז געראָטהען מקיים צו זיין די תורה, ווייל מיר זאָלען געזונד זיין און קענען לעבען — "כי היא חייך ואורך ימיך", איז דאָס א רעצעפט פון דעם גרעסטען פראָפעסאָר, איז אפילו וואו איהם קומט אויס עטוואָס אנדערש האָט געדאַרפט זיין, טאָהר ער עס דאָך ניט ענדערען, ווייל א רעצעפט טאָהר מען ניט משנה זיין...

היינטיגע חברה, די חברה פון „נחש הקדמוני", דער שלאנג וואָס רעדט צו צו עסען וואָס מען טאָהר ניט, „נחש הקדמוני", דאָס איז

דער שלאנג וואָס קוילעט אָב „אדם וחוה"... די גאנצע מענשהייט. אָי, השי"ת זאָל שוין דעם מסית, דעם נחש אונטערהאקען די פיס, און זאָל בלייבען „על גחונך תלך", דער וואָס זאָגט אז די תורה איז ניט קיין רעצעפּט, אפילו ניט געגעבען פון גרעסטען פּראָפעסאָר, גאָט אליין... און זיין טענה איז אויך די זעלבע, אז מיר זיינען פינסטערלינגע, מיט פערמאכטע אויגען, און אז מיר זאָלען ניט אויספאָלגען די תורה, וועט זיך עפענען די אויגען אונזערע. ווי יענער ערשטער נחש האָט גערעדט „כי יודע אלהים כי ביום אכלכם ממנו ונפקחו עיניכם", דען גאָט ווייסט אז ווען איהר וועט עסען דעם עץ הדעת, וועט אויפגעעפענט ווערען אייערע אויגען. נו, געוויס האָט ער זיי דאָך ערקלעהרט, אז זיי זיינען יעצט מיט פערמאכטע אויגען, פינסטערלינגע.

און די אנדערע חכמים, וואָס ווילען מתיר מאכען אלע איסורים פון דער תורה; אי, א מין עפענען די אויגען „האָט איהר אויפגעעפענט אייערע תלמידים, אָהן א תורה, אָהן מוסר, אי, וואָס פאר א פנים זיי האָבען. אי, זעהען זיי טאקע אין דער פינסטער... זיי האָבען טאקע ליכטיגע אויגען... ווען האָבען מיר געהאט אזוי פיעל גאָנמען, פערד'סמ'ער, אונטערצינדער, פּיסטעל קנאקער, עגונות. זאָגט אליין, האָבען מיר זיי געהאט מעהר מיט דער תורה, אָדער יעצט אָהן דער תורה? נו, אויב איהר ווילט מיר ניט גלויבען, זאָלען מיר פאָהרען אין סינג־סינג, אין סטייט־פריזאָן, און אין נאָך אזעלכע טהייערע מקומות, און געהן זעהן און בודק זיין ביי זיי אויב זיי טראָגען ציצית אָדער ניט, אויב זיי לייגען תפילין אָדער ניט. לאָמיר געפינען ביי זיי דעם תהלים אונזערען אָדער א בלעטעל אייערען... אי, האָט איהר געעפענט די אויגען, טאקע אזוי געעפענט אז זיי זעהען אין דער פינסטערניש אויך און מיר מיט א תורה, מיט א לעהרע פון גאָט, זעהען ני טאפּילו אין דער ליכטיגקייט יענעמס... ווייל מיר האלטען פון „לא תגנוב", „לא תרצח", איך ווייס אז איהר האָט שוין אוועקגעשיקט די תורה צוריק אויף דעם באַרג סיני, נאָר איך וועל אייך אן עצה געבען וואו איהר וועט דאָרט קרעגען שכר פאר'ן אוועקטראָגען די תורה אויף דעם באַרג סיני. איהר דאַרפט דאָרט טאקע האָבען, איך ווייס... דאָרט דערביי איז דער אָרט, און דאָרט געפינט איהר אייער שכר און דאָס הייסט „קברות התאוה" — דעם צווייטען וואָרט ווילט איהר, דער ערשטער אָבער געהט איהם נאָך...

---

ע"ה

# וואס די צייט וועט מאכען

„ואת החזיר. למה נקרא שמו חזיר, שחוזר להתירו לעתיד לבא."
(מדרש מובא בספר תורת משה ח"ס)

איך האָב דעם מדרש אין ערגעץ ניט געפונען, נאָר מיר דארפען גאָר ניט זוכען, ווייל דאָס ברייננגט דער „חתם סופר", און אָט איז וואָרט אין וואָרט.אין מאמע-לשון, דער מדרש. דער „מפרים פרשה", די צושפּאָלטענע פּיסלעך, און ער איז ניט „מעלה גרה", פארוואָס רופט מען איהם חזיר? — ווייל אז די גאולה וועט קומען, דאן וועט מען איהם מתיר מאכען צו עסען. דאכט זיך דאָס איז פון די דרייצעהן עקרים אונזערע, אז די תורה וועט ניט אומגעביטען ווערען, ווארום זאָל מען מתיר מאכען דעם חזיר, און ווער דארף איהם האָבען אזוי נויטהיג, אז מען זאָל דארפען איהם מתיר מאכען ?...

מיר זעהען יעצט אן איבערקעהרע־ניש אין אונזער יודענטהום, אין אזא קורצע צייט, וואָס מיטעל-יעהריגע לייטע געדיינקען, איז אזא ענדערונג גע־וואָרען. זאָלען מיר זעהן וואָס מיט פינף און צוואנציג יאָהר צוריק איז פּאָרגעקומען אין אונזער יודענטהום און ווי יעצט איז נאָך א שניידער זיי־נען נאָכגעגאנגען הינטער דעם ארון דריי זיהן, א רב, א שוחט, און סתם א מופלג גדול. היינט נאָך א רב גע־העז נאָך זיין ארון דריי זיהן, אן אנארכיסט, א סאָציאליסט, און סתם אן אוממענש, וואָס גלויבט ניט אין גאָט און אין זיין תורה און אין קיין זאך. דער טאטע, ביים לעבען, לייגט ער צוויי פּאָאר תפילין, דער זוהן — אפילו איין פּאָאר אויך ניט. דער טא־טע טראָגט ניט אום שבת, דער זוהן סמוקט אפילו אום שבת. דער טאטע פאַסט מאָנטאג און דאנערשטאג, דער זוהן — אפילו יום כפור ניט.

נאָר עפּעס מוז ער דאך טהאָן, זאָגט ער נאָר, אבער טהאָן טהוט ער ניט דער איצטיגער. ער זאָגט אז מען דארף די אלע מצות ניט טאָהן וואָס אנבע־לאנגט צו גאָט, נור א מענש דארף האָ־בען צושפּאָלטענע הענדטעלעך, ניט קיין פערמאכטע. מען דארף געלד גע־בען, א מפרים פרסה דארף מען זיין, נאָר ח"ו ניט קיין „מעלה גרה", דאוור־נען — דאָס ניט. מען דארף עס ניט. זאָגט דאך טאקע די תורה: „ואת החזיר", אָט דעם דבר אחר, „כי מפריש פרסה הוא", דען מיט צו־שפּאָלטענע פיסעלעך איז ער, ער גיט געלד, אזוי זאָגט ער... אָבער „ומעלה גרה לא יגר", ער ברייננגט ניט אויף דעם עסען, דאָס הייסט, ער דאווענט ניט... „טמא הוא לכם", ער איז טמא צו אייך.

דארום דער חזיר, אז ער לייגט זיך אין א בלאָטע, פּאקט ער אליין די מויל אין בלאָטע, און די פיסעלעך ארויף—

דאָס ווייזט ער חזיר־פּיסעל־כשר, אָבער זיין שנוק, ער איז דאָך ניט „מעלה גרה“, איז דאָך טריפה, פּאַקט ער איהם אין בלאָטע אריין...

פריינדע, מיר וועלען אָבער דער־ווארטען די צייט, מיר מוזען קענען איבערוואַרטען, אז מען קען ניט איבערוואַרטען דאָס שלעכטע, קען מען דאָס גוטע ניט דערלעבען. ער הייסט דאָך, דער חברה מאַן, חזיר... איהר ווייסט ווארום... ווייל אין גיכען, אָט אין דיעזע צייטען, וועלען מיר נאָך „אם ירצה השם“ דערלעבען, אז ער וועט זיך אומכ[illegible]הרען צום גוטען, ווארום א „מפריס פרסה“ איז ער, פעהלט איהם דאָך נאָר צו זיין א „מעלה גרה“, אָנצוהויבען דאַוונען, „שחוזר ומתירו לעתיד לבא“, די קינפטיגע צייט וועט ער כשר ווערען... אז ער וועט נאָר א מעלה גרה ווערען, אויב ניט מיט גוטען, וועט ער מיט בייזען דארפען זיין א איד.

פריינדע, לאָמיר האָפען אז די „נדחי ישראל“ וועלען קומען צו אונז אין גיכען, זיי וועלען זיך ארומזעהן אז זיי זיינען געווען פערבלאָנדזשעט, און געגאַנגען אין שלעכטען וועג. זיי מיינען אז זי זיינען קלוג און גוט, און זיי זיינען הויכע, אויפגעקלעהרטע מענשען, מיט הויכע, גרויסע קעפּ, אָבער לײדער, די הויכע מענשען זיינען געגליכען צו א הויכע טענעמענט הויז וואו דער טאָפּ פלאָאר איז אימער פוסט... אָבער זיי וועלען זיך ארומזעהן.

רייניגט שוין אָב אייערע פעלדער פון די שלעכטע גראָזען, און די זאנפטיגע בלומען זאָלען אָנהויבען וואַקסען . ווארט ניט, ווארום דער גרעסטער פערלוסט פונ׳ם מענשען איז דער פערלוסט פון דער צייט. איהר דיינקט אז איהר פערברייננגט די צייט — ניין, די צייט פערברייננגט אונז אלעמען! בעזיעגט אייך, זיך זעלבסט בעזיעגען איז דער שיהנסטער זיעג.

---

ע"ו

# דער לוקסוס

„נגעי בגדים.“

זאָגאר איך האָב שוין געשריבען וועגען דעם, און געגעבען בעדייטונגען, מיינונגען, איבער די נגעי בגדים, אָבער דאָך וועל איך יעצט נאָך א מאָל, אין זשארגאָן, עס זעהר קורץ איבערגעבען.

שעקספּיער זאָגט, דאָס די גאנצע וועלט איז א סצענע, און מיר אלע זיינען די שוישפּיעלער... ער האָט געזאָגט א טהייערען וואָרט, און ער האָט ניט געמיינט וואָס איך וויל אויף דעם זאָגען. נו, עס וועט אויסקומען

פונקט די זעלבע.

מיין לאנדסמאן, אנשיל לאטוטניק, האט געוואוינט אין באד־געסעל, ביי דעם קהל׳שען בית... די אנדער הויז פון הקדש... פרייטאג פלעגט ער אין באד רופען. די איבעריגע פער־שטעהט אליין. געקומען איז ער דא, ער איז געווארען א ביגלער. אוועק די צייט, ניט שלעכט, ארויפגעארבייט זיך א ביסעל, געבראכט די פאמיליע, א גרויסע מויד מיט׳ן נאמען עלקע האט ער אויך. עלקע האט זיך א נאמען גע־געבען „עלים“, אהן א שמש, ניט אין שוהל, עלקע האט אנגעפאנגען ארביי־טען, און געווים שבת אויך. איך געה פארטראכט מיט אייניגע מאנאטען צוריק, אין גרענד סטריט, אנטקעגען מיר געהט א מאן א דיקער מיט א מויד א גרויסע, א הויכע, א פארפארב־טע פון די פארב וואס דייטשלאנד האט געבראכט שווימענדיג אונטער׳ן וואסער, און ער שטעלט מיר אב און זאגט „האלא“, „האלא“, וואס מאכט איהר? קוריץ ער האט מיר אויסגע־זאגט ווער ער איז. איך האב שוין געוואלט מאכען פליטה, ווייל ניט־ווילענדיג האב איך זיך דערמאהנט אן דעם קהל׳שען ארט... נור ער לאזט ניט, און ער האט מיר דערצעהלט פון אלע זיינע גליקען. אט די מיידעל מיי־נע, זאגט ער, עלים, הייסט זי, זי האט זיך יעצט געקויפט די העט, אט וואס זי טראגט, קאסט פינף און צוואנציג דאלאר. וואס ווייסט איהר וויפיעל זי פארשפענדעט. ניט לאנג האט זי זיך געמאכט א דרעס פאר פערציג דאלאר. שיך טראגט זי אב צוויי וואכען און עס קאסט 6 דאלאר א פאאר. זי פארדיענט אכצעהן דאלאר א וואך און דאס פארשפענדט זי. זאל זי עס טרא־גען געזונד, זאגט ער ווייטער, זי אר־בייט שווער, גאנצע זעקס טעג, נור זונ־טאג ניט... א מיידעל דארף דאך הא־בען א סך.

אז איך האב אויסגעהערט די ערשטע רייד, זאג איך צו זיך: אט דאס איז „נגעי בגדים“. אי, א נגע! די נגע האט געמאכט דעם שבת קראנק, די תורה צוריסען. אז אנשעל׳ס טאכטער דארף האבען אכצעהן דאלאר אויף בגדים. אוי, „נגעי בגדים“, אוי, נגעי בגדים“.

„נגעי בגדים“, איהר האט דאך גע־מאכט די פאגראמען אין דער גאנצער וועלט אויף אונז. עשו קען דאך דאס ניט פארטראגען. „נגעי בגדים“, איהר האט דאך אנגעמאכט טראבעל אין פא־מיליען־לעבען, אז דער מאן האט די נגע ניט געקענט קריגען, איז דאך די ווייבעל אנטלאפען. „נגעי בגדים“, איהר מאכט דאך אז די נגע ווערט אויפ׳ן קאפ, אז דער מאן ווערט מיט „שער לבן“, ווייסע האאר...

נאר די גאנצע וועלט איז א סצענע און מיר זיינען די שוישפיעלער. שעקס־פיר איז גערעכט מיט דעם. וואס גע־רעכט איז גערעכט. אן אנטיסעמיט ביזטו געווען, נאר מיט דעם ביזטו גערעכט, אז אנשעל׳ס טאכטער קען טראגען אזא העט איז פונקט ווי איך בין א קינד געווען, פופצעהן יאהר אלט, ארעם, מיט צוריסענע שיך, גע־לאטעטע בגדים, האבען מיר געמאכט א פורים־טהעאטער און איך בין אויף

דעם אבענד געוועזן אחשורש, און פיעלייכט דאן אויך אזא טיפוש ווי ער. און אז איך בין דאס געזעסען מיט'ן קרוין און מען האט זיך צו מיר געבוקט, פרעגט גאר ניט מיין גדולה דאן... צוועלף ביי נאכט, גענענדיגט דער שפיעל, אנגעטהאן מיינע שיך מיט מיין ראק, אוי א חורבן... א א סצענע! אנשעל לאטוטניק מיט'ן גאלדענעם וואטש און טשיין, מיטן דיימאנד רינג זעהט מיר יעצט אוים ווי דער וואהרער אחשורוש, עלים, די טאכטער, „ושתי המלכה'', וואס אמעריקאנער טהעא־טער־וועלט קען מאכען פון באד־געסיל ווארנער... — דאס איז „נגעי בגדים“. „נגעי בתים“ און נגעי אדם“ — אן אנדער מאל.

---

## ע"ז

# קערפער אינשורינג

„ואיש בא מבעל שלישה ויבא לאיש האלהים לחם בכורים עשרים וגו', ויאמר משרתו מה אתן זה לפני מאה איש, ויאמר תן וגו', כי כה אמר ד' אכול והותר.“

מען האט געבראכט צו דעם געטלי־כען אלישע הנביא צוואנציג ברויט־לעך, און גחזי זאגט וואס זאל איך דיע־זעס געבען צו די לייטע וואס צעהלען זיך הונדערט, עס קען אויסקומען ווי איינער זאגט א כזית פאר יעדען. זאגט אלישע צו איהם: גיב, ווייל גאט האט געזאגט אז עס וועט נאך איבערבליי־בען. גלייך נאכדעם איז די געשיכ־טע פון נעמן, ווי אלישע האט איהם קורירט פון זיין צרעת מיט'ן הייסען זיך באדען אין ירדן, מיט זיעבען מאל זיך ארומוואשען אין די וואסער פון ירדן. און נעמן גיט א רייכען פרע־זענט צו אלישע, און ער נעהמט ניט. און גחזי יאגט איהם נאך און נעהמט צו א פרעזענט, און דער נביא פאר־שילט גחזי'ן.

איך וועל אויף דער הפטרה קיין דרוש מאכען, נור פארטייטשען דעם המשך פון דער געשיכטע מיט די צוואנציג ברויטלעך צו דער געשיכטע פון נעמן ,אלישע, גחזי.

קין האט טויט געשלאגען זיין ברו־דער הבל, און מיינט אבער ניט אז הבל איז מעהר ניטא, הבל איז גע־בליבען — „אך הבל יהמיון“, מען לויפט, מע הבל'ט, מען איז ביזי טאג ווי נאכט. רעדט מיט דעם ביזי מאן אליין, וועט ער אייך זאגען אז עס איז הבל, און עס איז טאקע הבל, א מין הבל!

ער בעלאנגט צו דריי לאדזשען, צו פערשיעדענע ארדענס, און איינ־גע סאסייעטים. עס קאסט איהם אב אוצרות. פרעגט איהם ווארום טהוט

ער דאָס? אה, זאָגט ער, נאָכ'ן טויט
א בענעפיט פאר דער פרוי, אָדער פער־
קעהרט.

ער מאטערט זיך שוין, ער זעהט
אז ער שטאַרבט, די הארץ צופּט, עס
פלאטערן די אברים, ער ווייסט דאָך אז
ער האָט עובר געווען אויף די גאנצע
תורה. איך קום איהם געוואָהר ווע־
רען, זאָגט ער צו מיר: רבי, עס איז
מיין לעבען געווען ביז יעצט הבל. איך
לאָז איבער איינינגע טויזענד דאלאר
פאר וועמען?... פאר מיין פרוי זי זאָל
האָבען אויף נדן... אוי, הבל!...

דער מאַן איז געשטאָרבען. די ווייַ־
בעל קלאָגט, שרייט ביז'ן הימעל, מען
האָט איהר גאָר ניט געקענט איינהאל־
טען. זי רייסט פון זיך
שטיקער. זי לויפט צו צום בר־
מינן און שרייעט: האצקעלע, וואו
לאָזטו מיר? איך וועל שוין מעהר ניט
הייראטהען, זאָגט זי איהם צו מיט
גרויסע הבטחות.

א חברה קדישא מאן איינער, א
קלוגער איד, זאָגט צו די איבעריגע זיי־
נע חברים: פריינדע, איך וועל אייך
באלד ווייזען אז וואָס זי זאָגט און ווי־
פיעל זי קלאָגט איז אלעס פאלש.

— אה, געה, דו ביזט דאָך אימער
א חכם, דו גלויבסט קיינעם ניט — האָ־
בען זיי איהם געענטפערט.

— נו, פריינדע, איך האָב שוין אַן
איינפאל, וועט איהר זיך דורך איהם
איבערצייגען אז איך בין גערעכט און
ניט איהר!

הערט נור, ווייבעל, שווייגט א ביס־
סעל, מיר מוזען יעצט וויסען עטוואָס
פון אייך, אז ניט איז אייער לעבען
אין סכנה. נור דעם אמת, ווען ניט זייט
איהר אומגליקליך. די זאך איז אזוי,
מיר האָבען יעצט געהערט ווי איהר
זאָגט אז איהר וועט שוין ניט היי־
ראטהען. נו, דאָס מעגט איהר טהאָן.
נאָר מיר מוזען עס יעצט וויסען אויב
איהר מיינט קיין מאָל ניט צו היי־
ראטהען, מוזען מיר איהם אָנטהאָן די
תכריכים מיט דעם זוים ארויף, און
אז יא, מיט דעם זוים אראָפּ. נאָר דאַן
וועט זיין פערפאלען אויף עוויג, איהר
וועט מעהר ניט קענען הייראטהען.
איהר הערט? גיט איין אנטוואָרט. מיר
האָבען קיין צייט... כליפּענדיג האָט זי
געענטפערט, גאָר אָהן גרויסען ישוב
הדעת: נעהט שוין בעסער דעם זוים
אראָפּ...

נו, וואָס זאָגט איהר, פריינדע, האָב
איך אייך געזאָגט אז וואָס זי זאָגט
איז כזב. אויב דער בר־מינן האָט דאָס
געהערט, זאָגט ער צו זיך: „אך
הבל“...

אין איינינגע מאָנהייט ארום אָבגע־
נומען די פּאָאר גראָשען, זי זיצט און
שפּיעלט שוין א פינאָקעל מיט דעם
צווייטען. אוי, אויב דער בר־מנן וואָלט
געקענט לעבעדיג ווערען, און נאָר צו־
געהן צום ווינדאו און א בליק טהאָן,
וואָלט ער נאָך געקענט אויסשרייען
הבל און וואָלט גלייך די אפּאָפּלעקציע
געקראָגען...

חיים דוד, דער גרויסער קאָסטימער
פעדלער, לויפט ארום טאָג ווי נאכט
און ארבייט צו אָווער־טיים ביי זיך
אליין. א ביסעל, ניט פיעל, פערבלאָפט
ער דעם פרייטאָג אבענד, לויפט קאָ־
לעקטען, פארדיענט אין סטאק צו פער־

גרעסערען אויף הונדערט דאָלאַר אַ וואָך. אַלט געוואָרען פופציג יאָהר, אָבּגענומען בּיידע פיס, ניט פּאַראַליזירט, נאָר ער קען ניט געהן. ער בּריינגט שוין ניט די ווייבּעל די מזומנים. זי שרייעט שוין „חיים שלומיאל“, בּיי יעדען אָבּעסען, מיט קללות. דאָס זעלבּע די בּנים ובנות. אָך „הבל“, „הבל“, אין פינף יאָהר שפּעטער — חיים דוד איז שוין אין האָואָם. דער האום איז זיין גאולה... אַבּי פּטור געוואָרען פון הויז. חיים דוד שטאַרבּט, די לויה פון האום, ווע־ניג טרעהרען פון זיין ווייבּעל און קינדער. איינער פון די זיהן אפילו אויך אַ מחלל שבּת, וועט פּיעלייכט זאָגען קדיש (נאָך מיין מיינונג, הלואי בּעסער ניט), ער מורמעלט אין קבר. „אָך הבל יצבּרון ולא ידע מי אוספם“, נאַריש דער קלייבּען, אז ער ווייסט ניט ווער וועט עס איינזאמלען, צונעהמען, הייסט עס...

דער ערשטער הבל׳ניק איז אונזער גחזי... דער ניעדריגער אָבּגרונד העלד. גחזי. שטייטש, גחזי, דו אליין זעהסט דאָך, אז פון די אייניגע בּרויטלעך, וואס דו אליין האָסט געזאָגט אז עס איז גאָרניט, האָט השי״ת געגעבּען אַ בּרכה אז הונדערט לייטע, און געוויס הונגעריגע, האָבּען געגעסען און זאַט געוואָרען, און נאָך איבּערגעלאָזען, ניט גע׳הבל׳ט דארויף, אָהן געפּילדער, און אלעם ענדע, דו גחזי, שמוציגער הבל׳ניק, זעהסט נאָך דעם וואונדער פון נביא וואָס ער האָט געטהאָן מיט נעמן׳ן; דו אליין זעהסט אז דער נביא נעהמט ניט קיין סענט, און דו לויפסט נאָך נעמן׳ן און נעהמסט צו. פּאור דיר איז וועניג די וועלט, כשר, טריף, אַבּי געלד. גחזי, דו בּיזט אליין שולדיג, גחזי, דו בּיזט „מצורע“, גחזי, דיינע קינדער זיינען מצורע, ווייל „תזריע“ און „מצורע“ געהען אין איינעם אין ניט קיין עבּור יאָהר... אלזאָ, אז דו פאָלגסט נאָך „תזריע“, דאָס הייסט, „כי מי נדת דותה תטמא“, זי האלט „נדה“ דאַן זיינען די סדרות בּעזונדער. וואָס האָט „תזריע“ צו „מצורע“? אָבּער אז ניט, אז דו האלסט ניט פון „תזריע“, דאַן ווערסטו „מצורע“, תזריע ומצורע אין איינעם...

גאָט זאָל רחמנות האָבּען און אונז שוין בּעפרייען פון דעם פינסטערען גלות הגוף פון רוסלאנד, רומענין, מאַראקא און פון גלות הנפש, פון פראנקרייך, ענגלאנד, דייטשלאנד, האָלאנד, איטאליע, אפריקא, אמעריקא, אָמן.

## ע"ח

# נאָך כל נדרי

„והשעיר אשר עלה עליו הגורל."

צוויי ציגעלעך האָט גענומען דער כהן גדול, אוועקגעשטעלט איינע ביי זיין רעכטער האנד, די צווייטע ביי דער לינקער האנד, צוויי צעטעלעך האָט ער אויפגעשריבען, איינע „לד'". צו גאָט, און איינע „לעזעזל", אריינגעטהאָן ביידע צעטעלעך אין א יאַר־מולקע, אויסגעמישט, און געצויגען דעם גורל. דעם צעטעלע וואָס די רעכטע האנד האָט ארויסגעצויגען, אוועקגעלייגט אויף דער ציגעלע פון דער רעכטער האנד, דעם צעטעלע וואָס די לינקע האנד ציהט ארויס — אויף דער ציגעלע וואָס שטעהט לינקס, און אויף וועלכע עס איז „לד'", געהט לד', און אויף וועלכע לעזעזל געהט לעזעזל.

איך האָב אימער ניט פערשטאַנען וואָס האָט מען געדאַרפט פראַווען די צערעמאָניע מיט דעם גורל. זאָל ער נעהמען א ציגעלע „לד'" און א ציגעלע „לעזעזל" און גענוג!

טהייערע ברידער, ווען איך בין יעצט ארויפגעגאַנגען אויף דעם פּלאַט־פאָרם צו ריידען פאַר אייך, בין איך זעהר שטאַרק צושראָקען געוואָרען. ווארום? דאכט זיך אז איך בין איינגעוואָהנט צו שטעהען פאַר א פּאָבּליק א גרויסען נאָך מעהר ווי היינט? נאָר מיין שרעק איז איינפאַך: אלע מאָל אפילו אז איך זאָג א ביסעל תוכחה, זאָג איך עס מיט א וויץ, א שעהנעם משל, און עס זעהט אויס ווי עס וואָלט גאָר קיין תוכחה ניט געווען. אָבער יעצט, קיין וויץ, קיין פאַנטאַזיעס, נור תוכחה. האָב איך מיר געטראַכט: ווער בין איך, אז איך זאָל תוכחה זאָגען פאַר אייך!

נאָר מיין שרעק איז פאַראיבער, פריינדע, מיט דעם משל וואָס איך וועל אייך גלייך זאָגען, וועט איהר פערשטעהען אז איך קען, איך דאַרף זאָגען.

אין א שטאָדט האָט אויסגעבראָכען א פייער ביי זעהר א שעהנעם בעל הבית, אין מיטען דער נאכט. אין דער צווייטער הויז האָט געוואָהנט אויך זעהר אן אנשטענדיגער בעל הבית, א פריינד פון דעם בעל הבית. האָט דער בעל הבית געשיקט זיין משרת: לויף שנעלער און וועק אויף דעם פריינד מיינעם מיט זיין הויזגעזינד. ווארום עס ברענט דאָ, קען זיך אנצינדען אויך זיין הויז.

רופט זיך אָב דער משרת: בעל הבית לעבען, ווי קום איך איהם צו וועקען פון שלאָף, אזא שעהנעם איד, און צווייטענס, וועט ער דען מיר פאָלגען, מיר, משרת? ווי קום איך איהם צו געבען עצות?

— שוטה איינער, וואָס רעדסטו? זאָגט צו איהם דער בעל הבית. ווען

איך וואלט דיר געשיקט איהם געבען אן עצה, איז וואס אנדערש, איך שיק דאך דיר אנזאגען וועגען פייער. געה, קלאפ אן שטארק און שריי אויס: עס ברענט! ער האט דאך א פערמעגען און קליינע קינדערלעך אויך, ווי דו וועסט איהם נאר אנזאגען, וועט ער גלייך שנעל אויפשטעהען...

פריינדע, דאס זעלבע האב איך מיר בעזאנגען. איך האב מיר בעפאר דערשראקען אומזיסט, ווי קום איך אייך היינט צו זאגען מוסר, תוכחה, אייך געבען עצות ווי זיך צו פיהרען. מיין שרעק איז אומזיסט. איך בין יעצט געקומען אייך נאר זאגען אז עס ברענט א פייער, איך בין אייער משרת, איך דארף שרייען: „עס ברענט!“

עס ברענט אזא פייער, וואס פון פאר א יאהרען יום כפור ביז היינט, איז צוגעקומען צעהנדליגע טויזענדע אלמנות, און הונדערטע טויזענדע יתומים, פון דעם גרויסען פייער וואס ברענט די גאנצע וועלט. א האלבען מיליאן אידען זיינען געווים געבליבען אהן זייערע היימען, פון זייערע הייזער איז געווארען בערגלעך אש, פון גרויסע שטעדט — א גרויסער בארג, היינט איז דער יום הדין הגדול והנורא, היינט איז א פייער! נאר שטעהט אויף פון פינסטערען שלאף, איהר שלאפט, איהר זעהט ניט וואס עס טהוט זיך יעצט. בעט ביי גאט ער זאל דעם וועלט פייער שוין סטאפען, שטעהט אויף, עס וועקט אייך א משרת אייערער, קוקט ניט ווער דער וועקער איז, אבער הערט ווי ער וועקט אייך, ראטעוועט אייערע קליינינקע קינדערלאך פון פייער, פון יומהדין, זיי זאלען קיין יתומים ניט בלייבען. שטעהט אליין אויף, איהר זאלט ניט פארברענט ווערען.

עס איז א פייער אויף אונזער תורה, דא אין אמעריקא, א העלישער פייער ברענט אין יעדע אידישע הויז כמעט. דער שבת איז שוין באלד פערברענט, די תפילין — דאס זעלבע, די כשרות איז אין האלבען ברענען, די טהרת המשפחה ברענט שוין אויך... איך, אייער משרת, וועק אייך, אנטלויפט פון פייער!... ראטעוועט זיך!...

מיר זיינען דאך יעצט גלייך צום „שעיר המשתלח“, די ציעגעלע וואס איז געשיקט געווארען לעזעזל אין דעם מדבר. ארויפגעטראגען האט ער איהר אויף דעם שפיץ פון גרויסען מדבר־בארג, און האט איהר ארונטערגעשליידערט פון דער אנדער זייט בארג. אז זי איז געקומען צום האלבען בארג איז זי שוין געווען צוריסען אויף גליעדער...

פריינדע, מיר זיינען דאך דאס יעצט אליין! אמאל, אז מיר זיינען ארויפגעקומען אויף דעם בארג פון לעבען, צו פופציג יאהר, האט דאך יעצט יעדער פאטער און מוטער אנגעהויבען האבען נחת, ארויף צער גדול בנים, חתונה געמאכט די קינדער ,מען זעהט זיך שוין מיט זייערע פרוכט, איין איידעם אפילו א בעל מלאכה, אבער א גרויסער עהרליכער איד, איין איידעם איז יעצט ארויס פון קעסט, א תלמיד חכם, האט געמאכט א בשמים סטאר... ביידע זיהן זיינען שעהנע מענשען, איינער א שוחט, דער צווייטער אזוי

א מופלג גדול, א פלאַקס סוחר. ער קויפט אויף וואַלד... אוי, א נחת! גוטע איידעמס, טהייערע זיהן, ליעבּע פרומע טעכטער, כשר'ע אייניקלעך...

היינט אז מען קומט אויף דעם בּארג, קיידי האָט טאקע חתונה געהאַט, אָבּער די מאמע קען בּיי איהר ניט קומען. עס איז ניט כשר. ער איז גאָר א סאָציאַליסט, דער איידעם; הייסט עס. בּעסי האָט שוין קינדערלעך, אָבּער... דזשייק האָט שוין אויך געהייראַטה, אָבּער נאָר אין קאָורט... מייק געהט שוין ארום מיט א מיידעל זעקס יאָהר, דער אלטער קען שוין ניט פערדיענען קיין סך, בּיי קינדער קען מען ניט זיין... אין מיטען בּאַרג אז מען האַלט, ווערט מען שוין צוריסען גליעדערווייז... א ריכטיגער שעיר לעזעזל...

אינגערע מענשען, הויבּט אָן א בּיסעלע אויפוואַכען פון אייער שלאָף, גיט א קוק, אז אפילו א בּהמה וויל אויך ניט אז זי זאָל געבּראַכט ווערען פאר א קרבּן צו עבודה זרה, דער אָקס פון אליהו הנביא געהט ניט צו די נביאי הבעל, צו אליהו הנביא געהט ער אפילו געקוילעט צו ווערען פאר גאָט. ער לויפט צו איהם, דער כהן גדול דארף מקריב זיין צוויי ציעגעלעך, איינע צו גאָט און איינע לעזעזל, ער האָט ניט קיין רעכט צו נעהמען זיי וועלכע ער וויל, ווייל די ציעגעלע לעזעזל קען דאָך א טענה האָבּען וואָס עפּעס ניט מיר לד' נאָר לעזעזל? אלזא, דערום האָט ער געדארפט מאכען מיט א גורל. איך דענק אז איהר וועט פערשטעהן גענוג דערפון. און אלעם ענדע, יונגע קינדער, אנטלויפט איהר פון גאָט, און איהר זייט אוועק וויט, ווייט, לעזעזל, פון די עלטערן האָט איהר געמאַכט א שעיר לעזעזל...

עלטערע מענשען, טאַטעס, מאַמעס, בּאָבּעס, זיידעס, דאָך שטעהט אויף, און ראטעוועט זיי פון דעם יום הדין הגדול, וואָס בּרענט ווי א פייער, זיי זאָלען ניט אָבּגעריסען ווערען ח"ו פון אייך . איך האָף אז זיי וועלען זיך בּעסערען און השי"ת וועט אונז געבּען א שנת חיים ופרנסה, אָמן.

---

ע"ט

# כבוד אב ואם

„אב ואם הקלו בך" וגו'.

איך וויל מעהרניט ארומריידען די יעצטיגע לאגע וואָס עס הערשט בּיי אונז אידען, וועגען עלטערען, וואָס זיינען אזוי גרינג געוואָרען, ניעדעריג זיינען זיי נעבּיך בּיי די קינדער. איך וויל אייך ערצעהלען פון וואָס איך ווייס פון מיין ערפאהרונג, און איהר וועט זעהן אז איך ווייס וואָס עס טהוט זיך

בײ איך אין הויז.

אונזערע עלטערען האָבען די קינדער ניט געלאָזט בילדען, אין פילע פּלע־צער איז גאָר די געלעגענהייט ניט גע־געבען געוואָרען פון די רעגיערונגען צו לאָזען בילדען אידישע קינדער, ווי פיעלע פון אונז אין מיינע יאָהרען, נאָהענט פון פופציג פּראָצענט קענען זייערע נעמען ניט אונטערשרייבען... אָבער היינט זיינען דאָך די קינדער גע־באָלדעט. חיים יענקעלס טאָכטער איז א בוך־קיפּערין, די בוך־קיפּערין שלעפּט זיך ארום שפּעט אין דער נאַכט מיט... און אז די קראנקע אלטע מאמע דאַרף אויפשטעהען איינס אוהר ביינאכט איהר עפענען די טיהר און ניט־ווע־לענדיג מיט א דינע שטימע: קיידעלע, וואו געהסטו ארום אזוי שפּעט, איך בין קוים וואָס איך לעב און איך האָב געוואַרט ביז צוועלף, און נאכהער זיך צוגעשפּארט. וואו געהט מען דאָס ארום אזוי שפּעט?

מאמע, הער זיך איין, באַדער מיר ניט מיט דיינע נארישע פראגעס, איך דאַרף דיר קיין חשבון ניט אָבאָגעבען וואו איך געה, און שא! איך וויל ניט אז דו זאָלסט מיר גאָר פרעגען, איך בין זעלבסטשטענדיג, דו ווייסט גאָ־ניט און פערשטעהסט גאָר ניט, און איך פרעג ביי דיר ניט, שא! איהר הערט וואָס א געבאָלדעטע דאמע איז יעצט? איך פלעג דארפען קומען פון בית המדרש, און די מאמע פלעגט ווע־לען ווארטען אויף מיר, פלעג איך ניט לאָזען, און טאָמער פלעג איך קומען שפּעט פון דער ישיבה, פלעג איך אליין עפענען די טיהר, און גלייך ביי דער טיהר אויסטהאָן די שטיוועל, אום עס זאָל ניט קלאַפּען, מיין מאמע זאָל ח"ו ניט אויפכאַפּען זיך פון שלאָף. א מאָר־נע זאך, איך בין ניט געבילדעטער, אומוויסענדער, נאָך היינטיגען חשבון... ווי איך בין זיך בעגאנגען מיט מיין מאמען, ווי די בוך־קיפּערין היינטי־גע...

יקותיאל'ס טודרוס'עס טאָכטער, א טיטשערקע... א קליינינקייט, זי טיטשט אז מען דאַרף אפילו רחמנות האָבען אויף אן אלטע קאַץ און אלטען הונד. געהט ארום שוין פיער יאָהר מיט א באָי, די מאמען געפעהלט עס ניט, זעהר ניט קיין גלייכע זאך, קרום וואָס קרום הייסט. געהט אוועק און הייראַטה אין קאורט, און קומט צוגעהן און זאָגט אפילו ניט דער מאמען. אין איינינע וואָכען שפּעטער זאָגט זי עפּעס אונטערן נאָז: מאמע, דו ווייסט, איך האָב דאָך געהייראַטה. ווי א דונער וואָלט איהר ,נעביך, די אלטע, קראנ־קע מאמען דערלאנגט אין קאָפּ. א שטונדע ווי א פאראליזירטע געבליבען זיצען אויף דעם טשער, הויבט זיך אויף און געהט אריין אין בעד־רום, א וואַרף געטהאָן דעם קאָפּ אויפ'ן קישען און האָט זיך צוואויינט ווי א קינד, גע־מורמעלט דיעזע ווערטער: צוליעב ווע־מען בין איך אין מיינע איצטיגע יאָה־רען, ערשט צוויי און פופציג יאָהר, אזוי קראַנק? איז עס דען ניט צוליעב איהר? איך האָב דאָך געליטען פון יעדען צעהנדעלע, פון יעדע מין קליי־ניגקייט תעניתים געפּראוועט. וויפיעל נעכט ניט געשלאָפען, וויפיעל טעג ניט געגעסען, און אלעם ענדע מיר

ניט גערופען צו דער חתונה... אוי, איך האַלט ניט אויס, אוי, איך שטאַרב, און זי בלייבט ליגען די גאַל גע־פּלאַצט. אויף מאָרגען פאַר־נאַכט, די טיטשערקע זיצט שוין שבעה...

איך האָב געלערענט אין ישיבות, איך האָב פון מיין מאמען ניט גע־האַט קיין רובעל א יאָהר שטיצע, לע־בען סלאנט, קאָוונער גובערניע, פון אן אייגענע וואסער־מיהל, א פארמער א רייכער האָט זעהר א שעהנע גע־בילדעטע טאָכטער. מען רעדט מיר דעם שידוך, צעהן יאָהר קעסט, זעקס טויזענד רובעל נדן. און יעצט וועל איך זיך ניט שעהמען אייך אויסצוזאָ־גען אז איך האָב איהר געליעבט אויך. א קלוגע, א גראַטענע, א שעהנהייט, א פראכט. מען בעט מיין וואָרט. איך זאָג: אָהן מיין מאמען ניטאָ קיין וואָרט, וואָס זי וועט זאָגען וועט זיין. געשיקט מיין מאמען אויף הוצאות. געקומען צופאָהרען, אין שטעדטעל סלאנט איז זי געקומען, מיר גאָר ניט געשריבען אז זי פאָהרט, ווייל זי האָט אין שטעדטעל געוואָלט זיך נאָכפרע־גען אויף דעם מילנער. מען זאָגט איהר אז ער איז אן עהרליכער איד, נאָר א פּראָסטער, דאָס הייסט, ער קען ניט לערנען. זי שיקט מיר זאָגען אז זי איז דאָ. מען נעהמט איהר אָב פון שטעד־טעל, אין א קעריעדזש, געשפּאַנט מיט דריי פערד, פּונקט ווי א גענעראל, זי קומט שוין אין מיל, נעכטיגט איבער, און אין דער פריה זאָגט זי מיר דיע־זע ווערטער: מיין קינד, איך זעה אז דו ווילסט איהר, און זי איז טאַקע א שעהנע מיידעל, אמת א קלוגע, א סך נדן, צעהן יאָהר קעסט. מיין קינד, איך וויל דיר זאָגען מיין מיינונג, מיר גע־פעהלט ניט דער מחותן, א פּראָסטער איד, ניט שעהן פאר דיין טאַטען. נור אויב דו ווילסט, טהוע דעם שידוך. נור איך וויל ניט. איך בין ארויף מיין מאמען אויפ׳ן האלז, צוקוסט איהר פּנים: מאמינקע, וואָס הייסט איך זאָל מסכים זיין, אז דו ווילסט ניט? ניין, איך בין ניט מסכים אָהן דיין הסכמה. מיין הארץ האָט מיר געבלו־טעט, אָבער מיין מאמע וויל ניט...

קום אהער, דו פארפלוכטע טיטשער־קע, דו ביזט געבאָלדעט, איך גאָרניט, ווער איז מעהר מענש, איך צו דו? דו האָסט רחמנות אויף די אלטע קאַץ, און אויף דיין מאמען אזוי פיעל ביז די אפּאָפּלעקציע כאַפּט איהר צו, איך ארעמער, נארישער, ניט געבילדעטער מענש, פון אלטען אומוויסענדען דור, זאָג איך אז אן אלטע מאמע שטעהט א ביסעל, און נאָך א ביסעל, און נאָך און נאָך א ביסעל העכער פאר דער אלטער קאַץ... אויף דיר, בוך־קיפּערקע, אויף דיר, טיטשערקע, איז געזאָגט: „אב ואם הקלו בך“, נאר וואָס איז דער וואונדער, וואָס דארפען מיר גאָר קלעהרען פארוואָס דאָס איז, ווייל די צווייטע פרשה פאנגט זיך אָן קדושים. דריי פארטנער אין מענשען — גאָט, טאַטע און מאמע, אז מען האָט פאר׳ן גרויסען פּאַרטנער געהאט מורא, האָט מען אויך פאר די צוויי פארטנער מורא געהאט. אָבער אז פאר דעם גרויסען פאַרטנער האָבען זיי אויך ניט קיין מורא, נו, וואָס איז די צוויי פּאַרט־נער... „איש אמו ואביו תראו“, יע־

דער זאָל מורא האָבען פאר פאָטער און מוטער. אָבער ווען וועט דאָס זיין, אז „ואת שבתותי תשמרו“, אז איהר וועט מיינע שבתים היטען...

---

פ׳

# הספד

„ואהבת לרעך כמוך.“

דו זאָלסט ליעבען דעם צווייטען ווי זיך אליין. עס איז שווער צו פערשטעהען, דאָס איז דאָך אונמעגליך. און צווייטענס, איז דאָס געגען דין, ווארום באמת איז דאָך „חייך קודמין לחיי חברך“, און זיי לערנען דאָס פון פסוק „וחי אחיך עמך“.

מען האָט מיר אָנגעזאָגט, דאָס ר׳ שלמה יצחק, דער מופלג בתורה, דער ירא שמים, דער עהרליכער איד, איז פלוצלונג געשטאָרבען. די ברכה „דיין האמת“, וואס איך האָב געמאכט, איז געוועזן פון טיעפסטען הארצען, און מיינע אויגען האָבען ארויסגעלאָזען א גרויסען טרעהר, און דער טרעהר איז אוועק אין דעם ים אידישע טרעהרען פון דער פערגאנגענהייט,איבערהויפט פון צוויי ימים אידישע טרעהרען פון יעצטיגער צייט, וואס די גרויזאמע מלחמה האָט פעראורזאכט מעהר א סך פון א ים טרעהרען... דער טרעהר מיינער אין דער ברכה ברוך דיין האמת אויף דעם ר׳ שלמה יצחק, איז אויך אריינגעפאלען דאָרט, אָט דאָרט מיט אלע אידישע טרעהרען...

מען האָט מיר געשיקט רופען איך זאָל מספיד זיין דעם ווירדיגען הויכען אידען. וואָס זאָל איך ביי אייער ארון זאָגען? איך זאָל ר׳ שלמה יצחק׳ן שילדערען פאר די אלע דערביי־שטעהענדע, דעם פערלוסט, וואָס איהר געזעגנט זיך יעצט מיט אונז אויף עוויג, דארף איך שילדערען א פערלוסט פאר אייער פאמיליע. זיי שפירען עס מעהר פאר מיר. פון דער פרוי איז אָבגעשטאָרבען איהר ליעבער גוטער פריינד, פון די קינדער — זייער פאָטער, פון די אינגערע קינדער — זייער חופה פיהרער, פון זיין שול — זייער מעמבער, מען קען באַלד זאָגען — דער בעסטער, פון בימה — דער גבאי, פון יעדען טאָג — זייער דאוונער, פון שבת — זיין וואהרער היטער, פון פיעלע תלמוד־תורות — זייער מיטאַרבייטער, פון פיעלע צדקות — זייער בעל צדקה, פון גאנצען יודענטהום, דער גרויסער אָרדען ברית אברהם, די אידען אין כלל — זייער וויכטיגער ברודער, דער למדן, דער קלוגער, דער בעל מעשים טובים. נו, וואָס זאָל איך שילדערען?

יא, ר׳ שלמה זלמן, איך וועל פאר אייך טייטשען דעם פסוק „ואהבת לרעך כמוך“, דו זאָלסט ליעבען דעם

צווייטענס ווי זיך. ווי קען דאס זיין? איז עס ניט כנגד הדין?

דער מענש ליעבט זיך געוויס, „אדם קרוב לעצמו", וויפיעל ער זאל ליעבען דעם צווייטען, דאך ליעבט ער זיך מעהר. עס מוז אזוי זיין, און אין אמת'ן דארף אזוי זיין. ווייל אפילו וואס ער ליעבט זיך אליין, וואס הייסט זיך אליין? ער ליעבט זיין לעבען, ווייל ער וויל לעבען, ער ליעבט זיין קאפ, זיינע אויגען, זיין הארץ, זיינע הענד, זיינע פיס, און זא ווייטער. דאך ליעבט ער ניט אלע זיינע אייגענע אברים גלייך. ער ליעבט דעם קאפ מעהר פאר אלעס, ווייל אהן דעם קען ער א מינוט ניט לעבען. ער ליעבט די הארץ, די צווייטע ליעבע, וועניגער די הענד, ווייל ח"ו אהן א האנד קען מען לעבען, נאך וועניגער די פיס.

אט טאקע אזוי ווי דו ליעבסט זיך, איז דאך אין דיין אייגען ליעבע צו זיך, דאס הייסט צו דיינע אברים, דאס הייסט צו דיין קערפער, איז דאך פערשיעדען, אזוי זאלסטו דעם צווייטען ליעבען פונקט ווי זיך...

דאס הייסט, מעהר צו פערשטעהן, עס זיינען דא מענשען גאר גרויסע גאונים, דאס איז אונזער קאפ, דארפסטו זיי ליעבען ווי דו ליעבסט דיין קאפ. מענשען מיטעלע, בעלי מדות, דאס זיינען הערצער; זיי ליעב ווי דיין הארץ. פראסטע מענשען, נאר זיי זיינען צו דיין קערפער צוגעצויגען, דאס הייסט זיי זיינען אידען, מיט אלעמען אין איין קערפערשאפט, ליעב זיי ווי דיינע הענד. יא, עס איז דא גאר ניעדעריגע ברואים, אבער זיי זיינען נאך צוגעטשעפעט צו דיר... ליעב זיי ווי דיינע פיס...

ר' שלמה יצחק, דעם פסוק זאג איך יעצט צו אייך, „ואהבת לרעך כמוך". ליעב דיין חבר ווי זיך, טאקע ווי דיינע אברים. זייט וויסען, איך האלט אייך פון די צווייטע קלאס. איהר זייט פון די אידישע הערצער, דארום דארף איך אייך מספיד זיין פון מיין טיעפסטען הארצען. מיין הארץ פיהלט די יסורים, די אידישע הארץ אין כלל איז שוין ניט זעהר שטארק... דאס הייסט, עס פעהלט שוין אזעלכע מענשען ביי אונז... הערצער... אזעלכע ווי דער נפטר, וואקסען שוין ביי אונז ניט אב... „ואהבת לרעך כמוך", קלאגען מיר אויף אונזער אידישע הארץ וואס זי שטארבט אב מיט דעם פערלוסט פון אזא פערזאן.

בלע המות לנצח, ומחה ד' דמעה מעל כל פנים, אמן.

## פ"א

# תחיית המתים

„שור או כשב או עז כי יולד.“ — מכאן לתחיית המתים מן התורה. (מדרש)

ספרים קלעהרען, פון וואנען איז דאָס דאָ פון דעם פסוק א בעוויוז אויף תחיית המתים? און פאר וועמען איז דאָס א בעוויוז? פאר די וואָס לייקענען אין כל התורה, העלפט דאָך ניט אז מען ווייזט זיי וכוחים, לוינט עס זיך אם מעהרסטען ניט. און אין כלל וויל איך מיט זיי קיין וכוחים ניט האָבען וועגען תחיית המתים. אז איינער פער־טשעפּעט מיר שטאַרק, זאָג איך צו איהם: דו גלויבסט ניט, טאָ שטעה ניט אויף, ווער צווינגט דיר אויפצו־שטעהען?! וויעדער, גלייך איך ניט סתם מיט זיין ויכוחים צו האָבען.

ווי עס ווערט דערצעהלט פון דעם ראש של הדרשנים, הגאון ר' יעקב מדובנא. ער איז געפאָהרען מיט א בעל עגלה. דער פערדעל זיינער איז אימער מקיים „יהרג ואל יעבור“. עס איז גע־קומען צו א באַרג, דער בעל עגלה איז אַראָפּגעגאנגען, און ער האָט נאָך צו־געשטופּט דעם וואָגען א ביסעל. דער דובנער איז אויך אראָפּ. רבי, איהר קענט זיצען, איהר צאָהלט דאָך, אייך קען דער פערד פיהרען. אמת, רופט זיך אָב דער דובנער, ווען איך זאָל שפּעטער גערופען ווערען פון פערד צום משפט, וועל איך געווינען, נ·יר געה האָב א דין־תורה מיט א פערד... נאָר פאר אייך, פרומע, גיט מען א בעוויוז, אייער האָפענונג צו פער־שטאַרקען, און אייער אמונה, ווי ריכ־טיג זי איז, אָט דאַמיט טאַקע, פון דעם מדרש אליין. קען דען זיין אז א גרוי־סער חכם און א גרויסער מעכאַניק זאָל ארבייטען אויף א זאַך פיעל יאָהרען אומזיסט, אָהן א תכלית? אפילו ווען מיר וועלען אריין ביי א קארפּענטער און זעהן ווי ער צושניידט ברעטלעך אויף שטיקלעך, ווען איהר וועט איהם פרעגען צו וואָס ער טהוט דאָס אזא נארישע זאַך, וועט ער אייך ענטפערען איהר זאָלט דערווייל געהן געזונדער־הייד און קומען אין א וואָך ארום, וועט איהר זעהן וואָס פאר א טיש עס וועט ארויס פון די ברעטער.

יעצט לאָמיר בעטראַכטען דעם גרוי־סען מעכאַניק, דעם בעשעפער אליין, פון דער גאנצער וועלט. ער האָט בע־שאַפען א וועלט. דער תכלית פון דער וועלט איז דער מענש. אלעם ענדע קוקט זיך גוט איין צו דעם תכלית, דעם מענשען אליין, אָט טאַקע פון איהם וועט איהר ארויסזעהן אז עס איז ניטאָ קיין תכלית. די יסורים פון מענשען, די צרות פון מענשען, די ליי־דען א סך, פריידען זעהר ווייניג, נו, וואו איז דער תכלית? קוים וואָס מען דערלעבט פון די קינדער צו מאכען לייט, מען ערציהט זיי שוין, ווי מען

זאָגט בײַ אונז, עס קומט שוין צו פּרײַ־דען, קומט דער וואָס איז פול מיט אויגען, מיט זײַן שווערד, און נעהמט איהם נאָר אוועק פון זײַן תכלית. טאָ וואו איז דער תכלית פון בעשעפעניש׳ס אַרבייט?

נאָך מעהר, די בהמה ווי זי ווערט געבאָרען, געהט זי גלײַך אַרום. מען דאַרף איהר ניט וויקלען אָדער באָדען. זי ליידעט ניט אויף קיין צייהנער, טרינקט אליין, רעדט שוין איהר שפּראַך, דארום זאָגען די חז״ל אז „שור בן יומו קרוי שור“, אן אָקס פון איין טאָג אַלט ווערט גערופען אָקס. אַז אַ קינד ווערט געבאָרען, ווער רעדט פון דעם ערשטען טאָג אפילו אין אַ יאָהר אַרום, נו, אַז שוין פינף יאָהר, און אַז שוין צעהן יאָהר, איז עס נאָך אַלץ אַ ווילדע זאַך, דאַרף האָבען אַ טאַטען מיט אַ מאַמען צו זיך, און אָפּטמאָל נאָך אַ דיענסט אויך. נו, וואו איז דער תכלית?

אָבער אַז גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען אַלס תכלית הבריאה, איז דאָך געוויס דער מענש דער תכלית. אי מיר זעהען עס ניט, אמת מיר זעהן עס ניט יעצט, ווייל ניט יעצט, און ניט דאָ, איז דער תכלית פון מענשען, מוז־זען מיר צונעבען אַז עס איז דאָ אַ צווייטער לעבען, וואָס דאָרט וועט זײַן דער תכלית...

פון וואנען זעהען מיר עס? אָט טאַ־קע פון דעם אָקס. „שור או כשב או עז כי יולד“, אן אָקס, אָדער אַ שעפּס, אָדער אַ ציעג, איז שוין גערופען „שור“, „כשב“, „עז“, פון דעם טאָג וואָס ער איז געבאָרען. איז שוין דאָ אַ תכלית, און דער מענש, וואָס ער איז דער תכלית הבריאה, פון איהם זעהט מען ניט דעם תכלית, נאָר יסורים, צרות, ליידען, פּיין, מוזען מיר צוגע־בען, אַז „מכאן“, פון דעם פּסוק אַליין, פון „שור או כשב או עז כי יולד“, אַז עס איז פאַראַן אַ תחיית המתים, וואָס דאָרט וועט זײַן דער תכלית...

דאָס איז פאַר אײַך, פּרומע, אַ טרייסט אַ ריכטיגער, ווייל איהר גלויבט אין פּסוק, קען מען פאַר אײַך טייטשען אַ פּסוק, אַ מדרש, אָבער ניט פאַר זיי. פאַר זיי דאַרף מען האָבען צום פּסוק אַ שטעקען...

אויף דעם זאָגען די חז״ל אַז זיי וועלען אויך אָנהויבען גלויבען אין פּסוק. מעמיד עליהם מלך קשה כהמן... אָט דעם שטעקען, ומחזירם למוטב. זאָלען מיר גלויבען אָהן דעם שטעקען, און מיר וועלען דערלעבען כל טוב, אָמן.

פ"ב

# ה ס פ ד

„ובא השמש וטהר, ואחר יאכל מן הקדשים, כי לחמו הוא.“

איך האָב מספיד געווען אן אדם כשר, א „נהנה מיגיע כפו“, א גרויסער עהרליכער און פרומער איד, וועלכער האָט אָבגעהיט דעם דאוונען, זיין תהלים זאָגען, פערדיענט זעהן וועניג, ווייל דער שבת ויו"ט איז איהם גע־שטאַנען פאר די אויגען אימער. ניט פערגעסען אז דאָס איז די הייליגסטע ביי אונז. א גאנצען טאָג שבת געזאָגט תהלים. וואויל איז צו איהם, וואויל איז צו זיין נשמה.

די זונן איז אונטערגעגאנגען, „ובא השמש“, דער „שמש“ פון זיין לעבען איז אונטערגעגאנגען, „וטהר“, און מען האָט איהם שוין מטהר געווען און ער איז טהור. געווים קומט ער טהור אויף זיין צווייטער וועלט. דאָרט וועט איהם שוין גאָרניט פעהלען. ער האָט דאָ פארדיענט וועניג, צוליעב שבת, אָבער דאמיט האָט ער פארדיענט גאָר א סך, אזוי פיעל וואָס מען קען דאָס ניט בעקומען פאר דעם פערמעגען פון דער גאנצער וועלט. יעצט איז ער נהנה פון דעם גרויסען הייליגען פער־דיענסט, „ואחר“, נאָך זיין לעבען, „יאכל מן הקדשים“, וועט ער עסען פון די הייליגקייט, א הייליגען עסען, א רוחניות־עסען, „כי לחמו הוא“, דען די קדשים איז יעצט זיין ברויט.

פריינדע, איהר וועט פרעגען, וואָ־רום מאַך איך א הספד אויף אן איינ־פאכען אידען, קיין מופלג בתורה איז ער דאָך ניט געווען? מוז איך אייך ענטפערען, פריינדע, גאנץ איינפאַך מיט א משל.

מען האָט מיר גערופען זאָ־גען א הספד, א גביר איז געשטאָר־בען, איבערגעלאָזט פאר די אלמנה מיט יתומים א האלבען מיליאָן דאָ־לאר. די אלמנה וויינט, אָבער עס איז ניט זעהר שרעקליך איהר צו בעערוי־ערען, דער צווייטער דאַרף ניט שטארק וויינען. געוועהנליך, איהר פעהלט איהר טרייער לעבענס־בעגלייטער, אָבער קיין ברויט וועט איהר ח"ו ניט פעהלען, זי איז גענוג רייך, זי וועט אין גיכען פערגעסען.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מען מיר גערופען מספיד צו זיין א אידען, וועל־כער איז געווען א גרויסער עהרליכער מאַן, אן ארעמאַן אן אביון. אכט קליי־נע קינדערלעך איעבערגעלאָזען, די אלמנה מיט די יתומים וויינען, און די דערביי־שטעהענדע גיסען טרעהרען. ווארום? וואָס ארט די פרעמדע? ווייל קיינער קען ניט צוזעהן דעם עוויגען עוויגען אונגליק פון דער אלמנה מיט די יתומים.

פריינדע, אמאָל אז מיר זיינען גע־ווען רייך, און מיר זיינען אויך געווען גרויסע מענשען, האָבען מיר טאקע אויף אזא קליינעם מענשען ניט גע־

וויינט. היינט זיינען מיר אזא ארעם פאָלק געוואָרען, אז ווען עס שטארבט אזא ארעמאן, און ניט קיין למדן, אָבער א פרומער איד, זיינען מיר יתומים און די אלמנה ישראל „היתה כאלמנה", ניט קריגען אן אנדער אידען אזעלכע! וועלכער זאָל אויפוואקסען אויף זיין פלאַץ.

השי"ת זאָל שוין געבען, אז מיר זאָלען עטוואָס רייכער ווערען אין גייסט־ליכען הינזיכט, ומחה ד' דמעה מעל כל פנים, אָמן.

---

פ"ג

# קדושת יום טוב

„דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם מועדי ד' אשר תקראו אותם מקראי קודש, אלה הם מועדי."

עס קומט מיר אויס צו זאָגען א שעהנעם וויץ. אָבער דער נמשל דער־פון איז צו פיעל טרויעריג, געפעהר־ליך טרויעריג.

א גרויסער ארעמאן, וואָס זיין פער־דיענסט איז אין גאנצען געווען פינף דאָלאר א וואָך, מיט זעקס קליינע קינ־דערלעך, פערשטעהט מען גאנץ גוט אז ער האָט אפילו ניט געהאנג אויף ברויט מיט זאַלץ גענוג.

איין מאָל האָט ער געדארפט זיין ביים גביר פון שטעדטעל, האָט ער גע־זעהן ווי דעם גביר'ס קעכין קאָכט אזא סאָרט מאכל וואָס איז איהם אנגענעהם און דער מאכל האָט איהם שטארק פארשמעקט. פרעגט ער די דיענסט ווי רופט מען דאָס? זאָגט זי טריף קנייד־לעך. ווי מאכט מען דאָס? זאָגט זי: מען צוקלאַפּט אייניגע אייגס, מען גיסט אריין א ביסעל מילך, מען שיט א ביסעל זאַלץ, א ביסעלע פעפער, מען צומישט עס שיטער, מען גיסט מים'ן לעפעל אין קאָכיגען טאָפּ און עס קאָכט א ווייל'ע, און גענוג.

ער קומט אהיים, ער דערצעהלט זיין פרוי ווי דעם מאכל צו מאַכען, טריף קניידלעך, רופט מען עס, געה מאך דאָס, מיין טהייערע, זאָלען מיר אויך עסען א גביר'ס מאכל! זי געהט עס מאכען. חאצקעל, זאָגט זי, איך האָב קיין אייגס ניט! —זאָל זיין אָהן אייגס. — חאצקעל, איך האָב קיין מילך ניט! — זאָל זיין, זאָגט ער, אָהן מילך. — חאצקעל, דו ווייסט, איך האָב קיין מעהל ניט ! — אוי, זעה לאָז מיר צופריעדען, זאָל זיין אָהן מעהל. נעהם סקראָבּע אויס דעם מול־טער און קראַץ ארום דעם וואלגער־האָלץ. זי האָט אזוי געטהאָן. גענומען און ארומגעקראצט דעם וואלגער־האָלץ, אויסגעסקראָבעט דעם מולטער, אן אפערריישאָן געמאכט דעם לאָקשען־ברעט, צוזאמענגעקראצט א ביסעל מעהל מיט שטיקלעך האָלץ, עס צור־

מישט מיט וואסער, אָהן מילך און אָהן אייער, אָהן מעהל. איך האָב פערגעסען אייך צו דערצעהלען אז אָהן זאַלץ אויך.

אויסגעקאָכט. ער נעהמט עסען, א חורבן א גרויסער! געוואלד געשריען, זאָגט ער צו איהר, מען קען דאָך אין מויל ניט נעהמען! אוי, זאָגט ער, א בראָך צו די גבירים, צו זייערע קעפּ זאָל עס אויסגעהן וואָס פאר מאכלים זיי עסען!...

דער נמשל איז לענגער פאר'ן משל דעם מאָל. עס קומט ערב יום־טוב, איך הער פון גאַנץ פריה מען קלאַפּט אין ברעטעל די פיש, מען באַקט חלה, מען וואַשט פלאָארס, מען מאכט לאָקשען, מען קויפט פרוכט, מען פילט העלזלעך, מען קלייבט שצאוו,, מען בראָט בראַטען, מען קאָכט קאָמפּאָט, מען מאכט זיך וואַנעס. קורץ — צופיעל אייך לערנען אין קאָכען און באַקען....

הא, דאכט זיך זעהר שעהן אזוי, ווי ביי די פארצייטיגע עלטערען אונזערע, מען מאכט טריף־קניידלעך, דאָס הייסט מען מאכט זיי נאָך. איך דיינק אז זיי זיינען רייך, זעהר רייך. זיי עסען אמת'ע טריף־קניידלעך... פיינע גבירים, איך קוק זיך צו צום טיש זייערען, אז קיינעם שמעקט ניט די טריף־קניידלעך, ווייל קיינער פון די זיהן איז ניטאָ ביים סאַפּער, מן הסתם זיינען דאָך די טריף־קניידלעך ניט שמעקעדיג. אין דער פריה, ער אליין, דער בעל הבית איז אויך ניטאָ. ער איז גאָר אין שאָפּ.

טאָ זאָלען מיר טאקע זעהן וואָס פעהלט דאָ אין די טריף־קניידלעך. געמאכט טאקע ניט גוט. מן הסתם. אָט הערט, איך דיינק אז צוליעב דעם איז דאָס אזוי, ווייל עס פעהלט די מילך, דאָס איז דער קבלת שבת און מעריב... זאָל אייך ניט שווער זיין, מיינע פריינדע, וואָס האָט „קבלת שבת און „מעריב" צו מילך? איך זאָג אז יאָ! ווייל שלמה זאָגט „דבש וחלב", האָניג און מילך, איז ביי דיר „תחת לשונך", אונטער דיין צונג... דאָס איז תפילה. נו, ווי קען שמעקען די טריף־קניידלעך אָהן מילך?

עס פעהלט אייגס — דאָס איז דער קידוש. מען מאכט קיין קדוש ניט. נו, מאכט מען טריף־קניידלעך יעצט ביי די שלעפּער אין אמעריקא, שלעפּער אָהן גייסט, אָהן אייגס, אָהן קידוש. אי עס האָט קיין טעם ניט דער עסען יום טוב, איהר ווייסט גאָר פאר וואָס? עס פעהלט די גאנצע מעהל אויך, דאָס הייסט, דער גאנצער ענין. דער גאנצער „ושמרו בני ישראל את השבת", זיי זאָלען היטען דעם שבת. מען איז דאָך גאָר אין שאָפּ. אי, וועה איז מיר, מען מאכט טריף־קניידלעך שוין אָהן מעהל אויך, מען קאָכט, מען באַקט, אָהן „ושמרו"! אי, וועה איז צו אונז, ווי ארעם מיר זיינען!... מיר עסען שוין טריף־קניידלעך אָהן מעהל אויך. אז מיר זיינען רייך געווען, ווי דאָס האָט אונז געשמעקט די מאכלים של שבת! איך געדענק דעם ריח פון די אמאָליגע שטינקעס. אי, ווי זיס עס איז געווען! איך געדענק אָבער מיין טאַטענ'ס קידוש... איך געדענק דעם צימעס, איך געדענק אָבער

מיין מאמע'ס ליכט בענשען מיט די תחינות איהרע. איך געדענק איהרע טרעהרען ביי די תחינות, אז זי פלעגט דערמאהנען „מיין קינד'ס אויגעלעך זאלען אין דער תורה לייכטען". איך געדענק מיין טאטענ'ס פרעהליכקייט ביים בענשען. איך געדענק אלעס, איך געדענק און איהר געדינקט אויך. טא פרעגט אבער ניט קיין קשיות, וואס שמעקען עפעס איצטער ניט די מאכלים של שבת ויו"ט. איך מוז פערקירצען. ווייל ריידען קען איך א סך, עס קאסט מיר נאר געזונד און ניט קיין געלד, שרייבען קאסט מיר געלד — דער דרוקען — און דאס האב איך ניט.

דאס זאגט גאט: משה, רייד צו די קינדער ישראל, און זאג זיי: ווען הייסט עס יום טוב, אז דער יום טוב זאל שמעקען, אז דאס זאל הייסען גאטעס יום טוב, גאטעס שבת, הייליג דער טאג, הייליג די רוהע, „מועדי ד'", די אלע ימים טובים גאטעס. ווען הייסט עס יום טוב, „אשר תקראו אותם מקראי קודש", אז איהר זאלט זיי רופען א הייליגע רופונג, דאס הייסט, אז ביי אייך זאלען זיי זיין הייליג, דאן הייסט עס „אלה הם מועדי", הייסט עס מיינע ימים טובים, אבער אז איהר האלט עס ניט פאר הייליג, נאר פרעסען, זויפען, איז דאך דאס אייערע ימים טובים, ניט מיינע. אט אזא פנים האט עס טאקע.

רבש"ע, גיב אונז שוין אונזער לאנד, דאן וועלען מיר געוויס אונזערע שבתים וימים טובים פייערען מיט גלאנץ און פראכט ווי אין דער תורה איז געבאטען, אמן.

---

פ"ד

# געגען שטראם

„והכהנים חלוים בני צדוק, אשר שמרו משמרת מקדשי בתעות בני ישראל מעלי, המה יקרבו אליו לשרתני."

די תורה זאגט „כי האדם עץ השדה" — דער מענש איז גלייך צו א בוים. און מען פערשטעהט דאס, אין אייניגע פעלע, אז זיי זיינען ביידע עהנליך דעם בוים און דער מענש. א בוים איז דא א גרויסער, א גראבער, א שטארקער, איז אויך דא אזעלכע מענשען. א בוים איז דא מיט פרוכט שעהנע, גוטע, זיסע, א מענש אז ער האט שעהנע, ליעבע, גוטע קינדערלעך. א בוים אהן פרוכט, נאר דאגעגען שטעכעדיגע בלעטלעך — דער מענש האט אזעלכע קינדערלעך...

נאך איין זאך איז גלייך דער מענש צו א בוים. עס איז דא בוימער, וואס אין רוסלאנד וואקסען זיי, אבער ניט אין אמעריקא. דער מענש, אין רוסלאנד איז ער געוועזען אן ארענטליכער

און פרומער איד, און דאָ, דאגעגען, דאָרט האָט ער געוואקסען, די וואָרצלען פייכט און שטארק, דאָ ניט. די אטמאָספערע איז ניט גוט פאר איהם. הכלל: „כי האדם עץ השדה" — גלייך צום בוים איז דער מענש.

נאָר מיט איין מעלה איז דער מענש אנדערס פון דעם בוים. דער בוים קען זיך אנדערס ניט מאכען, קוים איז דער אָרט וואו מען פלאנצט איהם אייבער ניט גוט פאר איהם, קען ער זיך ניט מאכען אז ער זאָל וואקסען. אָבער דאגעגען דער מענש, ער קען זיך פיהרען ווי ער וויל. אמת, טאקע, די אטמאָספערע איז שעדליך פאר אידישקייט, אָבער דו ביזט דאָך א מענש, די בחירה איז ביי דיר, און מיר גיבען דיר צו אז דו קענסט פונקט ווי דאָרט ניט געבען דיין פרוכט, אָבער דאָך שטארב ניט אָב אין גאנצען, עס ווענדט זיך אָן דיר.

דאָס איז מיינע ווערטער אימער אין מיינע דרשות. עס איז קיין קונץ פון א ירושלים'ער אידען וואָס ער דאַוונט דריי מאָל א טאָג, אין געגענטהייל, זאָל ער ניט וועלען דאַוונען, און אויספיהרען טאקע ניט צו דאַווענען, דאָס וואָלט זיין א גרעסערער קונץ. עס איז אָבער א קונץ אין אמעריקא צו דאַוונען דריי מאָל א טאָג, און אז ער דאַוונט יא אין אמעריקא, וועט ער קריגען מעהר שכר ווי דער ירושלים'ער וואָס זיצט און לערענט א גאנצען טאָג. ווייל דאָ געהט ער געגען דעם שטראָם, און דאָרט שטויסט איהם דער שטראָם צו געהן דאַוונען.

דאָס איז דער געדאנק פון דער הייניגער הפטרה, באלד דעם ערשטען פסוק, „והכהנים הלויים בני צדוק", און די כהנים, לויים, צדוק'ס קינדער, „אשר שמרו", די וועלכע האָבען געהיט, „משמרת מקדשי", די הייליגע היטונג, ווען האָבען זיי דאָס געהיט? אין דער צייט וואָס „בתעות בני ישראל מעלי", ווען די אידען האָבען פערבלאָנדזשעט, אראָב פון אידישען וועג, און דאן איז געווען שווער צו זיין א איד, און זיי האָבען עס אָבער יא געהיט, גיב איך זיי דערפאר מיין שכר, ווי ווייטער שטעהט אין דער הפטרה.

פ"ה

# ליום כפור

„ואיש כי ימכור בית מושב עיר חומה והיתה גאולתו עד תום שנת ממכרו ימים תהיה גאולתו, ואם לא יגאל עד מלאת לו שנה תמימה וקם הבית אשר בעיר אשר לא (לו קרי) חומה לצמיתות לקונה אותו" וגו'.

חוץ פשט, חוץ דעם דין, געהט דער ענין אין גאנצען אויך אויף דעם יצר הרע, און דאס איז דער ענין, אז א מענש וועט פארקויפען זיך זיין הייז־קעלע, דאס איז זיין קערפער, מיט זיין נשמה, איז פאראן פאר איהם נאך א תרופה, תשובה צו טהאן. אויב ער טהוט ניט קיין תשובה, חס ושלום, א גאנץ יאהר, לייזט ער זיך ניט אויס פון דעם יצר הרע, וואס ער געוועל־טיגט איבער איהם און פיהרט איהם וואו ער וויל, האט ער צייט נאך יום כפור תשובה צו טהאן, אבער „ואם לא יגאל עד מלאת לו שנה תמימה", אז ער האט זיך שוין יום כפור אויך ניט אויסגעלייזט, דאן איז שלעכט, „וקם הבית אשר בעיר אשר לא חומה", דאן בלייבט שטעהען די הויז, זיין קערפער, וואס לא חומה", זי האט ניט קיין „מויער", זי איז שוין אן איינגענומענע אין גאנצען פון יצר הרע „לא", מיט אן אלף, „חומה", דער מויער, דעם מענשען דאכט זיך „לו חומה", צו איהם איז דער מויער, אז ער איז בעל הבית אויף זיך, אין אמת'ן איז „אשר לא חומה", ניט זיין מויער, ער איז שוין ביי איהם אין די הענד אויף עוויג, און דער מויער, זיין פיהרונג, זיין לעבען, זיין גאנצער איך, בלייבט שוין שטעהען „לצמיתות לקונה אותו", אויף עוויג צו דעם יצר הרע וואס האט איהם אבגעקויפט .איהם קען מען שוין ניט העלפען.

דער יצה"ר רעדט איהם איין ער וועט האבען הייזער, פרייזער, אייגע־נע, ער וועט זיין רייך, ווען ער וועט ניט נאכפאלגען דעם יצר טוב. אין אמת'ן קען א מאל זיין אז ער האט שוין א פאאר הייזער, אבער ווער ווייסט אויב עס איז גאר זיינע („לו" קרי), צו איהם רופט מען דאס, ער איז דער בעל הבית אויף זיי. מען זאגט אז דאס הויז געהערט צו יענקל טריפה'נעם ביין, אבער אין די ביינק שטעהט פארשריבען „לא", מיט אן אלף... עס איז ניט דיינע, מיין טהייערער...

(צוצוגעבען צו דיעזען דרוש, זעה ביים סוף פון ספר, וואו עס ווערט גע־רעדט פון ימים נוראים.)

## פ"ו

# כבוד אב ואם

„עושה חסד לאלפים ומשלם עון אבות אל חיק בניהם אחריהם."

איך האָב געזעהן א טרויעריגען וויץ. עס איז צום לאכען, אָבער אויך צום וויינען.

א צוואנציג יעהריגער בחור האָט זיך צוקריעגט מיט זיין טאַטען, און אזוי שטארק זיך צוקריעגט, ביז עס איז געקומען אזוי וויים, דאָס דער זוהן האָט גענומען דעם טאַטען ארויסוואַרפען פון הויז. דער טאַטע האָט זיך געלאָזען, און ער האָט איהם געשלעפּט איבער'ן פלאָאר. דער זוהנעלע האָט איהם דורכגעשלעפּט ביז צום טיהר. מיט אלע כחות האָט ער זיך יעצט אויפגעהויבען, און ער האָט געזאָגט: מעהר ניט, ביז דאנען האָב איך זיך געלאָזען שלעפּען, מעהר לאָז איך זיך ניט שלעפּען.

די דערביי־שטעהענדע איז דאָס געווען א מין רעטעניש, און זיי פרעגען איהם: זאָגט אונז, וואָס איז דאָס, ביז דאנען האָט איהר זיך געלאָזט שלעפּען, זיך אזוי פיעל מבזה זיין, יעצט זייט איהר אויפגעשטאַנען און זאָגט „מעהר ניט!" ?

פריינדע, — האָט ער געענטפערט, — זייט וויסען אז גאָט צאָהלט מדה כנגד מדה, איבערהויבט וואָס מען טהוט געגען עלטערען ,ווי מען האַנדעלט מיט זיי, אזוי בעצאָהלען נאכהער זיינע קינדער צו איהם. זייט וויסען וואָרום איך האָב זיך ביז דער טיהר געלאָזט שלעפּען, ווייל ביז דער טיהר האָב איך געשלעפּט מיין פאָטער. קומט מיר, דעריבּער, אז מיין זוהן זאָל מיר שלעפּען, אָבער פון דער טיהר האָב איך שוין מיין פאָטער ווייטער ניט געשלעפּט, טאָ וי קומט דיעזער טרעמפּ מיר ווייטער צו שלעפּען ? איך וועל איהם די צעהנען אויסהאַקען.

א שעהנער וויץ, א זעלטענעם משל קעננען מיר לערנען דערפון. היינטיגער דור, איהר גלויבּט ניט פיעלייכט אין יענער וועלט, נו, מן הסתם זייט איהר קליגער, אפילו ווען מיר וועלען דער־מאָהנען גאָר די לעצטעע, דעם רמב"ם, אבן עזרא, ר' יהודה הלוי — אוועק־געהן גאָר ווייט פון זיי און קומען גאָר צו היינטיגע צייטען, צו היינטיגע גדולים, רעכענען קע מען ניט, עס קען פארנעהמען צוואנציג דרוק־בויגען, נו, זייט איהר קליגער, חכמים, בעלי ה„פאָרווערטס", אז ער זאָגט אז עס איז גאָרנישט, מן הסתם איז דאָך גאָר־נישט, נאָך אייער קלוגע קעפּעלע, פוס־טע מוחות'לעך, אָנגעשטאָפּטע מיט תאוות'לעך, נו זאָל זיין ווי איהר זאָגט (ניט איך בין צו אייך מסכים ח"ו), אז קיין יענער וועלט איז ניטא פאַר אייך... אָבער פאַר די וועלט, זאָלט איהר וויסען זיין אז איהר וועט גע־שטראָפט ווערען, ווי איהר האַנדעלט, יעצטיגער קלוגער, גוטער, טהייערער,

ליעבער דור. און אזוי ווי איהר פיהרט זיך פארקעהרט, מוז איך אייך דעם מאָל טייטשען א פסוק פערקעהרט: „עושה חסד לאלפים", גאָט טהוט גו־טעס צו טויזענדע דורות, ער שווייגט אויף אלעס, ער ווארט צו צאָהלען אויף אלעס און טהוט נור גוטעס, נאָר איין עבירה וואָס איהר טהוט מוזט איהר אָט אויף דער וועלט בעקומען „מדה כנגד מדה", „ומשלם עון אבות", און אָבער ער בעצאָהלט די זינד וואָס איהר טהוט צו די עלטערען, באלד „אל חיק בניהם", צו דעם שוים פון זייערע קינ־דער, באלד, ביים לעבען. היט מעהר א ביסעל אייערע עלטערען'ס כבוד, בעטראכט מעהר זייער ווערדע, ווי איהר דענקט, האלט זיי מעהר פאר מענשען, ווי איהר דענקט פון זייער מענשליכקייט, רעכענט זיך גוט דורך, שטעלט דעם כאראקטער פון דעם אל־טען דור פאר אייערע אויגעען, מיט דעם היינטיגען, קוקט נור מיט א ריכ־טיגען בליק, וועט איהר געפינען אין דעם אלטען דור דעם וואהרען אידען און מענשען, רחמנות און אלעס.

---

פ"ז

# די מלחמה און דער איד

„ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם"...

דער מדרש גלייכט צו דאָס אידישע פאָלק צו א ליימענעם טאָפּ: פאלט דעער טאָפּ אויף א שטיין, איז אָך און וועה איז דאן צום טאָפּ; פאלט דער שטיין אויפ'ן טאָפּ — איז אָך און וועה איז אויך דאן צום טאָפּ.

די ווערטער דארפען קיין ביאור ניט האָבען. יעדער פון אייך וועט פערשטעהען היינטיגע בלוט־באָד וואָס די וועלט מאכט פון זיך אליין. נאָר מעהר פאר אלעמען . ווער ליידעט? ישראל! זאָל געווינען דער, וואָס וועט אונז ארויסקומען? זאָל פארשפיעלען דער, וואָס וועט אונז בעסער זיין? נאָר דערוויילע — איז אָך און וועה צום טאָפּ...

די אידישע שטעדט, די גרעסטע גע־מיינדעס, חרוב געוואָרען, דיאידישע יונגע־לייט אויסגעשלאכטעט ווי שעפּ־סען, ליעגען וואו עס איז אונטער א צלם, די אידישע יונגע טעכטער רו־אינירט, די אידישע מאמעס משוגע פאר עגמת נפש, די אידישע ביזנעס צורויבט. אין שלום לערענט מען מיט איהם „לך לך", אין מלחמה לערענט מען מיט איהם „אתם נצבים היום", היינט דארפט איהר דא שטעהן, מען דארף אייך האָבען, צו שטעלען אייך

די ערשטע אין פייער...

א מאָדנעער אונגליק האָט אונז גע־טראָפען, „היא ישבה בגוים לא מצאה מנוח“, זיצט זי די כנסת ישראל וואו אין א לאנד, ווי רוסלאנד, געפינט זי קיין רוהע, מען טרייבט, מען יאָגט, מען מאכט פאָגראָמען. ווייל זי אנט־לויפען, כאפט מען איהר, די „כנסת ישראל“, ביי דעם גרענעץ, „כל רודפיה השיגוה בין המצרים“, איהרע נאָכיאָ־גער גרייכען איהר ביים גרענעץ.

דאכט זיך עס איז „אַחראַנאַ“, אזוי רופט מען עס, אז דער קייסער דארף וואו דורכפאָהרען טרויט מען דעם איי־דען ניט אז ער זאל זיין דער שומר פון טראָהן אויפ'ן וועג. אז ער דיענט אויס זיינע פיער יאָהר, רופט מען איהם אריין און מען זאָגט איהם: הער צו, איד, דו האָסט געדיענט דאָ אין קיעוו, דו געהסט יעצט ארויס פריי, אָבער דו טאָהרסט זיך דאָ ניט אָבשטעלען וואָה־נען.

דאכט זיך אזוי ניעדעריג, אָבער צום בלוט־פערגיסונג ביזטו ישראל דער ערשטער, דו מוזט געהן פאר דיין פאָ־טערלאנד... ווייל עס קען זיין אז דאָס איז די תוכחה פון היינטיגער סדרה. נאָר קיינער האָט ניט גערעכענט אז דער פסוק, וואָס איך האָב אין אָנפאנג אויבען געשטעלט, איז א קללה. אלע האָבען גערעכנעט דעם פסוק פאר א ברכה. אָבער וואָס זאָלען מיר טהאָן, אז אפילו די ברכות פון דער תוכחה זיינען אויך געוואָרען קללות... „ואף גם זאת“, און אויך דאָס וועל איך זיי טהאָן, „בהיותם בארץ אויביהם“, אין זייער זיין אין די לענדער פון זייערע פערפאָלגער, „אויביהם“, זייערע פיינד, האסען וועט מען זיי, טרייבען אויף, פאָגראָמען געווים, שענדען די טעכ־טער פאר די עלטערנ'ס אויגען, אָהן דעם קען דער קאָזאק ניט אויסקומען... נאָר אויף איין זאך „לא מאסתים“, האָב איך זיי ניט פאר'מיאוס'ט, אויף דעם דארף מען זיי. אויף וואָס? טאָ־קע ווען עס וועט האלטען ביי אזא מלחמה — „לכלותם“, זיי צו פארלענ־דען.

אך, גאָט אין הימעל! דער טאָפ איז דאָך שוין באלד צובראָכען, דער טאָפ איז דאָך שוין צושמעטערט, גיב א בליק די שטאָדט בריסק, בעטראכט די שטאָדט סלאָבאָדקא, און די איבעריגע שטעדט און שטעדטלעך. בעטראכט די יתומים. אוי, דו דיין אלמנות, אבי יתומים, מיר האָפען אויף גוטעס, ווייל פון דיר געהט ניט ארויס קיין שלעכ־טעס, פון אלעס וואָס דו טהוסט אונז איז פאר די אויגען שלעכט דער טהאָט, לאָזט זיך אויס גוט. יעדער וואָס האָט אין יוסף הצדיק'ס צייט געזעהן דעם אונגליקליכען יוסף, האָט געדענקט צו פרעגען ביי דיר קשיות, אָבער ווען ער האָט דערלעבט די גדולה פון יוסף'ן, איז איהם פארענטפערט געוואָרען אלע פראגעס. רבש"ע, פון דער מלחמה וואָס מיר הערען און וואָס מיר זע־הען די אונגליקען ,ווייסען מיר גאנץ גוט אז עס וועט זיין א גרויסע טובה. אָבער דו גיב אונז יאָהרען אז מיר זאָ־לען עס זעהן, ווייל נאָך די צרות נאָך וועט די טובה דארפען זיין גדולת יוסף... אָמן.

פ"ח

# א שוהל דארף א רב

„ואיש כי יקדיש את ביתו קודש לד' והעריכו הכהן בין טוב לרע כאשר יערוך אותו הכהן כן יקום."

דאָ ניט לאנג האָב איך אָנגעטראָ־פען א פּרעזידענט פון א נייער שוהל, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אין דער שטאָדט נויאָרק. — העלאָו, רבי, וואָס מאכט איהר. — העלאָו, העלאָו, ווי געהט עס אייך? וואָס הערט זיך? א שוהל האָט איהר א שעהנע, האָט איהר שוין גענומען א שעהנעם רב פאר אייער שוהל?

ניין, קיין רב האָבען מיר ניט, מיר דענקען גאָר ניט וועגען דעם, מיר האָ־בען גענוג מאָרטגיידש צו צאָהלען, און וואָס דארפען מיר א רב? אָט אזא אי־דען ווי איהר זייט וואָלטען מיר גענו־מען. איהר ציהט א קרויד, וואָלטען מיר אייך געגעבען צוואנציג דאָלער א מאָנאָט פאר דעער צייט פון א יאָהר, וואָלטעען מיר זעהן אויב עס לוינט זיך.

פרעג איך איהם: מר. פּרעזידענט, א שייגעץ האָט איהר אין שוהל? (דאָס ווייסט איהר דאָך, שבת אז מען געהט אין שוהל, שטעהט א שייגעץ ביים אריינגאנג מיט א יוניפאָרם, מיט מע־שענע קנעפּ...) — יא, מיר האָבען!

— וואָס צאָהלט איהר איהם א מאָנאט?

— אכצעהן דאָלאר, ליעבער רבי, צאָהלען מיר דעם שייגעץ.

איך האָב מיך דערפרעהט אז איך קריג שוין מיט צוויי דאָלאר א מאָ־נאט מעהר. — נו, פרעג איך איהם, איז איהם גענוג אכצעהן דאָלאר א מאָנאט?

— עס מאַכט איהם א ביסעל.

האָב איך ווייטער געפרעגט:

— וואָס הייסט עס מאכט איהם? מען שנדר'ט פאר איהם?... (א קשיא אויף א מעשה, אין אמעריקא פאר ווי־פיעל שקצים שנדר'ט מען...)

— ניין, זאָגט ער, ווי קומט? נאָר מען גיט איהם אזוי. אָט האָב איך היינט איהם א דאָלאר נגעגעבען. איך זעה אז ער ארבייט מעהר פאר'ן שמש, און איך האָב געהאַט אן עליה דעם שבת האָב איך פאר דעם שמש ניט שנדר'ט, און איך האָב דעם דאָלאר בעסער אוועקגעגע־בען דעם שייגעץ.

— נו, זאָג איך צו איהם, מעהר גיט איהר איהם ניט ווי אכצעהן דאָלאר און וואָס א מאָל מאכט איהם נאָך א דאָלאר? נאָך אלץ ווייניג.

— אָה, זאָגט ער, צוויי מאָל א יאָהר קויפען מיר איהם סוטס.

— אזוי, זאָג איך, איהר וועט מיר געבען צוואנציג דאָלער א מאָנאט און צווי מאָל א יאָהר סוטס און אָפּטמאָל אויך א זייטיגען דאָלאר, וועל איך געהן צו אייך.

— איך ווייס? איך וועל איבעררייי־דען ביים מיטינג. מיר וועלען אייך שיקען זאָגען.

פריינדע, איהר ווילט וויסען וואָס זיי האָבען מיר געשיקט זאָגען דורך א קאָמיטע? איך שעהם זיך אפילו אייך אויסצוזאָגען. נאָר בעסער א חרפה אויף דער וועלט, עהדער א בושה אויף יענער וועלט... מען האָט מיר געזאָגט מיט דיעזע ווערטער: רבי, מיר ווילען אייך האָבען ביי אונז, ווייל איהר ציהט א קרויד... נאָר איין זאך האָבען מיר מורא פאר אייך: איהר זאָגט צופיעל דעם אמת. רופט זיך דערביי אָב דער פרעזידענט: וואָס דאַרפט איהר ריידען פערשטעלט, גאָר פשוט הייסט עס, איהר זאָלט ניט ריידען וועגען חילול שבת... טיקעטס שבת... ארבייטען שבת... טיקעטס אום שבת מוז מען פערקויפען, מיר צאָהלען אונזער חזן צוויי טויזענד דאָלאר ,מוז מען דאָך עפּעס ארויסנעהמען דורכ'ן יאָהר...

— האָט איהר ספרי תורות ביי אייך אין שוהל? — פרעג איך זיי.

— געוויס! צעהן האָבען מיר!

— לייענט מען אין דער תורה שבת? — פרעג איך זיי

—געוויס, ווי דען? ווי לייענט מען דאָס ניט שבת?

— ווייסט איהר וועלכע סדרה מען האָט דעם שבת געלייענט? — פרעג איך זיי.

— געוויס, — רופט זיך אָב איינער פון דער קאָמיטע, א כהן איז ער,— מיר האָט מען אויפגערופען כהן, און דער ערשטער וואָרט, דוכט מיר, הויבט זיך אָן מיט „קיא“ (כי). יא, נאָך עפּעס ווייס איך, „מחצית השקל“ איז דאָרט דאָ (ער מיינט א טיקעט שבת דאַרף קאָסטען דאָס). נו, איך פערשטעה שוין די סדרה.

— הערט, זאָג איך, די סדרה ווייס איך, און איך ווייס אז דאָרט איז אויך דאָ „ושמרו בני ישראל את השבת“... און אז איהר וועט די יריעה ארויסנעהמען פון ספר תורה וועט זיין אויס שבת ביי אייך אין ספר תורה, און נאָך עלף יריעות קומט אויס ארויסצונעהמען, וועל איך ביי אייך געהן און ניט ריידען פון שבת. און נאָך א קליינע בעדינגונג, אז מיין שטאָוו־פּייפּ מיט מיין סוט זאָלט איהר אָנטהאָן דעם שייגעץ, און זיין סוט זאָלט איהר מיר געבען...

יעצט, דעם געשפּרעך גיב איך איבער צו אייך. קלעהרט און דענקט אין וואָס פאר א צושטאנד מיר זיינען מיט אונזערע שוהלען און בעאַמטע האלטען. איהר פערשטעהט אז מיר האָט מען ניט גענומען... וואָרום איהר זעהט דאָך און הערט דאָך, אז מען זאָגט אָב פון א שטעלע צוליעב דעם וואָס מען דערמאָהנט שבת אז מען זאָל ניט פארקויפען קיין טיקעטס ,און מען גיט טויזענד דאָלאר, אזוי דוכט מיר, אבי פטור צו ווערען פון א „ושמרו בני ישראל את השבת“...

פריינדע, אזוי ווי אידען דאַרפען האָבען א שוהל, אזוי נאָך מעהר, א סך מעהר, דאַרף מען האָבען א רב... וואָס טויג די שוהל, אז זי האָט ניט איהר גייסטיגען פיהרער? האָט איהר געהערט, אין רוסלאנד זאָל זיין א שטעדטעל פון אייניגע מנינים אידען, און זיי זאָלען קיין רב ניט האָבען? דא איז דאָך א שוהל, א שטאָדט, לאנדסלייט אלע, ווי האָט מען דאָס ניט קיין רב?

נאָר די שוהל וואָס האָט א רב, זעהט מען אז זיי מיינען ערנסט מיט זייער שוהל און מיינען ריכטיג.

„ואיש כי יקריב את ביתו קודש לד׳ ", און אז יעדער מענש פון אייך, אלע מעמעבערס, ווען ער וויל הייליגען זיין הויז, דאָס הייסט גאָטעס הויז, די חז"ל זאָגען אז יעקב האָט גערופען די שוהל בית. ווען איהר ווילט אז אייער גאָטעס הויז זאָל זיין הייליג, ריכטיג הייליג צו גאָט, זאָלט איהר נעהמען א „כהן", דאָס איז דער פיהרער. פארצייטען איז דער מנהיג געווען א כהן, אין גייסטליכען לעבען, היינט איז עס דער רב. „והעריכו הכהן", און דער כהן זאָל עס אימער אָבשאָצען, דאָס הייסט וואָס מען מעג טהאָן און וואָס ניט, עס זאָל זיך פיהרען דורך דעם רב אלעס וואָס אנבעלאנגט צום יודענטהום, „בין טוב לרע", סי אין גוטס, סי אין שלעכטס, סי איהר שטעהט גוט מיט אייער שוהל, סיי עס האלט ניט אמבעסטען, פארשולדיגט, הייסט עס, אימער דאַרף מען האָבען א רב.

טהייערע געמיינדע, איהר האָט ערוועהלט אין אייער הייליגע שוהל, רוף איך עס, ווארום די שוהל איז געוואָרען קודם לד׳, מיט דעם וואָס איהר האָט ערוועהלט דעם ווירדיגען רב מיינט איהר דאָך מיט אן אמת אייער שוהל זאָל זיין הייליג, וועט איהר דערפאר זוכה זיין אז איהר וועט אלע מיט אייער הייליגער שוהל, מיט אייער קאָמיטע, מיט אייער רב, זיין מנהיגים, אז משיח צדקנו וועט קומען, במהרה בימינו, אמן.

---

פ"ט

# תקות ישראל

„ארור הגבר אשר יבטח באדם וגו׳, ברוך הגבר אשר יבטח בד׳."

איהר געדענקט, רבותי, אין רוסלאנד, חנוכה צייט, פלעגט מען זעצען געגנז אָבצוקאָרמענען, דאָס הייסט פעט מאכען זיי. פיעלע פלעגען סטאָפּען די געגנז מיט אלקעס אזעלכע, אום די געגנז זאָלען פעט ווערען און האָבען מעהר שמאַלץ. פיעלע פלעגט מען געבען אז זיי זאָלען אליין עסען און טרינקען. מען פלעגט פאר זיי אויף צוקקלאָפּען געבערענטע קוילען, דאָס מאכט זיי אַפּעטיט צום עסען.

די ווילדע גאנז איז זיך ארומגעפלויגען אין וואלד, ווינטער איז עס, אלעס איז פערשנעהט, ניטאָ קיין שלאנגען, ניטאָ קיין גראָז, זי איז זעהר הונגעריג. אַך, גאָט, זאָגט זי, ווארום האָסטו מיר בעשאַפען, ווילדע גאנז, אויף דער וועלט? איך מוז אימער הונגערען. אז איך געפין שוין יא וואָס צו עסען, וואָס איז דאן מיין עסען?

עקדישען מיט שלאנגען. אך גאָט, אך גאָט, ווארום האָסטו בעשאַפען מיר, ווילדע גאנז, אויף דער וועלט, איך זאָל זיך אזוי פיעל פּלאָגען.

זי האָט זיך בעדאכט, מען דארף וואו צופליהען אין א שטאָדט, אָדער אין א דאָרף, זעהן פיעלייכט קען מען דאָרט וואָס קריגען. געטראכט און געטהאָן. געקומען צופליהען אין א דאָרף, צוגעפלויגען נעבען א שטעל־כעלע, וואָס דאָרטאָ אינסייד זיצען צעהן געגנז, און דורך די שפּאַלטען האָט זי געזעהן ווי עס זיצען די גענז רוהיג, לעבען יעדער גאנז א מולטער מיט האָבער, א שיסעלע וואסער, און זיי עסען און טרינקען. קיילען גע־ברענטע לעבען זיי, אום זיי זאָלען א גוטען אַפּעטיט האָבען...

אך, גאָט אין הימעל, ווער קען פערשטעהען דיינע מעשים. דאָ איז אויך א גאנז, זי לעבט פון מענשענ׳ס האַנד, מען גיט איהר גאָר אַפּעטיט טראָפּענס צו קענען עסען. אך, גאָט, ווען מען גיט מיר די איבערגעבליבענע פון זיי, וואָלט איך דאָך אָהן אַפּעטיט טראָפּענס געגעסען...

זי איז אוועקגעפלויגען, קוואָקצענ־דיג, ריידענדיג איהר שפּראַך. געקו־מען אין וואלד, אָבגעווען צוויי וואָ־כען, הונגעריג זייענדיג, בעדאכט זי זיך: איך וועל ווייטער צו דעם זעל־בען שטעלכעל צופליהען, מען מוז בע־טראכטען פון זייער גוטס, פיעלייכט וועל איך געניסען עטוואָס, די שטוב־גאַנז מוז שוין זיין אין הויז, מען מוז שוין גאָר עסען מיט איהר פון איין שיסעל.

געקומען צום שטעלכעל, זי גיט א בליק פערדערען זיינען פארשפּרייט אויף דעם הויף. אָה, — זאָגט זי — פון פעטקייט איז אויסגעקראָכען זיי־ערע פעדערען, גיט א קוק אין שפּאַלט פון שטעלכעל, זי זעהט איבערגעקעהר־טע מולטערס, ניטאָ קיין איין גאַנז.

אהאָ, איך האָב געטראָפען, שרייט זי אויס, זי איז שוין אין הויז. איך מוז איהר זעהן ווי זעהט זי יעצט אויס. זי פליהט ביים ווינדע, גיט א קוק אז אויפ׳ן טיש ליגט א גאנז אויפ׳ן טע־לער, מיט די פיסלעך ארויף, און די בעל־הבית׳טע נעהמט דעם מעסער און שניידט שטיקער און גיט צו דאָס גע־זינד צום עסען. און הערט זיך איין ווי זי זאָגט: דאָס די גאנז האָט גוט געגעסען, און זי האָט פון איהר גע־נומען אכט פונט שמאַלץ...

אָה! אזוי איז דאָס... פערשטעה איך שוין פארוואָס מען האָט איהר אַפּע־טיט־טראָפּענס געגעבען... אהאָ! איך ווייס שוין. אָה, דו אונגליקליכע גענ־זעלע, שטוב־גענזעלע, אונגליקליכע בעשעפעניש, דו האָסט ניט פערשטאַ־נען אז די אַפּעטיט־טראָפּענס און דיין וואוילטאָג איז א טויט פאר דיר, ווי מען האָט דיר אין שטעלכעלע פער־זעצט, ביזטו שוין פאראורטהיילט צום טויט געוואָרען...

„ארור הגבר אשר יבטח באדם“, יעצט זעה איך דאָס, רבש״ע, פארגיב מיר וואָס איך האָב פריהער גערעדט געגען דיר. יעצט וועל איך שוין אי־מער זאָגען: „ברוך הגבר אשר יבטח בה׳“.

איך גיב איבער צו אייך צו פאר־

בּרייטערען. נור זייט וויסען, אז דאָ ליגט דער גאנצער אידישער גלות, און די גאנצע אידישע ישועה וואָס עס וועט זיין, פון אונזערע אלע צרות... מיר ריידען אפילו געגען די השגחה, אָבער, גענזועלע ווילדע, דו האָסט קיין ריכטיגע חיונה אין רוסלאנד, רומענ־יען, דו וועסט אָבער געבען א בּליק שפּעטער, וועסטו אויסשרייען: „ברוך הגבר אשר יבטח בד׳!“

# ספר במדבר.

## צ׳

## רבנים

„אלה קרואי העדה, נשיאי מטות אבותם, ראשי אלפי ישראל המה.״

פריינדע, איך וועל ווידער דאָ, אין דעם דרוש, פאר אייך א ביסעל ריידען פון דעם מצב הרבנים דא אין אמעריקא. אין פיעלע קאָנטרים האָבען זי גאָר ניט קיין פרנסה, זייער פרנסה איז א טרויעריגע. עס געפינט זיך אן אלטער, אָבגעלעבטער איד, וואָס האָט רחמנות אויף דעם רב, און ער געהט ארום אלע וואָך אין שטעדטעל און קאָלעקטעט פאר איהם ניקעלס.

געוועהנליך, דער רב זאָגט דאָך אימער דרשות, און דורכ׳ן זאָגען קען ניט זיין אז איינער זאָל פון יעדען דרוש ניט ברוגז ווערען אויף דעם רב. נו, פעהלט איהם שוין דער ניקעל...

אין פיעלע פעלע, פאסירט אויך אז דער קאָלעקטאָר ווערט ברוגז, אָדער דער מלאך המות קריגט איהם ליעב, ווייל זיין צייט קומט צו שטארבען, בלייבט דער רב אין גאנצען אָהן תמיכה...

די רבנים וואָס רופען זיך דאָקטוירים, וואָס קענען און פערשטעהען א קריינק לערנען, און די קלענסטע געמיינדע זייערע בעקומען זיי געהאלט צוויי טויזענד דאָלאר, וואָס איז זיין ארבייט, נעביך? ער דארף ריידען בעפאר קריאת התורה א האלבע שטונדע! בייטאָג, שבת, האָט ער ניט פאר וועמען... און ער אליין האָט אויך קיין צייט ניט, ער איז פערנומען מיט א פינאָקעל, אָדער אין דער אויסטערס אכילה... ווייעדער קען ער ניט ווארטען מיט זיין דרוש ביז פאר נאכט,

ווייל די גמרא זאגט, „זקני עם הארץ כל זמן שמזקינים דעתם מטורפת עליהם“, און עם־הארץ וואס מעהר ער ווערט עלטער, ווערט ער מעהר פראסט, און פון פראקטיקייט איז ער אזוי ווי משוגע ווילד, היינט אז ער, דער „עם־הארץ“, וועט האלטען זיין דרוש אויף שפעטער, וועט דאך גארניט טויגען...

דאך קריגט ער א גוט געהאלט. אונזערע אידען, וואס פרימער די קאנגרעגיישאן זיינע זאל ניט זיין, בעקומט ער אלץ מעהר שונאים, און האט ניט פון וואנען צו לעבען. ארבייט האט דער רב אימער צו זיצען און לערנען, וויסען יעדערן זיין שאלה צו ענטפערען ,און יעדע אידינע איז מיט איהם א מחותנת'טע. ער מוז דאך וויסען וואס עס טהוט זיך ביי יעדערן, ווי מען ערצעהלט ,א אידינע איז געקומען פרעגען א שאלה דעם רב, א טעפעל א פליישיגער האט זיך געקאכט האט זי עס אויסגעמישט מיט א מילכיגע לעפעל . דער רב פרעגט ווי גרויס איז דער טעפעל, מיסעס? רבי, זאגט צו איהם די אידענע, איך פערשטעה אייך גארניט, איהר דארפט שוין וויסען גוט יענטע ציפע'ס טעפעל. אט טאקע, געזונד זאלען זיין די רעפארעם אידען, זיי האלטען א קלוגען רב. איך האב איהם שוין איינינע מאל געפרעגט אזא עהנליכע שאלה, ער האט מיר גאר נישט געפרעגט ווי גרויס דער טעפעל איז, מן הסתם וויים ער דאך...

חיים צדוק דערצעהלט מיר אז ער קען שוין מעהר ניט הערען דעם רב'ס דרשות .ער געהט הערען דעם ראבאי. ווארום? — פרעג איך איהם. ווייל — זאגט ער — ער מוסר'ט צו פיעל, ער שרייעט, ער זידעלט, מען קען דאס גאר ניט בעוווייזען צו טהאן וואס ער זאגט, אבער ווער פאלגט איהם דען? דער ראבאי רעדט שוין העפליך, זאגט קיין מוסר. נו, זאגט אליין, — זאגט ער צו מיר, — דארף מען אזוי פיעל מוסר ריידען אין אמעריקא?

מיין פריינד, זאג איך צו איהם, איהר ווייסט מן הסתם אז עס איז דא סטארס וואס דארט טאהר מען זיך ניט דינגען. עס איז דארט איין פרייז. עס זיינען אבער דא סטארס אין וועלעכ מען בעט ביי אייך נאך א מאל אזוי פיעל, אבער איהר שרעקט זיך ניט, איהר דינגט אראב און קויפט ביליגער. דאס זעלבע ביים ראבאי איז שוין איין פרייז. ער האט שוין ארונטערגעלאזען, צוטראמפעלט אונטער די פים אלעס וואס הייליג איז, איהר קענט שוין ביי איהם ניט אבדינגען.

אבער ביי אייער רב, ער בעט אויס א סך, אבער איהר דינגט אראב. מיר וויסען דאך אז איהר וועט ניט צאהלען וויפיעל מיר בעטען. היינט אז איהר דינגט אראב, מוז מען אייך בעטען דעם הויכען פרייז. ווען ניט, וועט דאך גארנישט בלייבען קיין פראפיט ווען איהר וועט אראבדינגען...

מילא, וואס דארפען מיר פיעל מאריך זיין פאר אייך, אראבדינגער, איהר האט שוין אזוי פיעל זיך איינגעוואהנט אראבצודינגען, אז איהר דינגט שוין אראב אלע יאהר דעם רב'ס פרנסה אויך. געגומען האט ער אכט דאלאר א וואך, קוקט איהר זיך ארום אז עס איז צו פיעל. קומט צו בעניי־

ען דעם אגרימענט, דינגט איהר פון איהם אראָב צוויי דאָלאר, ביז עס קומט צו גאָרניט. און, פריינדע, גלויבט מיר, ביי מיין עהרען וואָרט, וואָס איך גיב אייך דאָ איבער, אז איך ווייס פון א שוהל אין נויאָרק וואָס פון צוועלף דאָ־לאר שכירות וואָס דער רב האָט גע־נומען אלע וואָך האָט מען שוין גע־מאכט אויף הונדערט דאלאר א יאָהר, דאָס הייסט אלע יאָהר צום אגרימענט בענייען האָט מען צוויי דאָלאר אראָב־גענומען פון דער וואָך. האָב איך גע־פרעגט ניט לאנג דעם פּרעזידענט זיי־ערען: מילא דעם יאָהר וואָס עס וועט קומען האָט איהר נאָך וואָס אראָבצו־נעהמען, ריכטיג צוויי דאלאר פאר יע־דע וואָך, ווייל הונדערט נעהמט ער פאר א יאָהר... אָבער שפּעטער, אויפ'ן צווייטען יאָהר וואָס וועט איהר אראָב־נעהמען?... ער האָט מיר געלאָסען גע־ענטפערט, אז יעדען יאָהר וועלען זיי מאכען אז דער רב זאָל זיי צוצאָהלען צוויי דאָלאר יעדע וואָך, ביז עס וועט ארויף אויף צוועלף דאָלאר, די ווייד־זשעס וואָס ער האָט גענומען. דער גליק איז אז דאָס וועט שוין ניט זיין, ווי עס ווייזט מיר אויס, ווייל דער רב זוכט א שטעלע, און דעם פּרעזידענט זוכט שוין דער מלאך המות. ער וויל זיך אפילו אויסקויפען פון איהם, נאָר ער זאָגט, אלע וואָך דארף דיר קאָס־טען צוויי דאָלאר מעהר אויף דאָק־טוירים.

פריינדע, מיינט ניט אז איהר גיט דעם רב, דער רב גיט אייך. איך בין ניט געקומען יעצט צו אייך מיט מאמרי חז"ל, ווייל דער ספר איז פערפאַסט אין זשארגאָן, און עס קען ניט זיין קיין מאמרים ארומצוריידען אין זשארגאָן. נאָר איך וויל אייך פשוט זאָגען אז דער רב גיט אייך, דער כהן איז אימער געווען דער מקבל. ווער האָט געדארפט בענשען דעם פאָלק, אראָבציהען די שפע ברכה, דער כהן. נאָר דער כהן, אז ער בענשט דעם עולם דארף ער אויפהויבען די הענד, צו ווייזען אייך בעלי בתים, אז איהר דארפט איהם קוקען אין האנד, ניט ער אייך.

איהר מיינט ניט אז ער, דער רב, איז נאָר זיין נאָמען „רב", ווי איהר רופט איהם, אָדער ער איז דער נשיא איי־ערער. ניין, מיינע פריינדע, אז איהר רופט איהם נשיא, נו, קענט איהר אויסקומען אין א שוהל אָהן א נשיא, איהר האָט דאָך א פּרעזידענט א נשיא, אז איהר רופט איהם „רב", נו, קענט איהר אויסקומען אָהן א רב, דארפט איהר ניט קיין רב. די אידענע זאָגט, מאך איך אליין טריף דעם טעלער. זי מיינט אז אויף טריף מאכען איז זי א רב... ווען איהר זייט ניט קיין פּראָס־טע מענשען, און איהר פארשטעהט א ביסעלע מעהר, זאָלט איהר רופען דעם רב, דאָס איז אייער קאָפּ, אָהן א קאָפּ קען מען גאָר ניט לעבען. א מענש איז אן „עולם קטן". דער מענש האָט א קאָפּ, דאָס איז אונזערע קעפּ־מענשען, די רבנים... פון דער וועלט; בעלי מלאכות, דאס איז די הענד; גוטע בעלי בתים — די הארץ. מענשען וואָס נאָר עסען, זויפען איז זייער תכלית, דאָס איז בייכער. געפעהרליכע בעלי עבירות — דאָס איז ערוה. דער רב איז

דער קאָפּ. אָהן א קאָפּ קען מען ניט לעבען, אָהן א רב קען מען ניט אויס־קומען.

נאָר וואָס טהוט מען אז דער המון רופט דאָך א רב „נשיא“, א הויכער מענש. „אלה קרואי העדה“, דאס איז דער נאָמען וואָס די עדה, די געמיינ־דע, רופט די רבנים, „נשיאי מטות אבותם“, נשיאים רופען זיי די רבנים. ניין, אין אמת׳ן ווייסט איהר אז מען דארף זיי רופען „ראשי אלפי ישראל“, די קעפּ זיינען זיי, רופט זיי קעפּ. דאָס רופען זיי די דייטשע אידען צו זייערע רבנים, „אלפי ישראל“, די אידישע מיליאָנערען, די אידישע הארען, די רייכע לייט רופען טאקע אזוי די רבנים. ליידדער, ליידער, די עדה, די אָרטהאָדאָקסישע, דארפען די איין זאך נאָכטהאָן די דייטשען...

---

## צ״א

# מספר ישראל

„והי׳ מספר בני ישראל כחול הים, אשר לא ימד ולא יספר מרוב. והי׳ במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי.“

דער צאָהל פון די בני ישראל וועט זיין אזוי ווי די זאמד פון ים. די חכמים פרעגען אז עס איז געזאָגט „והיה מספר“, איז דאָך דאָ א צאָהל, ווארום זאָגט ער גלייך „אשר לא ימד ולא יספר“, וועלכע עס וועט ניט קע־נען געמאָסטען ווערען או ניט געוואוי־גען ווערען? ענטפערען זיי, אין דער צייט ווען אידען טהוען ניט גאָטעס ווילען, דאן איז „והיה מספר“, האָבען זיי א צאָהל, און דאָס וואָס עס איז געזאָגט „אשר לא ימד ולא יספר“, ווען זיי טהוען גאָטעס ווילען קען מען זיי ניט צעהלען.

איך וויל קיין פראגען מאכען, ווייל אלע ספרים האָבען שוין גענוג גע־פרעגט, איך וויל נור די איין פראגע פרעגען: ווי קען דאָס זיין, אז אין איין ווייל ווען זיי ווערען פרום, זאָלען זיי שוין קיין צאָהל האָבען? אויף דעם איז אויך דאָ די טויזענדע תירוצים. נאָר איין זאך וועל איך אייך דאָ אי־בערגעבען, אז עס מוז אנדערש געלע־רענט ווערען דער פשט דא.

א גרינער, ווען ער איז יעצט ניט לאנג געקומען פון רוסלאנד, אָדער גא־ליציען, און ער געהט אריין אין שוהל שבת, ער זעהט א פולע שוהל אידען דאוונען, דעם זעלבען נוסח ווי דאָרט אין די אַלד קאָנטרי, א רב זאָגט א דרוש, די שוהל איז געפּאקט, פרעגט ער א פראגע מיר, זייט אזוי גוט, רבי, זאגט מיר, ווארום זאָגט מען אין רוס־לאנד אז אמעריקא איז ניט פרום, איך

זעה דאָ די זעלבע זאַך ווי אין דער היים, דאַכט זיך?

ענטפער איך איהם: אז איהר וועט זיך בעקענען א ביסעל מיט אמעריקא וועט איהר שוין די פראגע ניט פרעגען, דאן וועט איהר ויסען אז אין נויארק איז דאָ א מיליאָן אידען, און אז איהר וועט זעהן און אויסצעהלען פון דעם מיליאָן אידען וואָס זיינען דאָ אין די שוהלען, וועט איהר געפינען א קליינעם פּראָצענט דאוונער, א קינד קען זיי אויסצעהלען. און פון די זעלבע דאוונער וועט איהר געפינען א קליינעם פּראָצענט ריכטיגע אידען, שומרי שבת, די איבעריגע געהען פון שוהל נאָך „ישמח משה במתנת חלקו" אין סטאָר אריין. און אז איהר וועט אויסגעפינען וויפיעל עס געפינען זיך שבת אין שאָפּ, אין די סטאָרס, אין די פעקטאָרים, אין די מואוויס, אין טהעאטער, אין היפּאָדראָם, אין פּארקס, אין ביליגע פליי־טהעאטערען, ביי דעם בלאָהען טישעל, אין די סאַלונס, אין קוני איילענד, אין טאַנץ־זאַלען, און סתם אין שמוציגע פּלעצער, וועט איהר זעהן אז די דאוונער און רבנים־העדער זיינען א גאַנץ קליינע צאָהל, און א קינד קען זיי צעהלען, און די אנדערע קענט איהר ניט איבערצעהלען.

דאָס זאָגט דער נביא „והי' מספר בני ישראל", און די וועלען זיין מיט'ן צאָהל, זיי וועט מען קענען צעהלען, ווען? „בשעה שעושין רצונו של מקום", ווען זיי טהוען גאָטעס ווילען, די אידעלאַך וואָס געהען אין שוהל טהוען גאָטעס ווילען, איז „מספר" — דאָ א צאָהל.

און די וועלכע „אשר לא ימד ולא יספר מרוב", די וועלכע מען וועט גאָר ניט קענען אויסצעהלען, די יעניגע זיינען „כשאין עושין רצונו של מקום", אז זיי טהוען ניט גאָטעס ווילען, די זיינען „אשר לא ימד", אָהן א צאָהל...

פרעגט מיר דער איד: פארוואָס איז דאָס טאַקע אזוי? אין אזא לאַנד וואו מען לאָזט אונז אלעס פריי און מען לאָזט זיין אידען, איז דער איד אזוי פרעמד פון זיין רעליגיאָן און טראַדיציאָן...

זאָג איך איהם: אָט דאָס זאָגט גלייך דער נביא טאַקע ווייטער, אין דעם זעלבען פסוק, אין די פּלעצער וואו דער איד האָט צרות פון אידישקייט, מען לאָזט איהם דאָרט קיין איד זיין, און מען צווינגט איהם זיך צו טויפען, ווייל זיי זאָגען צו איהם: וואַרף אוועק צו זיין א איד, ווייל גאָט זאָגט צו אייך איהר זייט ניט זיין פאָלק, „והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם", אָט דאָרט איז דער איד דווקא זיך מוסר נפש פאר אידישקייט, דאָרט איז „יאמר להם בני אל חי", איהר זייט קינדער פון דעם לעבעדיגען גאָט, ווערט געזאָגט אויף זיי. אָבער דא, אין אמעריקא, לאָזט מען דעם אידען פריי, איז זיין טבע אלעס אליין אוועקצוואוארפען. „והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם, יאמר להם בני אל חי".

צ"ב

# החזקת התורה.

„יברכך ד' וישמרך."

די חכמים זאָגען „יברכך ד' בממון וישמרך מן המזיקין" — גאָט זאָל דיר בענשען מיט געלד, „וישמרך מן המזיקין", ער זאָל דיר היטען פון מזיקים. אין פשט איז דאָס אויך זעהר גוט. אן ארעמאַן איז זיכער פון גנבים, פון רויבער. דאָך, אויב דאָס איז נאָר די מיינונג פון די חז"ל אז ווי־באַלד דו וועסט ווערען רייך בממון זאָל דיר גאָט אייגהיטען פון גנבים, טאָ ווארום האָבען זיי ניט געזאָגט, „וישמרך מן הגנבים"?

דער אדון הנביאים, משה רבינו, האָט געזאָגט: „שמח זבולון בצאתך וישׂשכר באהליך", פרעה זיך, זבולון, אין דיין ארויסגעהן צו ביזנעס, ווען ישׂשכר, דער תלמיד־חכם, זיצט אין בית המדרש און ער לעבט פון דיר, וואָס דו שטיצט איהם. דאן קענסטו זיך פרעהען, זבולון, ווייל ער לערענט שוין פאר דיר אויך, ווייל דו קריגסט א טהייל פון זיין תורה.

צוויי מענשען האָבען זיך געטראָ־פען אין דער מדבר. איינער האָט שוין דריי טעג ניט געגעסען און ניט גע־טרונקען, קוים וואָס ער לעבט. ער האָט שוין געפיהלט דאָס די כחות גע־העז איהם אויס, אָבער ער האָט מיט זיך געטראָגען פאר מיליאָנען דימענ־טען, פון אן אוצר, וועלכען ער האָט געפונען, און דער מענש, נעביך, האָט זיך שוין גענומען זעגענען פון זיינע דיימאָנדס, ווייל איהם איז שוין ניט געוועזען מעגליך זיי צו טראָגען.

פלוצלינג דערזעהט ער א מאן געהט איהם נאָך. פון הונגער און דורשט און שרעק איז ער געבליבען אין אָהנ־מאַכט. דער מאן האָט איהם אָבגע־מינטערט, געגעבען א ביסעלע וואסער, ער האָט זיך דערקוויקט. ער, דער צווייטער מאן איז געלאָדען מיט וואַ־סער און ברויט.

זאָגט ער צו איהם: ברודער לעבען, עס איז נאָך דאָ זעקס טעג רייזע. דו וועסט דאָ שטארבען ,דו טראָגסט מיט זיך דיימאָנדס אין ווערטה פון מיל־יאָנען. וואָס טויגען דיר דיינע דיי־מאָנדס, וואָס טויג דיר דיין פערמעגען, איך האָב מיט זיך ברויט און וואסער גענוג נאָר פאר מיר .אלזאָ, ברודער, איך טאָהר דיר ניט אוועקגעבען פון מיין ברויט, פיעלייכט וועט נעהמען די רייזע לענגער, וואָס קען מען ווי־סען? נאָר איך וויל אז אויפ'ן וואָג וועל איך דיר געבען ברויט, וויפיעל ברויט דו וועסט נעהמען און וויפיעל וואסער, אזוי פיעל דיימאָנדס זאָל־סטו מיר געבען אנטקעגען.

געוועהנליך, ווער וויל דאָס געבען דיימאָנדס אין ווערדע פון א מיליאָן דאלאר פאר א פונט ברויט? נאָר וואָס קען מען זיך העלפען? ער טרייעט דינ־

גען זיך מיט איהם. זאָגט דער צווייטער: ברודער לעבען, דאָ אין דעם מדבר איז ברויט טהייערער ווי דיימאָנדס. ער האָט איהם געגעבען העלפט דיימאָנדס, און דערביי געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.

הער זיך איין, זאָגט צו איהם דער צווייטער, איך וויל אן אויפשריפט פון דיר אז דו האָסט מיר געגעבען די דיימאָנדס אין דעם מדבר, וואו ברויט איז טהייערער ווי דיימאָנדס. ווען ניט איך מיט מיין ברויט וואָלסטו דאָ געבליבען, ווארום דאָרט אין ישוב קענסטו חרטה האָבען, פיעלייכט. זאָג איך דיר, איך וויל א כתב. ער האָט איהם געגעבען.

פריינדע, איהר זאָלט אזוי גוט זיין און בעטראַכטען דעם משל מעהר און מעהר. איך וועל קורץ מאכען דעם נמשל. די וועלטעלע איז א מדבר. ראובן געהט מיט דיימאנדס, די תורה און מצוות, וואָס דוד זאָגט „הנחמדים מזהב", זי איז געלוסטיגער פאר גאָלד, „ומפז רב", פאר טהייערע פיעל פערעל. ראובן, דער תלמיד־חכם, געהט דערמיט זעהר פיעל אנגעלאָדען, נאָר עס פעהלט איהם ברויט, ער האָט ניט פון וואנען צו לעבען. שמעון אָבער געהט אָנגעלאָדען אין דעם מדבר מיט ברויט און אלערליי זיסע גוטע שפייז. מיט דעם זאָגט ראובן צו שמעון'ן גיב מיר ברויט. זאָגט שמעון, דער ביזנעס מאן, גיב מיר דיינע דיימאטדס, ווע־לען מיר ביידע קענען דורכגעהן דעם מדבר. ווען ראובן גיט די דיימאנדס

אין דעם וויסטען מדבר פאר ברויט, וואָס קען ער העלפען?

וי איהר פערשטעהט יעצט, קויפט דער מחזיק לומדי תורה דיימאָנדס, אָבער, ליידער, ליידער, ווער שטיצען די תלמידי חכמים, וען ניט די ארעמע לייט, נעביך, זיי גיבען אוועק דעם לעצטען סענט צו קויפען ברויט דעם תלמיד חכם. אָבער דער גביר, אפילו ווען ער איז בעפאָר געווען אן ארע־מאן, און יעצט איז ער א גביר, דער גיט שוין ניט קיין שטיצע צום תלמיד חכם. דער וויל שוין ניט וויסען פון ישיבות .אין געגענטהייל, ער איז נאָך דאגעגען די ישיבות, און אלע תלמידי חכמים. היינט אז קיין מחזיק איז ער ניט, נור מזיק איז ער יאָ, טאָ ווי רופט מען איהם יעצט? ניט מחזיק, נאָר מזיק. עס איז ביינאהע ביידע ווער־טער גלייך, נור אין מחזיק איז פא־ראן א „ח", היינט אז ער איז ניט מחזיק, וארפט ער דעם „ח" ארויס, ווערט ער במילא מזיק.

„יברכך ד' ". זאָגען די חז"ל דאָס מיינט מען מיט געלד .איז אָבער א צרה, אז ווי באלד שמעון קריגט געלד ווערט ער אויס מחזיק, נאָר מזיק ווערט ער געררופען. זאָגען די כהנים: „וישמרך", ער זאָל דיר היטען. זאָגען די חז"ל דאָס מיינט מען „מן המזיקין", דו זאָלסט פון מחזיק ניט ווערען א מזיק...

השי"ת זאָל געבען טאקע „יברכך" בממון, „וישמרך" מן המזיקין, אָמן.

צ"ג

# לשבועות

(שמות) „ותרא אותו כי טוב הוא" — כשנולד משה נתמלא כל הבית אורה. (מגילה י"ד)

אלע נאציאָנען האָבען זייערע געזעצען, זיערע חוקים, אָבער אז מען וועט גוט בעטראכטען, וועט מען זעהען אז זייערע חוקים איז נאָר אין צייט ווען זיי קלייבען זיך צוזאמען אין זייערע געבעט-הייזער, אָבער אין הויז, ביי דעם זיצען, ביי דעם שטעהען, ביי דעם לייגען זיך שלאָפען, ביי דעם אויפשטעהן, — איז קיינע געזעצע ניטאָ, איבערהויפט אין קיך. דער ריינער כשר עסען, די טהרת המשפחה, אין איין וואָרט, אז משה, דער ארון הנביאים, ווערט געבאָרען, און ער איז פאר אונז דער מקבל התורה, און מיט דער תורה איז ניט אין שוהל אליין פארלייכט זי אונז, אפילו אין הויז איז זי אימער א ליכט, דורך משה'ן, „ותרא אותו כי טוב הוא", און זי האָט געזעהן ער איז גוט. זאָגט די גמרא „כשנולד משה", ווי משה איז געבאָרען געוואָרען, דער מקבל התורה איז ניט אין שוהל די ליכט פון דער תורה פול, „נתמלא כל הבית אורה", די גאנצע הויז איז פול געוואָרען מיט ליכט, די גאנצע הויז איז קודש לד'. הכלל: מיט משה'ס געבורט „נתמלא כל הבית אורה".

---

צ"ד

# לשבועות

„אנכי ד' אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים"

צו פערשטעהען ווארום האָט השם יתברך שמו געזאָגט בלשון יחיד, „אלקיך", איך בין דיין גאָט. ווארום האָט ער ניט געזאָגט בלשון רבים?

די טבע איז פון א אידען, ווען ער טהוט שלעכטעס, חס ושלום, ער איז עובר אויף דער תורה הקדושה, אז מען מאכט איהם אויפמערקזאם אויף דעם אנטווארטעט ער: יענער יהודי טהוט אויך אזוי. אלזא, מען קוקט אלץ אויף יענעם. מיין ליעבער ישראל, זאָגט גאָט צו אונז, קוק ניט אויף יענעם. אז איך וואָלט דיר אנגעזאָגט „אנכי ד' אלקיכם", בלשון רבים, וואָלסטו דאָס אויך ניט געקענט אזוי זאָגען, נאָר זיי וויסען אז דו קענסט גאָר קיין

שום תירוץ ניט האָבען דאמיט וואָס דו ווערסט זאָגען יענער טהוט אויך אזוי. „אנכי", איך בין „ד' אלקיך", דיין גאָט, פאר דיר, קוק ניט אויף יענעם. דו טהוע ניט קיין שלעכטס. דארום האָט השי"ת אָנגעזאָגט בלשון יחיד צו יעדען איינצעלנעם אידען: איך בין דיין גאָט, דו מוזט מיר פאָלגען, ניט קוקען אויף יענעם וואָס יענער טהוט...

צ"ה

# לשבועות

אין יעדען פּאַרטיי, ווען עס ווערט געשלאָסען א שידוך, איז דאָ א סיבה, ווארום דער שידוך איז פון די מחותנים איינגעווילליגט געוואָרען. עס איז פאַראַן א מחותן וואָס איז מסכים צום שידוך צוליעב געלד, וואָס יענער גיט, און עס זיינען אויך פאראן אזעלכע וואָס קוקען אויף משפחה, א יחוס שידוך, און נאָך אנדערע פעלע.

זאָגט די כנסת ישראל צו גאָט: דו האָסט אונז פאר'קנס'ט צו דיר, ווייל דיר איז געפעלען אונזער משפחה, זעהר א שעהנע משפחה האָבען מיר, חאָטש מיר האָבען קיין מעשים טובים גע־האט ווען דו האָסט אונז ארויסגענו־מען פון מצרים. אָבער זכות אבות האָבען מיר געהאט, מיר זיינען דאָך אברהם, יצחק ויעקב'ס קינדער, אָבער מיר האָבען דיר אויך אנגענומען מיט אונזער גוטען ווילען פאר עוויג אלס אונזער מחותן, ניט צוליעב משפחה, צו דיר, רבש"ע, איז דאָך ניט שייך קיין משפחה, נאָר ווייל דו ביזט דער גרויסער גביר, וואָס דו זאָגסט „לי הכסף והזהב", און אזוי האָסטו דאָך געזאָגט פאר מתן תורה, „כי לי כל הארץ", דען צו מיר איז די גאנצע וועלט. אלזאָ, האָפען מיר אז דו ווערסט משפיע זיין אויף אונז פיעל גוטעם.

ענטפערט גאָט ב"ה: אמת, דו ביזט גערעכט, מיין ישראל, אָבער ווייסטו ווארום מען קלייבט אויס אין א שידוך א גוטע שעהנע משפחה, ווייל דער מחותן וויל האָבען אז די פירות זאָלען זיין ווי די בוימער, געזונטע, שעהנע, די צווייגעלאך זאָלען זיין ווי די בוימער, דיינע קינדער זאָלען זיין שעהנע, גוטע, פרומע, ליעבע, אין דעם פיהרונג פון אייער משפחה, און אז איך וועל האָבען געטראָפען מיט מיין אויס־קלייבען די שעהנע משפחה, וועל איך אויך פון מיינער זייטע צופריעדען שטעלען, די נדן אימער געבען, ווייל איך בין טאקע א רייכער, „לי הכסף ולי הזהב, נאם ד' צבאות".

צ"ו

# חנוך הבנים

„הנה נא את עקרה ולא ילדת. והרית וילדת בן. ועתה השמרי ואל תשתי יין ושכר ואל תאכלי כל טמא וגו' כי נזיר אלהים יהיה הנער מן הבטן וגו'. ויעתר מנות אל ד' וגו. איש האלהים אשר שלחת יבא נא עוד אלינו ויורינו מה נעשה לנער היולד וגו'. ותמהר וגו' ותגיד לאשה: הנה נראה אלי האיש וגו', עתה יבא דברך וגו' מה נעשה לנער היולד וגו' מכל אשר אמרתי אל האשה תשמר וגו'."

מען וויל אז דער קינד זאָל זיין א איד, און ערצויגען על פי דת היהדות, מוז די מוטער דאָס וועלען. אויב זי וויל דאָס ניט, איז אַלעס פערפאַלען, וואָס מען זאָל צום קינד ניט לערנען. אפילו ווען די מוטער איז ניט אָבגע־היט מיט'ן עסען, זי עסט וואָס איז ניט כשר אין איהר שוואַנגערען, דאַן איז דעם קינד'ס העצעלע פער־שטאָפּט מיט'ן מוח זיינעם, עס וועט שוין אין זיין קאָפּ ניט קריכען קיין דברי תורה, ווייל דאָס איז איהם מטמטם את הלב.

א גביר האָט גענומען אן אַם, א זוי־גערין, פאַר זיין קליינעם קינד. דער קינד איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען. דאַן האָט דער דאָקטאָר פאַרשריבען א מעדיצין פיר דער אַם. די אַם האָט דאָס מעדיצין ניט געוואָלט נעהמען, ווייל עס איז ביטער, און זי האָט גע־זאָגט אז דער דאָקטאָר איז פון זינען אראָב, אז דער קינד איז קראַנק גיט מען איהר די מעדיצין. דער דאָקטאָר האָט ערקלעהרט צו דער אַם: זייט ווי־סען אז דער קינד איז גאָר ניט קראַנק אויף קיין קראַנקהייט, נור וואָס איי־ערע מילך איז שלעכטע איז איהם זיין מעגעלע ענטצונדען מיט א שרעקליכען בראַנד, און ווען איהר וועט די מעדי־צין נעהמען, דאַן וועט דער קינד גע־זונד ווערען.

דאָס זעלבע, אפילו אין שוואַנגע־רען, אז דער קינד עסט וואָס די מו־טער האָט געגעסען, נאכהער ווען ער זויגט וואָס די מוטער האָט געגעסען, ווערט דערפון מילך, און דאָס שאַדעט דעם קינד, ווען די מוטער איז ניט אָב־געהיט פון גניבה, אין צייט פון שוואַנ־גערען, דאַן מוז דער קינד א גנב זיין. דאָס האָב איך געזעהן אין א קבלה ספר.

אלזאָ, דער מלאך זאָגט איהר: זיי ווייסען אז דו וועסט שוואַנגערען און געבאָרען א זוהן, „והרית וילדת בן", נאָר זי ווייסען, דו זאָלסט געהיט זיין, ניט טרינקען קיין וויין, ניט עסען קיין טמא זאכען. „ועתה השמרי נא ואל תשתי יין ושכר ואל תאכלי כל טמא", דען א נזיר וועט זיין דער קינד פון דיין בויך אָן, דאָס הייסט פון שוואַנ־

גערען אַן, „כי נזיר אלהים יהיה הנער מן הבטן“.

אָבּער מנוח, דער עם־האָרץ, מנוח דער פּראָסטער מענש, פערשטעהט אזא זאך ניט. וואָס הייסט מיין פרוי דערצעהלט מיר פון א געטליכען מאַן, אז ער האָט פארזאָגט ניט עסען קיין טמא זאכען, ניט טרינקען קיין וויין, פארוואָס? ווייל ער וועט זיין א נזיר. נו, זאָגט ער, ווער ווייסט וואָס פאר א בּלאָפער דאָס איז? גאָט אין הימעל זאָל אונז אָבּהיטען פון אזעלכע מענשען. געהערט א געשיכטע, אז מיין קינד, וואָס דארף ערשט געבּאָרען ווערען, זאָגט מען אָן דער פרוי, וואָס זי זאָל עסען, ווייל ער דארף א נזיר זיין, און מען זאָגט ניט אָן וואָס זאָל מען דעם קינד אליין געבּען עסען, וואָס זאָל מען דעם קינד לערנען, ווי מען זאָל איהם ערציהען, ווי מען זאָל זיך מיט איהם בּעגעהן. אלזאָ, שטעלט ער זיך מתפּלל זיין צו גאָט און זאָגט: רבש"ע, „איש האלהים אשר שלחת“, דעם געטליכען מאַן וואָס דו האָסט געשיקט צו מיין פרוי איהר אָנזאָגען די בּשורה, אָבּער ער האָט ניט ערקלעהרט גוט. ער האָט נאָר געזאָגט וואָס זי זאָל עסען און טרינקען, אָבּער ניט וועגען קינד. אלזאָ, בּעט איך דיר, רבוש"ע, „יבא נא עוד אלינו“, ער זאָל נאָך א מאָל קומען צו אנוז ביידען, זי פערשטעהט ניט אָבּער אז איך וועל אויך זיין דערבּיי, וועל איך איהם בּעטען „ויורנו“, ער זאָל אונז ביידען לערנען "מה נעשה לנער היולד“, וואָס זאָלען מיר טהאָן צו דעם קינד וואָס וועט געבּאָרען ווערען, „מה נעשה לנער היולד“.

גאָט הערט זיין תפילה, און שיקט דעם מלאך צו זיין פרוי, און זי לויפט רופען דעם מאַן איהרען, „הנה נראה אלי האיש“, דער מאַן האָט זיך צו מיר בּעוויזען. זי זאָגט שוין ניט „איש האלהים“, א געטליכער מאַן, דען מנוח האָט שוין גענוג געשריען אויף איהר אלע זיינען בּיי דיר געטליכע לייט, ווי קומט א אידענע וויסען, זאָגט דער עם הארץ צו איהר, ער מוז געוויס זיין א בּעטריגער. מנוח קומט צו איהם, און אז ער ערקונדיגט זיך שוין בּיי איהם אויבּ ער איז דער מאַן וואָס האָט זיך צו דער פרוי בּעוויזען, דאַן זאָגט ער צו איהם „עתה יבאו דבריך“, לאמיר שוין אָננעהמען אז יעצט איז שוין דיינע רייד מקוים געוואָרען, אָבּער זאָג דאך מיר, „מה נעשה לנער היולד“, וואָס זאָלען מיר טהאָן צו דעם קינד וואָס דארף געבּאָרען ווערען?

הער זיך איין ,מנוח, עם הארץ, דו בּיזט א גראָבּער יונג, אַן עזעל־קאָפּ האָסטו ,דו פערשטעהסט גאָר ניט „מכל אשר אמרתי אל האשה תשמר“, פון אלעם וואָס איך האָבּ אָנגעזאָגט צו דער פרוי, דאָס זאָל זי היטען, און „דהאָט'ס אָלל“ — ווי מען זאָגט פאר אייך, אין אמעריקא. דאָס איז דער עיקר, מעהר גאָרנישט. אז די מאמע וועט עסען טריפה, וועט שוין ניט העלפען קיין ערציהונג, וועלכע די מאַמע וועט געבּען דעם קינד, חוץ וואָס דער געבּאָרען אליין טויג ניט. אז דו, מאַמע, און דו, טאַטע, איהר וועט מחלל שבת זיין, וועט ער זיין א גרעסערער מחלל שבת... איך דענק אז פארבּרייטערען וועט איהר שוין אליין,

נאָר איין קורצען משל, אזוי ווי א וויץ, וועל איך נאָך זיך ניט פוילען אייך דאָ צו געבען, און פיעלייכט האָט איהר עס שוין געהערט, איז אויך ניט מיין דאגה.

א קליינער קינד, צעהן יאָהר אַלט, איז אריינגעקומען צו א גביר און גע־בעטען א נדבה, מיט א חוצפה ווי אן אַלטער שלעפּער. דער גביר פרעגט איהם: ווי אַלט ביזטו, מיין קיינד? איך בין צעהן יאָהר. ווי לאַנג געהסטו שוין אין די הייזער, מיין קינד? אָה, שוין באַלד עלף יאָהר! דער גביר פרעגט איהם פארוואונדערט: ווי קען דאָס זיין? וואָס פערשטעהט איהר ניט, מיין גביר, אז די ניין מאָנאַטען וואָס מיין מאמע האָט מיט מיר געשוואַנ־גערט איז זי דאָך שוין אויך געגאנגען אין די הייזער, נו, איז שוין ניט קרוב צו עלף יאָהר ווי איך געה אין די היי־זער, האָטש איך בין אַלט ניט מעהר ווי צעהן יאָהר?

פריינדע, ווי קען זיין אונזערע א קינד א שומר שבת, אָדער עסען כשר, אז אַלט איז ער דרייצעהן יאָהר, און עסט שוין טריפה און איז שוין מחלל שבת קרוב פערצעהן יאָהר... דהאָט'ס אָלל — אויף ענגליש.

---

צ"ז

# אין די שוהלען

„ממרים הייתם עם ד'."

א גאַנץ קליינעם אָנפאנג, בלויז פיער קליינע ווערטער, וואָס דאָס בעדייי־טעט, איהר האָט וויעדערגעשפּעניגט גאָט, וואָס שטעהט אָבער „עם ד'", מיט גאָט, דאָס איז ניט אזוי לייכט, אפילו אין די פיער קליינע ווערטער.

נאָר אַלטע רייד, מיט אן אַלטען גע־דאנק וויל איך דאָ שרייבען, אויף די פיער ווערטער, וואָס דאָס איז אָבער אימער ניי. אַלט און ניי? ווי איז דאָס? אָט הערט, אנשי באַלבירעשאָק האָבען ב"ה אויפגעבויט א שוהל, א שעהנע אפילו, עלעקטריק לייטס, זעהר שעהן, זיך אויסגעזוכט אויף ימים נוראים א גרויסען חזן, מיט גרויסע, שטאַרקע, שטימע, הייסט עס, אָבער מיט א קליי־נע אידישקייט, מיט גאָר קיין בערדעל ניט, אפילו גאָר ניט, און, אָבער, א גרויסער גוי, נור א גרויסער זינגער אין טהעאַטער, ער קלעפּט זיך אפשר צו די שפּיציגע בערדעל, ווי אַלע עק־טערס אין טהעאַטער, ער האָט א גו־טען אַפּעטיט צו א סטייק, פיעלייכט יום כפור אויך... נו, איהר טהוט דאָך דאָס פאר גאָט ב"ה, זאָלט איהר ווי־סען, אז דאָס הייסט מיט די גאָטעס־דיענסט זיינט איהר די גרעסטע וויע־דערשפּעניגער, און דאָס הייסט טאַקע

„ממרים הייתם עם ד׳". ווידערשפּע־
ניגער זייט איהר געווען טאַקע מיט
גאָט, דאָס הייסט, מיט די אַרבייט,
וואָס איהר טהוט פאַר גאָט.

איך גיב נאָך אייך אַן עצה, אנשי
באַלבירעשאַק, אָדער אנשי באַלטרע־
מאַנץ, איהר זעהט נאָר דער בערדעל
זאָל זיך האַלטען ביז נאָך יו"כ, ווייל
דאָס טאָהר ניט נאַס ווערען, ווייל עס
האָט שוין פּאַסירט אַז אַ חזן איז געפאַ־
לען „כורעים" צו דער „עבודה" און
ער איז געפאַלען מיט אַ בערדעל, אָבער
ער איז אויפגעשטאַנען אָהן אַ בער־
דעל, ווייל ער האָט זיך פאַרשוויצט
און עס איז אַראָפּגעפאַלען... מילא,
דאָס פאַרשטעהט איהר אַליין, אַז עס
זיינען דאָ חזנים, מופלגים, גדולי תורה,
עהרליכע אידען און פרומע אידען
מעהר ווי אַזעלכע, נאָר עס איז דאָך דאָ
אָבער וואָס איך שרייב אייך דאָ! אַל־
זאָ, גיב איך אייך נאָך אַן עצה, אַזוי
ווי עס געפינט זיך אין תנ"ך, אַז מען
האָט געוואָלט טרייען די אידען אויב
זיי זיינען נים קיין געצען־דיענער, האָט
מען זיי געפיהרט צום וואַסער.

די פּראָבע האָט גרעון געמאַכט, די
וועלכע זיינען געפאַלען כורעים אויף
די קניע און מורא געהאַט צו טרינקען
מיט'ן מויל אַליין פון טייך (אַ קשיא
עס קען זיין אָנגעקלעפּטע בערדלעך
טאָהר מען ניט נאַס מאַכען), זיינען
געשיקט געוואָרען אהיים, איהר טויגט
ניט איינצונעהמען די גרויסע מלחמה
פון דעם „הרת עולם"... די יעניגע וואָס
האָבען מיט'ן מויל געטרונקען, אַזעל־
כע, זאָגט גאָט, זיינען גוט... טרייעט
זיי בעפאָר איהר הערט זייער שטימע
מיט אַ פליסיגע זאַך, זאָל גאָר זיין מיט
יי"ש.

„ממרים הייתם עם ד׳". פאַרקוי־
פען אין שוהל שבת טיקעטס צו הע־
רען אַ חזן, וואו ער וועט פאַר אייך
געבען אַ חיים ארוכים, דערפאַר וואָס
איהר גיט איהם, אום שבת, חיים של
פרנסה... הייסט עס „ממרים הייתם
עם ד׳"...

נעהמען אַ רב און אָבזאָגען איהם
פון זיין שטעלע, דערפאַר וואָס ער
בייזערט זיך; ניט ער בייזערט זיך,
נאָר ער זאָגט וואָס גאָט האָט געזאָגט,
אַז מען טאָהר ניט מחלל שבת זיין,
זאָגט ער איבער גאָטעס רייד, הייינט
אַז איהר טרייבט איהם דערפאַר ארויס,
הייסט דאָך אַז איהר האָט גאָר גאָט
אַליין ארויסגעטריבען פון שוהל, ווייל
איהר האַלט דאָך אַז דאָס וואָס דער
רב זאָגט האָט ער דאמיט פערדיענט
אַן עבירה, און די עבירה האָט דאָך
גאָט איהם געהייסען טהאָן, און איך,
מחבר, האַלט מיט דעם מאַן דאמר אין
שליח לדבר עבירה. הייינט נאָך דער
סברא נאָך, האָט איהר דאָך גאָט מן
הסתם אויך ארויסגעטריבען. אַלזאָ,
וועט יעצט דער פּסוק מוזען קומען
צוליעב אייך גאָר אויף אַ פּראָסטען
פּשט, טאַקע „ממרים הייתים עם ד׳",
מיט גאָט אַליין האָט איהר ווידער־
געשפּעניגט, וואָס איהר האָט איהם
ארויסגעטריבען פון שוהל. מילא דעם
רב גיט מען שוחד, און שאַ... וואָס
וועט איהר טהאָן מיט גאָט?... בלייבט
עס טאַקע „ממרים הייתם עם ד׳".

יאָסעל בעל עגלה זעהט ווי מען גיט
שלישי צו חאַצקעל לאַטוטניק, און

איהם אליין גיט מען רביעי, גראדע דעם זעלבען שבת, נאך אן אונגליק גע־טראפען, ששי געגעבען צו בעריל אקס, און שביעי צו קלמן פערד, נו, „ויהי בימי", א ריכטיגע צרה, דער גבאי האט בעקומען נאכ'ן דאוונען פון פערד א בריק, פון אקס א שטאך, פון לא־טוטניק א לאטע אויפ'ן באק, און פון בעל געלה פארפאהרען אין נאז. ביים גבאי, להבדיל, איז געווארען „כחוט השני שפתותיך"... געוועהנליך, פאר־בלוטעגט. די ענדע — אז אויף מאר־גען איז אין לודלאו סטריט, אויף א סאלון, צוגעקומען א שוהל... אי, ברי־דער, „ממרים הייתם", איהר זייט וויע־דערשפעניגער דווקא אין די זאכען וואס איהר טהוט פאר גאט, און אז דערביי זייט איהר וויעדערשפעניגער, הייסט עס „ממרים הייתם עם ד'".

מאכען א מחלוקה'לע צוליעב דעם רב, די גאנצע צרה איז דאך אין אנדע־רע שוהלען, נעביך, דער רב. דער זאגט אז דער רב איז ניט פרום, „ממרים הייתים עם ד'".

מאכען א מחלוקה'לע צוליעב דעם חזן, מקפח זיין, נעביך, איהם זיין חיונה. „ממרים הייתם עם ד'".

איך האב נאך עטליכע, און גאר די וויכטיגסטע, נאר אין זשארגאן גראדע וויל איך ניט שרייבען, איך וויל קיין פתחון פה ניט מאכען צו דעם זשארגאן לעזער...

---

## צ"ח

# הספד אויף א יונגען מאן

„ויהי בנסוע הארון."

צווישען אנדערע רייד, וואס איך האב געזאגט אין הספד, אויף א יונגען מאן, וואס זיינען נאכגעגאנגען נאך זיין ארון פינף קליינע קינדערלאך, דער עלטסטער פערצעהן יאהר אלט, מיט א יונגע אלמנה און אן אלטע מו־טער.

איהר האט געזעהן, פריינדע, ביי „ויהי בנסוע הארון" אן איבערגע־קעהרטען נו"ן, זאגט די גמרא אין (שבת קט"ז ע"א) „לומר שאין זה מקומה", צו זאגען אז די פרשה איז ניט אויף איהר ארט, דער „ויהי בנסוע הארון" איז ניט אויף זיין ארט.

פריינדע, אט זעהט איהר גלייך א „ויהי", א שרעקליכען אונגליק, „בנסוע הארון", ווי דער ארון המת וועט זיך גלייך ריהרען פון ארט... און פיהרען דעם יונגען מאן צו זיין פינסטערען קבר. א נו"ן מאכט „נפילה", פאלען, א נו"ן מאכט „נפטר", געשטארבען, אבער דא איז נאך אן איבערגעקעהר־טער נו"ן, „נו"ן הפוכה", צו ווייזען, אז דאס איז נאך ניט געוועזן זיין ארט, איהם אהין אריינצולייגען, ער האט נאך געדארפט ערשט אנהויבען לעבען,

ער האָט געדאַרפט פיהרען זיינע קינ־דער צו דער חופּה, ער איז נפטר, „נפל", געפאַלען. נו"ן הפוכה, אז איי־נער לעבט אוים די יאָהרען, און עס איז א „ויהי בנסוע הארון", איז ניט קיין נו"ן הפוכה. ווייל ער איז געשטאָרבען אין דער צייט ,מען מוז דאָך שטאַר־בען. אט וועט איהר גלייך זעהן, „ויהי בנסוע הארון מיט א נו"ן הפוכה.

נאָר מיר ווייסען, מיר קענען אלע עדות זאָגען אז ער איז געווען אן עהר־ליכער, פרומער איד, און דער שטייגער איז אז איינער פאָהרט אָב אין א ווייַ־טע מדינה, און ווער ווייסט אויב מען וועט זיך שוין ביים גאנצען לעבען זעהן, איז די פריינד, אלע בענוגען זיך ניט מיט'ן געזעגענען, נאָך א ביסעל פערהאַלטען איהם, ריידען מיט איהם, ווייל עס איז שווער דער אבשיעד.

פריינדדע, ער איז געווען ביי אונז בעליעבט ,און ער פאָהרט גלייך אָב פון אונז אויף עוויג, האָב איך פער־האַלטען דעם ארון בים שוהל, א פּאָאר ווערטער צו ריידען, נאָך א פּאָאר ווער־טער, עס איז אונז שווער זיך צו גע־זעגענען פון איהם, נור מיר מוזען דאָך זיך געזעגענען, זאָלען מיר איהם אלע ווינשען "לך בשלום דרכך עד יקיצו שוכני עפר", במהרה בימינו, אָמן.

---

צ"ט

# חנוך הבנים

„כה אמר ד' צבאות: אם בדרכי תלך ואת משמרתי תשמור וגם אתה תדין את ביתי וגו' ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה."

דער מענש איז העכער פאר א מלאך מיט דעם וואָס דער מלאך ווערט גערור־פען „עומד", דער מענש „הולך", דאָס הייסט, דער מלאך ווי ער איז בעשאַ־פען, אין דער מדרגה וואָס ער איז, אזוי בלייבט ער אימער. דער מלאך רע קען ניט ווערען א מלאך טוב, דער יצר הרע קען ינט ווערען קיין יצר טוב, און אזוי פערקעהרט ,ווייל זיי האָבען קיין אייגענע בחירה ניט, דארום קען א מלאך ניט טהאָן צוויי שליחות, אומ־געפעהר דער מלאך רפאל, ער איז צו היילען קראנקע, קען ניט איבערקעהר־ען סדום, ווייל ער איז נאָר געשטעלט צו רפואה, ער קען היילען אברהם'ן און זאָ ווייטער.

דער מענש אָבער, איז א „הולך", ער געהט אימער העכער און העכער, ווייל ער האָט א בחירה, דער יצר הרע רעדט איהם אָן צו טהאָן אן עבירה, און ער טהוט גראדע א מצוה, גע־וועהנליך, קומט איהם אָן שווער, אָבער דארום האָט ער דעם נאָמען „הולך".

מיר האָט איינער געפרעגט, אפילו

א ליץ, נאָר איך וויל אייך איבערגע־בען די פראגע זיינע אום דער תירוץ מיינער וועט זיין גוט פאר אייך.

— הערט, רבי, אז איך וועל טהאָן דורך שלעכטעס, און קיין גוטעס, גאָר־ניט, וועל איך דאָך זיין ווי א מלאך?...

— שוטה! — זאָג איך צו איהם — דער מלאך איז אזוי בעשאפען, ער קען ניט אנדערש זיין ווי ער איז בעשאפען נור צו די שליחות. דו מענש, האָסט דאָך א בחירה, מען רעדט אָן צו גו־טעס, דאגעגען צו שלעכטעס, דארפסטו זיך אויסארבייטען אז דו זאָלסט זיין א מענש, א „הולך", זעהסטו צו ווע־מען דו ביזט גלייך, אז דו שטעהסט אויף איין שטאַנד, ווייל דו טהוסט קיין גוטעס ניט? צו דעם אָקס, ער איז אויך א „עומד", א אָקס ווי ער ווערט געבאָרען ווערט ער גערופען אָקס, ביז דעם טאָג וואָס מען קוילעט איהם אלס אָקס.

פרעגט ער מיר ווידער:

— רבי, טאָ וואָרום רופט מען א גרויסען צדיק מלאך? „אברהם המלאך" דער גרויסער גאון, צדיק און חסיד. און נאָך אזעלכע. דער עולם זאָגט אויף א גרויסען צדיק, ער איז גאָר ווי א „מלאך אלקים"?

איך וועל דיר געבען צו פערשטעהען וואָס דאָס בעדייטעט, דוד האָט געזאָגט „ולבי חלל בקרבי", מיין הארץ איז שוין פוסט פון יצר הרע, ער האָט שוין גאָר קיין מורא ניט פאר'ן יצר הרע, ווייל ער האָט זיך שוין אזוי אויסגע־בילדעט, אז דער יצר הרע וועט איהם שוין גאָרנישט טהאָן צום שלעכטען, ווייל ער האָט שוין אויף איהם קיין שליטה ניט. אלזא, טאָ ווי באלד ער איז שוין אזא צדיק, וואָס ער קען שוין קיין שלעכטעס ניט טהאָן, הייסט ער שוין א מלאך, דער גוטער מלאך קען אויך קיין שלעכטעס טהאָן.

אלזאָ, דער מענש איז א „הולך", ער דאַרף אימער געהן ממדריגה למדריגה, העכער און העכער, מיט דעם וואָס ער איז געגען דעם יצר הרע, וואָס ער פייט מיט איהם.

אָבער ביז ווי לאנג איז דאָס אזוי? ביז דער מענש שטאַרבט, דאַרטען ווערט ער אָן „עומד", דאַרטען קען ער זיך שוין ניט אויפטהאָן, נאָר וואָס ער האָט זיך אויפגעטהאָן דערפאר בע־קומט ער זיין שכר... דאַרטען איז ער א עומד ווי א מלאך.

נאָר דער מענש קען נאָך זיין פטירה אויך זיין א „הולך", ווען ער לערענט גוט זיינע קינדער, אָדער ער לערענט מיט תלמידים ,און די קינדער, אָדער די תלמידים, פיהרען זיך אויף גוט, טהוען זיי גוטעס פאר זיין נשמה, אז ער געהט דאָרט אויך העכער און הע־כער אימער אין א העכערע מדריגה.

„כה אמר ד', אזוי האָט גאָט גע־זאָגט: „אם בדרכי תלך", אויב דו וועסט געהן אין מיינע וועגען, געוועהנ־ליך וועסטו זיין א „הולך", אָבער נאָר אזוי פיעל ביז דו לעבסט, אָבער ניט שפעטער, נאָר איך האָב נאָך פאר דיר א מיטעל א טהייערען אז דו זאָלסט דאָרט אויך הייסען „הולך". אָט זעה ווי אזוי „אף וגם את משמרתי תשמור וגם אתה תדין את ביתי", אז דו וועסט היטען מיין היטונג, אז דו וועסט אויך מיין הויז, די קינדערלאך דיינע גוט

משפט'ן, גוט לערנען, אָדער „וגם תשמור את חצרי", דו וועסט היטען מיינע הויפען, די בתי מדרשים הייסען „חצרות ד'", דאן „ונתתי לך מהלכים", וועל איך דיר געבען אז דו וועסט זיין אימער א מהלך, ניט קיין „עומד", ווען ד וועסט זיין געשטאָרבען און דאָרטען הייסען דאָך אלע עומדים, וועסטו זיין א מהלך „בין העומדים האלה", צווי־שען די אלע שטעהענדע מלאכים.

זאָלען מיר האָטש זעהן אז דורך אונ־זערע קינדער זאָלען מיר ניט הייסען „יורדים" דאָרט, אראָבגעהן אלץ ניע־דעריגער, ניעדעריגער, און מיר זאָלען נאָך אונזער פטירה הייסען מהלכים בין העומדים האלה.

---

## ק'

# ציצית

„ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם לדורותם ונתנו על ציצית, הכנף פתיל תכלת והי' להם לציצית."

זיי זאָלען מאכען צו זיי ציצית, נאכ־הער זאָגט ער „והי' לכם", און עס זאָל זיין צו אייך. געוויס בעוויזט עס אויף עפּעס. איך האָב אפילו עטוואָס שוין געשריבען וועגען דעם אין מיין ספר „דברי יהורא" .נאָר דאָך וועל איך יעצט נאָך א מאָל עראינערען שטאַר־קער וועגען איינע פון די מצות וואָס זי איז פון די גרעסטע.

די חכמים זאָגען „שקולה מצות ציצית כנגד כל המצוות שבתורה (נדרים כ"ה) עס איז אָבגעוואויגען די מצות ציצית אנטקעגען אלע מצות פון דער תורה .נו, דאַרף מען שוין זוכען צו שילדערען ווי גרויס עס איז מצות ציצית?

פּארצייטען, ווי דאָס קינד האָט נאָר געקענט ריידען, האָט מען איהם אָנ־געטהאָן מיט ציצית, געמאכט א ברכה אויף די ציצית. איך געדענק, אז מיין מאמע פלעגט ערצעהלען ווי איך פלעג מאכען די ברכה אויף ציצית ווען איך בין אלט געווען צוויי יאָהר. אָט הערט, וועט איהר זיך טאקע עראי־נערען, ווייל איהר האָט דאָך אויך גע־הערט, אָט נעמליך פלעג איך נאָכזאָ־גען מיין מאמען וואָרט אין וואָרט, „ברוך" (באָלע) „אתה" (טאָ) „ד'" (נאָ) „אלהינו" (טיינע), „מלך" (מעך), „העולם" (היילעם), א„שר„ (אָטער), „קדשנו" (טיטאָנו), „במצותיו" (וויי־סאָוו), „וצונו" (וואני), „על" (על) „מצות" (מיקעם) „ציצית" (קיקעם). נו, ווי געפעהלט אייך מיין זעלטענער שפּראך, און דאָך האָב איך שוין דאן געטראָגען ציצית.

היינט, אז ער איז אלט שוין צוואנ־ציג יאָהר, ער קען שוין פיער אָריגי־נעלע שפּראכען, געוועהנליך, מיט די פינפטע, וואָס זי הייסט „לשון הרע",

וואָס אויף דעם האָט ער שוין א ריכ־טיגען דיפּלאָם, און ער טראָגט קיין ציצית ניט... נאָר איין זאַך טהוען די אמעריקאנער, דערפאר וואָס זיי טראָ־גען ניט קיין ציצית לעבעדיגערהייד, קלייבען זיי אויס א גוטען טלית אויף צו בעגראָבען דעם „בר־מנן“, מיט תרפ“ט אלפים ציצית, מען וויקעלט איהם איין טויטערהייד אין א טלית, אין גאנצען, ווי גרויס ער איז, דאָס איז א סימן אז ער איז טויט... זאָנסט וואָלט ער דאָס אראָבגעוואָרפען.

איהר געדענקט, אז אונזערע עלטע־רען פלעגען א מאָל דארפען דערמאָה־נען א טויטען, זיצענדיג בים טיש, פלעגען זיי אָנקלאַפּען אין וואנד, ניט זיי מין איך דאָס, נאָר דעם וואנד מיין איך דאָס“, מן הסתם האָבען זיי גע־האט א טעם דארויף, ווייל א טויטען זונדערט מען אָב פון די לעבעדיגע, מען זאָגט איהם אָב פון חברה, ניט זיי מיין איך דאָס...

דארום זאָגט אונז גאָט ב“ה, איך ווים זייער נארישקייט, אז „ועשו להם“ זיי וועלען מאכען גאָר פאר די טויטע „ציצית“, „להם“, צו זיי... און אז מען טהוט אָן א טויטען איז דאָך „לדורותם“ אויף „דורי דורות“, אויף עוויג. איך וויל אָבער אז „והי' לכם לציצית“, עס זאָל זיין פאר אייך צו ציצית, לעבע־דיגערהייד, ניט טויטערהייד...

פרומע עלטערען, טהוט אָן אייערע קינדערלאך ציצית. באלד ווי זיי קע־נען ריידען מאכט מיט זיי א ברכה אויף די ציצית, פארשטערט ניט די גרויסע מצוה, וואָס זי איז אָבגעוואוי־גען אנטקעגען אלע מצות פון דער תורה...

---

## ק“א

# מצב הרבנים

„לא חמור אחד מהם נשאתי ולא הרעותי את אחד מהם.“

דער זינקען פון יודענטהום איז גע־פעהרליך ,די אידישקייט ווי זי בליקט יעצט אויסזייט און אינסייד אין אמע־ריקא, ד. ה. אין סטריט און אין הויז, קען מען זאָגען ח“ו אז עס איז שוין מקוים געוואָרען וואָס די חז“ל האָבען געזאָגט „עתידה תורה שתשתכח מישראל“ (שבת קל“ח). עס וועט קו־מען אזא צייט אז די תורה וועט פער־געסען ווערען פון אידען, אינסייד, אין די שוהלען ,איז אויך הפקר, אין סטריט א הפקר לעבען, אין הויז א הפקר, ני־טאָ אין תלמוד תורה, דער קלאנג „תנו רבנן“, דער „מתניתין דלא כסומכוס“.

אויב עס איז נאָך וואו דא א קינד, איינער פון צעהן טויזענד קינדער, וואָס זיצט וואו אין א חדר און לע־רענט א שטיקעל גמרא, אז אָך און וועה איז צו דער תורה, וואָס ער ווייסט און וואָס ער קען.

איך האָב נים לאנג בעזוכט א חדר, אויף מיין גרויסער איבערראשונג האָב איך געטראָפען א באָי פון פערצעהן יאָהר לערענט א שטיקעל גמרא. אז איך האָב געזעהן דעם באָי, זיין חשק צום לערנען, בין איך ווידער אויפגעציטערט געוואָרען. אָנגעשפאָרט זיין קאָפּ מיט'ן האנד, מיט איין אויג האָט ער געקוקט אין ווינדע, און דער רבי נים איהם דאָרט צו ערקלעהרען „מני מתניתין לא ר' מאיר“, אונזער משנה וועט אויסקומען נים ווי רבי מאיר. דער רבי פרעגט איהם אלץ: ווארום וועט די משנה נים קענען אויסקומען ווי רבי מאיר? און דער באָי פערשטעהט עס נים פאר קיין פאַל.

דער רבי איז אין כעס געוואָרען און האָט איהם א קלאַפּ געגעבען. עס האָט טאַקע דעם שטאַרקסטען מענש געקענט די אַפּאָפּלעקסיע טרעפען. דער באָי הויבט זיך אויף און זאָגט: נאָו מאָר, איך לערען, אז משנה נים זיין ווי רבי מאיר, מיין ביזנעס איז דאָס, יא רבי מאיר אָדער נים רבי מאיר...

פריינדע, ענטשולדיגט מיר נאָר, ווער האָט דאָס געמאכט אזא פנים אונזער יורענטהום? אויב איהר ווילט נים זאָגען, וועל איך עס טהאָן, און אייך אין פנים זאָגען אז איהר אליין, רבותי. געוועהנליך, אין א דרוש וואָלט איך אייך ערקלעהרט אייניגע זאַכען ,אייך צו איבערצייגען אז איהר האָט דאָס געמאכט, נאָר יעצט אז מען מוז קורץ שרייבען, וועל איך אייך זאָגען מיט איין וואָרט.

מיט דעם, רבותי, וואָס דער מצב הרבנים איז דאָ אין אמעריקא זעהר ניעדעריג, געפעהרליך ניעדריג, א רב איז, להבדיל, נויטיג פאר אייך, פונקט ווי דער פינפטער ראָד צום וואָגען, און וואו מען האַלט יא א רב, האָט ער א צורה... וויל איך שוין נים ריידען. דער קינד זעהט עס און הערט עס, אז ביי די גרויסע האָט די תורה קיין צורה נים, יעדער לומפּ רעדט אויפ'ן רב, זאָגט א דעה וועגען רב, וואָס פאר א צורה זאָל האָבען ביי איהם רבי מאיר ,אויך א רב, און א געשטאָרבענער רב? ער ווייסט נים די גרויסקייט פון רבי מאיר, היינט מה דאָך אז פאר א לעבעדיגען רב האָט זיין טאַטע קיין רעספּעקט, טאָ וואָס זאָל ער האַלטען פון טויטען רבי מאיר?

פאר א טיטשער אין סקוהל האָבען אלע קינדער רעספּעקט. פארוואָס? זיי ווייסען אז ער קריגט א גוטען געהאַלט, ער געהט שעהן געקליידעט, אלע גיבען איהם כבוד, שטייטש, א טיטשער! נו, א רבי וואָס לערענט מיט קינדער, געהאלט קריגט ער פיער וואָכען אויפ'ן חודש קאלעקטען דעם דאָלאר צוויי מאָנאַט, אז ער געהט אַכט שטונדען א טאָג אויף לעססאָנס, די איבעריגע צייט אין חדר זיינעם, מאַכט ער קוים זיעבען דאָלאר א וואָך, אזא גאנג מוז ער געהן נעביך, אזא לעבען לעבט ער נעביך, און אז דער טאַטע צוקריעגט זיך מיט א אידען, זידעלט ער איהם: נעה, דו ביזט גאָר א מלמד. נו, ווי געפעהלט אייך אזא לעבען ,אזא שאַנדע לעבען, מען זידעלט זיך גאָר מיט איהם. נו, קען אָדער דארף דער קינד האָבען רעספּעקט פאר'ן רבי'ן?

א טיטשער אין סקוהל, קוים האט ער זיין שטעלע, קריגט ער אלע ווייַלע א רייז, מען העכערט איהם ווייַדזשעס, וועקיישאן צייט קריגט ער זייַנע ווייַדזשעס, א רבי, וועקיישאן צייט, פאהרען די קינדער אוועק אין קאנטרי און דעם רבי'ן איז ערלויבט צו געהן אין די הייזער. וואכט אויף, שלאפעדיגע פון אייער שלאף, דען אייערע קינדער שלאפען איין דעם עוויגען שלאף, זיי וואקסען אויס דאס וואס איהר זעהט, און איהר זייט שולדיג, ווען איך וואל געקענט ספענדען אייניגע טויזענד דאלאר צו דרוקען א ספר, וואלט איך מעהר געשריבען, נאר איך זאג קורץ: וואכט אויף, וואכט אויף, עס וועט ווערען צו שפעט.

צו היילען דעם קראנקען, זוכט דער דאקטאר בעפאר די סיבה פון וואנען ער איז קראנק געווארען, צו היילען די קינדער־קראנקהייט אין גייסט, וועט איהר דאן קענען, ווען איהר וועט וויסען די סיבה פון וואנען זייער קראנקהייט קומט.

און איינע פון די גרעסטע סיבות איז דער מצב הרבנים אין אמעריקא, אז דעם קינד מאכט אבשטויסענד פון דירישקייט, ווי איך האב שוין אויבען געשריבען, מיינט ניט אז דאס איז א נייעס, עס איז שוין אן אלטע זאך, אז מען דארף ווען א קריעג מאכען אויף דעם רב, דאן איז אפילו דער צד וואס האט צום רב גאר ניט, איז אויך אויפגעקאכט אויף איהם. אלט איז דאס, אבער ביי וועמען געפינט מען עס אין דער היסטאריע, אלץ ביי אזעלכע מענשען ווי דתן ואבירם זיינען. זעהט א מאדנע פאסירונג, איבער דער טבע, „ויהי ביום השני והנה שני אנשים עברים נצים, ויאמר לרשע למה תכה רעך“, ער איז ארויסגעגאנגען דעם צווייטען טאג און געזעהן א נייעס, דאס צוויי אידען קריעגען זיך, אין אזא צייט, ווען דער איד איז הפקר, ווען דער איד איז ערגער פאר א חיה פאררעכענט ביי דעם מצרי, „ויאמר לרשע למה תכה רעך“, און משה זאגט צו איינעם פון זיי, רשע, וואס שלאגסטו דיין חבר, דעם צווייטען אידען? רש"י זאגט פון די חז"ל, אז דאס איז דתן ואבירם געווען.

יעצט האט א קלאהרען חשבון, משה האט אויף איינעם געשריען, אויף דעם וועלכער האט געוואלט שלאגען דעם צווייטען, און פאר דעם צווייטען האט ער זיך אנגענומען, דארף דאך דער צווייטער זיין איהם דער בעסטער גוטער פריינד, און דתן, דער ערשטער, אומגעפעהר, דארף איהם זיין א שונא. אלעם ענדרע, אז עס קומט צו קריעגען אויף משה'ן, דאן ווערט אבירם אויך א שונא צו משה'ן, און צוליעב דעם ווערען די ביידע רשעים פריינד אום מחלוקת צו מאכען אויף זייער רב...

דאס זאגט משה: גאט אין הימעל, אמת טאקע אז איינער קען זיין ברוגז אויף מיר, א צדיק וואלט ניט זיין ברוגז אז מען .זאגט איהם א גלייכע זאך, אבער דתן איז דאך א רשע, נו, איז ער ברוגז און זוכט אויף מיר, אבער וואס האט צו מיר אבירם?...

אמת טאקע „לא חמור אחד מהם נשאתי“, איין עזעל פון זיי ביידען האב איך טאקע ניט פארטראגען זיין

סקאנדאל און איך האָב איהם גוט אויס־
געזידעלט, אָבער „ולא הרעותי את אחד
מהם", איינעם פון זיי האָב איך דאָך
קיין שלעכטס געטהאָן, אין געגענ־
טהייל, איך האָב זיך דאָך פאר איהם
אַנגענומען, נו, וואָס האָט ער צו מיר?

וויפיעל אבירם'ס האָבען מיר! מילא
דתן זאָגט דער רב האָט איהם פאר־
טשעפּעט, חאָטש דאָס איז קיין טענה
פון אן עהרליכען פרומען אידען. נו,
איז ער דתן... אבער אבירם?... אבירם,
וואָס האָסטו צו איהם?...

סטאָפּט, ברידער, אבירם'ס אויפ־
פיהונג, דען אונזערע קינדער וועלען
זיין חתן'ס ח"ו.

---

## ק"ב

# אמעריקאנער חברות

„ותכס עליהם הארץ ויאבדו מתוך הקהל"

א איד האָט זיך בעריהמט פאר מיר
אז שוין דרייסיג יאָהר ווי ער האָט קיין
תפילין געלעגט און איז מחלל שבת.
ער עסט אפילו „מפריס פרסה" אויך...
הערען געהט ער מיר אלע זונטאג, און
זאָגט מיר אז ער וועט ניט פרימער
ווערען, נאָר ער גלייבט צו הערען, ער
האָט הנאה.

איין מאָהל געהט ער צו צו מיר און
זאָגט מיר: איהר ווייסט ,רבי, איך
האָב שוין געקויפט קרקע! איך שווייג.
זאָגט ער מיר נאָך א מאָל: איהר הערט,
איך האָב געקויפט קרקע!. איך שווייג.
איך האָב שוין געקויפט קרקע אויף א
סעמעטערי!

מיר האָט שוין צו פיעל פערדראָ־
סען וואָס ער באַדערט מיך, זאָג איך
צו איהם: נו, זאָל זיין מיט מזל, ווען
מופט איהר שוין אהין?

קרקע, און קרקע, ער דאַרף קיין
חברה צו דאַווגען, לערנען, נאָר קרקע,
ווייטער ניט, נור אינשורען דעם גוף
און מעהר דאַרף מען ניט. קרקע און
ענדאומענט, אָבגעצאָהלט דעם גאנצען
לעבען, זיין ווייבעלע האָט שוין אויף
נדן, זיין זונעלע צו געמבלען, זיין טאָכ־
טערעל צום טאַנצען, און ער ווערט
פארגעסען פון חברה, פון זיין ווייבעל,
פון זוהן, פון טאָכטערעל. מען האָט
איהם אין דער ערד, און זיי טאַנצען
אויף דער ערד. קיין קדיש, קיין לער־
נען, קיין מנין, געצאָהלט פאר קרקע,
אין לאָדזש פאר ענדאומענט, צוגע־
דעקט מיט די ערד, פארלאָרען פון זיין
חברה, דאָס הייסט פון קהל... דאָס
טהוען נאָר אבער קרח מיט זיין סווי־
טע, דתן ואבירם מיט זייערע חברות,
און אלע זייערע אנהיינגער. „ותכס
עליהם הארץ", ווען עס האָט צוגע־
דעקט אויף זיי די ערד, איז באַלד
„ויאבדו מתוך הקהל", זיינען זיי פאר־
לאָרען געגאנגען פון קהל, דאָס איז

זייער חברה. אראבגעהענדיג הער איך אימער ווי די לעבעדיגע זאגען איינער צום צווייטען: מילא, ער ליגט שוין אין קבר, און מיר לעבען דאך, לחיים, לחיים! האסטו א שטיקעל ווארסט?... גיב אהער. געמאכט א „כורך", צוויי שטיקלעך ברויט און אין מיטען א ווארשטעל, ווי, להבדיל, הלל פלעגט טהאן, מצה מיט מרור צוזאמען. קיין מרור דארפען זיי ניט, מרור איז דעם טויטען וואס ליעגט דארט אויף זייער סעמעטערי...

אינשורט א ביסעל אייערע נשמות אויך. זוכט אזעלכע חברות אז די נשמה זאל האבען ענדאומענט, מען זאל איהר אויסצאהלען פון חברה בע־נעפיט.

---

### ק"ג

# מלחמת ישראל

„הלא קציר חטיא-היום, אקרא אל ד׳ ויתן קולות ומטר ודעו וראו כי רעתבם רבה וגו׳ לשאול לבם מלך"

זעהט היינט איז שניט צייט, דארף מען קיין רעגען ניט ,נאר דאך, ווען איך וועל נאר בעטען גאט, וועט ער געבען דונער און רעגען. ווייסט און זעהט אז אייער שלעכטעס איז גרויס מיט דעם וואס איהר האט פער־לאנגט א מלך. עס איז פשוט ניט צו פערשטעהען ווארום זיי האבען געזינ־דיגט מיט דעם בעטען א מלך, און וואס שמואל זאגט אז איך וועל יעצט בעטען אויף רעגען און עס וועט זיין, איז א סימן אז מיט׳ן בעטען א מלך האבען זיי געזינדיגט?

אידען האבען קיין מאל ניט גע־זיעגט מיט׳ן שווערד. זייערע כלי זין איז פינף געווען, אימער מיט די פינף כלי זין האבען זיי אלע מלחמות גע־זיעגט, און ביז היינטיגען טאג, וואס איז די נעהמען פון די פינף כלי זין?

„חמשה מוצאי הדבור", פינף פלע־צער פון וואנען די רייד געהען ארויס: פון מויל, און דאס זיינען זיי: „הגרון", די האלז, „החיך", דער גומען, „הלשון", דער צונג, „השניים", די צייהנער, „והשפתים", און די ליפען. אט דאס איז די אידישע כלי זין. אז זיי האבען מתפלל געווען מיט די פינף כלי זין און גוט מתפלל געווען, האט גאט ב"ה געהאלפען אימער אין דער מלחמה. ישראל קען ניט לעבען מיט דער נאַ־טור, ער קען אויך זיך ניט פייטען מיט נאטור־שווערדען, ווייל דער שונא זיי־נער איז שטארקער פאר איהם. „אברהם אבינו" געהט געגען פינף מלאכים מיט מיליאנען מענשען, נעהמט ער א ביסעל ערד און ווארפט, און דאס ווערט שווערדען. דאס איז גאר פשוט, ער זאגט אימער „רבש"ע איך בין דאך

גאָרניט, איך קען זיך ניט העלפען, איך בין ערד, „ואנכי עפר ואפר“, איך בין ערד און אשעס“, אָט דאָס הייסט אברהם נעהמט „ערד“, וואָס ער זאָגט אימער „ואנכי עפר“, און דו, גאָט, העלף מיר...

אז א קעניג פיהרט א גרויסע אר־מעע געגען שונא, און ווען עס זאָל זיך ענדיגען די שפייז פון זיינע סאָל־דאטען און ער קען ניט צוקריגען, וואָס זאָל ער טהאָן? קען ער דען מאכען אז איהם זאָל על פי נס שפייז בעשאפען ווערען? שטארבט ער מיט זיינע סאָל־דאטען אָדער דער שונא נעהמט איהם אריין מיט די מענשען אין פּלען.

אבער אידישע מלחמות, ניט מיט גבורה, ניט מיט שווערדען, קיינע האר־מאטען, נאָר וואָס דען? די מויל. דאָס קען אלעס מאכען, אפילו שפייז אויך... זעהט, זאָגט שמואל, איך בין א נביא, ניט קיין מלך, איך בין ניט קיין גבור, זעהט וואָס איך וועל אייך ווייזען. דארף מען א מלך? זעהט ווי ניט גוט איהר טהוט. א מלך געהט אין מלחמה, קען ער דאָך מיט זיינע מענשען פאר־הונגערט ווערען. אבער איך וועל היינט אין מיטען שניט־צייט, וואָס מען דארף קיין רעגען ניט, וועל איך נאָר בעטען גאָט ער זאָל מאכען דונער און בליץ און רעגען, נו, קען דאָס א מלך בעווייזען? נו, דארפט איהר א מלך?...

„הלא קציר חטים היום אקרא אל ד׳ ויתן קולות ומטר“, דען היינט איז ווייץ־שניט, דאָך אז איך וועל רופען צו גאָט, בעטען איהם ער זאָל געבען רעגען, וועט ער געבען. נו, ווען א נביא געהט מיט אייך אין מלחמה, און איהר אליין טהוט תפילה, דאָס איז אייער כלי זין. דארף מען האָבען בעסער? קען דאָס א מלך טהאָן פאר אייך?... דארום זייט וויסען, „ודעו וראו“, ווייסט און זעהט, „כי רעתכם רבה לשאול לכם מלך“... פריינדע, ווען מיר וואָלטען די פינף כלי זין געברויכען היינט, וואָלטען מיר ניט געהערט וואָס מיר הערען היינט פון אונזערע ברידער, און דער גאנצער אידישער פאָלק וואָלט ניט געווען אין אזא לאגע. לאָמיר זיך נעהמען צו די אלע כלי זין אונזערע, און מיר קענען מיט זיי שיסען גאנץ ווייט, אזוי ווייט, אז די תפילה געהט אוועק צו הקב״ה, און ער קען אונז גע־בען אפילו נסים ונפלאות אלע ווײלע, אָמן.

## ק״ד

# הספד

„זאת התורה אדם כי ימות באהל״

דער מענש איז געגליכען צו דער זונן. די גמרא זאָגט אין (יומא ל״ח) „עד שלא שקעה שמשו של עלי זרחה שמשו של שמואל״. בעפּאָר עס איז אונטערגעגאנגען די זונן פון עלי (דער לעבען פון עלי), האָט שוין אויפגעשיינט די זונן פון שמואל הנביא. בעפאָר עלי שטארבט, קומט שוין דער צדיק שמואל הנביא. רופען די חז״ל אין מליצה דעם מענשענ׳ס לעבען „זונן״. די זונן־אויפגאנג איז דער געבאָרען פון מענשען, די זון־אונטערגאנג — איז די ענדע פון מענשענ׳ס לעבען...

און, וירקליך, איז ער געגליכען צו דער זונן .דער מענש וואָס פיהרט זיך גוט אויף דער וועלט ,איז ער פּונקט ווי די זונן. די זונן הערט קיין סעקונדע ניט אויף צו שיינען. פאַרנאכט ביי אונז געהט זי אונטער, אזוי דאכט זיך אונז, אָבער דאן הויבט זי אָן צו שיינען אין אפריקא, אין נאָך געגענדען. פּונקט צום אונטערגאנג דאָ שיינט זי שוין דאָרט. דער מענש דאָסגלייכען. פּונקט פון זיין אונטערגאנג, פון זיין שטארבען, הייסט עס, דאָ אויף דער וועלט, שיינט שוין זיין נשמה דאָרט, אויף יענער וועלט.

און דער מענש וואָס ער שטאַרבט דא אָב און ער איז געוועזן א מענש, איז נאָר דאָ אונטערגעגאנגען זיין זונן, אָבער דאָרט שטאַרבט ער ניט, און דאָרט, אין גענענטהייל, האָט ער אָנגעהויבען שיינען.

„זאת התורה״, אָט דאָס טהוט אויף די תורה דעם מענשען, אז דער מענש פיהרט זיך על פי התורה, „אדם כי ימות״, אז דער מענש ווען ער שטאַרבט אָב, איז נאָר „באוהל״, אין דעם געצעהלט איז ער געשטאָרבען, אין זיין הויז פעהלט ער אזוי ווי די זונן געהט אונטער ,אָבער מיר האָפען צו תחיית המתים, אחוץ וואָס זי שיינט יעצט זיין נשמה דאָרט, וועט זי אבער מיט׳ן קערפער קומען צוריק אין גיכען דאָ — במהרה בימינו אמן.

ק"ח

# הספד

„אל תבט אחריך ההרה המלט"

פערנארט איז דער מענש אין דער צייט פון זיין לעבען, ער וואלט נאר אימער וועלען אבשטעלען א פערמעגען נאך זיך. „ריש לקיש" האט איבער־געלאזען א טאפ זאפראן, האט ער פאר'ן טויט געלייענט אויף זיך דעם פסוק „ועזבו לאחרים חילם", און זיי לאזען פאר פרעמדע זייער פערמעגען. דער מענש דארף זעהן א פערמעגען צו מאכען אין צייט פון זיין לעבען, אזא פערמעגען וואס ער קען מיטנעה־מען מיט זיך, תורה און מצוות, און מעשים טובים, אז ער זאל אין קבר זיינעם האבען רוהע. „אל תבט אחריך", קוק ניט אויף דעם וואס עס זאל זיך דיר אבשטעלען היטנער דיר, נאך דיין לעבען. זעה בעסער זיך אנצוגרייטען אז „ההרה", וען דו ליגסט אויף דעם בערגעלע ,אויף דעם בית הקברות, „המלט", דו זאלסט דאן זיין גערעטעט. פריינדע, דער בן־מנן, אויף וועלכען מיר זאגען דא א הספד, ער האט דאס מקיים געווען. ער האט אימער גע־שטרעבט זיך אנצוגרייטען מעשים טובים

---

ק"ו

# הספד

„ואלה שמותם בחצריהם ובטירותם"

גליקליך איז דער מענש וואס האט פערשטאנד ביי זיין לעבען, די איינינע יאהר, זיך אנצוגרייטען מיטצונעהמען מיט זיך עטוואס פון זיין גאנצער הא־רעוואניע פון דער פינסטערער וועלט, און לאזען אן אנדענקען א גוטען נאך זיך, צדקה און אויך אנדערע גוטע מעשים, וואס זיין נאמען זאל ניט שטארבען פון דער וועלט. איינער לאזט איבער געלד, מיט דעם איז ער ניט זי־כער, אז זיין נאמען שטארבט ניט אב באלד, ווייל ווער קען איהם פערזיכע־רען ווי זיינע קינדער וועלען זיך פיה־רען מיט זיין געלד. עס קען זיין אז מען וועט איהם גאר שילטען אין קבר ליגענדיג. די הויז ווערט צוואווארפען, די געלד ווערט פערלארען, די רשעים לאזען נאר איבער צו זייער נאמען צו פערעוויגען, גרויסע, הויכע הייזער, טור־רעמס, „ואלה שמותם בחצריהם

ובטירותם", ישמעאל מיט זיינע חברים זאָגען אז דאָס איז זייערע נעמען אויף די פּאַלאַצען און טורעמס, ניין, א טעות...

פריינדע, איהר האָט אַלע געקענט דעם נפטר, איהר ווייסט גאַנץ גוט זיין טהייערען הייליגען אויפפיהרונג אויף דער וועלט, זיין נאָמען וועט זיין לדור דורים, אָמן.

---

ק"ז

# הספד

„ויצא יעקב". היינט, פריינדע, האָבען מיר די סדרה „ויצא", און גראדע אין היינטיגע וואָך האָבען מיר מספּיד צו זיין ר' יעקב פעלדמאַן, און לייענען אויף איהם „ויצא יעקב", יעקב געהט איצט אוועק פון זיין פאַמיליע, פרוי און קינדער, פון זיינע אַלע חברים, „מבאר שבע", פון זיין היים. מיר ווייסען אבער גאַנץ גוט אַלע אז ער האָט גוטעס אויפגעטהאָן אויף דער וועלט, און עס וועלען איהם יעצט אנטקעגען קומען די מלאכים, וועלכע ער האָט בעשאַפען מיט זיינע מעשים טובים. „ויפגע במקום", ער וועט געוויס האָבען בעגעגענט אין דעם מקום טהור, אויף דעם ריינעם אָרט, אַלע זיינע גוטע טהאַטען. יעצט וועט ער זעהן אז „ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו", אז דאָס וואָס ער האָט זיך אויפגעטהאָן אויף דער וועלט גוטעס און עס איז איהם געגנוג שווער געווען זיך אויפצוטהאָן גוטעס, ווייל צו גוטעס טהאָן ליגען שטיינער אין וועג, אָבער יעצט וועט ער וויסען אז „ויקח", ער וועט האָבען גענומען „מאבני המקום", פון מכשולים פון דעם אָרט, די שטערונגען פון מצות, און ער האָט אבער אוועקגעוואָרפען אַלע שטערונגען. יעצט האָט ער זיי גופא צו לייגען צוקאָפּענס, און די מלאכי אלקים היטען איהם, זיי געהען ארויף און אראָב איהם צו היטען. „והנה ד' רצב עליו", און גאָט אליין שטעהט איהם צו היטען וכו'.

---

ק"ה

# הספד

„ויכל יעקב לצוות את בניו ויגוע ויאסף אל עמיו"

מיר אַלע וואָס זיינען דאָ בעדויערען די פּטירה פון ר' יעקב חיים, א

גרויסער עהרליכער און פרומער איד געווען. ער האט אימער געהיט די אידישע תורה, וויפיעל ער האט גע־קענט. איבערהויפט פלעגט ער אימער לערנען זיינע קינדער געהן אויף דעם דרך הישר. גליקליך איז ער דאמיט. איהר קינדער, זייט ויסען אז אייער פאטער איז גאר ניט געשטארבען יעצט, נאר אויב איהר ווילט ח"ו, דאן איז אייער פאטער א געשטארבענער, עס ווענדט זיך נאר אן אייך, ניט מעהר.

די רייד וואס אייער פאטער האט אימער גערעדט צו אייך און איהר וועט דאס היטען, האט זיך נאך ניט גע־אויף אזא ארט לעבט אייער פאטער, ענדיגט די צוואה פון אייער פאטער, ער לעבט אין גן עדן, ער לעבט בעולם העליון. אבער אויב ח"ו עס וועט ניט הילכען אין אייערע אויערען אייער פא־טער'ס רייד, דאן זייט וויסען אז ער איז געשטארבען.

„ויכל יעקב לצות את בניו", ווען ר' יעקב האט געענדיגט, ח"ו, אנצוזאגען זיינע קינדער ,דאס הייסט, עס הערט זיך שוין ניט די שטימע פון אייער פאטער, ווען ח"ו דאס וועט פאסירען, זייט דאן וויסען אז „ויגוע ויאסף אל עמיו", דאן וועט ער זיין געשטארבען. אבער ווי לאנג איהר וועט האבען די רייד פון אייער פאטער וואס ער האט אייך ביז יעצט פארזאגט, הייסט עס אז זיין שטימע הערט זיך יעצט, זי ווערט אויסגעפאלגט, דאן איז „יעקב לא מת"...

---

ק"ט

# הספד

„וראיתם את הארץ מה היא"

איהר זעהט, פריינדע, א מוסר השכל יעצט: געלעבט, געשוועבט, גע־שטרעבט ,און וואס איז די ענדע? „וראיתם את הארץ מה היא", איהר בעטראכט וואס פון די ארציות איז די ענדע. „החזק היא, הרפה", אויב דער מענש איז א שטארקער געווען, אדער א שוואכער, אלעס צו ענדע, צום פינסטערען קבר... „המעט הוא אם רב", אויב א סך געלעבט, אדער ווייניג, דער וואס ליגט שוין אין קבר איז פאר איהם אלעס איינס! „הטובה היא אם רעה", אויי געהאט גוטע יאהרען אדער שלעכטע, — אלעס איינס. דער זעל־בער בערגעל ערד. „השמנה היא אם רזה", אויב א פעטער מענש, אדער א שוואכינקער, א מאגערער, אלעס די זעלבע ,דער מלאך המות שרעקט זיך ניט אב פאר'ן שטארקסטען!

דער צוועק איז נור אז „והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ", איהר זאלט אייך שטארקען און מיטנעהמען מיט

זיך אין די אייניגע יאָהר וואָס איהר לעבט, „מפרי הארץ“, פון די פרוכט פון דער וועלט, און ווייל מען ווייס ניט די צייט, דאַרף מען באלד אין דער יוגענד אָנפאַנגען נעהמען „מפרי הארץ“, פון די פרוכט פון דעם לאַנד, „והימים ימי בכורי ענבים“, און די טעג איז אין דער יוגענד אָנפאַנגען זיך צו גרייטען צו דער ווייטער רייזע...

---

ק"י

# חנוך בית הכנסת

„מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל“

ספרים פרעגען וואָרום איז ער משנה אין איין פסוק „יעקב“ און „ישראל“ און ער רופט דעם בית המקדש „אוהל“ און „משכן“? איך וועל א נייעם באור פאר אייך שרייבען, וואָס איך האָב ניט לאַנג געזאָגט אויף א חנוך בית הכנסת צווישען אנדערע רייד, נאָך אייניגע מאמרים און משלים, האָב איך ער־קלעהרט וואָס איז די שמחה אזוי גרויס מיט דעם וואָס איהר בויט אויף אזא שעהנע שוהל, א טהייערע שוהל. אונ־זערע עלטערען האָבען אזעלכע שעהנע שוהלען אפילו ניט אנגעזעהן. געדענקט איהר ניט, פריינדע, אז אין אונזער אל־טער היים איז דער בית המדרש געוועזען ניט אזוי שעהן, ניט אזוי פערפוצט, קיין עלעקטרי געווים ניט. נו, אויף אזא ארט ווייזט דאָך אויס אז מיר זיינען א סך פרימער ווי אין רוסלאַנד? אסתר האָט געשיקט דורך א שליח ויסען וואָרום איז די גזירה געוואָרען, דורך המן'ן, צו א כליה פון אלע אי־דען אין איהר לאַנד, „מה זה ועל מה זה“, וואָס איז דאָס, און וואָרום איז דאָס. זאָגען די חז"ל אזוי: „אולי עברו על זה אלי ואנוהו“, פיעלייכט האָבען זיי עובר געווען אויף „זה אלי ואנוהו“, דאָס הייסט אז מען טהוט א מצוה דאַרף מען בעשיינען די מצוה א דריטעל מעהר ספענדען אז די מצוה זאָל זיין שעהנער. דאָס פרעגט אסתר, פיעלייכט זיינען זיי עובר געווען דעם „זה אלי ואנוהו“. פריינדע, אז מען איז ניט מקיים התנאה לפניו במצות קומט טויט? אויב עס איז אזוי, קענט איהר פיעלייכט ווער אויפווייזען וואו איז דא מדה כנגד מדה? און אויב אזוי, זיינען דאָך אמעריקאנער אידען דאָס מקיים מיט'ן בויען שוהלען שעהנע, זיינען זיי דאָך צדיקים גמורים? ניין, טויזענד מאָל ניין! איך פרעג ווייטער: וואָס איז די שמחה מיט דעם בויען שוהלען, און גראדע אין אמעריקא, וואָס איז די שמחה?

דעם רוסישען ניט־שעהנעם בית המדרש טאָהר מען ניט פערגלייכען מיט דעם שעהנעם בית המדרש פון אמעריקא. איהר געדענקט וואָס דאָר־

טען איז געװען, איהר נערענקט גע־װיס זעכציג ישיבה־בחורים, חברה מקרא, „חברה משניות“, „חברה מנורת המאור“, „חברה חיי אדם“, „חברה ש״ס“ ,חברה תפארת בחורים“, „חברה פועלים“, אנדערע בתי מדרשים האָבען נאָך געהאט א „חברה משמורים“, אז א גאנצע נאכט זאָל מען אין דריי טהייל זיצען א מנין און לערנען: פון ניין ביז צװעלף, פון צװעלף ביז דריי, און פון דריי ביז זעקס. פרעג איך אייך, האָט דער בית המדרש געקענט זיין קלין? אז עס איז געװען אזא בי־זי. קענען נויאָרקער סטריטען זיין קלין? פון אזוי פיעל מענשען, אומבע־שריען? אָט אזוי האָט געקענט זיין קלין דער בית המדרש אין רוסלאנד!

דאָ אין אמעריקא איז די שוהל קלין, קיין זעכציג ישיבה־בחורים איז ניטאָ, אפילו זעכציג דאװנער אויך ניט, נאָר ניין אבלים מיט א יאָהרצייט, װערט א מנין, קיין קליינע קינדער אויך ני־טאָ, קיין חברות צום לערנען געװיס ניטאָ, נאָר א גרויסער ניגער איז דאָ טאָג און נאכט, און קלינד די פלישע־נע קישעלעך און קלינט און קלינט, און װיפיעל מאָל אז מען בעט דעם צדיק, דעם פיהרער פון שוהל ,די קאָפּ „די קראנקע“, אדער שיכור׳ע קאָפּ, דער פרעזידענט, ער זאָל ערלויבען א פער־זאמלונג אין שוהל, זאָגט ער: שאָדע, א שעהנע שוהל, מען װעט אנשמוצען, דער ניגער בייזערט זיך.

אי, פריינדע, מען האָט שוין צו פיעל אין אמעריקא מקיים געװען „זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצות“, דאָס איז מיין גאָט און איך װעל איהם בעשעה־נען מיט מצװות שעהנע, שוהלען מאַ־כען, טהייערע טליתים קויפען, גאָלד־שניט סדורים מיט ביינערנע טאָװלען, און װייל דער סידור איז טהייער, שעהן פארפוצט, פערשליסט מען איהם אין סייף. דער טלית ליגט מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא, די שוהל איז פארפוצט, זאָל זי שטעהן פערמאכט פון שבת צו שבת, װייל עס איז צו שעהן.

אסתר פערשטעהט ניט פארװאָס זאָל אזא גרויסע גזירה זיין, שעהנע געפוצטע שוהלען, רייך געבויט. ביז זי האָט זיך בעזאָנען, מען דאַרף א קוק טהאָן אין די שוהלען . זי בעטראכט: א חורבן א גרויסער, זיי האָבען צו פיעל פארפוצט די שוהלען ,אז זיי איז א שאָד צו קומען אין שוהל, איהר שמור־ציג צו מאכען... האָט זי געזאָגט : „אולי עברו על זה אלי ואנוהו“, מיט דעם בעשעהנען מיט מצות האָבען זיי פיעלייכט גאָר צוליעב דעם עובר גע־װען „על כל התורה“.

פריינדע ,איך זעה אז אייער שוהל איז זעהר שעהן פערפוצט, איך זעה אז מיט אייער שוהל האָט איהר מקיים געװען „זה אלי ואנוהו“, נאָך איך װיים נאָך ניט אויב איהר האָט מקיים געװען אָדער איהר האָט מיט דעם עובר געװען...

מען בויט א שוהל, איז דאָך מן הסתם צום דאװנען. נאָר דאװנער איז פערשיעדענע פאראן. עס איז דא דאװנער, אלע דריי מאָל, אלע טאָג איין מאָל, אלע שבת איין מאָל, און דאװנער נאָר שלש רגלים, װאָס בעזור־כען די שוהל. עס איז דאָ בעזוכער ימים נוראים אליין.

געוועהנליך, איז גוט אפילו די לעצ־טע אויך, ווארום וואָס טהוט מען שוין מיט די וואָס קומען שוין ימים נוראים אויך ניט? נאָר די ווילען גראדע אז די שוהל זאָל זיין שעהן... מיינט איהר דאָך אז ער איז א גאנצער קנאקער פאר דעם רבש"ע, ער גלייבט פערפר־צען א מצוה, אפילו בלעם הרשע האָט דאָס אויך געגליכען און ער רופט איהם „יעקב", פראָסטער מענש, ער פער־שטעהט ניט אז דאוונען איז טהייערער ווי די וועגט פון בית הכנסת. עס איז צינגל ווי אנדערע צינגל, נאָר אז מען דאווענט אין זיי זיינען זיי הייליג. שרייט אוים בלעם: „מה טובו

אוהליך יעקב!", ווי שעהן איז „אוהליך, די געצעהלטען דיינע, די שוהלען, אוי ווי שעהן דו האָסט זיי געבוים! אז איך רוף דיר „יעקב", פראָסטער מענש, „יעקב" בעטרינער, „ויעקבני זה פעמים" ,דו מאכסט א שוהל שעהן און געהסט ניט דאוונען. „מה טובו" איז א סימן אז דו ביזט „יעקב", משכנותיך, אז דיין רוהוג איז דאָרטען דריי מאָל א טאָג, און „שבת", און „יום טוב", דאן הייסטו „ישראל", די איבעריגע לאָז איך איבער פאר אייך, פאר יעדען צו פערברייטערען אין דעם הינזיכט . די רייד איז גענוג טהייער פאר מבינים.

---

## קי"א

# בין אדם לחבירו

„הגיד לך אדם מה טוב ומה ד' דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך"

פיעלע פרעגען ווארום איז געשריבען אין דער תורה די אלע מצות, וואס דער שכר איז מחייב אליין צו טהאָן, אומגעפעהר: גמילת חסדים, צדקה, כבוד אב ואם?

נאָר עס איז א גרויסער חילוק דער וואָס טהוט די מצות ווען דער שכל בעוועגט איהם דאָס צו טהאָן, אָהן א פערזאָג פון דער תורה הקדושה, צו די מצות וואָס מען טהוט עס, ווייל די תורה האָט עס געהייסען טהאָן.

ווען ער טהוט עס מצד השכל, קלייבט ער ניט אוים ווי צו טהאָן די צדקה. מיטאיין האנד גיט ער, מיט דער צווייטער נעהמט ער, דאָס הייסט, גזל'ט ער און גנב'עט, און רויבט, און אז ער דארף געבען, גיט ער ווי דוד זאָגט „אשר בידיהם זימה וימינם מלאה שוחד", מיט דער לינקער האנד איז „זימה", שענדליכע טהאטען, און מיט דער רעכטער האנד קויפט ער אונטער, נאָך זיין מיינונג, דעם רבש"ע, מיט זיין צדקה וואָס ער גיט, אזוי דענקט ער אז נאָט נעהמט שוחד.

צווייטענס, וער עס גיט ווייל זיין שכל דיקטירט איהם, ווייל אז ער זאָל

אדוועריטייזט ווערען אין אלע צייטונ־נען, עס זאל שטעהן די צדקה, פון „צדקה" נעהמען זיי ארויס דעם דלי"ת (דאלעד) און שטעלען אריין אויף זיין ארט אן עי"ן, מאכט עס „צעקה", א געשרעה.

אבער דער וואס גיט צדקה, ווייל גאט האט אזוי געהייסען ,דער גיט רו־היג און שטיל, קיינער ווייסט אפילו ניט, דער ארעמאן ווערט ניט פאר־שעהמט. אלזא, דער נביא פרעגט אליין די קשיא וואס איך האב דא אויבען געפרעגט: „הגיד לך אדם", די מענש־הייט זאגט דיר דאך „מה טוב", וואס עס איז גוטעס צו טהאן. אלזא, איז דאך א קשיא „מה ד' אלקיך דורש ממך", ווארום פאדערט די מצות פון דיר גאט, אז דו זאלסט עס טהאן, אהן דעם פארזאג אין דער תורה, ווערסטו דאך עס אויך פערשטעהן?

דארום אנטווארט דער נביא: ער־שטענס, „כי אם עשות משפט", אז דו זאלסט פארדיענען ריכטיגע געלד, ניט קיין גזילה וגנבה ,נור משפט, ניט בע'גזל'ן קיינעם, דאס הייסט משפט, פריהער „משפטים" געהט נאכהער „תרומה", געבען צדקה נאך משפט, קענסטו מקיים זיין „ואהבת חסד".

צווייטענס, אויב אהן א תורה וויל־סטו זיך אדווערטייזען, בלייבט דער ארעמאן פארשעהמט, און דו ווילסט זיך אדווערטייזען, אבער אז דו וועסט עס טהאן ווייל השי"ת הייסט דיר עס טהאן, וועסטו געבען שטילערהייד, והצנע לכת עם עלהיך", בעהאלטען געהן מיט דיין גאט, ניט קלינגען, ניט בעריהמען זיך.

גיב, מיין פריינד, וואס דו קענסט, זשאלעווע ניט, ווייל דו ווייסט אליין מיין טהייערער, אז עס וועט קומען די צייט און דו וועסט עפענען דיין הענ־טעלע... דער לעבען פון מענשען איז נאר א שמונה עשרה ברכות, תפילת י"ח — איינער שטעהט לאנג, איינער א קורצע שמונה עשרה. דער געהט אוים פריהער און דער שפעטער, אבער אויסגעהן מוז מען, און קומען צום „עושה שלום במרומיו"...

---

קי"ב

# בין המצרים

„פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן"

די פרשה פנחס ווערט געלייענט על פי רוב אין די דריי וואכען. ווען מיר בעמערקען, זעהען מיר א מאדנע זאך, גראדע וואו עס פאנגט זיך אן אונזער טרויער פוןביידע בתי מקדשים ,אין דער וואך וואס געהט פרשה פנחס, אלעם ענדרע זעהען מיר אין פנחס אלע ימים טובים דארט. ווארום איז דאס אזוי?

די פראגע האט מיר אימער ניט גע־

לאָזט רוהען, ביז איך האָב עס געגומען זוכען אין פיעלע ספרים, און געפונען פיעלע טעמים דאַרויף. נאָר דער בעס־טער טעם איז דאָס וואָס איך גיב אייך דאָ איבער.

מיר האָבען אין גלות יום טוב טעג צוויי און צוואנציג, „ראשה השנה“— צוויי טעג, „יום כפור“—איין טאָג, „סוכות“—ניין טעג, „פסח“ — אכט טעג, „שבועות“ — צוויי טעג.

פון זיעבעצעהן טעג אין תמוז, אונ־זער פאַסט־טאָג, ביז אויף מאָרגען נאָך „תשעה באב“ איז אויך צוויי און צוואנציג טעג. דאָס בעווייזט אונז אז ווי גאָט ב"ה האָט צוגעזאָגט דורך דעם נביא „והפכתי אבלם לששון“ (ירמיה ל"א), און איך וועל זייערע טרויער־טעג אומקעהרען אויף פרעהליכקייט, אלזאָ, דאס איז שוין אָנגעוואונקען גע־נוג ,דאמיט וואָס אָנפאנגען פאנגט זיך אָן די צוויי און צוואנציג טרויער־טעג אין פנחס ,און אין פנחס איז פאראן די אלע ימים טובים, וואָס זייער צאָהל איז אין גלות צוויי און צוואנציג טעג.

השי"ת זאָל געבען עס זאָל שוין אָבער אין גיכען מקוים ווערען אויף אונז „והפכתי אבלם לששון“.

---

## קי"ג

# בין המצרים

„גלתה יהודה מעוני ומרוב עבודה“

יהודה איז פערטריבען געוואָרען. ביי יהודה איז אימער „גלתה“, איז יהודה אָרעם, זאָגט מען אז יהודה פאַראָרעמט די מדינה, מען מוז פון איהם פטור ווערען. איז יהודה רייך, זאָגט מען אז די גאנצע ביזנעס ליגט ביי זיי אין די הענט, אלעס פערכאַפּען זיי. אזוי אָדער אזוי איז אימער „גלתה“, „גלתה יהודי מעוני“ — ווען יהודה איז ארעם איז „גלתה“, „גלתה יהודה מרוב עבודה“; און ווען יהודה ווערט רייך איז וויעדער „גלתה“, ווייל ער ארבייט צו פיעל, דאַרף מען פון איהם פטור ווערען, אלע ביזנעס איז ביי איהם. ליידער, ליידער, מוז איך צוגעבען איין זאך ,אז א האלבער אמת ליגט אין די לעצטע ווערטער פון די אנטיסעמיטען: ער ארבייט צו פיעל... איך בין געווים נים קיין אנטיסעמיט, דאָס מוזט איהר צוגעבען (חאָטש עס איז דאָ אנטיסעמיטען אידען אויך...) מוז איך אייך זאָגען „ומרוב עבודה“ איז אמת א ביסעל. געהט אריין אין גרענד סטרים, נויאָרק, וועט איהר גע־פינען אידען האלטען זייערע ביזנעס אָפען ביז צוועלף ביינאכט.

איהר וועט זעהן אז שבת איז אָפען, ווייל ער ווייזט פאר אלעמען: איך לאָך פון שבת מיט די תורה צוזאמען, איך בין נים קיין איד. נאָר וואָס עס איז

אויפגעשריבען אויפ'ן סיין לעווין, אדער ראזענבערג. און דאס גלייבען, דאס ווייזט אז ער איז יא א איד, דאס קומט אוים ביי מיר ווי איך האב איינ־מאל געהערט ווי א טריפה'נער ביין האט געשווארען זאגענדיג „גלויבט מיר, ווי איך בין א איד" — אז איך נים קיין איד...

נו, זונטאג ווידער אפען. הלואי וואלט איך בעסער שטום ווערען עה־דער מיינע נביאות זאל מקוים ווע־רען. איך דענק אז דער אנטיסעמי־טיזמוס וועט גרעסער ווערען אין אמע־ריקא, חאטש מען דארף שוין נים קיין מיקראסקאפ אום צו דערזעהן די בא־ציליען פון אנטיסעמיטיזמוס אין אמע־ריקא אפילו יעצט... נאר עס וועט ח"ו גרעסער ווערען פון „מרוב עבודה"... רייד פון היינט ביז מארגען, רייד און רייד, עס ווערט נים געהערט, ווייל דאס איז אויך א כלל גדול בעניני העולם האמעריקאי. וואו גאלד רעדט דארט שווייגט דער אמת. דאס וועט אפילו עדות זאגען וואל סטריט...

---

קי"ד

# ביז המצרים

„גלתה יהודה מעוני ומרוב עבודה"

אן אפיקורוס צו ווערען פארצייטען איז זעהר גרינג געווען. דאגעגען א צדיק צו זיין איז זעהר שווער געווען. האט ער געטראגען א הענטשקע אום שבת ברשות הרבים, האט מען איהם שוין געהאלטען פאר אן אפיקורוס, א רשע... דאגעגען א צדיק צו זיין איז געווען שווער. אז ער האט אפילו קיין שיחת חולין נים גערעדט אין שוהל, און ביז צוועלף א זייגער גע־זעסען אין טלית און תפילין, געהאנ־דעלט ראיעל, געווען א דובר אמת, דאן האט מען איהם גערופען „צדיק".

היינט, דאגעגען, גראדע פערקעהרט. רעדט מיט איינעם וואס סמוקט אום שבת בפרהסיא, זאגט ער אז ער איז פרימער פאר'ן רב. ער טהוט אב אלע עבירות און ער איז גאר קיין רשע...

דאגעגען, ווען ער היט נאר שבת, עסט כשר, דער איז שוין א צדיק. איך האב געטראפען א לאנדסמאן מיינעם, ר' דוד וואס מאכט איהר, ווי געהט עס אייך דא אין נויארק?

—ווי זאל עס געהן? אט מען מאכט א געמאטערטען לעבען. איך ארבייט שווער, זעהר שווער. מיין פרוי האלט פיער בארדערס, „אחד חכם ואחד רשע ואחד תם ואחד שאינו יודע לשאול". מיינע קינדער ארבייטען אלע, אפילו מיין איינגסטען באי האב איך צוגענו־מען פון חדר... נו, וואס זאל איך טהאן?

— ר' דוד, ווי פיהרט איהר זיך אין אידישקייט? — האב איך איהם

געפרעגט — איך קען דאָך אייך פון דער היים פאר א גרויסען פרומאַק.

— נו, צו דאנקען גאָט, ניט צו פער־זינדיגען. גאנץ גוט. איך דאווען אלע טאָג .נור מנחה טרעפט אז ניט. מעריב דאווען איך אויך ניט אלע מאָל. שבת ארבייט איך ניט. פרייטאָג צו נאכט נור א שטונדע. ציצית, דעם אמת זאָ־גענדיג, טראָג איך ניט. איך ווייס אליין ניט פארוואָס, נאָר אזוי איז עס. סוכות עס איך ניט אין סוכה, תשעה באב פאַסט איך ניט, בענשען האָב איך קיין צייט ניט. נאָר צו דאנקען גאָט אנ־דערע זאכען היט איך א סך. עס פעהלט מיר ניט פיעל צו אידישקייט...

איהר הערט שוין א צדיק... ארביי־טען איז איהם צו פיעל, שווער שווער צו מאכען א לעבען, מען דארף א סך ארבייטען און דען האָט ער ניט, און אידישקייט טהוט ער גאָר ניט, און פרייטאָג צו נאכט ארבייט ער אויך, און אלעם ענדע איז ער אין עבודת השי"ת בענוגענט. אדרבה, עס איז נאָך צופיעל. דיענען גאָט הייסט „עבודה", איבערהויבט דאווענען הייסט „עבודה".

„גלתה יהודי", יהודה מוז אויסוואנ־דערען. ווארום, פרעגט מען דעם נביא, דארף דאָס יהודא גלות האָבען און אי־מער וואנדערען? ווארום איז דאָס „גלתה"? ענטפערט דער נביא: אָט, אדרבה, זעה אין וואָס פאר א מדרגה ער איז. „יהודה" פרעג איהם וועגען ביזנעס, ענטפערט ער „מעוני", זעהר פערראָרעמט. פרעגט איהם וועגען אי־דישקייט, ענטפערט ער „ומרוב עבודה" — צופיעל עבודת השי"ת האָט ער. דארום איז „גלתה", ווייל „מעוני"... גלתה „מרוב עבודה" אין אידישקייט, אין די ערשטע בעגנוגענט ער זיך גאָר ניט, אין די אנדערע איז צופיעל. דאַ־רום איז „גלתה"...

קי"ח

# בין המצרים

„גלתה יהודה מעוני ומרוב עבודה"

יהודה ליידעט און לייד, און אי־מער גלות און גלות. ווארום איז דאָס אזוי? קיין ענדע צו אונזערע צרות. אומעדום איז יהודה א שטיף קינד, אוּ־מעדום איז ער א גר, מען שרייעט צו איהם: דו ביזט א פרעמדער. ווארום איז דאָס?

וועל איך אייך ערקלעהרען דאָס וואָס איהר זעהט אליין, מיר זיינען אזוי פארביזעט ,אז מיר האָבען קיין צייט ניט זיך ארומצוזעהן. הלואי וואָלט ווירקען מיינע רייד און מיין שרייבען פאר אייך!

איך זעה פיעלע וואָס ארבייטען שבת, איך זעה פיעלע וואָס זיינען מחלל שבת בפרהסיא, און אָהנע נוצען. איך זעה

מען לייגט קיין תפילין ניט, מען טראָגט קיין ציצית ניט, מען בראקירט ניט מיט א טריפה'ן דיינגער. הכלל: עס איז א סאָרט איד וואָס טראַמפּעלט אויף אלע הייליגקייטען!

דעם זעלבען אידען זעה איך לוי־פען פארשוויצט צו מיר: רבי, איהר ווייסט אז איך געה צו אייך, מיר האַל־טען אין טהאָן א גרויסע מצוה, און דעם קינפטיגען זונטאג וועט עס גע־ענדיגט ווערען, און דאָס איז א חינוך הגדר אויף אונזער סעמעטערי. אלזא, מיר ווילען אייך האָבען צו דער מצוה, איהר זאָלט אונז ערקלעהרען ווי גרויס די מצוה איז. איך בלייב זיצען פער־וואונדערט. רבש"ע, זאָג איך צו זיך, וואו שטעהט אין דער תורה די מצוה? און ווער טהוט די מצוה, א רשע גמור... איך בלייב ביי דער קשיא...

אין א וואָך ארום, דער זעלבער איז דאָ: רבי, איך בין אייך געקומען פרע־גען א שאלה, איינע פון די גרעסטע שאלות. מיין מיידעל געהט ארום מיט א באָי שוין זעקס יאָהר. געסטערען איז געוועזען די תנאים. האָט מען איהם געפרעגט ווי ער הייסט, ביז יעצט האָב איך דאָס ניט געוואוסט, ווייל מען האָט איהם גערופען מייק, יעצט ווייס איך אז ער הייסט מיכל, און איך הייס אויך מיכל. רבי'נקע, וואָס זאָלען מיר יעצט טהאָן?...

פרעג איך איהם: זאָגט מיר, מיס־טער, האַלט אייער חתן שבת? לייגט ער תפילין? טראָגט ער ציצית?

— אי, רבי, איהר זאָלט פרעגען. איהר זייט דאָך ניט קיין גרינער. וואָס הייסט? מיין מיידעל וואָלט אויף איהם א שפיי געגעבען, ווען ער זאָל עס טהאָן!

איך בלייב זיצען. רבש"ע, וואו שטעהט אין שלחן ערוך די עבירה? איך בלייב ביי א קשיא.

ר' יהודה החסיד האָט א צוואה גע־לאָזען זיין פאמיליע, ניט קיין אנדע־רען, אז דריי נעהמען אין איין הויז זאָל ניט זיין. מיר זיינען אויף דעם אויך ניט מצווה.

זיין זוהן קומט ניט לאנג צו מיר און פרעגט: רבי, טאטע שטאַרבען, שוין פיער וואָכען, איך דארף טראָ־גען שווארצע אויף מיין האנד. איך ניט ווייס רעכטע האנד אָדער לינקע האנד. רבי, דו קענסט מיר זאָגען שאלה די?" איך פרעג איהם: אויף וועלכער האנד לייגסטו תפילין? —„רבי, איך ניט לייג תפילין. מיין טאטע אויך ניט לייגט די סטראַפּס." רבש"ע, איך ווייס ווייטער ניט וואו דאָס געפינט זיך אין דער תורה, איך ווייס אז דאָס שטאַמט פון די אומות העולם, אבער אין דער תורה וואו איז דאָס — ווייס איך ניט. איך בלייב ביי א קשיא!

זיין אלמנה קומט צו מיר פרעגען: „רבי, איך מוז מופען, מיין מאן איז געשטאָרבען ,און איך וויל איבערביי־טען די רומס . איך וויל מופען פון צווייטען פלאָאר אויף דעם ערשטען. איך האָב מורא צו מופען, ווייל מען זאָגט אז ניעדעריגער טאָהר מען ניט מופען."

רבש"ע, פון וואנען נעהמט זיך די עבירה? איך ווייס ניט, און בלייב ביי א קשיא.

דער זעלבער באָי קומט צו מיר און

פרעגט א שאלה. דאָס איז געווען אין ספירה: רבי, איך אלע שבת מאַך מיר ביי א באבער א שייוו. אבער א לע שבת. יעצט מאמע זאָגט שאַפּירא (ספירה) ניט טאָר נעהמען דעם שבת א שייוו. רבי, איך מעג דעם שבת נעהמען א שייוו?"

דאָס פרעג איך שוין ניט „רבש"ע, פון וואנען האָט זיך די זאַך גענומען". איך וויס אז שבת טאָהר מען זיך ניט גאָלען. איך ווייס אז א טויזענטער, טויזענטער קלענערער איסור איז מאָנ־טאג זיך שעהרען אין ספירה, א פּראָס־טען טאָג. איך ווייס אויך אז גאָלען טאָהר מען זיך ניט אפילו מאָנטאג און דינסטאָג, און קיין מאָל ניט. אבער, רבש"ע, איך מוז דאָך פרעגען דערביי איין פראגע: פון וואנען נעהמט זיך אז אויף שבת פרעגט ער שוין גאָר ניט, אויף גאָלען זיך — געוויס ניט. נור שבת אין ספירה, ספירה טאָהר מען ניט. איך בלייב ביי א קשיא...

צו „יזכור" זאָגען, אפילו אויף א בייסיקעל אום יום טוב קומען, פאַר־שליסען ביזנעס און אריינכאַפּען „יזכור". דעם שבועות קומט צו מיר נאָך „יזכור" א מאן און זאָגט: רבי, איך וועל אייך פרעגען ווען זאָגט מען דעם נעקסטען מאָל „יזכור"? „איך דאָס פארשרייבען נאָך דעם דייט נאָך."

ווידער א קשיא!...

איך קען א מאן וואָס איז קיין גלויי־בער אפילו אין גאָט אליין. ער האָט געדארפט מאַכען א נייע ביזנעס איז ער געקומען צו א קאָרטענוואָרפּערקע, און זי זאָל איהם זאָגען אויב ער וועט מצליח זיין אין דער נייער ביזנעס. געוואלד געשריען! ווי קען דאָס זיין אז אין גאָט גלויבען — ניט, און אין אזא נארישקייט גלויבט ער?

בלייבט א קשיא!

איך האָב געזעהן דעם זעלבען מאן אין קוני איילענד, איז ער צוגעגאַנ־גען צו א ווארהזאָגערין און זי האָט געקוקט אויף זיין האנד און איהם גע־זאָגט גליקען. און חכמת היד קען זי טאקע, צונעהמען די פופציג סענט... געוואלד געשריען, וואָס איז מיט דיר, יהודה? די עקרי הדת טראמפּעלסטו אונטער די פיס, און אזעלכע נאַר־נישט זאכען איז ביי דיר פארגעטערט. דאָס האָט דער נביא ירמיה געקלאָגט און געשריען: איך וויס ווארום איז „גלתה יהודה", ווארום איז יהודה פערטרי־בען, ווארום ליידעט יהודה אזוי פיעל — „מעוני", פון ארעמקייט. זאָגען די חז"ל: „מעוני של מצות, מעוני של תורה". נו, מילא, זיינען זיי ניט פרום, אבער ווי קומט עס אז זיי טהו־ען נאָך צו פיעל מצוות, נארישע מצוות צופיעל, „ומרוב עבודה", און פון צו פיעל עבודה, פון צו פיעל מצוות, טאַ־קע „גלתה יהודה מעוני של תורה", פאר וואָס לערענסטו ניט, און איבער־הויבט גלתה יהודה מרוב עבודה.

די אלע פראגען זאָל גאָט שיקען אליהו הנביא, דעם מבשר טוב, און מיט זיין קומען אליין וועט שוין פער־ענטפערט ווערען, ווייל ומלאה כל הארץ דעה.

קט"ז

# בין המצרים

„כל עמה נאנחים מבקשים לחם נתנו מחמדיהם באוכל
להשיב נפש ראה ד' והביטה כי הייתי זולל"

דאס גאנצע פאלק זיפצט, זוכען און בעטען ברויט. זיי האבען אוועקגעגעבען זייערע גלוסטיגע זאכען, אבי צו האבען מיט וואס צו דערקוויקען די זעעלע. זעה גאט, און בליק, דען איך בין געווארען א פרעסערין. איך פערשטעה אויבען־אויף ניט אז מען זוכט ברויט און מען מוז פארפיינען פאר ברויט דיימאנדס, ווערט מען גערופען פרעסערין, זויפערין?

אין אנפאנג, אז איינער הויבט אן ארבייטען שבת, ווייל, זאגט ער, ער האט ניט קיין ברויט, און די וועלט זאגט „נויט ברעכט אייזען", דאס הייסט מען ווערט אפילו א גנב, א רויבער, צוליעב ברויט, עס איז שלעכט עפעס זאגען זיי, ווארום אז יענער איז נעביך אין אזא לאגע קען מען יענעם ניט זאגען.

אבער ער געוואהנט זיך איין נאר צו ארבייטען שבת. נאכהער קען ער שוין האבען חיונה אהן שבת אויך, נאר מיט שבת ארבייטען וועט ער האבען בעסער, אלער האנד מאכלים, לוקסוס ביי דעם עסען, לוקסוס אין קליידען זיך, לוקסוס, קאנטרים, לוקסוס טהעאטערס, — דאן ארבייט ער שבת פאר סתם פרעסען און זויפען.

„מחמדיהם", דאס געהט אויף שבת, ווייל שבת הייסט „יום מחמדים", זאגט דער נביא בעפאר איז טאקע „כל עמה נאנחים", דאס גאנצע פאלק זיפצען, עס איז ניט גוט, מען מוז ארבייטען שבת. זאג זיי עפעס, איז שלעכט! ווייל „מבקשים לחם", וואס זוכט מען? נאר ברויט. נאכהער איז אזוי „נתנו מחמדיהם", האבען זיי שוין אליין אוועקגעגעבען דעם „יום מחמדים", שבת. פארוואס? סתם „באוכל", פאר אלער האנד עסען, לוקסוס עסען, אויף וואס איז אמאל געווען דער שבת? א גאנצע וואך האט ער געארבייט, האט ער דאך קיין צייט געהאט זיך ארוטצוקוקען וואו ער האלט מיט דער נשמה. אבער שבת קודש, דעם גאנצען טאג האט ער פערבראכט פאר דער נשמה, „נתנו מחמדיהם", זיי האבען אוועקגעגעבען דעם שבת „באוכל", פאר לוקסוס עסען, וואס דער שבת איז געווען אמאל „להשיב נפש", צו ערקויקען די זעעלע פאר א גאנצע וואך.

היינט שטעלט אייך פאר, ווען ניקאליי אליין וואלט געגעבען א בעפעהל, וועלכער איד עס וועט מחלל שבת זיין, יענער וועט א גענעראל ווערען. איז דער זעלבער איד וואלט געזאגט „לא מעוקצך ולא מדובשך", דו, בין, איך וויל ניט דיין בים און ניט דיין האניג. און דא גיט ער אזא טהייערע זאך אוועק פאר לוקסוס, פאר

פרעסען און זויפען. ראה ד' והביטה, זעה גאָט און קוק „כי", דען, „הייתי זוללה", איך בין געוואָרען א פרעסע־רין...

---

קי"ז

# הספד

„על אלה אני בוכית עיני עיני יורדה מים כי רחק ממני מנחם משיב נפשי היו בני שוממים וגו'"

איך האָב מספיד געווען א גאון עולם. צווישען אנדערע רייד און משלים האָב איך געזאָגט אויף דעם משל אום צו ערוועקען טרעהרען ביי די צוהערער.

אן ערדעלע פרוי, א גרויסע מיוחסת, א בת גדולים, איז פערהייראטה גע־וואָרען צו א יחסן, אן עדעלען יונ־גען־מאַן, א מופלג בתורה, און נאָך דער חתונה זייערער האָט ער אנגעפאנ־גען צו פיהרען ביזנעס אין איהר פאָ־טער'ס ביזנעס. זי איז געווען אן אשת חיל, און זי האָט מיטגעהאָלפען אין די ביזנעס זעהר פיעל. זיי האָבען גע־האט פיער זיהן, און אז זיי זיינען גרויס געוואָרען, ליידער, צו זייערע שמערצען איז קיין ברעג געווען, ווייל די קינדער האָבען זיך ניט געפיהרט אין דרך הישר, נור דאגעגען, זיי זיינען גאָר אין שלעכטען וועג געגאנגען, קאָרטען שפיעלען, הולטאיען, און זא ווייטער. ווען די עלטערען וואָלטען זיי ניט אָב־געהאלטען אין פיעלע היגזיכטען, וואָל־טען זיי רואינירט אפילו די ביזנעס אויך.

„ויהי" — א צרה, דען איהר מאן איז אבגעשטאָרבען אין זיינע מיטעלע יאָהרען, די לייכע ליעגט אויף דער ערד, די אלמנה קלאָגט ביטערליך, די זיהן שטעהען אויף דערביי. ווי זי האָט א קוק געטהאָן אויף איהרע זיהן, האָט זי זיך גאָר שטארקער און שטארקער צוואויינט, און געזאָגט צו זיי אין יאָ־מערליכען געשרעה: ווען איהר, מיינע קינדער, וואָלט זיך געפיהרט בדרך הישר, איהר וואָלט זיך פריהער געלע־רענט ביזנעס, וואָלט איך גאָרניט גע־קלאָגט אזוי פיעל. אייער טאטע איז געשטאָרבען, נו, וואָס קען מען זיך העלפען? וואָס דער טויט רויבט אוועק איז פארפאלען, מיט דער צייט וואָלט איך זיך געטרייסט, ווייל איהר וואָלט מיר פערשאפט נחת לעבעדיגערהייד, איהר וואָלט געפיהרט די ביזנעס. איי־ער טאַטע אין קבר, וואָלט אויף גע־ווים געקוואָלען. אבער יעצט, אוי וועה איז מיר, און וועה איז צו אייער טאַ־טען. איהר געהט אין קרומען וועג, אין ערגסטען וועג, וואָס עס קען ער־גער ניט זיין, און זיין ביזנעס פיהרען קענט איהר ניט, און ווען איהר וואָלט געקענט וואָלט מען אייך ניט געטאָהרט

צולאָזען דערצו, ווייל איהר קענט אין איין פערטעל יאָהר פיהרען צו באַנקראָט.

אוי, וועה איז מיר! איך וויים נאָך מעהר, איהר האָט אייער טאַטען געבראכט צום פריהצייטיגען קבר. ער פלעגט אימער זאָגען אז איהר וועט איהם טויטען, צוליעב אייער אויפפיהרונג. מיט וואָס קען איך מיך טרייסטען יעצט? אוי, בימער! און זי איז געבליבען אין אָהנמאכט.

דער נמשל, די תורה הקדושה, איז אין גרוים טרויער, זי וויינט אויף איהר מאן, הגאון הגדול, צדיק יסוד עולם, וואָס ער האָט זיין גאנצען לעבען געפיהרט זיין ביזנעס נאָר מיט דער תורה, דער מסחר פון איהר פאָטער שבשמים, און ווען אונזערע קליינע קינדערלעך וואָלטען זיך געפיהרט אין ריכטיגען וועג, ווען אונזערע קינדער די קינדער פון דער תורה, וואָלטען די ביזנעס געקענט יעצט אָנהאלטען, וואָלט זי זיך געקענט טרייסטען. אבער יעצט, חוץ וואָס זיי קענען די ביזנעס ניט אָנהאלטען, צוברעכען זיי נאָך דעם עסק התורה, און, אָה וועה, די חז"ל זאָגען: „מפני הרעה רעת הדור", נעהמט מען צו א כפרה פאר'ן דור ווען זיי זיינען זינדיג, דעם פאָטער דעם גאון, ווי אלישע הנביא האָט מספיד געוועזן אליהו הנביא ,און געזאָגט: „אבי, אבי, רכב ישראל". אוי ווען מיר גיבען א בליק אויף די היינטיגע קינדער, זעהען מיר אז דער עסק התורה איז אונטערגעגאנגען, און עס קען דאָך זיין נאָך אז ער איז נאָך א קרבן געבראכט געוואָרען פאר אונזערע קינדער'ס זינד.

ברידער, מיר זיינען דאָ אלע פערזאמעלט, זאָלען מיר מיט א ביטערען געוויין אלע וויינען אויף דעם בראָך פון דעם גאון, אויף דעם וואָס אונזער תורה הקדושה איז ביינאהע שוין אין חלשות. מונטערט איהר אָב, זעהט זי זאָל ניט שטאַרבען.

„על אלה אני בוכיה", נאָר דער גאנצער געוויין איז ווען איך גיב א בליק אויף די קליינע קינדער. „עיני עיני יורדה מים", מיין רוחניות אויג וויינט וואָס ביי זיי איז געשטאָרבען די גאנצע רוחניות. מיין גשמיות אויג וויינט ווען איך זעה זייער פיהרונג, דאן מוז איך אויסשרייען: „כי רחק ממני מנחם", עס איז וויים א טרויסט פון מיר אז פאר דעם פערלוסט זאָל אָבוואקסען פון די יונגע ,אזעלכער מענש פאר דער תורה, אויף וועמען איז דער קלאָג גרוים, ניט אויף דעם צדיק אליין, נאָר אויף דעם וואָס „היו בנ שוממים".

ד' ירחם על שארית ישראל, ויגאלנו במהרה, אָמן.

קי"ח

# בין המצרים

„ויקרא לה נבח בשמו אלה מסעי בני ישראל"

דאָקטוירים זאָגען, אז מען וויל היילען דעם קראנקען, מוז מען בעפאָר אויסגעפינען די סיבה פון דער מחלה. אז מיר ,רבנים, דרשנים, ווילען היילען דעם קראנקען ישראל, מוזען מיר אויסגעפינען פון וואנען קומט די קראנקהייט. ישראל איז שוין נעביך אויפ'ן קראנקען בעט, נאָהענט פון נײַנצעהן הונדערט יאָהר אין פינסטערען גלות, די קראנקהייט ווייסען מיר, מיר ווייסען אז ישראל האָט שוין געבראכט מיליאָנען קרבנות אין פייער און וואסער, פאָגראמען און אלע אינסטרומענטען פון דער אינקוויזיציאָן, ביז היינטיגען טאָג, האָבען מיר די זעלבע קראנקהייט, נאָר עס בייט זיך אימער אין אן אנדער פאָרמאט. פון נבוכדנצר ביז ניקאָליי דעם צווייטען— די זעלבע קראנקהייט אויף דעם אידישען פאָלק.

פון דעם אָנפאנג ,איז ארויסגעקומען די מחלה, דער חורבן פון בית שני, צוליעב „שנאת חנם", איינער האסט דעם צווייטען פאר גאָרנישט, איינער וויל הערשען אויף דעם צווייטען. אָט פערשטעהט וואָס פאר א חורבן עס איז אין די שוהלען, וואָס פאר א גרויסע שנאת חנם עס הערשט צוליעב ערוועהלען א פרעזידענט. עס קומט א לומפ, א ניעדעריגע בריאה, אָהן א מארך, א פוסטע קאָפּ, נאָר ער האָט איינִיגע אלפים און וויל ווערען פרעזידענט. דער עולם, זיינע לאנדסלייט, זאָגען אָבער לא מיט אן אל"ף, ווייל מיר קענען דיר פון צו הויזען. ווערט ער דאָך ניט, ווייל זיי זאָגען עס איז דאָ א קלוגער וואָרט פון א פילאָזאָף: „ווען דו ווילסט ניט ווערען קליין, דאן ווייז נים דיין גרויסקייט". נו, ער בלייבט יעצט קליין. און פאר א קלײנעם מענשעלע פאסט דאָך שוין אלעס. נו, הויבט ער אָן בילען אויף אלעמען, און עס ווערען מחלוקת, און צוליעב דעם ווערט א מאָל צובראָכען זייער בית מקדש מעט. צוליעב וואָס? צוליעב זיין בילען. „ויקרא לה נובח בשמו", ער שרייעט און בילט, און אלע רופען עס אין נאָמען טאקע „נובח", בילען. אבער דארום איז „אלה מסעי בני ישראל", די אלע אידישע רייזעס, וואָס זיי האָבען ביז היינט נעוואנדערט נעביך צוליעב די „כלבים הנובחים", די בילענדע הינט ,וואָס איינער בילט אויף דעם צווייטען.

די אומות העולם, וויעדער, אז זיי דערזעהען אז מיר זיינען אזוי, אין קאָורט ווערט שוין ב"ה געבראכט „ספרי תורות" ביי די טרייעלס, קריגען זיי א האס אויף אונז. ביסלעכווייז, לאנגזאם, ווערט „אלה מסעי בני ישראל" דעריבער...

אמעריקא, וויעדער, ווער קען זיי

זאָגען? דער רב מוז נעביך שווייגען,
אז ניט... ווייסט איהר דאָך וואָס מען
טהוט צום רב... ווייל אמעריקא זאָגט
אז זי איז דאָך א פרייע לאנד, און איך
גיב טאקע צו אז זי איז א פרייע לאנד,
ווייל איך ווייס זי איז פריי. אומגע־
פעהר, קויפט איהר פלייש, בעקומט
איהר ביינער פריי. קויפט איהר ברויט,
בעקומט איהר אינסייד שטריקלעך
פריי. בעצאָהלט איהר פאר אייער, בע־
קומט איהר אינסייד הינדעלאך פריי.
קויפט איהר מילך, קריגט איהר אינ־
סייד וואסער פריי. אין הייליגע אר־
טיקלען איז אויך אזוי... דארף א שוהל
א רב, אדער א דרשן, בעקומען זיי
פראָבעם א יאָהר נאָכ'אנאנד פריי. א
חזן, נעביך, זאָל זיך רייסען די האלז
פריי. א קינד וואָס קויפט שוין אָב
דעם טאַטען מיט געלד, זאָגט שוין
דער טאַטע: פון יעצט ביזטו שוין פריי
פון תפילין, פון שבת, און פיעלייכט
פון כבוד אב ואם אויך פריי. א לענד־
לאָרד פערדינגט דיר רומס, האָסטו
פריי צו האלטען צוועלף באָרדערס. אז
איינער הייראטה און ער זאָגט „הרי
את מקודשת לי“ צו זיין פלונית'טע,
זיי ווייסען אז דו ביזט אסור פאר דער
גאנצער וועלט... אבער ניט צו באָר־
דערס... אפילו פאר א פאָליסמאן איז
דאָ אויך פריי צו האקען מיט'ן קלאָב
קעפּ וויפיעל ער וויל. אפילו פאר א
רב איז דאָ אויך פריי, יעדער שוהל
מאכט איהם פריי. ווען ער וויל נור
אליין אוועקגעהן איז ער פריי. נאָך א
פרייהייט האָבען רבנים: זיי דארפען
דרשות זאָגען אלע טאָג, און דאפיר
בעקומען זיי פון דריי ביז צעהן דאָלאר
א וואָך שכירות. אי, עס איז דאָך ניט
גענוג, גיבען זיי יעדען רב די גאנצע
פרייהייט, אפילו צו געהן אין די היי־
זער... קורץ, עס איז א פרייע לאנד,
קוק און שווייג, און שטער ניט די פריי־
הייט פון דער גאָלדענער מדינה.

צוריק צו די פריהערדיגע. איך זאָ־
גען שנאת חנם האָט פעראורזאכט
אונזער פריהערדיגען חורבן און יעצ־
טיגען, וואָס איינער בילט אויף דעם
צווייטען און יעדער איז א גאנצער
קנאקער און חכם אין דער פרייער
אמעריקא, מעג מען דאָך טהאָן אלעס,
ווער קען שטערען? ווער קען וועהרען?

איך האָב די טעג געהאט די עהרע
בעזוכט צו ווערען אין מיין הויז פון
א געוויסען חכם וואָס איז געוועזען אין
הימעל און געזעהן אז עס איז נאָר
ניטא. א סך ריידענדיג מיט איהם,
האָט זיך איהם פארגלוסט א ביסעל
שפּאַס מאכען פון מיין פרומקייט, און
נאָך אזעלכע זאכען.

הער, זאָג איך צו איהם, איך וועל
דיר דערצעהלען א וואהרע מעשה.
קורץ און שארף. א גרויסען פילאָזאָף
פון די גרעסטע אין דער וועלט, האָט
איינער געפרעגט: זאָג מיר, דו גרוי־
סער פילאָזאָף, דו ביזט שוין אלט זעכ־
ציג יאָהר, וואו האלסטו שוין מיט דיין
פילאָזאָפיע?

—איך האלט ביים ערשטען
פראשק!

— וואָס הייסט? — פרעגט איהם
יענער.

— דאָס הייסט גאנץ איינפאַך, מיין
פריינד, — זאָגט צו איהם דער פילאָ־
זאָף, — איך האלט ביי דעם ערשטען

פראשק. ווען איך האב חומש געלע־רענט אנפאנגענדיג „בראשית" זאגט צו מיר מיין רבי: „בראשית", אין אנ־פאנג, „ברא", האט בעשאפען, אלהים, גאט, „את השמים", די הימלען, „ואת הארץ". פרעג איך דעם רבי'ן: זאגט מיר ,רבי, ווער האט גאט בעשאפען? אלס אנטווארט האב איך בעקומען א גרויסען פראשק, און איך האלט נאך דאבי.

אלזא, דו גראבער יונג, דומער עזעל, יענער פילאזאף, דער גרויסער דענ־קער, האט ניט געזאגט אז עס איז קיין גאט ניטא, נאר ער האלט נאך יעצט ביי דעם קלעהרען וואס ער האט נאך אנגעפאנגען אלס קינד, און ער האלט נאך יעצט דאבי ,און ער לייקענט ניט, ווען איך וואלט געקענט, וואלט איך די געגעבען א פראשק אז דו וואלסט פערדרעהט געווארען, און דאן וואלסטו דערזעהן גאט. נאר איך קען עס ניט. אלזא, היט זיך אז ער אליין זאל דיר ניט דערלאנגען קיין פראשק, און דאן וועסטו דערזעהן איהם... וואָ־רום על פי רוב אז דער אידעלע וויל אראב פון וועג, דאן גיט מען איהם איינינגע קלעפ, ווערט ער גוט. מען הייסט איהם נאר וואנדערען, ווען ער זאל האבען פרייהייט ווייסט וואס ער וואלט געבולען. „ויקרא לה נובח בשמו". און ער האט גערופען אז מיט דעם נאמען קען מען עס רופען ביללען. אט וואס דו רעדסט, און צוליעב דיר אזעלכע עזעל־קעפ, צוליעב אייער ביי־לען, איז „אלה מסעי בני ישראל", דארפען אידען ארומוואנדערען אלע מסעות, וואס זיי האבען ביז יעצט גע־מאכט.

השי"ת זאל אונז ברייננגען אין ציון וירושלים, אמן.

---

קי"ט

# ראדיקאלע

„אלה מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים לצבאותם ביד משה ואהרן ויכתב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ד' וגו'"

דאס איז די אידישע רייזע־פלעצער פון דער מדבר, די וועלכע וואס זיי־נען ארויסגעגאנגען פון מצרים, דורך משה און אהרן, און משה פאר־שרייבט זייערע רייזעס דורך גאט (וואָ־רום האט באלד די תורה ניט געזאגט דורך גאט גלייך דעם ערשטען מאל?)

איבערהויבט אין אמעריקא האבען מיר ב"ה א סך אומגלויביגע, וועלכע עס האבען ניט דערגרייכט די שטופע אז מען זאל זיי קענען רופען אפיקורסים ח"ו, ווייל אן אפיקורוס דארף קענען, און דער וואס קען און ער לייקענט רופט מען איהם אפיקורוס.

די היינטיגע רופט מען סתם בהמות. ניט איין בהמה, נור צוויי. פארוואס? ווייל דוד זאגט „ואני בער ולא ארע בהמות הייתי עמך“. ווען ער איז א פוסטע כלי, א גראבער יונג, און ער ווייסט חאטש אז ער איז דאס, דאן איז נאך ניט אזוי שלעכט מיט איהם, קען ער גערופען ווערען א בהמה, אבער ווען ער ווייסט ניט אז ער איז אזא בור, און ער דענקט אז ער איז א חכם גארט, דאן באשטעהט דער חברה מאן פאר א סך בהמות ,דאס הייסט געגליכען צו א סך. „ואני בער“, ווען איך בין א „בער“, איז איין חסרון, און „ולא ארע“, איך ווים נאך ניט אז איך בין א „בער“, איך דענק נאך אז איך בין א חכם, דאן „בהמות הייתי“, דאן בין איך גערעכענט ווי א סך בהמות.

היינטיגע בורים, מעהר ווי דעם ראַדיקאלען פייפער קענען זיי ניט לעזען, אויך מיט גענוג גרייזען, און זיי זיינען ריכטיגע גראבע יונגען, און דאצו רעכענען זיי נאך אז זיי זיינען די היינטיגע חכמים, און זיי ווייסען ניט אז זיי זיינען עמי־ הארצים, בורים, אויף מאמע לשון — גראבע יונגען, באד־יונגען. ווייל זיי זיינען אויסגעטהאן פון אלע הייליגע מדות, וואס דאס ווערט גערופען מלבושים. נו, רוף זיי אפיקורסים, וואלט דאס אן גרויסע עהרע זיין פאר זיי, נור „חמורים“, ולא כחמורו של פנחס בן יאיר“.

זיי ווילען זיין די פיהרער פון דעם איצטיגען דור, און זיי, די גראבע יונגען, די בורים ועמי הארצים, עזות פנים׳ער, אט זיי ,די גראבע יונגען, זאַגען אז אלעם טהוט זיך אהן גאט. פי־לאזאפען מיינע, א נייעס, זאגען זיי, דערצעהלט די תורה, אז גאט האט בעפרייט די אידען פון מצרים. גאר א נייעס! ווי דען? משה האט זיי בעפרייט. עס איז אזא געשיכטע ווי אייברעהעם לינקאלען׳ס בעפרייאונג פון די ניגערס, אבער מעהר ניט.

„אלה מסעי בני ישראל“, דאס איז די אידישע רייזע, און אפילו דאס „אשר יצאו מארץ מצרים“, וואס זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים, איז דאס ניט דורך גאט ,נור ביד משה ואהרן ,דורך משה און אהרן, אבער ניט דורך גאט. איז אין יענע צייט אויך געווען א קאמפאניע אזעלכע. נעהמט משה דער אדון הנביאים און פארשרייבט: ניין, גראבע יונגען, דאס איז על פי ד׳, דורך גאט, אבער ניט דורך מיר.

איך האב געהערט א שעהנעם וויטץ. א לעהרער האט געפרעגט זיינע שילער: הערט וואס איך פרעג אייך: דריי קינדער האבען פינף און זיעבעציג עפעל ,און זיי האבען זיך ריכטיג צוטהיילט, נו טא וואס האט יעדער פון זיי בעקומען? איין באי האט ניט געוואוסט אין גאנצען, איינער האט געענטפערט: צו פינף און צוואנציג עפעל יעדער, איינער, א קלוגער באי, זאגט איך ווייס וואס זיי האבען בעקומען— און דאס איז שטארקע בויך־וועהטאג.

פריינדע, דאס זעלבע מיט די גראַבע יונגען .דא האבען זיי בעקומען א פרייע לאנד, און בעקומען וואס צו פערדיענען אויך, נו, וואס האבען זיי דאדורך בעקומען ?איך וועל עס רופען ניט ווי יענער אינגעלע, „בויך־

וועהטאָג", איך וועל זאָגען, אז זיי האָבען בעקומען קאָפּ־וועהטאָג, א שווינדעל אין מוח, און זיי ריידען פון וועג, און ריידען זאכען וועלכע עס איז ניט כדאי צו שרייבען.

א סך איז נאָך דאָ פון די אלע חברה וואָס זיי מישען זיך אין קהל'שע אנגעלעגענהייטען, ווילען זיין מאכער אין שוהלען, פּרעזידענטען, אזוי בעאמטע, האָב איך זיי שוין די חברה א סך מאָל געזאָגט: חברה, וואו קריכט איהר, אז איהר גלויבט ניט אין די אלע זאכען, טאָ וואָס טויג פאר אייך זיך מישען אין די ביזנעס, שוהלען־ביזנעס, אָדער תלמוד־תורות און דאָס גלייכען? און הערט מיר אוים מיין משל, וואָס איך וועל אייך געבען דארויף, און טאקע א משל פון מדרש.

איינער האָט געהאט זעהר א שעהנעם וויינגאָרטען, ער האָט איהם געמאכט א שעהנעם פּארקען פון שטיינער, און דער בעל הבית האָט געזעצט וועכטער אינסייד צו היטען פון גנבים. איין מאָל האָט א וועכטער געכאַפּט א גנב, ער איז שוין אריבער דעם פּארקען אין מיטען נאכט . ער האָט איהם געבראכט צום בעל הבית. דער בעל הבית פרעגט דעם גנב: וואָס האָסטו געוואָלט טהאָן אין וויינגאָרטען? דער גנב זאָגט: איך האָב געוואָלט פיקסען די בוימער, אונטערגראָבען די בוימער און פארפערטיגען די ערד ,און אין כלל: פיקסען אלע בוימער אז דיין וויינגאָרטען זאָל שעהן אויסזעהן.

— חא, חא, חא! צולאכט זיך דער בעל הבית: אז דו האָט געוואָלט פיקסען, ווארום ביזטו געקראָכען איבער דעם פּארקען? דו האָסט געדארפט קומען צו מיר, איך וואָלט דיר געגעבען די שליסלען צו עפענען דעם גאָרטען, איך וואָלט דיר כלים געגעבען צו קענען גראָבען ,איך וואָלט דיר נאָך דערפאר בעצאָהלאָט. נור יעצט ביזטו א גנב, און איך וועל דיר צאָהלען ווי מען צאָהלט א גנב.

קומט אהער, היינטיגע חברה, פּרעזידענטען און בעאמטע פון שוהלען, בורים, עמי הארצים, מחללי שבת, קרקפתא דלא מנח תפילין: ווי אזוי קומט איהר אין גאָטעס גאָרטען, אין די היילינע פּלעצער? הא, וואָס ענטפערט איהר? וואָס הער איך, איהר זאָגט איהר ווילט פיקסען דעם גאָרטען ,די תלמוד־תורה זאָל בעסער וואקסען? גנבים, טא וואָס זייט איהר אריבער דעם פּארקען? איהר האָט דאָך צובראָכען דעם גדר פון דער תורה אין גאנצען, ווי קומט איהר, גנבים, צו פיקסען מיין גאָרטען? וואָס האָט איהר זיך צו מישען אין היילינע ענינים? איך וויל מעהר ניט ריידען מיט אייך, איך פון מיינער זייטע, בין אייך מוחל, נאָר בעט גאָט, ביי דעם בעל הכרם, אז ער זאָל אייך ניט בעצאָהלען...

ק"כ

# ראדיקאלע

„ועמי המיר כבודי בלא יועיל שומו שמים על זאת" וגו'

אז איך הער ווען איינער פרעגט דעם אנדערען אין סטרייט: ווי געהט דיר, מיין פריינד, דא אין אמעריקא? ער אנטוואָרטעט: גאָט צו דאנקען, פערשטעהע איך שוין, נאָך זיין אנטווארט, אז ער איז נאָך ניט גוט אָפּ. קוים זאָגט ער „גאָט צו דאנקען", ווייל די אָלרייטניקעס דאנקען ניט גאָט. זיי גלויבען אין נארישקייט מעהר ווי אין גאָט. אויף דעם מענטעלפּיעס שטעהען אייניגע געצען, קיין ספר אין הויז טאָהר ניט געדאכט ווערען, אויף דעם אָרט פון דער מזוזה הענגט א פערדישע פּאָדקאווע, זיי זאָגען אז דאָס איז מזל'דיל, נו, הערט זיך גוט איין: די מזוזה טויג ניט, נאָר די פּאדקאָווע להבדיל, טויג. און דער פערד אליין קען העלפען?

די כיתה זיינען האָטש רייך, ווען זיינען זיי אזעלכע חכמים, ווען זיי זיינען רייך. ער שטעלט זיך ניט פאָר אז ער קען ווערען ווי געוועזן, און נאָך ערגער. אָבער עס איז יעצט אויך דאָ א כיתה, שלעפּערס, וועלכע פערדיענען קוים פאר זיך אויף א לעבען, אכט דאָלאר א וואָך, מעהר אָדער וועניגער א ביסעל, און זיי ווילען ניט אנדערס מאכען גאָט א לונגען פעהלער... דווקא סמוקען דעם סיגארעטעל ביי דער שוהל, וואו מען זאָגט „ישמח משה במתנת חלקו", געהן עסען יום כפור דווקא אין א אידישען געגענד, און זאָגט נאָך אָפּטמאָל צו די אנדערע קאַמעראדען זיינע: לאכט זיך אויס פון אלעס. אָט עס איך יום כפור, זאָל ער מיט טהאָן וואָס ער וויל.

שוטה, כסיל, פתי, אויל, חסר דעה, רשע, אז דו טהוסט שלעכטעס זאָל גאָט מיט דיר זיך גלייך רעכענען? זיין עסק איז דאָס, ער וועט ניט קריגען קיין לונגען פעהלער, דו וועסט גיכער עס קריגען.

איך האָב אין א ספר געזעהן זעהר א שעהנעם משל, לעזט ווי פאָלגט:

ביי דער קאָראָנאציע פון דעספּאָט ניקאָלאָיי דעם צווייטען, שטעלט איך דאָס פאָר, ווייל פאר איהם ציטערען וועלטען, איבערהויבט זיינע אייגענע חילות, זיינע אפיצירען, פון קלענסטען ביז'ן גרעסטען, אין דער צייט וואָס ער זיצט אויף זיין גאָלדענעם שטוהל, וואו ער ווערט געקרוינט, גענעראלען מיט בלויזע שווערדען, מלכים ושרים מיט עהרען־פורכט, אין דער צייט ווען איינער זאָל זיך א קרים טהאָן — איז דאָך „אחת דתו להמית". געוויס, יעדער קוקט אויף איהם און די אויפּפּאסער שטעהען אין שרעק, עס ציטערען קליין און גרויס, אין דיעזער צייט קומט א פליג און שטעלט זיך אויפ'ן נאָז פון ניקאָלאיי און שטעכט איהם. ניט ווילענדיג הויבט ער אויף זיין האנד, און יאָגט אראָב די פליג. די פליג אבער, די עזות פנים, פליהט

ארויף אויף זיין שטערען און בייסט
ווייטער. ער טרייבט וויעדער, זי
פליהט ארויף אויף דער באק. ווען
ניקאליי וואלט געגעבען א געשרעה :
רעביאטא! נעהמט זיך צו דער מלחמה
אויף דעם פליג, ציהט אייערע שווער־
דען ,שטעלט אן די קאנאנען, מאכט א
מלחמה מיט די חוצפה'דיגע פליג! א
חוצפה, זי האט קיין רעספעקט פאר
צאר ניקאליי אליין !נו, שטעלט זיך
פאר וואס פאר א געלעכטער עס וואלט
געווארען. מען וואלט געזאגט אויף
איהם וואס ער איז ווערט מען זאל זא־
גען. ער שווייגט, נעביך, ווארום עס
איז א שאנדע מלחמה צו האלטען מיט
א פליג.

אזוי דו שייגעץ, פליגעלע נידעריי־
גער ,שמוציגע בריאה'לע, פארפוילטע
נשמה'לע, פערדישע קעפעלע, דער
„ממליך מלכים" ,דער בעשעפער פון
דער וועלט, וועט מיט דיר געהן האבען
א ביזנעס, און ער איז דאך ניט קיין
בשר ודם. ניקאליי'ען בייסט דאך די
פליג אמוועניגסטען, אבער איהם טהו־
סטו גארנישט. די איבעריגע פער־
שטעהט אליין.

די גמרא זאגט (ע"ז דף נ"ד) „אם
אין רצונו בע"ז למה אינו מבטלה?
יאבד עולמו מפני השוטים", אויב ער
וויל ניט אז מען זאל דיענען עבודה
זרה, ווארום איז ער די עבודה זרה
ניט מבטל, ווארום מאכט ער איהר ניט
חרוב און די וואס דיענען צו איהר?
ענטפערט די גמרא: זאל ער איבערפיה־
רען אזא שעהנע וועלט צוליב נארען?
אז איינער דיענט די זונן, זאל ער די
זונן מבטל זיין? „ועמי המיר כבודו
בלא יועיל", איז דאך די זעלבע קשיא:
רבש"ע, אז דו בייזערסט זיך דארויף,
וואס דיין פאלק ישראל האבען גע־
דיענט עבודה זרה, זיי האבען דיר
פארביטען אויף גארנישט, טא קענ־
סטו דאך מבטל זיין אלע „עבודות
זרות" און די דיענער זייערע דערצו.
זאגט ווייטער גאט: שוטים, צוליעב
אייך זאל איך מאכען „שומו שמים על
זאת", זאל איך די הימלען פארויסטען
צוליעב דעם? ניין, נאר „שוטים
שקלקלו עתידין ליתן את הדין", די
נארען וואס זיינען מקלקל זייער ריכ־
טיגען וועג, און פארבלאנדזשען, זיי
וועלען געבען חשבון דארויף. עס וועט
קומען די צייט.

ווארום דעם מענשענ'ס לעבען איז
גלייך צו א קינדער ־שפיעל. א גאנ־
צען טאג שפיעלט זיך דאס קינד, עס
מאכט אלערליי שפיעלכעלאך, אבער
ווען עס קומט דער אבענד ווערט עס
מיעד, לאזט ער עס איבער, אליין
געהט ער שלאפען.

# ספר דברים.

## קכ"א

## שבת חזון

„כל ראש לחלי וכל לבב דוי"

איך האלט ביי דאָס מייניגע און זאָג ווייטער די זעלבע, און וועל עס אימער זאָגען, פיעלייכט זייט איהר ניט צופריעדען, פרעג איך ביי אייך ניט, דאָס איז ווייל איהר ווילט ניט צוגעבען, און דאָס איז וואָס איך זאָג, אז וואָס דאָס יודענטהום איז אזוי געפאלען אז מען קען זאָגען אז ניעדריגען קען עס שוין ניט פאלען, איז נאָר שולדיג אין דעם די פיהרער פון ישראל, די רבנים, דרשנים, מטיפים, מגידים, פרעזידענטען, און אלע בעאמטע און פיהרער פון אידישען פאָלק.

אז מען מאכט א פרעזידענט א בעל עגלה, פיעלייכט ווייל ער ווייסט ווי צו פיהרען, יא, דאָס איז אמת, פיהרען קען ער, אָבער נאָר אן עקספרעס, א טרפה'נער ביין, א מחלל שבת, אן אוכל טריפות, השקץ והעכבר, דער איז דער בעל הבית אויף א רב, א תלמיד חכם, א צדיק און א בעל הבית אויף אלעם וואָס היילי איז. די פרעזידענטען קענען ברוגז ווערען אויף מיר, ווארום רייד איך פון זיי .זייט וויסען, אז טריפה'נע ביינער זייט איהר (געוועהנליך, ניט אלע) אבער פילאָזאָפען זייט איהר דאָך.אויך, ווייסט איהר דאָך וואָס א פילאָזאָף זאָגט: האָסטו ליעב רעדען וועגען אנדערע, הייגט ווארום ווערסטו בייז אז אנדערע רע־

דען וועגען דיר? דו, פּרעזידענט, ליעבסט צו רעדען וועגען רבנים, און מאכסט נאָך פון זיי וואָס דו ווילסט, וואס אפילו אין דיין טויזענדסטען גלגול וועסטו ניט פערשטעהן וואָס א תלמיד חכם איז, דאָך רעדסטו אויף זיי. ווארום זאָל איך וועגען דיר ניט רעדען? איך זאָג דו ביזט א מחלל שבת, טאָהרסטו ניט שטעהען אויף דער בימה און טהיילען כבודים, און אפילו ניט דאָס, טאָהרסטו קיין פּרעזידענט ניט זיין. זייט וויסען, פּרעזידענטען, וואָס זיינען מחלל שבת, אז איהר קוילעט אָב די אידישקייט.

און די צווייטע איז שולדיג אין אונזער יודענטהום די יעצטיגע „רעבנים" סעמינאריום. ווארום ווער זיינען דאָס די אידען וואָס נעהמען זיי פאר רבנים? דאָס זיינען דאָך אונזערע ליטווישע, פּוילישע, מאלאָראָסישע און דאָסגלייכען. היינט אז דער רב גאָלט דעם באָרד, דער רב שפּיעלט א פּינאָקעל, דער רב גיט א ליידי די האנד (מעהר וויל איך ניט זאָגען) אלזאָ, וואָס דארף שוין טהאָן „יקותיאל ברוך" דער לאטוטניק פון פּילווישאָק, וואָס יעצט איז ער א גרויסער אָלרייטניק?...

קורץ זאָגט ישעיה הנביא אין א פּאָאר פּערעלדיגע ווערטער: איהר רבנים, דרשנים, מטיפים, חזנים, פּרעזידעטען, איהר ווערט גערופען „קעפּ", די קעפּ פון דער עדה, ראשי העדה... די בעלי בתים ווערען גערופען די הערצער, די הארץ פון דער געמיינדע. ווי קען די הארץ קלאַפּען אז די קאָפּ איז אן אָבגעשניטענע, אָדער איז אזוי קראנק, אז עס איז גאָר ביינאהע קיין רפואה ניט פאראן. אז אָח און וועה צו דער הארץ... „כל ראש לחלי", אלע אידישע קעפּ... זיינען צוקריינקט. די פיהרער, די קעפּ, זיינען קראנק ,איז במילא „וכל לבב דוי", איז די גאנצע אידישע הארץ, די בעלי בתים, וועה, וועה געשריען, וואָס פאר א פּנים זיי האָבען...

---

קכ"ב

# לחינוך הבנים

„והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך ושננתם לבניך ודברת בם" וגו'

„אבוב לחרי זמר לגרדאי לא מקבלוהי מיניה" (יומא כ', ע"ב) די מיוזיק אינסטרומענטען וואָס שפּיעלען מיט דעם די גרויסע לייט, געפעהלט ניט די וועבער. וועבער אין צייט פון תלמוד זיינען געווען אין א ניעדעריגע שטופע, ווי עס ווערט גערעדט אין סוטה (מ"ג א') און אין עבודה זרה (ט"ז כ"ו), מגילה (י"ב ב') דארום האָבען זיי אנגענומען פאר א משל די

כונה דער פון איז אז די ארעמע און ניעדעריגע מענשען ווילען מעהר לוקס־סוס, מעהר פלעזשור, מעהר פערגעני־גען ווי די רייכע.

יעצט ווילען מיר זעהן און גוט בע־טראכטען ווארום איז דאס אזוי געפא־לען דער חינוך הבנים, פשוט ווייל מען האט גאר קיין צייט ניט צו בעטראכ־טען וואו מען האלט אליין. נו, ווי אזוי וועט מען אבגעבען זיך ווענען קינד, אז ער האט קיין צייט אליין צו לייגען תפילין ,ווארום מען דארף דאך מאכען א לעבען ,און וואס הייסט יעצט מאכען א לעבען? פאר טהעאטער־טי־קעטס, היפאדראם, סתם בילינע אמיוז־מענט ,און דאס גלייכען. היינט קאנ־טרי — דאס איז גאר א חרפה, ווער עס פאהרט ניט אין די קעטסקילס. איך ווייס פון א פאאר שלעפערס וואס צוליעב א סטרייק איז מען דעם זומער ניט געפאהרען, האט מען זיך בעהאל־טען אין הויז א פאאר וואכען, און א צוויי טעג אוועק אין בעיאנער וואלד. דארט איז דא גענוג מאסקיטאס און מען האט זיך גלאזט גוט צובייסען פון די בלוט־זויגער און געקומען. דאן הא־בען אלע געפרעגט די מיסעס ביגלערין: אה, איהר קומט פון קאנטרי? ווי האט איהר פערבראכט? און די ביגלערין האט געקוואלען און מיט שמחה דער־צעהלט אז עס איז איהר צוגעקומען אכט פונט (טריפה פלייש)...

נו, האט מען שוין צייט צו געבען אכטונג אויף דעם אינגעלע? און ווער עס גיט שוין יא דעם אינגעלע אין חדר, זוכט ביליג, בעקומט ער א רבי'ן ואס האט זעכציג קינדער. אז אהָ און ועה נעביך צום רבי'ן, אז מען מוז מיט זעכציג אמעריקאנער אפילו צו האלבע מינוט לערנען צווי מאל. די וועלט זאגט דאך אז קנעלען איז שווע־רער פון האלץ האקען . פון וואנען נעהמט זיך דאס די וועלט צו זאגען? מוז מען א קנייטש טהאן דעם שטע־רען און זאגען א פשט'ל: האלץ האקען איז וואס מעהר א גוי איז אלץ גרינ־גער, און קנעלען, וואס מעהר מיט א גוי איז אלץ שווערער. נו, ווארום האלט ער נעביך זעכציג? ווייל מען צאהלט ניט קיין פרייז. וואס זאל ער טהאן?

אויף לוקסוס איז דא, נאר ווי עס קומט צום רבי'ן — איז ניטא. איך האב אמאל אין מיינעם א דרוש גע־זאגט א וויטץ וי אזוי מען צאהלט די שכר לימוד יעצט. ער ברייננט פריי־טאג די פיידע, זאגט ער צו זיין פרוי: קיידי ,אין גראסערי גיב אב דריי דא־לאר, דעם בוטשער ,דעם לענדלארד, און זא וווייטער. אין אבענד, פאר'ן שלאפען געהן : אוי, א בראך! א קלאג! דעם רבי'ן האב איך פערגעסען, עס קומט איהם שוין פאר צוויי מאנאט. איהר זעהט: אלעמען האט ער גע־צאהלט קעש, נור דעם רבי'ן צאהלט ער מיט א „קלאג" און מיט א „בראך!, פאר אלעמען איז דא, פארן רבי'ן — א בראך און א קלאג.

ווייל דעם בוטשער מוז ער צאהלען, ווען ניט ,וועט ער ניט האבען וואס צו עסען; און עסען אין קאלאמבוס'עס מדינה איז ניט קיין ברויט מיט קרופ־ניק... א פיקניק איז א מוז... נאר דעם קינד א גוטען רבי'ן — איז א פינפ־

טער ראָד צום וואָגען. וואָס איז דער וואונדער ,אז דער טאטע זעהט דאָך אליין אויף זיך א קל וחומר: מה דאָך מיין מאַטע אין שוקיאַן האָט מיר גע־לערענט גוט, און געקענט אויך, און דאָך בין איך וואָס איך בין יעצט... היינט א פשיטא שוין מיין קינד, וועט דאָך געוויס ניט קענען... און אז ער זאָל אפילו קענען, וועט ער דאָך שוין געוויס ניט פרום זיין. נו, ווארום זאָל ער אין גאנצען לערנען?...

מיינע טהייערע, זייט וויסען ווי לאַנג איהר אליין וועט זיך ניט בע־סערען, וועט אייער קינד אין גאנצען אָבשטאַרבען מיט זיין נשמה'לע. די תורה זאָגט אין היינטיגער סדרה, און מיר זאָגען עס אלע טאָג אין קריאת שמע: „אויב דו ווילסט, טאַטע, אז דיין זוהנעלע זאָל חאָטש עטוואָס זיין א איד, איז בעפאָר דו געהסט איהם לערנען, „והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך", זאָל זיין די רייד פון דער תורה, וועלכע איך זאָג דיר אָן היינט, אויף דיין הארצען, בעפאָר דו אליין זאָלסט עס אָנקני־פען אויף דיין הארץ, דו אליין זאָלסט עס טהאָן וואָס איך האָב בעפאָר דיר אָנגעזאָגט, די מצות עשה פון „וקשרתם". און אז דו וועסט מקיים זיין די מצות תפילין, קען נאָך זיין א האָפענונג אז דיין קינד זאָל אויך מקיים זיין, אז דו וועסט דאָס אנבינדען „על לבבך", אויף דיין הארץ, דאן „ושננתם לבניך", זאָלסטו עס לערנען צו דיינע קינדער, „ודברת בם", דו זאָלסט ריי־דען מיט זיי, אלע טאָג, „בשבתך בביתך", ווען דו זעצט זיך אין הויז ביי דיין טיש, א ברכה מאך מיט זיי. דו געהסט שלאָפען, מעריב דאַווענען מיט זיי; געהסט אין וועג, „ודברת בם" און זאָ ווייטער. אָבער דאָס איז אלץ גערעדט אז דו אליין דאווענסט „מעריב", דאן „ודברת בם"... „בשכבך", ווען דו דארפסט זיך באלד לייגען, אז דו לייגסט אליין תפילין, דאן „ודברת בם", „ובקומך", אין דיין אויפשטעהן, טאַטע זיסער. א מינוט איז דיין לעבען, טאָ וויים ווי איהם צו בענוצען. ווארום זאָל דיין קער־פער פלאָגען דעם גייסט? ווארום מיר קענען ניט פאָדערען קיין פרוכט פון א בוים וועמעס וואָרצלען מיר האָבען אליין איבערגעהאַקט... פיעלייכט וועסטו מיר ניט פאָלגען און דו וועסט בעסער איינקויפען זיך בריליאַנטען, פערעל, וועל איך דיר זאָגען אז בריל־יאַנטען זיינען די לעצטע זאכען וואָס מען שאַפט זיך איין, און די ערשטע וואָס מען פערפיינט. אָבער די מצוות און תורה, וואָס דו לערענסט דיין קינד, דארף זיין ביי דיר די ערשטע זאַך, דאן וועט עס דיר ביישטעהען אויף עוויג און עוויג. פערטונקעל ניט די ריינע נשמה'לע פון דיין קינד, פון הי־מעל איז זי אראָב זעהר ריין, און זעה אז דאָ זאָל עס ניט ווערען פארשמוצט, ווארום דו זעהסט דאָך ווי קלאָהר עס איז דער פרישער שנעע פון דער הויך... דאָך, ווי שמוציג ווערט עס אויף דער ערד!... ווי ריין די יונגע נשמה'לע פון הימעל געהט אראָב — נור עס ווענדט זיך וואו זי פאַלט אריין... מאַך ניט דיין קינד'ס נשמה'לע ווי דער שנעע פון דער ערד...

מיין פריינד, וואך אויף פון דיין שלאף. ניט אומזיסט האבען מיר אזעלכע צרות יעצט... אמאל פלעגט גאט צושיקען די רפואה בעפאר דער מכה, אבער היינט שיקט ער א מכה נאך א מכה... קעשענאוו... האמעל... מאהילעוו... אדעס... קיעו... ביאליס־טאק... זשיטאמיר... און זא ווייטער. די יעצטיגע גרעסטע אידישע צרה פון דער מלחמה, די גרעסטע פון דער הים־טאריע ,און דער גרעסטער אונגליק פאר אונזערע ברידער אפילו פארן חורבן בית המקדש... וואכט אויף פון שלאף, טאטעס, מאמעס, קוקט זיך ארום וואס איז מיט אייך...

„אדחלא אכרעך זבינן זבין" (פסחים קי"ג ע"א) אז די זאמד איז נאך אויף דיינע פיס, דאס הייסט, דו קומסט יעצט פון וועג, וואו דו האסט גע־קויפט די סחורה, און די זאמד איז נאך ניט אבגעווייסט פון דיינע פיס, געה גלייך און פערקויף, פיעלייכט שפעטער וועט שוין קיין קונים ניט זיין.

דאס זעלבע קענען מיר לערנען אז דיין קינד איז נאך גאנץ יונג, און דו קומסט צוגעהן פון ביזנעס, ביזט מיעד, לערען דיין קינד די מדות וואס דו האסט געלערענט פון דיינע עלטערען, שפעטער וועט ער שוין פיעלייכט קיין קונה ניט זיין צוצונעהמען דיינע רייד.

דאס האבען אונז געזאגט די הייליגע חז"ל, אונזערע פראפעסארען. און אונזערע רבנים יעצטיגע זיינען אויך גרויסע דאקטוירים פאר'ן גייסט. איך בין ניט קיין גרויסער דאקטאר, אבער רעכענט מיר פאר א פעלדשער... און איהר ווייסט דאך אבער וואס מען זאגט אין רוסלאנד, אז א געפראקטי־צירטער פעלדשער איז בעסער צו יוזען צו א קראנקען ווי א גוטער דאקטאר, און דאס וועל איך אייך זאגען אליין א שבח אויף זיך, אז א געפראקטי־צירטער בין איך... און א פעלדשער אז איך בין רעכענט איהר... זאג איך אייך, נעהמט די רפואות פאר אייערע קליינע קינדערלאך, וואס זיינען גייסטיג קראנק. אונזערע רפואות איז בעסער צו נעהמען ווי די רפואות וואס די דאקטוירים גיבען פאר קערפערליכע קראנקהייט. דעם דאקטאר'ס מעדיצין איז א מאל אויסצונעהמען און א מאל ח"ו איינצונעהמען... אבער אונזערע רפואות איז אלע מאל אויסצונעהמען, און נאך א מאל און אפילו אלע ווײלע... מיר גיבען אייך צעהן טראפען... מעדי־צין פון דעם אלמעכטיגען פראפעסאר, די עשרת הדברות... גיט די קינדער אלע שטונדע אין א לעפעל וואסער, וואס זיי שעפען דאס אן אין סקוהל... איהר הערט אונז צו ,די צעהן טראַ־פען מוזען זיין אין גאנצען, ווען איהר פארפעהלט אין זיי איין טראפען, „זכור את יום השבת", טויג די גאנצע רפואה ביינאהע ניט... ווייל ווען איהר וועט דעם טראפען פערפעהלען וועט זיך אויף אייערע ליפען אבשטעלען נאך דער טראפען פון „כבד את אביך" וגו, ווייל זיי וועלען ריידען אויף אייך ניט ווי צו עלטערען. די ביידע האבען א מאדנע שייכות. קוים פארפעהלען זיי דעם טראפען „שבת", פאלט אויך אראב דער טראפען „כבד את אביך" וגו'.

נאָך מעהר פאר אלעס דעם ערשטען טראָפּען, „אנכי ד׳ אלהיך“, גלויבען אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט. אויב ,חס ושלום, עס פאלט אראָב דער טראָפּען גלויבען, פאלט אראָב נאָך א טראָפּען, „לא תרצח“, דו זאָלסט ניט מאָרדען, זיך אדער יענעם, ווי לאנג „אנכי, לא יהיה לך אלהים אחרים“ איז געווען ביי זיי האָט מען ניט געהערט פון פּיסטאָל־גבורים, פון געזפּייפּס, ווארום מען האָט געציטערט פאר דעם „אנכי“... דעם טראָפּען א„נכי“... היט איינוואָרצלען אין קינד, ווען ניט, פאלט אראָב נאָך א דריטער טראָפּען, „לא תחמוד אשת רעך“, דו זאָלסט ניט געלוסטען דיין פריינד׳ס פרוי... וואָס ביי די ראדיקאלען, שעהנע מענשען, ווי זיי דופּען זיך, איך רוף זיי נאָך מיאוס׳ער פאר ניגערס... — ביי זיי איז דאָס גאָרנישט...

אלזאָ, איך פעלדשער געפּראקטיצירטער, גיב אייך די צעהן טראָפּענס, וועלכע עס האָט געגעבען דער רופא עולם פאר אונז אלעמען... אום צו מאַכען פאר׳ן קינד גרינגער צו נעהמען די זיסע טהייערע, ליעבע צעהן טראָפּענס, ווייל דער קינדד איז גייסטליך קראנק דאכט זיך איהם עס איז ביטערע טראָפּענס, וועל איך אייך געבען צעהן „כללים“, ווי אזוי איהר זאָלט מאַכען אז דער קינד זאָל עס במילא קענען נעהמען און איהם זאָלען די טראָפּענס זיין זיס. איינס, איז דער „אנכי“... איינס, דארף זיין טאטע מאַמע איין דעה, איין געדאנק, איין שטרעבען, איין וואָרט, ניט פארבייטען איינער דעם צווייטען, און אז דער מאן וועט די פרוי פאָלגען און די פרוי וועט פאָלגען דעם מאן, מוז פון זיי ארויסקומען גוטע פאָלגען... און אז איהר וועט זיין איינס, פאראייניגט זיך צו אייך דער איינס, דער אנכי... דאן זייט איהר דריי פּארטנער צום קינד, וואָס די דריי פּארטנערס זיינען איינס און האָבען יעדער זיין טהייל אין קינד, און יעדער דארף זעהן גוטעס טהאָן פאר׳ן קינד, דאן מוז אייער קינד אייך געוויס ליעבען, און אז ער ליעבט אייך, מוז ער נעהמען דעם טראָפּען „אנכי“, געוויס... געדענקט ווי איינצוגעבען דעם ערשטען טראָפּען... געדענקט!

אויב איהר רייסט זיך ווי קעץ און שילט זיך ווי בלעם מיט א העסטער סטריט אידיענע, דאן האָסט אייך אייער קינד, און איהר קענט איהם דעם טראָפּען ניט געבען, דעם אנכי, ווייל ער זאָגט: ווי קומט איהר מיר געבען „אנכי“, אז איהר אליין האָט איהם ניט. וואו עס איז ניטאָ קיין שלום בית רוהט ניט די שכינה אין הויז ביי אייך. נו, וואָס זאָגט איהר? איך האָב פּראקטיקע ווי צו געבען מעדיצין?...

„לא יהיה לך אלחים אחרים על פני“, עס זאָל ניט זיין צו דיר קיין פרעמדע געטער פאר מיר, ווי לאנג די וועלט וועט שטעהען הייסט עס ,ניט פאר׳ן דור המדבר אליין האָב איך עס אָנגעזאָגט. אָבער, מיינע טהייערע, איך וועל אייך לערנען ווי אזוי איהר זאָלט דעם טראָפּען קענען איינגעבען, וועט זיין דער טייטש „על פני“. בעפאָר מיר... איהר פערשטעהט נאָך ניט טאָ הערט זיך טאָקע איין... בעפאָר דער קינד הויבט אָן אין סקוהל געהן דארפט

איהר איהם ניט לאָזען געהן אין קינ־דער גאָרטען. אויב דער קינד ווייסט נאָך גאָרנישט פון א אידעש וואָרט, נאָר איהר זאָלט איהם לערנען א ברכה מאכען, א ביסעל עברי, פיעלייכט איין אנפאנג חומש, און לויפט ניט וואָס שנעלער אריינגעבען איהם אין סקוהל, נאָך די זעקס יאָהר וועט צייט זיין איהם אריינצוגעבען אין סקוהל. די אידישקייט דארף ביי אייך זיין פריהער ווי אנדערע פרעמדע ארבייט... „לא יהי' לך אלהים אחרים“, קיין פרעמדע דיענסטע זאָלסטו ניט האָבען, בעפאָר דו לערענסט דיין קינד אידישקייט, „על פני“, בעפאָר מיר... אימער בעפאָר אלע ארבייט פרעמדע, מוז מען טהאָן פאר גאָט.

פאָטער און מוטער, אז איהר רעדט עפּעס איינער צום אנדערן, גלויבט זיך איינער דעם אנדערן, נאָר געברויכט ניט קיינע שבועות, שווערט ניט, וועט דער קינד ניט האָבען קיין נאטור צו שווערען. פון שווערען אויף אמת קומט ארויס דער שווערען אויף פאלש... נאכהער ווערט דער קינד אין גאנצען א ליגנער. ליגען ברייננגט צו גנבה'ס, און זאָ ווייטער.

נעהמט פון א פעלדשער מעדיצין, און בעטראַכט אז עס איז ריכטיגע מע־דיצין... ווארום וואָס איז דער גאנצער לעבען אויף דער וועלט?... איך האָב געלעזען, איך געדענק ניט וואו, ווי איינער שילדערט דעם מענשענ'ס לע־בען: וואָס איז דער לעבען? א ביסעל טרעהרען, א ביסעל שפּאַס, א ביסעל קנאה, א ביסעל האַס, א ביסעל ליעבע, א ביסעל געלעכטער, א ביסעל זיפצען, א ביסעל קלאָג, דער פאָרהאנג פאַלט— און א גוטען טאָג...

וואָס איז דאָס לעבען? א ביסעל שרעק, א ביסעל חלום, א ביסעל מזל טוב, א ביסעל עליו השלום, א ביסעל מאכט, א ביסעל טראכט. דער פאָר־האנג פאלט — און א גוטע נאכט...

דאן, ווען איהר זאָלט אָבער וויסען ווי צו געבען די מעדיצין אייערע קינ־דער, דאן זייט איהר זיכער אז אייער פאָרהאנג פאלט ניט קיין מאָל, דאן הויבט איהר ערשט אָן לעבען, איהר זייט נאָר אוועק פון דער סצענע, אָבער דאָרטען איז ערשט דער לעבען. ווען? ווען אייערע קינדער וועלען זיין אי־דען, „ולמדתם את בניכם“, ווען איהר וועט לערנען מיט די קינדדערלאך איי־ערע, דאן זייט וויסען אז איהר וועט לעבען אימער, „למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה“. וועלען אייערע טעג און אייערע קינדער'ס טעג גע־מעהרט ווערען ווי לאנג איהר וועט לעבען אויף דער ערד, און אז איהר וועט אָבשטארבען וועט אויך זיין „ירבו ימיכם“, עוויג לעבען, עוויג, עוויג, ווי לאנג די וועלט וועט עקזיסטירען. דאָס הייסט, קיין מאָל ניט אָבשטארבען, און איהר וועט לעבען עוויג, „כימי השמים על הארץ“, ווי לאנג דער הי־מעל וועט עקזיסטירען אויף דער ערד, — עוויג.

## קכ"ד

# ברכה וקללה

„ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, את הברכה אשר תשמעו וגו׳ והקללה אם לא תשמעו“ וגו׳

קריך אויף דעם לעבענס־לייטער, פון טרעפ צו טרעפ, ווערסטו פיעלייכט דער־גרייכען דאס העכסטע. ווען אבער דו ווערסט די טרעפ היפען, קענסטו זיך פארפלאנטערען און אראבפאלען — און וועה איז דעם געפאלענעם...

יא, וויפיעל האבען מיר דאס יעצט אזעלכע וואס היפען די שטאפלען, דאר־רום פאלען זיי טאקע באלד אראב. מען וויל אריינכאפען וואס עס בעלאנגט ניט צו איהם. ער וויל נאכטאנצען וואו ער קען ניט, ער דענקט דאמיט צו זיין א געבענשטער. אבער ניין! די גרעסטע קללה איז דאס, הן אויף דער וועלט, הן אויף יענער וועלט.

אויף דער וועלט איז אויך אפט־מאל פאלט ער אזוי פיעל אראב נאכ־טאנצענדיג און נאכשפרינגענדיג די אלע וואס קענען טאנצען. ער פאלט פון לייטער אין טיעפען קעלער, און אפט־מאל אונטער אייזערנע שלעסער, מיט אייזערנע גראטעס...

פון יענער וועלט איז ער געוויס גע־פאלען. באלד ווי ער קריגט די ברכה הערט ער אויף זוכען זיך אנצוגרייטען פאר יענער וועלט. אלזא, דענקט ער אז דאס איז א ברכה. ניין, דאס איז א קללה. א ברכה הייסט, אז דאמיט וואס ער האט עולם הזה זאל ער ניט אנוועהרען די עוויגע וועלט, די וועלט וואו מען לעבט אייביג, אבער אז דא־מיט ווערט ער אן יענע וועלט, דאן איז ער דער גרעסטער אונגליקליכער. „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה“, זעהט דאך דאס איך גיב פאר אייך א ברכה היינט, אבער חס ושלום, די ברכה קען הייסען וקללה, אויך א קללה. „את הברכה“, אט די ברכה איז פאר אייך ווען „אשר תשמעו“, אז איהר וועט צוהערען צו די מצות... „והקללה“, ווען איז דאס א קללה די ברכה וואס איהר האט „אם לא תשמעו“, ווען איהר וועט ניט צוהערען. פערשטעהט מען גאנץ גוט אז אפילו וואס אונז דאכט זיך א קללה, ער ברענגט זיין חיונה מיט פיעל מיהע, אבער אז ער איז מקיים מצות ד׳, איז דאס אליין א גרויסע ברכה.

קכ"ה

# לצדקה

„והי אחיך עמך"

דיין ברודער זאָל לעבען מיט דיר— דער אוהל יעקב זאָגט: עס איז פאראן גבירים קמצנים, וואָס זיי גיבען ניט קיין צדקה, נאָר אז זיי ווערען קראנק דאן בעזינט ער זיך, אָדער די פאמיל־יע, און מען הויבט אָן טהיילען צדקה, כדי ער זאָל געזונד ווערען. אזא צדקה גלייבט ניט גאָט, ווארום גאָט וויל אז דער גביר זאָל אויך זיין געזונד, נאָר אז געזונדערהייייד גיט ער ניט, מוז מען דאָך איהם קראנק מאכען, כדי דער ארעמאן זאָל געניסען. אלזא, איז דאָך ווען דער ארעמאן הויבט אָן לע־בען פון דעם קראנקען גביר, ליגט דאָך דער גביר אין יסורים, זאָגט די תורה: ניין, גביר, איך וויל ניט אזוי, נאָר איך וויל אז דו גיסט, זאָלסטו אויך גע־זונד זיין, „וחי", און ער זאָל לעבען פון דיין געלד, דער ארעמאן, „אחיך עמך", דיין ברודער זאָל לעבען מיט דיר צוזאמען, אבער ניט אז דוא האלסט ביים שטארבען.

איך האָב געהערט א שעהנעם וויץ פאר די קמצנים. א גרויסער גביר, און נאָך א גרעסערער קמצן איז ער געווען, קיין מאָל א פענני ניט געגעבען, ער איז געפעהרליך קראנק געווען, האָט ער אויף זיין קראנקען בעט ליגענדיג געהייסען ארייננשיקען אין שוהל פופ־ציג דאָלאר פאר ארעמע לייט. אז ער איז געזונד געוואָרען האָבען זיייי איהם געוויזען דעם רעכענונג פאר די גאנ־צע צייט, און אויך די פופציג דאלאר, וועלכע זיי האָבען אין שוהל געגעבען. רופט ער צו זיין פרוי און שרייעט אויף איהר: שטייטש, ווי גיט מען דאָס גאנצע פופציג דאָלאר? זי האָט גע־ענטפערט: שטייטש, וואָס פרעגסטו גאָר, דו האָסט דאָך אזוי געהייסען. האָט ער געענטפערט: אָט יעצט זעה איך ווי קראנק איך בין געווען, אז אזוי שטארק איז דאן געווען די היץ ביי מיר, אז איך האָב גאנצע פופציג דאָלאר אוועקגעגעבען...

---

קכ"ו

# לצדקה

„נתן תתן ולא ירע לבבך בתתך לו כי בגלל הדבר הזה יברכך ד' כי לא יחדל אביון מקרב הארץ על כן אנכי מצוך לאמר פתח תפתח את ידך לו"

דו זאָלסט דעם ארעמאן געבען און עס זאָל דיר ניט באנג טהאָן ווען דו

גיסט איהם, דען צוליעב דעם וועט דיר גאָט בענשען, דען עס וועט ניט פערמידען ווערען אן אביון אין לאנד. פיעלע פרעגען דעם שייכות „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ“ צו דאנען, ווער וואָלט דען זאָגען אנדערס, אז עס וועט ניט זיין ארעמע לייט?

נאָר דאָס איז איינפאך, א קארגען רופט מען קמצן ,דאָס איז פון דעם וואָרט „קומץ ידיו“, ער האלט אימער פערמאכט זיינע הענט, און אז ער גיט שוין יא אמאָל, גיט ער מיט איין פינגער. די איבעריגע פינגער האָט ער מורא צו עפענען. אזא חברה־מאן — אפילו ווען ער גיט שלום, גיט ער אויך נאָר מיט צוויי פינגער, ווייל ער האָט מורא, פיעלייכט שיט זיך עפעס אויס פון זיין האנד.

דארום איז זיין צדקה וואָס ער גיט פאר דעם ארעמען נעביך, קיין הילף, ווייל ער פארגינט איהם ניט, ווען ער וואָלט איהם געבען מיט אן אפענער האנד, און אלע וואָס גיבען איהם וואָלטען אזוי טהאָן, וואָלט דער ארעמאן האָבען מזל ברכה, אין די געלד און מעגליך אז ער זאָל קענען נאכהער אויפהערען צו נעהמען, אבער אז ער גיט איהם מיט הארץ־וועהטאָג און מיט א פערמאכטע לאפע... האָט די געבעכץ קיין מזל ברכה ניט...

דארום זאָגט אן די תורה: „נתן תתן לו“, געבען זאָלסטו איהם געבען, אבער „ולא ירע לבבך בתתך לו“, דיין הארץ זאָל ניט וועה טהאָן, ניט שלעכט זיין, ניט מיט פארמאכטע הענט, הייסט עס, „כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳“, דען צוליעב דעם וואָס דו וועסט איהם געבען מיט אן אפענע האנד, מיט שמחה, ניט מבייש זיין איהם, וועט ער דאָך האָבען ברכה, דער ארעמען, וועט דיר גאָט צאָהלען מדה כנגד מדה, צוליעב דעם, אז דו זאָלסט זיין געבענשט פון גאָט, און נאָך א פעולה וועט זיין מיט דיין ריכטיגען און מוטהיגען געבען, אז דער ארעמאן וועט אויפהערען זיין אן ארעמאן, אבער אז דו וועסט איהם געבען מיט א „רע לב“, דאן „לא יחדל אביון מקרב הארץ“, וועט אימער זיין ארעמע לייט... „על כן אנכי מצוך“, דארום פארזאָג איך דיר, און „לאמר“, דו זאָלסט דעם צווייטען אויך אזוי זאָגען: „פתח תפתח את ידך לו“, עפענען זאָלסטו דיין האנד צו איהם, מיט אלע פינגער, ניט מיט צוויי, דאן וועסטו גליקליך זיין פון גאָטעס ברכה.

---

קכ״ז

# לצדקה

איך האָב א סימן מובהק ווער עס איז פון אָרדען ברית אברהם, וואָס אברהם אבינו האָט געגרינדעט, דאָס הייסט אז ער איז א ריכטיגער קינד

פון אברהם אבינו, פון כלל ישראל, און ער איז ניט קיין קראנקער, און אָפּט ווייס איך ווי ווייט ער איז קראנק. דעם סימן נעהם איך פון א דאָקטאָר מעדיצין, ווען ער קומט צו דעם קראנקען, נעהמט ער זיין האנד און טאַפּט זיין פּולס .דאן ווייסט דער דאָק־טאָר ווי זיין שוואכקייט איז גרויס, און אזוי ווייס איך, דאָקטאָר פאר דער נשמה. איך זעה א איד שטעהט אנ־געטהאָן אין טלית און תפילין און דאַ־ווענט, ווייס איך נאָך ניט אויב ער איז אויף אן אמת געזונד אין גייסט אדער ער איז קראנק. ווען איך בעט איהם א נדבה פאר אן אונגליקליכען, טאַפּ איך אן וואו ער האלט מיט זיין פּולס, מיט זיין הענטעלע, מיין איך ,ווי די שוואכקייט פון זיין הענטעלע איז, ווי לאנג עס נעהמט ביז ער ברייננגט אריין די הענטעלע אין פאקעט, און נאָך די קרעפּטען נאָך, וואס ער שלעפּט ארויס פון פאקעט. א מאָל איז זיין לאפּ־קעלע אזוי שוואך, אז ער שלעפּט קוים ארויס איין פּענני, און עס נעהמט א האלבע שטונדע ביז ער דערלאנגט עס, — דאן ווייס איך אז זיינע תפילין אפילו, די קאָפּ זיינע, איז טריפה, און די תפילין איז פסול. ווייל אזא הענ־טעלע קען געווים ניט לאָזען איבערזעהן זיינע תפילין, אפילו ניט איין מאָל אין פופצעהן יאָהר.

---

קכ"ח

# לצדקה

עס ווערט דערצעהלט ווי אזוי עס ווערט געכאפּט די מאָנקי. זי גלייכט זעהר קליינע ניסלעך, נעהמט דער מאן אזא באָטעל, וואס א ליידיגע הענטע־לע קען די מאָנקי אריינטהאָן אין באָ־טעל, און ער בינדט אָן די באָטעל אן א בוים, און ער בעהאלט זיך. די־מאָנקי דערשמעקט די ניסלעך, לויפט זי צו און טהוט אריין די הענטעל אין באָטעל ,נעהמט א פולע הענטעל מיט ניסלעך און קען ניט ארויסשלעפּען די הענטעל צוריק, אבער זי לאָזט די ניס־לעך ניט ארויס פון הענטעל. דער מאן געהט צו און נעהמט איהר אָן. אפילו דאן לאָזט זי ניט איין די ניסלעך. שטייטש, מאָנקי, אז דו זעהסט אז די ניסלעך מאכען דיר אונגליקליך, דו ווערסט געפאנגען, טאָ לאָז עס איין. אָבער ניין, זי האלט עס, און דער מאן נעהמט איהר געפאנגען. און ווען קען ער ערשט בעפרייען איהר הענטעל פון דער באטעל, ערשט דאן, ווען ער גיט איהר א גוטען קלאַפּ אין הענטעל, דאן שיטען זיך אויס די ניסלעך און ער קען צונעהמען די באטעל פון איהר...

ניט אומזיסט זאָגט דארווין, ימח שמו, און די ראדיקאלע צייטונג פ... אז מיר שטאַמען פון מאָנקים... פאר

זיי זאָג איך א וויטץ, וואָס ווערט דער־צעהלט אז א קינד האָט געפרעגט זיין טאַטען: פאפא, דער פ. זאָגט אז מיר שטאַמען פון מאַנקיס, איז דאָס אמת אָדער ניט...

דער פאָטער זאָגט צו איהם: מיין קינד, איך ניט, איך שטאַם ניט פון מאַנקיס, פיעלייכט דו, מיין קינד יא... אלזא, פ. — איך און אלע אנדערע ניט, נור דו יא... און ווער נאָך — די חברה וואָס קלייבען די ניסלעך, קלייבען פו־לע הענטלעך ,און האלטען פערסמאכט און לאָזען זיך ניט עפענען פאר קיין פאל, זיי מעגען אפילו פארכאפט ווע־רען... און מען גיט ניט... מען עפענט ניט, נור דאן ווען מען גיט א גוטען קלאַפּ... זיי פון הימעל... דאן עפענט מען א ביסעל די האנד... אָט, דארווין און די ראדיקאלע צייטונג, און די איי־ניגע שטאַמען פון מאַנקיס, אבער מיר ניט...

---

קכ"ט

# צדקה

„ויאמר מנוח אל מלאך ד' נעצרה נא אותך ונעשה לפניך גדי עזים ויאמר מלאך ד' אם תעצרני לא אוכל בלחמך"

מנוח זאָגט צום מלאך: פיעלייכט האָבען מיר די עהרע מיר זאָלען דיר אויפהאלטען? עס וועט נעהמען איינ־יגע שטונדען, מיר וועלען מאכען א דיננער פאר דיר, יונגע ציגען־פלייש. זאָגט דער מלאך: אויב דו וועסט מיר אויפהאלטען, וועל איך דיין ברויט ניט עסען.

פריינדע, וואָס איז דער געדאנק „מיר וועלען דיר אויפהאלטען"? און וואָס איז דער ענטפער „אויב דו וועסט מיר אויפהאלטען וועל איך דיין ברויט ניט עסען"? ווער רעדט פון ברויט? דאָ ווערט דאָך גערעדט פון א גדי עזים?

עס זיינען דאַ אזעלכע לייטע, וואָס זיי גיבען א מאָל אן אורח עסען, אָדער א נדבה צו אזא אורח וועלכער עס קלינגט מיט איהם א וועלט, א גרוי־סען מאן, א גרויסען רב, א גרויסען דרשן, ווייל עס וועט זיי ארויסקומען כבוד דערפון... א בער א געוועהנלי־כען אידען וועלען זיי קיינמאָל ניט געבען.

מנוח, דער גראָבער יונג, מנוח, וואָס דער תלמוד זאָגט אויף איהם „עם הארץ היה" ,ער איז געווען אן גראָבער יונג, פראָסט וואָס הייסט פראָסט, מן הסתם קארג וואָס הייסט קארג, האָט קיין ארעמאן, א פראָסטען אידען, קיין מאָל גאָרנישט געגעבען, נאָר א גרויסען געטליכען מאן גיט ער יא א מאָל עסען.

דארום זאָגט ער: „נעצרה נא אותך", מיר ווען דיר אויפהאלטען, קיין אנדערען גיבען מיר ניט, ווייל זיי זייען אזוי און אזוי... און מיר וועלען מאכען פאר דיר א ציגעלע.

זאָגט דער מלאך: אויב קיין אנדערען גיסטו ניט, נור וואו עס קומט דיר ארויס א כבוד דאָרט גיסטו, דארום ווילסטו פאר מיר מאכען א דיננער, „אם תעצרני", אויב דו דענקסט נאָר מיר צו פערהאלטען, אבער קיין מאָל טהוסטו עס ניט, וויל איך ניט עסען ביי דיר קיין זאך. דיין ברויט אויך אפילו ניט. ווייל ביי א קארגען טאָהר מען ניט עסען, ניט אזוי פלייש, אפילו ניט קיין ברויט...

---

ק"ל

# לצדקה

„וטוב רש מאת כזב" (משלי י"ט כ"ב)

עס איז בעסער צו זיין אָרעם, עהדער א ליגנער. איך האָב עס קיין מאָל ניט פערשטאנען, די איינינגע ווערטער „עס איז בעסער ארעמקייט עהדער א ליגנער צו זיין". וואס איז דאָס פאר א פערגלייך? נור די ווערלט לערענט אלעס, אפילו א פסוק צו פערשטעהן אויך.

איין מאָל נאָך א דרוש, ווי איך האָב אבגעזאָגט, געהט צו א מאן צו מיר און זאָגט מיר: רבי, איהר האָט גערעדט פאר דער און דער ישיבה, איך בין יעצט אין ביזנעס, נור עס קען זיין אז די צייט געה איך עפענען א גרויסע סטאָר... און אויב עס וועט מיר מצליח זיין וועל איך געבען פינף־און צוואנציג דאָלאר פאר דער ישיבה יעדען יאָהר. יעצט קען איך ניט געבען. איך וואָלט געגעבען, נור איך האָב ניט.

דער מאן האָט געמאַכט די ביזנעס, און איך האָב געהערט אז ער איז אמת מצליח. דאן בין איך צוגעגאנגען צו איהם און ער האָט מיר אפילו שוין ניט דערקענט. נאָר איך האָב איהם דערמאָהנט וועגען זיין פערשפּרעכען. ער האָט אפילו ניט געוואָלט אויסהערען, און געבען אוודאי ניט. דאן האָב איך פערשטאנען און איהם געזאָגט: „טוב רש", בעסער וואָלט געווען ווען איהר בלייבט אן ארעמאן, דאן זייט איהר דאָך געווען דער שעהנסטער און גרעסטער בעל צדקה, ווייל איהר האָט דאָך געוואָלט געבען פינף און צוואנציג דאָלאר, עהדער יעצט, אז איהר זייט גוט אָב, און איהר זייט א ליגנער... „טוב רש מאיש כזב".

---

קל"א

# לצדקה

„גדול המעשה יותר מן העושה" (בבא בתרא ט')

דער וואס געהט צוזאמענקלייבען פאר ארעמע לייט, ער איז אין כלל אן אויפטהוער פאר די אונגליקליכע, עלענדע, ארעמע מענשען, איז ער א סך גרעסער פאר די ביי וועמען ער נעהמט די צדקה, ווייל עס איז זעהר שווער דאס צו טהאן... אמת טאקע פון פיעלע מענשען וועט ער האבען כבוד דערפאר, אבער א סך מעהר זיינען איהם מבזה.

איך האב געהערט דערצעהלען פון דעם צדיק תמים, הרב ר' נחום ז"ל, ער פלעגט טאג און נאכט ניט רוהען איין ווײלע און אימער געהן קלייבען. ער האט ישיבות אויסגעהאלטען, ארע־מע פאמיליעס, און אלע אונגליקליכע מענשען געהאלפען. ער איז א מאל אריין צו א רשע בעטען א נדבה. האט דער רשע איהרם ארויסגעשטויסען פון הויז און דערלאנגט א פראסק אין באק און געשריען: ווארום געהסטו אימער צו מיר בעטען נדבות?!

דער צדיק האט געלאסען געענט־פערט: דער פראסק איז א גוטע נדבה פאר מיר. אלזא, מיר האסטו שוין א נדבה געגעבען, אבער פאר די ארע־מע לייט וואס געהען נעביך אויס פון הונגער, פאר זיי וואס וועסטו געבען? ער האט איהם געגעבען א שעהנע נדבה, ווייל ער האט איינגעזעהן די גרויסקייט און דעם אמת פון דעם צדיק תמים. נאך א מאל איז ער געקומען צו איהם, האט דער רשע אויסגעשריען: געה פון דאנען! איך האב דיר פיינד ווי חזיר! רופט זיך אב דער צדיק: איך האב גרויס פערגעניגען דאס צו הערען פון דיר, ווייל יעצט זעה איך אז דו האסט שטארק פיינד בשר חזיר, אויב דו האסט חזיר פיינד ווי מיר, דארף מען בעסער ניט האבען, ביזטו דאך א פרומער יהודי, טא גיב פאר דיינע ארעמע ברידער עטוואס.

אלזא, דערפון קענען מיר זעהן ווי שלעכט, ווי שווער, ווי בזויה'דיג עס איז צו זיין אן אויפקלייבער פון צדקה. אבער ווי גליקליך איז ער, ווי גרויס איז ער, ווי גרויס וועט זיין זיין שכר! ווײל עס איז שווער. זאגען די חז"ל: „גדול המעשה יותר מן העושה."

## קל"ב

# לצדקה

„חסד וזבח"

צוויי אלטע לייט זיינען צוזאמען געגאנגען אויף סוכות אין ירושלים, צו שעכטען קרבנות, מקיים זיין וואָס די תורה האָט געזאָגט: דריי מאָל א יאהר זאָל מען אויפגעהן אין ירושלים, פסח, שבועות, סוכות. ווען זיי זיינען שוין אין מיטען וועג גווען, האָבען זיי דערזעהן א מענש ליגט אויפ'ן פעלד. זיי זיינען צוגעגאנגען צו איהם, און ער האָט זיי דערצעהלט אז ער איז געפעהרליך קראנק, דען ער איז אויך געגאנגען קיין ירושלים, און ער איז פלוצלונג קראנק געוואָרען. איינער פון זיי ביידען האָט געזאָגט: ער קען נאָר צוגעהן אין דעם נעקסטען דאָרף אום אָנצוזאָגען אז מען זאָל דעם קראנקען צונעהמען, און זיי זאָלען פאר איהם טהאָן וואָס מעגליך איז, אבער איך קען דאָ ניט בלייבען מיט'ן קראנקען, ווייל איך אייל מיך צו קומען קיין ירושלים, צו בריינגען מיינע קרבנות.

דער צווייטער איז אבער אנדערש געזאָנען געווען. ער איז איבערגעבליבען מיט'ן קראנקען, ער האָט איהם אין דעם נעקסטען דאָרף געבראכט, ער האָט ניט אָבגעטרעטען פון זיין בעט אויף א סעקונדע, און ווי גרויס איז געווען זיין שמחה אז ער האָט געזעהן אז דער קראנקער בעסערט זיך, נאָר איז צייטענווייז טרויעריג געוואָרען, ווייל ער האָט ניט געקענט דעם מאָל זיין אין ירושלים. און אז דער קראנקער איז אין גאנצען געזונד געוואָרען, איז שוין געווען נאָך סוכות. דער קראנקער האָט זיך געזעגענט און אָבגעדאנקט דעם אלטען, און איז זיך אוועק זיין וועג. דער זקן איז אוועק אהיים אין זיין שטאָדט גלעד.

דער ערשטער, זיין פריינד, איז אבער געקומען אין ירושלים צו דער צייט, און אז ער איז דעם ערשטען טאָג אריינגעגאנגען אין בית המקדש האָט ער זיך זעהר פערוואונדערט, ווייל ער האָט דערזעהן זיין פריינד, דעם זקן, וועלכען ער האָט איבערגעלאָזען מיט'ן קראנקען. ער וויל צוגעהן צו איהם, ער זעהט אז אָט, דאכט זיך, שטעהט ער נאָהענט נעבען איהם, און וואָס מעהר ער געהט צו איהם אלץ ווייטער ווערט זיין פריינד, דער זקן, פון איהם, און ער קען צו איהם ניט צוגעהן.

אזוי איז געווען דעם אנדערען טאָג, און אלע טעג פון גאנץ סוכות. דער וואונדער איז איהם געווען זעהר גרויס. דערצעהלט האָט ער קיינעם ניט. דעם לעצטען טאָג האָט ער דערזעהן וויעדער דעם זקן, אבער מיט אזא שעהנעם פנים, אז עס האָט געשיינט פונקט ווי די זונן אין הימעל, און ער האָט וויעדער געוואָלט צוגעהן צו איהם. ער ווינקט איהם מיט די הענט, און ער דערווייטערט זיך אלץ פון איהם.

און ווי דער זקן וואָס איז געווען אין ירושלים איז געקומען אהיים, אין דעם

שטערטעל וואו זייביידע וואָהנען, ער זעהט אז זיין פריינד דער זקן געהט צו איהם צו און גיט איהם די האנד שלום, און ער בעט איהם גלייך: מיין פריינד, דערצעהל מיר אלעס ווי עס איז פאָרגעקומען אין ירושלים, ווי עס איז מיט דיר געגאנגען אין בית המקדש, און וועגען דעם יום טוב סוכות, ווי ער איז געפייערט געוואָרען.

ווארום פרעגסטו מיר, מיין פריינד, און וואו ביזטו געווען? דו ביזט דאָך אויך געווען אין ירושלים און אויך אין בית המקדש, און ווארום ביזטו טאקע געלאָפען פון מיר, וואס פאר א שלעכטעם האָב איך דיר געטהאָן, מיין טהייערער פריינד?

וואָס רעדסטו? ווען איך וואָלט דיר ניט געקענט, וואָלט איך געזאָגט אז דו ביזט א לץ. צו דען ווייסטו ניט אז איך בין געבליבען מיט דעם קראנקען, ועלכען מיר ביידע האָבען געפונען אין פעלד?

מיין פריינד, איך שפּאָט פון דיר גאָר ניט, איך וויל טאקע אז דו זאָלסט מיר אויסהערען. זיי ווייסען, אז איך האָב דיר געזעהן אלע טאָג אין בית המקדש, און ער האָט איהם אלעס דערצעהלט, און זיי האָבען זיך ביידע געוואונדערט, וואָס דאָס איז פאר א מין זאַך, און זיי האָבען עס אימער און אימער דערצעהלט זיך איינער פאר דעם אנדערען.

אין א געוויסען טאָג, ווען זיי זיינען געזעסען ביידע אין גאָרטען, דערזעהען זיי עס געהט א מאן צו זיי, און זיי האָבען איהם דערקענט אז דאָס איז געווען דער קראנקער, און ער האָט זיך פאר זיי באלד ארויסגעגעבען און געזאָגט מיט די ווערטער צו ביידען: זייט וויסען אז איך בין דאָס דער קראנקער וועלכען איהר האָט געפונען אין פעלד, און זייט וויסען אז איך בין אליהו הנביא, און גאָט האָט איך געוואָלט אויספּרובירען ווי אזוי איהר וועט האנדלען. אלזא, דו זקן, וואָס דו האָסט ניט אבגעטראָטען פון מיר און דו ביזט ניט געגאנגען אין בית המקדש, האָט מיר גאָט געהייסען דיר זאָגען אז דו האָסט זעהר גוט געטהאָן און דו ביזט אין בית המקדש אויך געווען, וואויל איז צו דיר, וואויל צו דיין נשמה. און דו, זקן, דו האָסט אויסגעקליבען אין אזא צייט זבח מעהר פאר חסד, און געלאָזען אן עלענדען אויף דער ערד, דיין ארבייט געפעהלט ניט גאָט, און דו ביזט פאררעכענט דעם מאָל ניט פון די וואָס זיינען געווען אין בית המקדש. נאָר זיי ווייסען, אז דיין חטא וועט פארגעבען ווערען מיט חסד, אז דו וועסט פון יעצט טהאָן פיעל צדקה, וועט דיר פארגעבען ווערען. און ער איז פערשוואונדען געוואָרען פון זייערע אויגען.

לערענט, שטודירט פון דיעזער געשיכטע, וויפיעל איהר קענט. גאָט געפעהלט ניט פרומקייט אָהן גוטסקייט, ביידע אין איינעם איז גוט. און אזוי ווי דאָ האָט ניט געקענט זיין ביידע צוזאמען, איז נאָך דאָצו פקוח נפש, איז העכער געשטאַנען ווי געהן אין בית המקדש דעם ראטעווען א מענשען.

קל"ג

# מצבה

„כי האדם עץ השדה"

דער מענש איז דער בוים פון פעלד. אין פיעל הינזיכטען איז דער בוים און דער מענש גלייך, ווי איך האב שוין פון דעם געשריבען איינינע מאל. אבער יעצט וויל איך ווייזען זייער גלייכקייט, אנטקעגען דעם וואס איהר זייט דא היינט צוזאמענגעקומען אלע אבצוגעבען דעם לעצטען כבוד אייער פאטער, מיט דעם וואס איהר שטעלט פאר איהם זיין אנדענקען, דעם שטיין וואס מיר זעהען דא מיט אונזערע אויגען.

מיר האט מען געבראכט צו זאגען איינינע ווערטער אויף דעם נפטר, פאר וועמען דער שטיין איז געשטעלט געווארען. איך האב איהם ניט געקענט, ווי קען איך זאגען מעלות אויף איהם? נור ווען איך זאג „כי האדם עץ השדה", דער מענש איז א בוים, א בוים איז דער מענש, קען איך זאגען, און קען וויסען און מען דארף ניט קוקען אויף די חסרונות, וואס יעדער מענש מוז האבען, און איך וועל אייך נאר זאגען די מעלות, און מען מעג עס טהאן, און מען דארף אזוי טהאן, ווי לאנג דער מענש לעבט קען מען זיינע מעלות ניט מעסטען, און מען מעסט אימער נאר חסרונות. די גמרא זאגט אין עירובין (מ"ג ע"ב) „הרוצה למדוד גבהו של דקל, מודד קומתו וצל קומתו" — דער וואס וויל מעסטען ווי הויך דעם בוים איז, און ער קען ניט ארויפקלעטערען, זאל ער מעסטען זיין הויך און די לענג פון זיין „צל", דאס איז זיין שאטען, און נאכהער מעסטען ווי לאנג עס איז דער שאטען פון בוים. דאן וועט ער וויסען ווי הויך דער בוים איז. דאס איז אלעס גערעדט אז דער בוים שטעהט אין זיין ווארצעל, אבער אז דער בוים פאלט, און ער ליגט לעבען מענשען, דארף ער ניט מעסטען זיך מיט זיין שאטען און דעם שאטען פון בוים, נאר ער דארף מעסטען דעם בוים אליין.

דער בוים איז דער מענש, ווי לאנג ער לעבט, מעסט מען איהם דורך זיין שאטען, און פון וואנען ווייסט ער זיין שאטען? פון זיין הויך, מיט זיין שאטען, און זא ווייטער, פון זיינע חסרונות. אבער אז דער מענש ליגט שוין, ער איז געשטארבען, דאן פערשווינדעט דער שאטען, און מען מעסט איהם אהן שאטען, דאס הייסט אהן חסרונות ,נור די מעלות אליין.

זייט ויסען, אונטער דיעזען בערגעל ליגט א איד, וואס האט אלע טאג געדאווענט. דאס איז יעצט א „יקר המציאות". אלע טאג געלעגט תפילין, דאס איז שוין גאר ניט אבצושאצען ווי טהייער עס איז בזמן הזה. ער האט כשר געגעסען, שבת געהיט, קורץ — א איד, מיט'ן פולען זינען איד...

קל"ד

# מ צ ב ה

„עד הגל הזה ועדה המצבה", דער שטיין איז אימער דער עדות, די מצבה זאָגט, ווער אונטער איהר ליגט, א איש צדיק, א בעל מדות, אן עסקן במצות, די גאנצע חברה זאָגען עדות, ווייל זיי ווייסען די מעלות פון דעם מאן וואָס רוהט דאָ, אונטער דעם בערגעל ערד.

נאָר פאר אייך, קינדער און ברידער און שוועסטער, פריינד און בעקאנטע, וועל איך זאָגען ווי יעקב האָט גע־זאָגט אויף דעם שטיין וואָס ער האָט געלעגט צוקאָפּען „והאבן הזאת יהי' בית אלקים", אָט דער שטיין זאָל פאר אייך זיין א בית אלקים, א געטליכער געצעהלט, איהר זאָלט לערנען פון דעם אויפשריפט וואָס איהר אליין האָלט יעצט פאר א כבוד, דעם שעהנעם אויפ־שריפט אויף דעם שטיין, זאָל דער שטיין זיין פאר אייך א לעהרע ווי מען דארף זיך פיהרען אויף דער וועלט, און דאמיט וועט הייסען דער שטיין א געטליכע הויז, אזוי ווי אין א געט־ליכע הויז לערענט מען מוסר, אזוי זאָלט איהר מוסר זיך לערנען פון דעם שטיין. אויב ניט, איז א שאנדע פאר אייער טאַטען אין קבר.

אין בהעלותך זאָגט די תורה: „ודברתם אל הסלע לעיניהם ונתן מימיו", איהר זאָלט ריידען צום שטיין, און ער וועט געבען וואסער. איך רייד יעצט צום שטיין, דער שטיין וואָס שטעהט אויף אייער פאָטער'ס קאָפּ, און עס מאַכט אז ער גיט פון אייערע אויגען וואסער. איהר גיסט טייכען טרעהרען. משה האָט געשלאָגען דעם שטיין, און געגעבען וואסער. קינדער, פריינדע, בעזוכט אָפט דעם שטיין, קומט גיסט אויס אייערע געפיהלען דאָ ביי דעם שטיין, הערט וואָס איך זאָג אייך אָן, ווארט ניט אז מען זאָל מיט א שטעקען ציהען וואסער. דאָס הייסט ווען דער רבש"ע שטראָפט ח"ו, וועט־מען פון אייך, דאן וועט איהר גיסען וואסער אויף דעם שטיין, אז עס וועט אויסווייזען אזוי ווי דער שטיין וואָלט גיסען וואסער. רעדט בעסער צום שטיין אין פריידען, ניט אין ליידען, ניט דורכ'ן שטעקען, נאָר דורכ'ן ריי־דען.

MO



938.

קל"ה

# א סימן אויף פרומקייט

„ואתה עיף ויגע ולא ירא אלהים"

מיר זעהען אז די וואָס קומען דאווענען און זיינען וויילע אויס אויבען אויף פרומע יהודים, און עס איז פאַלש. מיר קענען זיי באלד דערקענען, צום ביישפּיעל, זאָלען מיר א ווייל געהן אין א האַלל, וואו מען טאַנצט, אנשים ונשים, און זעהן אויב זיי שלאָפען איין אין מיטען טאַנצען, אויב זיי דארפען שמעקען טאבאק אין מיטען שפּיעלען פון כאָהר מיוזיק. ווען נים וועלען זיי אנטשלאָפען ווערען. איך דענקט אז ניט.

יעצט זאָלען מיר אריינגעהן אין שוהל אפילו אין מיטען קריאת שמע, מוז ארומגעהן א טראָסטי און געבען דעם א שמעק טאבאק, ווייל ער האלט ביי אנשלאָפען ווערען, אן אנדערען א שנעל אין נאָז, וואָס ער האָט שוין אבגעשלאָפען א שטונדע. זאָגט די תורה: ישראל, איך האָב אויף דיר א גוטען בעוויז אז דו ביזט ניט פרום ווי דו דענקסט, און געוויס ניט ווי אנדערע דענקען וועגען דיר. דער בעסטער סימן אז קוים אין דער צייט פון דאוונען אָדער אן אנדער מצוה שלאָפסטו, ווארום שלאָפסטו ניט ווען דו שטעהסט אין שאָפּ ביי דעם ביגעלאייזען, אָדער מאשין, אָדער דער סטאָר קיפּער אין סטאָר? דאָרט ווערט איהר גאָר ניט פארמאטערט, דאָס איז דער סימן „ואתה עיף", אז ווי נור עס קומט צו א מצוה ביזטו מיעד, „ויגע, און דו פיהלסט זיך פערמאטערט, איז א סימן „ולא ירא אלקים", אז דו ביזט ניט קיין ירא אלקים.

---

קל"ו

# צו בר מצוה

„והיה לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך למען תהיה תורת ד' בפיך בי ביד חזקה הוציאך ד' ממצרים"

ליעבער קינד! היינט האָט מען דיר געגעבען א נייעם נאָמען, „בר־ מצוה". ווייסטו, מיין קינד, די בעדייטונג פון דעם נייעם נאָמען? איך וועל דיר דערצעהלען זיין בעדייטונג, זיינע שולדען, און דער גליק פון מענשען, וועלכער וויים ריכטיג די בעדייטונג פון די צוויי ווערטער „בר מצוה".

דו ביזט מחויב, ווי אלע אידען פון היינט אָן אין אלע מצות פון דער

תורה. פון היינט געהסטו ארויס פון נאָמען קינד, מיט אַלע קינדערשע שפּיעלזאכען, און דו ביזט א מאן ווי אַלע גרויסע, צו היטען, צו טהאָן אַלע מצות פון אונזער תורה, ווערסט גערע־כענט צום מנין, צום מזומן...

ווען איינער געהט אוועק אין סטריט און ער האָט מורא פיעלייכט קען ער פערגעסען איינע פון זיינע ביזנעס, מאַכט ער זיך א סימן, א קניפּעל אויף דער הענטשקע, אום צוליעב דעם זאָל ער זיך דערמאָהנען וואָס ער האָט צו טהאָן.

מיין טהייערער קינד, אויף די תורה האָט אונז געהייסען מאַכען א סימן, א קניפּעל, אום דאמיט צו דערמאָהנען זיך די הייליגע פּפליכטען, וואָס פון בר מצוה אן ליגען זיי אויף דעם מענשען, ווייל דער מענש איז דאָך נאָך יונג, האָט די תורה פאַרזאָגט, „והי' לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך, למען תהי' תורת ד' בפיך" וגו', דאָס איז די בעדייטונג, אָנקניפּען תפילין אויפ'ן קאָפּ, תפילין אויפ'ן ארעם ,אלס צייכען אז ער זאָל ניט פערגעסען אפילו אויף איין רגע, און ווי איך וועל דיר גלייך ווייטער ערקלעהרען.

אויפ'ן קאָפּ, ווארום? ווייל דער קאָפּ איז דער אָרט פון טראַכטען, די האנד איז די פעולה, דער תכלית, פון טראַכ־טען, וואָס די האנד דארף ערפילען וואָס דער קאָפּ טראַכט, דאָס הייסט, מעהר דייטליך, אז דער איד מוז אימער טראַכטען גוטעס צו טאָהן, און די האנד דארף דאָס גוטעס טהאָן.

דער של יד איז איין בית, און האָט קיין ווענטעלעך, רום, פאר יעדע פרשה בעזונדער, נאָר עס איז אין איין בית די פרשיות. דאגעגען דער של ראש, האָט פיער ווענטעלעך, יעדע פרשה אין אן אנדער רומקעלע. וואָס בעדייטעט עס? דאָס בעווייזט חאָטש די גדאנ־קען פון יעדען מענשען, פון יעדען ראש, קאָפּ, קענען זיין פערשיעדען, אָבער אז עס קומט צו מצות ד', דארף די האנד טהאָן אזוי ווי אלע טהוען, מצות מעשיות. דער עלטערער מענש האָט אן אנדער געדאנקען ווי דער יונ־גער, דאָך צו טהאָן מצות של יד, מיט'ן יד זיינען אלע גלייך... און אלע דאר־פען מקיים זיין .

די פיער פרשיות זיינען נעמליך, „שמע", „והיה אם שמוע", „קדש", „והי' כי יביאך" . יעדער פרשה בע־ווייזט אונז וויכטיגע און הויכע אי־דעאלען. יעדער אומה פון די פארציי־טיגע האָט געזאָגט דאָס יעדער פאָלק האָט אן אנדער גאָט. דער איד אָבער האָט אימער געפּראָקלאַמירט אחדות הבורא, ד' אלקינו ד' אחד, איין גאָט אויף דער גאנצער וועלט, און ביסלעכ־ווייז האָט אונזער אומה הישראלית געלונגען אויפצואווייזען דיעזע נאציאָ־נען די זעלבע פּראָקלאַמאציע, און אי־בער א האלבע וועלט גלויבט אין אחדות הבורא...

די צווייטע פרשה „והי' אם שמוע תשמעו ונתתי מטר ארצכם" וגו' ועבדתם אלהים אחרים וגו' ועצר את השמים", דאָס לערענט אונז, ליעבער קינד, אז ווי גליקליך איז דער מענש, וואָס פאָלגט נאָך די געזעצע פון דער תורה הקדושה ,דאָס נאַטור פון דער וועלט איז פיר איהם גינסטיג און זי

טהוט איהם גוטעס, ווען דו וועסט אבער נאָך פאָלגען געצען דיענסט, אָדער צופיעל דעם „אלהי הזהב", דעם דאָלאר, דאן וועסטו ניט קענען, מענש, עקזיסטירען ,די נאטור וועט דיר ניט געבען וואָס זי דארף דיר געבען, די הימלען וועלען פערהאלטען דעם רעגען...

ווייטער איז געשריבען, „ושמתם את דברי אלה על לבבכם וגו' למען ירבו ימיכם וימי בניכם" וגו', צו ווייזען דאָס אונזער תורה הקדושה איז א טהייערער לעבעדיגער מעדיצין, אז די וואָס היטען איהר אָב, די לעבען דעם עוויגען לעבען. ער וועט קיין מאָל אָבשטארבען פון דער היסטאָריע, ער וועט לעבען עוויג.

די דריטע פרשה „קדש לי כל בכור" וגו', לערענט אונז די תורה, דאָס דער מענש מוז וויסען אז די ערשטע, דאָס איז די ערשטע צייט פון טאָג געהערט צו גאָט ,דאוונען, תפילין לייגען, די ערשטע צייט פון דעם אנדער האלבען טאָג — דאוונען מנחה, די ערשטע צייט פון דער נאכט — מוזטו דאוונען מעריב, די ערשטע בעפאר דעם עסען — מוזטו מאכען א ברכה, און ווען ניט הייסט עס אז דו ביזט גערופען כאלו גוזל המקום.

די פיערטע פרשה „והי' כי יביאך" וגו' לערענט דיר, מיין קינד, און דעם גאנצען כלל ישראל, צו גלויבען אין די רייד פון אונזערע נביאים, אזוי ווי אין דער צייט וואָס די אידען זיינען נאָך געווען אין מדבר, און זיי דארפען נאָך וואנדערען גאנצע פערציג יאָהר, האָט ער זיי שוין געלערענט די מצות התלויות בארץ, און ער האָט זיי צוגעזאָגט געבען ארץ ישראל, און ער האָט מקיים געווען זיין צוזאָג.

דאָס זיינען, מיין קינד, די צייכען און סימנים וואָס לערנען אונז די תפילין, וואס דו האָסט אנגעטהאָן זיך צו דיין ווערען דרייצעהן יאָהר, או ביז דיין גרויסען עלטער זאָלסטו דעם ציערונג האלטען אויף זיך, אָמן.

קל"ז

# מסחר התורה

(מדרש) „ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך ברוך אתה בבואך בפרקמטיא שלך— וברוך אתה בצאתך בפרקמטיא שלך"

דעם מדרש האָב איך יאָהרען לאנג ניט פערשטאנען, אז די תורה זאָלריידען נאָר פון ביזנעס, אז דו וועסט זיין געבענשט מיט דיין קומען, מיינט מען מיט דיין סחורה, מיט דיין ביזנעס, און אז דו וועסט אוועקגעהן פון יאריד זאָלסטו זיין געבענשט. פיעל דיינקענדיג האָב איך זיך בעזאָגען אז

דאָס איז גאָר א ברכה פאר די לומדים און רבנים, איבערהויבט פאר דרשנים, און דאָס געהט טאַקע פאר דער תורה... די ברכה!

דער האנדעל פון דער תורה איז בע־סער ווי דער האנדעל פון אלע ביזנעס, אפילו פאר דיימאָנד ביזנעס. ווען מיר וועלען בעטראכטען פון ביזנעס וועלט, אומגעפעהר אז א שיקאַגאָ'ער גרויסער ביזנעס־מאַן קומט אין נויאָרק קויפען פאר צעהן טויזענד דאָלאר סחורה, איז דאָ א מעלה מיט א חסרון ביי איהם. אז ער קומט אין נויאָרק איז ביי איהם די מעלה, ער האָט צעהן טויזענד דאָ־לאר, אבער א חסרון — ער האָט קיין סחורה ניט. נאכהער אז ער ספענדעט דאָס גאנצע געלד, ער האָט איינגע־קויפט סחורה, ווייטער א מעלה מיט א חסרון: א מעלה — ער האָט סחורה, א חסרון — ער האָט קיין געלד ניט.

דער סוחר קומט אין דער היים, ער נעהמט פארקויפען די סחורה, ער קריגט געלד — א מעלה א גרויסע. אלע וויילע איז אבער גרעסער דער חסרון — עס פעהלט סחורה...

דער וואָס האָט די בעסטע סחורה, די תורה, ער קומט אין א שטאָדט און זאָגט א דרוש, ער האָט יעצט געלד, און האָט די סחורה ווייטער מיט זיך, ווי ער איז געקומען מיט די סחורה, און אזוי פאָהרט ער אוועק מיט די סחורה, און אמאָל גיט ער די זעלבע סחורה אין דער צווייטער שטאָדט, אויב ער האָט ניט פיעל סחורה...

אלזאָ, דאָס געהט אויף דער תורה, אז ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך, געבענשט זאָלסטו זיין ביי דיין קומען, אָהן א חסרון, און ביים אוועק־געהן, אויך אָהן א חסרון. ווי קען עס זיין? נאָר ביי דער תורה, „בפרקמטיא שלך", מיט דיין בעוואוסטע סחורה, מיין ליעבער איד.

---

## קל"ח

# ימים נוראים

„אתם נצבים היום כלכם לפני ד' אלהיכם ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטדיכם כל איש ישראל. טפכם נשיכם וגרך וגו' עד שואב מימיך"

ווארום איז די תורה מפסיק מיט די דריי ווערטער „כל איש ישראל" אין מיטען די רייד נאָך „ושוטריכם"? בעסער וואָלט געווען ווען עס וואָלט געשטאַנען נאָך „שואב מימיך" „כל איש ישראל", אז עס איז נאָך ניט גע־ענדיגט די רייד. די תורה האָט נאָך געדארפט דערזאָגען אז טפכם, נשיכם וגו' ביז שואב מימיך איז אלע אתם נצבים.

פרומע אידען קענען פיעלייכט זאָ־גען: וואָס דארפען מיר אזוי שטארק

מורא האבען פאר'ן יום הדין? מיר האַבען שבת געהיט, תפילין געלייגט, אלע מצות התורה מקיים געווען, און קיין שלעכטעס האַבען מיר ניט געטהאַן, טאַ וארום זאָלען מיר יעצט דארפען מורא האַבען? דער רבש"ע ער איז ניט „מקפח שכר כל בריה", זאָגען דאָך די חז"ל?

קומט די תורה ערקלעהרען די פרומע אידען, און אפילו גאַר די רבנים, און די גרויסע צדיקים, אז זיי האַבען נאָך מעהר מורא צו האַבען פאר'ן יום הדין הגדול והנורא. דו רב, מנהיג העדה, דו ביזט פעראנטוואָרטליך פיר די גאַנצע עדה דיינע, פיעלייכט האָסטו זיי ניט מדריך געווען ווי מען דארף, און דו, צדיק, ווייסט דאָך וואָס די חז"ל זאָגען, אז דער יעניגער וואָס ביי איהם איז אין האנד צו ווערען יענעם שלעכטעס ניט צו טהאָן, און ער שטערט זיי ניט, ווערט ער פעראנטוואָרטליך פאר די יעניגע.

„אתם נצבים היום כלכם", איהר שטעהט היינט אלע פאר'ן יום הדין פאר אייער גאָט, אפילו „ראשיכם", די רבנים, „זקניכם", די תלמידי חכמים, אלע צוליעב „כל איש ישראל" וואָס איהר זייט פאר זיי פעראנטוואָרטליך. די פרויען, אפילו גאנץ פרומע, איהר דארפט מורא האבען פאר אייערע קינדער, וואָס איהר האָט זיי פיעלייכט ניט מדריך געווען אין גוטען וועג, טפכם, נשיכם", ווייל אייערע קינדער שטעהען גלייך מיט די פרויען צום יום הדין. זעהט מאמעס, זעהט איהר קליינע קינדערלאך, ניט ח"ו אבגעריסען צו ווערען פון אייערע עלטערען, און די עלטערען ניט פון אייך, צוליעב די זינד פון אייך, ווייל די מאַמעס דארפען פאר אייך פעראנטוואָרטליך זיין...

---

קל"ט

# מ ז ו ז ה

אמעריקאנער גלויבען גאַר ניט און אָפט גלויבען זיי צופיעל. זיי גלויבען אין אלע נארישקייטען, גלויבען אין א פערדישע פּאָדקאווע, אָנצוקלאפּען אויפ'ן שוועל, אין מזוזה און אין דעם שדי וואָס דאָס מאכט שומר דלי ישראל, ער היט די ארעמע אידען, דאָס קלאַפּט ער ניט אָן, נאָר, להבדיל, די פּאדקאווע יא. ניט לאנג בין איך אריין צו איינעם אין א גראָסערי, איך זעה אז די פּאדקאווע איז אָנגעקלאפּט.

זאָג איך איהם: ליעבער פריינד פ., איך האָב יעצט געמיינט אז איך בלאָנדזשע ארום. דאכט זיך דער זעלבער נומבער?

— וואָס רעדט איהם, רבי לאזאַראָוו? איהר קומט דאָך אָפט אריין, טאָ וואָס איז געשעהן?

זאָג איך צו איהם: ליעבער פריינד, איך האָב געמיינט אז דאָ איז געוואָרען א סטייבעל פון פערד, ווייל איך האָב אויפ'ן שוועל געזעהן א סיין

אויפ׳ן טיהר אז דא וואהנט א פערד.
—שטייטש, וואס רעדט איהר? איך בין א פערד?
— יא — זאג איך — א צוויי־פי־סיגער פערד, האט מיר קיין פעראיבעל ניט, מיסטער פ׳.
— פארוואס זידעלט איהר זיך?
— ניין, מיסטער פ׳, איך זידעל אייך ניט, איהר זידעלט זיך אליין. אז איהר האט ארויסגעשטעלט א סיין א פארקאווע אויפ׳ן שוועל, נו, האב איך געמיינט אז דא וואהנט א פערד!
— יא — זאגט ער צו מיר — מען זאגט אז דאס איז א סגולה צו ביז־נעס.
— ווער האט עס אייך געזאגט — פרעג איך איהם.
— א פרוי, א קאסטאמער מיינע האט דאס מיר געזאגט אז א פערדי־שע פארקאווע איז א סגולה צו ביזנעס.
— גלויבט איהר די נארישע פרוי א זאך וואס קען ניט זיין?
— פארוואס — פרעגט ער מיר — קען עס ניט זיין?
פרעג איך איהם: זאגט מיר, ליעבער פריינד, ווער איז געווען קליגער, דוד מלך ישראל אדער די פרוי?

— אה, — זאגט ער, — ליעבער רבי לאזאראוו, וואס איז דאס פאר א פראגע? געוויס איז דוד המלך געווען קליגער!
— אהא, — זאג איך צו איהם, — זעהסט איצטער וואס דוד מלך ישראל זאגט „שקר הסוס לתשועה", עס איז פאלש דער וואס דענקט אז דער פערד קען איהם העלפען. אין מלחמה איז פאלש, טא ווי איז פאלש און נאריש א פארקאווע? די אמעריקאנער וואס גלויבען ניט, דאכט זיך, אין תורת משה, און גלויבען אין קיין זאך ניט, ווי איך האב געשריבען אין דער פא־ריגער רעדע, אבער אמעריקאנער גלוי־בען אז נומער 13 איז ניט מזל׳דיג. איך האב עס ניט געגלויבט קיין מאל, אז מען פלעגט מיר ערצעהלען אז עס איז פאראן אידען וואס ווילען ניט מו־פען אין א הויז וואו עס איז א נומער 13, וואס, דאכט זיך, קען דער נומער ניט זיין מזל׳דיג? ביז איך האב גע־זעהן מיט מיינע אויגען אז אין אמע־ריקא איז טאקע נומער 13 א צרה. ווי דער קינד ווערט 13 יאהר זא הערט ער אויף לייגען תפילין. אוי, א צרה׳דיגער נומער דאס איז רח"ל!

---

ק"מ

# לצדקה

עס ווערט דערצעהלט דאס דער פא־ריזער ראטשילד, אפט אז ער געהט אין סטריט, געהט ער אפט מיט פראס־טע בגדים, אז מען דערקענט איהם ניט. איין מאל אזוי פראסט געהענ־דיג, איז ער אריינגעגאנגען אין א בארבער שאפ זיך שעהרען. דארט איז געזעסען איינער א לארד מיליאנער און

אן ערדלמאן. ער האט בעמערקט אויף ראטשילד'ס ארעמע קליידער און פון זיין אויסזעהן האט ער פערשטאנען אז דער יונגערמאן איז אן ארעל, אבער ער מוז זיין יעצט זעהר געדריקט, ווייל ער געהט אזוי פראסט געקליידעט. דענקט דער לארד אז געווים איז ער א גביר געוועזן, נאר יעצט איז ער גע־בראכען. ווען ראטשילד איז ארוים פון בארבער שאפ ,איז דער לארד איהם נאכגעגאנגען, און ער האט איהם צור־גערופען און געזאגט: זעהט, יונגער־מאן, איך זעה אויף אייך דאס איהר זייט פון גרוים אדעל און געווים זייט איהר רייך געוועזן, אלזא, וויל איך ניט איהר זאלט מיר עפעס ערצעהלען, ווייל איהר וועט זיך שעהמען, טא נאט אייך א טשעק אויף 5 טויזענד פראנק פיר אייער בעדערפעניש. מיט דעם קען איך אייך בעהילפיג זיין.

פון דעם אונטערשריפט פון דעם טשעק האט ראטשילד געוואוסט ווער דער געבער איז. אין צעהן יאהר ארום האט דער באראן ראטשילד געלעזען אין צייטונג דאס דער און דער לארד איז זעהר געפאלען אין ביזנעס און ער האלט ביי באנקראט. דער לארד ער־האלט א לעטער פון באראן ראטשילד דאס ער פערלאנגט זיך מיט איהם צו זעהן. ער האט זיך פיעל געוואונ־דערט, וואס דארף איהם דער באראן האבען, דאך איז ער געגאנגען. צווישען אנדערע רייד, פרעגט איהם דער בא־ראן: געדענקט איהר, הער לארד, מיט צעהן יאהר צוריק אין יענעם און יע־נעם בארבער שאפ האט איהר געהאל־פען אן ארעמען יונגען מאן מיט פינף טויזענד פראנק?

— יא, איך עראינער זיך, אבער איך וואלט גערן געוואלט וויסען פון וואנען ווייסט דאס דער באראן?

—איך ווייס — ענטפערט דער בא־ראן ראטשילד — און ער האט איהם דערצעהלט די גאנצע געשיכטע.

אלזא, בעסטער הערר לארד, זייט וויסען, דאס איך האב עם באלד אריינ־געטהאן אין א ביזנעס, איך האב צור־געלעגט נאך פינף טויזענד פראנק. די ביזנעס איז אוועק זעהר גוט, אז עס איז אין דעם פערלויף פון די צעהן יאהר ארויף די ביזנעס ביז צעהן מיל־יאן פראנק. יעצט, מיין פריינד הערר לארד, מעהר וויל איך די ביזנעס ניט אנהאלטען, דאס איז פון אייער געלד געמאכט געווארען, אלזא איז ער איי־ער ביזנעס...

צו דעם לארד איז געגליכען דער מענש וואס וויל גוטעס טהאן אויף דער וועלט מיט זיין געלד. ער גיט דעם ארעמאן, זאל ער ניט מיינען אז ער מאכט דעם ארעמאן גליקליך. צדקה הייסט זייען, „זרעו לכם לצדקה (הושע יו"ד) און וואס טהוט גאר דער רייי־כער ראטשילד, אי, א סך רייכער פאר'ן באראן ראטשילד, דאס איז דער רייכער גאט, ער פארזייעט די די פראפיט דערפון קריגט דער געבער.

קמ"א

# א רעדע פאר א בר מצוה.

געעהרטע פערזאמעלטע וואס געפינען זיך היינט אין דיעזען מקום קדוש, ליידיעס און דזשענטלמען!

וועל איך אייך בעטען דאס איהר זאלט אויסהערען איינינע ווערטער פון דעם נייעם מעמבער אייערען, דעם יונגען באי, וואס שטעהט יעצט פאר אייך, און וואס קומט אריין אין אונזער גרויסען ארדען „ברית אברהם", דאס הייסט, דער ארדען וואס צעהלט פופצעהן מיליאן מיטגליעדער, דאס גאנצע יודענטהום, וואס ער איז געגרינדעט שוין די פיערטע טויזענד יאהר, פון אונזער געעהרטען גרינדער, דער געטליכער נביא, אברהם אבינו.

דער היינטיגער טאג איז א דאפעלטע שמחה, פאר מיר און פאר מיינע עלטערען, דער טאג פון מיין געבורטס, און דעם טאג וואס קען מיר באריהמען דאס איך בין געווארען א איד, א מיטגליעד צום גרויסען ארדען.

היינט זיינען מיינע יאהרען פאראיבער דרייצעהן, פון מיין לעבען וואס זיי זיינען פערשוואונדען אין דעם ים פון דער היסטאריע.

אבער דאך, ווען איך בעטראכט די איינינע יאהרען, קען איך מיט שטאלץ זאגען, אז די יאהרען זיינען פערשוואונדען, אבער דעם פערמעגען וואס איך האב ערווארבען אין די איינינע יאהר, טהוט זיך פרעהען מיין הארץ, אז איך האב ערררייכט א גרויסען פערמעגען פון מיינע עלטערען, זאלען געזונד זיין, און דער פערמעגען איז דאס זעלבע וואס דאס איז טהייערער פאר די אלע קערפערליכע פערמעגען, וואס דאס ווערט גערופען נפש...

די ערציהונג וואס מיינע עלטערען האבען מיר געגעבען אין לערנען די אידישע רעליגיאן, דעם גרעסטען פערמעגען וואס זיי האבען מיר געגעבען, דאס איז צוויי הייזער (בתים), דאס איז די תפילין, וואס האבען שני בתים, איינער אויפ'ן האנד און די צווייטע אויפ'ן קאפ.

ניט קיין גאלד, ניט קיין זילבער ווערט געפונען אין די „בתים", נור שווארצע אותיות, געשריבען אויף ווייסען פארמעט, אבער זיי בלאסקען ווי די טהייערסטע דיאמאנטען אויף מיין קאפ און האנד.

אונזערע חכמים די בעלי התלמוד האבען געזאגט אין סנהדרין (מ"ח) „צפן זהב פסולות", ד. ה. ווען ער האט די תפלין בארעקט מיט גאלד איז פסול, און אין מנחות (ל"ה) זאגען זיי „רצועות שחורות הלכה למשה מסיני הוא", ד. ה. אז די רצועות מוזען זיין שווארצע, האט הקב"ה געלערענט צו משה'ן אויפ'ן בארג סיני, און משה האט עס אזוי געלערענט צום פאלק, אז די רצועות דארפען זיין שווארצע. איך אלס יונגער קינד פערשטעה אויך שוין אז דא איז א גרויסע שווערע פראגע. איך אלס יונגער קינד פערשטעה שוין אויך זא ווייט, וויל איך

האָב שוין דאָס פון דער וועלט ערפאהרען, דאָס גאָלד צו האָבען איז די גאנצע גלוסטיגקייט פונ'ם מענשען, דער שטרעבען און לעבען פון דער מענשהייט איז גאָלד און גאָלד און ווייטער גאָלד! און ווער עס האָט גאָלד ערורייכט דער ווערט גערופען גליקליך. מיט גאָלד פוצט מען זיך אליין, מיט גאָלד ציערט מען אויס די הייזער. טאָ ווארום האָבען די חכמים געזאָגט אז מען וויל אויספוצען די בתים פון די תפלין מיט גאָלד פון אויבען בערעקען, אז דאָס איז פסול? אויך ווארום האָט הקב"ה אויסגעקליבען די מראה שווארץ פאר רצועות?

נאָר, מיינע געשעצטע הערען, ווען איך וועל זיך פאָרשטעלען פאר אייך היינט מיט מיין יעצטיגען נייעם נאָמען „איד", אז איך ווער היינט א פאָלקאָמענער איד ביי דעם יודענטהום, אייך צו ערקלעהרען וואָס א איד און יודענטהום איז, ווייס איך אז מיין ידיעה איז קליין, נור דאָך ווייל איך בין יעצט אריינגעטראָטען אין דעם הייליגען נאָמען, וועל איך א קליינעם בליק געבען, א טראָפען פונ'ם גרויסען ים, וואס דאָס בעדייטעט איד און יודענטהום...

דאָס יודענטהום איז די מוטער פון אלע אמונות, א געטליכע טאָכטער, די ליכט פון דער וועלט, וועלכע אלע נאַציאָנען זיינען פאר דעם שיין פון דעם ליכט געגאנגען און געהען אויך יעצט, די ליכט פונ'ם לעבען, וואָס פּרעדיגט די לעהרע פון רחמנות, ליעבע און ערבארעמליכקייט, צדק און יושר, אין דער צייט וואָס אלע פעלקער זיינען געזעסען אין דער פינסטערניש פון בילדונג, פערזונקען אין זומפּ פון אומוויסענהייט און תאוה, און זיי האָבען זיך געבוקט צו אלע בהמות, חיות שקצים ורמשים, און צו די צבא השמים, דאן איז געקומען אברהם אבינו, דרייצעהן יאָהר אלט, (איינער זאָגט ג' שנים הכיר אברהם את בוראו, און איינער זאָגט בן מ"ח, און איינער זאָגט בן י"ג), און ער האָט ערקלעהרט די גאָטהייט, דורך זיין גרויסען פערשטאנד, און ער האָט אויפגעוויזען אז גאָט האָט געשאפען הימעל און ערד, און אלעס וואָס אין דער וועלט געפינט זיך, ער האָט זיי געעפענט מיט זיין חכמה די בלינדע אויגען, אז ניט אין כח פון א בוים אדער אנדער פלאנצונג, אָדער בהמות און חיות, איז גאָט, ער האָט אין זיי איינגעפלאנצט די געטליכע אמת'ע אמונה הטהורה.

פון אברהם אבינו ביז משה רבינו האָט איינער דעם אנדערען איבערגעגעבען די אמונה, ביז עס איז געקומען דער „עבד אלקים", און האָט מקבל געווען די תורה פון גאָט אויף דעם בארג סיני.

דאָס איז די מטרת היהדות: צו גלויבען אין גאָט און אין זיין השגחה, און איהם צו דיענען מיט'ן גאנצען קערפּער, און אפילו מיט דער נשמה, אוועקצוגעבען ווען עס ווערט ח"ו געפאָדערט, און צו גלויבען אז עס איז א השגחה פון הימעל וואָס ברענגט צום משפּט אלע מעשים רעים און מעשים טובים.

דאן וועט דער מענש היטען זיין יעדען טריט ,ניט חס ושלום אוועקצוגעהן

אין קרומען וועג, און נור דער מענש קען ערשט גליקליך זיין ווען ער געהט אין גלייכען וועג ,אין דעם וועג פון אברהם העברי.

ווי די תורה זאָגט, „ועתה ישראל מה ד׳ אלקיך דורש מעמך, כי אם ליראה את ד׳ אלקיך, ללכת בכל דרכיו, לשמור מצות ד׳ אשר אנכי מצוך היום לטוב לך.“

אונזערע חכמים, די בעלי התלמוד, האָבען אונז ערקלעהרט אין עירובין כ"ב „אין התורה מתקיימת אלא במי שמשחיר עצמו עליה“, די תורה קען אנדערס קיין קיום ניט האָבען, נאָר ביי דעם יעניגען וואָס ווערט פער־שווארצט דורך איהם, דאָס הייסט, אפילו ער האָט שאָדען דורך דער תורה, ער האָט צרות דורך דעם, מוז ער אויך אלעס אָבהיטען, אפילו חס ושלום פער־שווארצט ווערען און האלטען די תורה, דאן וועט די תורה האָבען ביי איהם א קיום ,ניט ווי די וואָס זאָגען איך וועל קיין תפילין לייגען, ווייל איך האָב קיין צייט ניט, איך מוז געהן פערדיענען, און זוכען גאָלד, און איך וועל בעסער צדקה געבען, איך וועל אויף די תפילין בעסער מיט גאָלד בע־דעקען, — זאָגען די חכמים: פסולות, זיי זיינען פסול, ווייל ער לייגט זיי ניט און קוקט ניט אויף זיי... ער איז פסול, ער ווערט גערופען א „פושע ישראל“, א פערשולדיגטער איד...

ווי דען דארף זיין, מען מוז אפילו א איד זיין, לייגען תפילין, וואָס דאָס הויבט זיך אָן פון דעם טאָג וואָס ער ווערט א איד, צו דרייצעהן יאָהר — אפילו חס ושלום ווען איהם שאָדעט דאָס עטוואָס צו זיין לעבען מאכען, ווי איהם דאכט זיך... דעם סימבאָל גיט איהם די רצועות אליין, רצועות שחורות דארף זיין!... דער אונגליק איז אז ווי ער קען נור פערדיענען און נאכ־הער אז ער ווערט גוט אָב, און האָט שוין גאָלד, לייגט ער אוועק די תפילין, „צפן זהב“, ווערט שוין פסולות...

מיינע טהייערע, ליעבע, עלטערען, יעצט וועל איך צו אייך עטוואָס ריי־דען: פאָטער און מוטער, אייך דאנקען דאפיר וואָס איהר האָט מיט מיר גע־טהאָן ביז היינט איז אונמעגליך! קען מיין שוואכעם יונגעם מארך ניט ארויסגעבען אזא גרויסען געדאנק, מיין מויל איז ניט אימשטאנדע אייך, על־טערען צו דאנקען! איבערהויבט פאר די צרות און ליידען וואָס איהר האָט געהאָט פון מיר ביז היינט. אזוי פיעל פערשטעה איך! אזוי פיעל פערשטעה איך דאָס איך בין ניט געבאָרען אט אזוי גרויס ווי איך בין יעצט. איך ווייס גאנץ גוט, ליעבע מוטער, וויפיעל יסורים דו האסט געהאט פון מיר, פון געבאָרען מעהרניט ביז דעם ערשטען צייהנדעלע מיינעם. יעצט טאָ ווי־פיעל ביז היינטיגען טאָג... איך קען אייך ביידען ניט בעדאנקען פאר דער אידישער ערציהונג וואָס איהר האָט מיר איבערגעגעבען דעם יודענהוט, ווי־פיעל איך האָב געקענט מקבל זיין, אונ־מעגליך, מיין פאָטער און מוטער, אייך צו דאנקען.

נאָר איך דענק אז פון די אלע דאנק־זאָגונגען וואָס איך וואָלט געדארפט אייך דאנקען, און איך קען ניט, וועל איך אייך מיט איין דאנק דאָך קענען

בעדאנקען, און איך האָף אז איהר וועט פון דעם איין דאנק אויך פיעל צו־פריעדען זיין.

(אויפהויבענדיג די רעכטע האנד)

איך שווער אייך צו, מיינע עלטע־רען, אז מיט דעם דאנק אייך צו בע־דאנקען! דאָס איז א די לעהרע וואָס איהר האָט מיר ביז יעצט געלערענט וועל איך האלטען טהייער. עס וועט זיין ביי מיר טהייער די תפילין, אפילו ח"ו עס זאָל מיר קאָסטען טהייער, מקיים זיין, במי שמשחיר עצמו עליה, עס וועט ביי מיר זיין טהייער דער הייליגער, געטליכער רוהע־טאָג נור אום שבת, און איך וועל היטען ווי איהר האָט מיר געלערענט אלעס וואָס איך וויים מקיים צו זיין, עס זאָל היי־סען אז איהר האָט א קינד „בעולם הזה" און נאָך אייערע הונדערט און צוואנציג יאָהר, א קינד וואָס איהר זאָלט ניט פארשעהמט ווערען „בעולם הבא" . דאָס איז אייער דאנק. איך וועל בעטען ביי גאָט אז איהר זאָלט האָבען פון מיר און פון אלע אייערע קינדער נחת, אָמן.

קמ"ב

## אלע פרשיות פון גאנצען

# ספר בראשית.

„בראשית“, באלד אין אָנפאנג בע־שאפען די וועלט, איז זי נור בעשאַ־פען געוואָרען צוליעב די תורה הקדושה, וואָס וועלען זיך געפינען אויף דער וועלט צדיקים וואָס וועלען איהר מקיים זיין, „בראשית ברא אלקים“, אין אָנפאנג האָט גאָט באלד בעשאפען די וועלט צוליעב דעם צדיק וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט, ווייל „נח איש צדיק תמים“.

אפילו נח איז ניט אזוי גרויס אז די וועלט זאָל ניט דערטרונקען ווע־רען דורך א מבול. אָבער דאָך איז די וועלט ניט חרוב אין גאנצען, און עס פאנגט זיך אָן בויען פון נח מיט די אלע ברואים וואָס ער האָט אין זיין קאָסטען...

די היינטיגע פרעגען אָבער ,אז ווי. באלד די צדיקים זיינען אזעלכע יחסנים, טאָ ווען איז ביטער אויף דער וועלט, נאָר דעם צדיק, ער איז אונגליקליך, אמת טאקע, מיין פריינד, די פראגע איז ניט פערענטפערט גע־וואָרען. די פראגע איז שוין געפרעגט געוואָרען דורך א סך, און פון גרעסע־רע פאר דיר, אָבער דאָך קען איך דיר זאָגען, אז דו וואָלסט א סך לעבען, וואָלסטו אויך זעהן, אפילו אויף דער וועלט וועמען גאָט האָט ליעב, און אז די ענדע איז דעם צדיק על פי רוב נאָכהער גוט אויף דער וועלט אויך.

אמת טאקע אז די וועלט איז בע־שאפען געוואָרען צוליעב דעם צדיק, „בראשית“, ווייל נח איש צדיק תמים. פרעגסטו אָבער, מיר זעהען דאָך אז אפילו א גרעסערער צדיק ווי נח, דאָס איז אברהם, האָט געלערנט מעהר ווי א האלבען לעבען „לך לך“, וועמען יאָגט מען? וועמען הייסט מען וואנ־דערען ,ווען ניט אברהם׳ן? און די וועלט איז דאָך בעשאפען צוליעב ישראל׳ן. אלזאָ, ווער לערנט נאָך יעצט „לך לך“? טאקע ישראל.

יא, מיין פריינד, „לך לך“ לערענט טאקע אברהם, אבער געה אריין אין דער סדרה ווייטער, וועסטו לעזען „ואברהם כבד מאד“, און לערען דורך די גאנצע סדרה „לך לך“, וועסטו זעהן צו וואָס פאר א גדולה אברהם קומט פון דעם „לך לך“, צו „וירא לאיו ד׳ “, גאָט אליין בעווייזט זיך צו איהם, גאָט אליין קומט איהם זעהן וואָס ער מאכט,

גאָט אַליין שיקט מלאכים אָנזאָגען אז ער וועט האָבען א קינד, און זעה אז פון אלע צרות דאכט זיך איז שרה אויף דער עלטער גליקליך, און לעבט זיך אויס שעהן איהרע יאָהרען, ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים ושבע שנים" (קוק אין רש"י).

אזוי ווי אברהם אָט אזוי איז זיין פאָלק, די זרע אברהם. אמת טאקע „תולדות יצחק", יצחק ווערט געבאָרען, לייענט מען פאר איהם אין רוס־לאנד, רומעניען, מאראקא, באלד די צווייטע סדרה... „ויצא", געה, יצחק, וואנדער אויס, איך דארף דיר דאָ ניט, און זעה ווי גרויס די שנאה זייערע איז צום אידען, און קענען דאכט זיך אויספיהרען וואָס זיי ווילען, און דאָך איז אין רוסלאנד דא געוויע זיעבען מיליאָן אידען, און די גרעסטע גבירים זיינען דאָרט אפילו אין די שטעדט וואו מען טאָהר גאָר ניט זיין.

זעהט מען די השגחת הבורא ב"ה, אז מיר מוזען זיין אין גלות און הער־רען ווי מען זאָגט אונז „ויצא"... און דאָך זיינען מיר דאָרט פול, און מען לעבט, אין גייסט געווים נאָך בעסער ווי דאָ אין אמעריקא. אי, ווי אזוי איז דאָס? ווייל השי"ת האָט געמאכט פאר אונז א רפואה צו דער מכה פון „ויצא" און דאָס איז מיט דער סדרה „וישלח", איז די רפואה, עשו מיט א פּאָאָר דאַ־לאר אז מען גיט איהם, ווערט גוט... נאָך „ויצא" נעהמט ישראל און לער־רענט „וישלח יעקב מנחה לעשו", אפילו גאָר א שלעכטער נאַטשאלניק, איז אלץ דאָ א רפואה, „ויפצר בו ויקח" מען בעט איהם שטארק נעהמט ער צו... אזוי ווי יעקב האָט געטהאָן. עשו האָט ניט געוואָלט נעהמען, „ויפצר בו ויקח" ער האָט שטארק געבעטען און ער האָט צוגענומען...

און ווי באלד „ויקח", דאן איז „וישביעקב", קען ער ווידער א ביסעל זיצען אויף זיין אָרט, אפילו אין קיעוו אויך. אי עס איז ניט קיין ברכה און דו וועסט פרעגען: ווי אזוי טייג דאָס, מען דארף אימער לערנען „וישלח נאָך „ויצא", און דאן איז „וישב"? מיין ליעבער פריינד, האָב איך דאָך דיר געזאָגט, אז די וועלט איז בעשאפען צוליעב דעם מיר זאָלען אויספאָלגען ווארום גאָט האָט בעשאפען די וועלט דאָס מיר זאָלען זיין נאָהענט צו איהם מיט זיין תורה, און אז עס פעהלט אונז דארום איז דאָס א ברכה, פאַר־לויפיג מיט „וישלח", און דאן קען זיין „וישב", אז דו פרעגסט „מקץ"?, וואָס קען די ענדע זיין דערפון? זאָג איך דיר, אז דאן וועט ערשט זיין אן ענדע פון אונזערע צרות, ווען מיר ווע־לען „ויגש אליו", גענעהנען צו איהם, דאן וועט זיין „ויחי יעקב".

קמ"ג

# המשך פון אלע פרשיות פון

# ספר שמות.

אז מיר זאָלען זיך גוט בערעכענען ווי מיר האלטען יעצט קעגען אויסגע־לייזט צו ווערען פון איצטיגען גלות הגוף, און גלות הנפש, דער ערשטער רעכענונג איז דאָס מיר דארפען פער־שטעהן ווען איין קראנקער זעהט איי־נעם וואָס האָט די זעלבע קראנקהייט געהאט, און ער איז פאָלקאָם געזונד געוואָרען, דאן פרעגט ער איהם גלייך: ליעבער פריינד, ערצעהל מיר ווי אזוי ביזטו פטור געוואָרען פון דיין קראנק־הייט, אז די זעלבע קראנקהייט האָב איך דאָך שוין אזא לאנגע צייט, און איך ווער ניט פטור דערפון.

דאָס זעלבע, מיר ווייסען אז דער אָנפאנג פון גלות איז געווען אין מצרים, דער זעלבער „הבה נתחכמה" פון מלך מצרים צו דעם „הבה נתחכמה" פון אלע צייטען, ביז ניקאָליי דעם צווייטען, „למען ענותו", איז גלייך געווים דער יעצטיגער צו דאן, און דאָך איז מען דאן געהיילט געוואָ־רען. וואָס איז די אורזאכע, וואָס פאר א מעדיצין האָט יענער קראנ־קער אונזער ברודער גענומען?

ווייט זוכען דארף מען ניט. א ין תלמוד אין אייניגע פלעצער און אין מדרשים, און אין אלע ספרים איז פערשריבען לזכרון יענער רעצעפט. „בשביל שלא שנו את לשונם", מען האָט געראָדט אויף דער הייליגער שפּראך, „לשון עברית", „לא שנו את מלבושיהם", זיי האָבען ניט נאָכגע־טאנצט זייערע בעלי בתים, די מצרים, צו געהן אין לוקסוס, ווי זיי, דער חזן אין ברייטע ארבעל, דער רב אָן א שווארצע זופּעצע מיט לאנגע ארבעל, „ולא שנו את שמם" זיי האָבען זיך גערופען אידישע נעהמען. מיר ווע־לען יעצט נאָר ריידען פון די נעהמען, וועלען מיר באלד זעהן אז מיר שטע־העו א סך ערגער יעצט ווי אין מצרים, אָהן א קולטור, אָהן א תורה, אָהן מצות, אָהן שוהלען, אָהן רבנים, אָהן דרשנים.

זיי האָבען ניט פארביטען די נע־מען, יקותיאל, ירחמיאל, פלטיאל, אליצור, פדהצור, שלומיאל, און זא ווייטער. עפּעס אין יעדען נאָמען איז דאָ גאָטאָעס נאָמען, און דאָס איז גע־ווען אזוי טהייער ביי זיי, און מען האָט ניט פארביטען.

היינט, פע, שאַנדע, א בזיון צו רייד־דען גאָר דערפון: יונה איז דזשאָניש (פיעלייכט האָב איך א טעות אין אי־בערלייגען דעם נאָמען, ענטשולדיגט מיר ,ווייל קיין גט איז דאָס ניט), יונה הנביא, יונה פּאַסט ניט ,דזשאָניש איז שעהן ,יעקב פיט ניט, דזשייק איז אין מאָס פאר איהם...

שטעהען מיר ניט ערגער פאר מצרים? דארפען מיר ניט בעטראַכטען דעם אלטען מעדיצין, וואָס זי האָט גע־האָלפען? געוויס וואָלט אייך אויך העלפען.

„ואלה שמות בני ישראל", און די אידישע נעהמען האָט געמאכט באלד, נאָך משה, ווי משה רבינו האָט גע־רעדט צו גאָט עטליכע ווערטער, זאָגט גאָט צו איהם: משה, האָב קיין מורא ניט. קוים איז שמות בני ישראל, זיי האלטען זייערע נעהמען, איז דאָך א סימן מובהק אז זיי שעהמען זיך ניט מיט דעם וואָס זיי זיינען, און ווילען זיך ניט אויסמישען מיט זיי, איז גוט, חאָטש דו פרעגסט א פראגע: „למה הרעות"? נאָר איך זאָג דיר אָט אזוי ווי „וארא אל אברם", און איך האָב מיטאיהם אבגערעדט אז איך וועל זיי ארויסנעהמען, אָט אזוי וועט עס זיין, און באלד גיב איך דיר א פארזאָג: בא אל פרעה, און זיי איהם מתרה, ער וועט זיך אפילו לאָזען בעטען, נאָר עס איז גאָרניט. „נאָך „בא" וועט באלד זיין „בשלח פרעה את העם", און עס וועט מאכען אזא רושם אויף דער וועלט, אז אפילו יתרו וועט קומען און ווערען א איד.

אלזאָ, לאָמיר נעהמען אין דראָג־סטאָר די מעדיצין. די דראָג־סטאָר אונזערע איז דער „חומש". פיקסען פיקסט מען דאָס גאָר אין גרויסען דראָג־סטאָר, אין תלמוד, וועלען מיר אויך געזונד ווערען...

ווען איך האָב דאָס אמאָל גע־זאָגט דעם עולם, איז זעהר געפעלען געוואָרען די רייד, נאָכ'ן דרוש געהט צו מיר צו א יונגער מאן און זאָגט: רבי, איהר האָט פארגעסען וואָס דער תלמוד זאָגט: „גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה", נו, אז היינט גיט מען צדקה זעהר פיעל, מוז קומען די גאולה צוליעב דעם, און איך פערשטעה טאַ־קע ניט, ליעבער רבי, דאכט זיך צדקה גיט מען זעהר פיעל, און עס איז נאָך גאָר ניט. קענט איהר מיר ערקלעהרען ווארום דאָס איז?...

ליעבער פריינד, איך וועל ניט מאריך זיין, נור אין קורצע ווערטער וועל איך אייך זאָגען, אז די איצטי־גע צדקה איז ניט גוט, ניט ריכטיג, ניט על פי התורה, דארום טויג ניט. יא, אמת, צדקה איז גוט אפילו שלא לשמה אויך ,ווארום יענער ווערט דאָך געהאָלפען, אלזאָ, מיין פריינד, דאָך מוז איך אייך ערקלעהרען אז עס טויג גאָר ניט, אז אזוי פיעל גיט מען צדקה און עס איז גאָר קיין גאולה נאָך ניטט. איך וועל שוין יעצט ניט ריידען אז

די צדקה פון אנדערע אנשטאַלטען איז גאַר א „שפיכת דמים" סאָרט, מען מאכט פון יענעם א „תל עולם" עהדער ער קריגט דעם טאָן קויהלען, עהדער ער קריגט די פּאָאר דאָלאר רענט. מען געהט פרעגען ביי אלע שכנים, מען פרעגט אין גאנצען בלאָק. דער ארע־מאַן נעביך קען נאכהער די אויגען ניט ווייזען, און פיעלייכט איז דער הויז־קיפּער אין כעס אויף דער מיסעס, גיט ער אָב א רעפּאָרט מן הסתם, אז דער ארעמער אונגליקליכער קריגט גאָרניט. מילא, דערפון וועל איך גאָר ניט ריי־דען, ווארום איך האָב אייך אזוי פיעל צו ערצעהלען, אז עס קען נעהמען טעג מיט נעכט, און דאָס וועט גאָר ניט העלפען. מאָ ווארום זאָל איך אייך דערצעהלען?

נאָר איך וויל אייך זאָגען, אז דאָס רוב צדקה וואָס מען גיט, איז גאָר אסור צו געבען, ער פערדיענט נאָך אן עבירה דערפון...

אלס ביישפּיעל, איך האָב געקענט א באנקיער א אידישען אין קאליפאָר־ני סטייט. מענשען האָבען איהם גע־טראָגען געלד, געזאמעלט פרעמדע ארעמע אלמנות, פון יתומים, הכנסת כלה געלד, הלוית המת געלד, פון אלע חברה'ת ,און ער האָט געלעבט אויף דעם רעכענונג ווי ניקאָליי, נאָך בע־סער. איך האָב געזעהן זיין וואָה־נונג, און איך האָב אמאָל געזעהן דעם ווילנער גובערנאטאָר'ס וואָהנונג, ווי קומט עס, דעם גובערנאטאָר'ס פּראַנט רום וואָלט זיך ניט אויסגעגליכען מיט דעם ביינקער'ס קיטשען...

דעם חברה מאן פלעגט מען געבען וואו אן עליה, פלעגט ער געבען א הונ־דערטער, וואו איין צדקה — א הונדער טער, און נאָך צדקות גרויסע צו טויז־זענדער. און ער האָט געוואוסט אז ער וועט געהן געבראָכען, אז ער וועט טויזענד אלמנות, דריי טויזענד יתומים און אַנדערהאלבען טויזענד כלה'ס ניט גוט מאכען מיט זיין ברעכען...

נו, ווי רופט איהר דאָס, גוטע צדקה?... אזא צדקה טויג ניט, די אי־בעריגע זאָלט איהר פערשטעהען פאר די קלענערע מענשעלעך.

אמת, מיין פריינד, צדקה דערנעהנ־טערט די גאולה. אבער ווען? אז מען זאָל לערנען פריהער „משפטים", „בין אדם לחבירו", כשר פערדיענען, ניט געבען יענעם'ס בלוט. קוקט איין בסדר אין משפטים... אלזא, פריהער „משפטים" און נאכהער „תרומה", נאכהער געבען נדבות. דאן וועט אין גיכען מיט אונז געלערענט ווערען די סדרה „ויקהל", מען וועט איינזאמלען אלע אידען און מען וועט אונז בויען דעם משכן ד' ואלה פקודי המשכון, אָמן.

קמ"ד

# המשך אלע פרשיות פון

# ספר ויקרא

---

„ויקרא אל משה", גאָט האָט גערוי־פען משה'ן און זאָגט איהם: משה, ערקלעהר זיי, אז דאָס וואָס דו לע־רענסט מיט זיי איז דאָס נאָך ניט דער עיקר. סיידען זיי לערנען מיט די קליינע קינדער, דאן קען די תורה עק־זיסטירען. אבער אויב ניט, איז גאָר קיין פעולה פון זייער תורה לערנען. „ויקרא אל משה", און וואָס זאָגט ער איהם „צו את בני ישראל", זאָג אָן די קליינע קינדערלאך.

די עלטערען זאָגען אז זיי זאָלען אבהיטען זייערע קינדערלאך, און פיה־רען זיי אין גוטען וועג. איבערהויבט זאָג זיי אָן אז דעם אָנפאנג וואָס זיי טהוען צו די קליינע קינדערלעך, די ערשטע זאך, איז דאך מל זיין זייער קינד, זאָל דאָס זיין האָטש ווי א איד טהוט. „שמיני", דעם אכטען טאָג, ניט אָבלייגען דעם ברית פון פרייטאָג אָדער שבת אויף זונטאָג, ווייל דער פאָרמאן קען זונטאָג זיין אויפ'ן ברית.

די מיידלעך, זאָלען זיי לערנען, אז זיי געהען הייראטהען ,אז זיי זאָלען היטען נדה... אויב ניט זאָלעאָן זיי ווי־סען זיין אז זייערע קינדער וועלען זיין אייבינע „מצורעים" ,עס וועט זיי קיין תשובה אויך ניט העלפען, דאָס בלייבט א „מצורע".

„אשה כי תזריע וילדה זכר", און זי וועט אָבהיטען וטמאה... ווי דער דין איז, איז גוט. אז ניט, געהט נאָך „תזריע" „מצורע". מעהרערע מאָל איז „תזריע" מיט „מצורע" אין איי־נעם...

די מטיפים זאָגען, אז אין אמעריקא איז א מאָדע ,אז ווען מען קומט דעם מטיף רופען, זאָגען א הספד, יעמאנד א מחלל שבת, א טריפה'נער ביין איז געשטאָרבען, אבי מען גיט איהם א צעהנערעל, געהט מען א הספד מאַ־

כען, און מען מאַכט איהם דעם נפטר פאַר א צדיק, ווייל די וועלט זאָגט „אחרי מות“, נאָכ׳ן טויט, „קדושים אמור“, זאָג אז זיי זיינען הייליגע, „בהר“, אז ער ליגט שוין אויפ׳ן בארג, אויף דער סעמעטערי, מען קען זאָגען א הספד, צו־די וואָס לעבען זיך אוים די יאָהרען, וואָס זיינען געוועזן פון די וואָס „אם בחוקותי תלכו“.

די וועלט זאָגט א וויטץ, א רב האָט געמוזט זאָגען א הספד אויף זיינעם א מעמבער, דאָ אין אמעריקא, איז דאָך א מוז... דער מעמבער האָט קיין מאָל קיין תפילין געלייגט, געווים ניט געדאַווענט אויך. דער רב האָט אזוי געזאָגט: ברידער, איהר דארפט בעוויינען דעם מאַן, ער איז זעהר א פיינער מאַן געוועזן, ער האָט קיין מאָל ניט גערעדט אין דאַוונען... די הערער איז עס געוועזן א וואונדער. פאַהרענדיג צוריק, פרעגען זיי איהם אייניגע לייטע: שטייטש, רבי, ווי זאָגט איהר דאָס אויף איהם אז ער האָט ניט גערעדט אין דאַוונען? ער האָט דאָך גאָר קיין מאָל ניט געדאַווענט?... זאָגט דער רב צו זיי: איך פערשטעה אייך ניט, איהר אליין ענטפערט אויף דער פראגע, און איהר פערשטעהט ניט. ווי אזוי האָט ער גערעדט אין דאַוונען. האָט ער גערעדט אין דאַוונען, אז ער האָט קיין מאָל ניט געדאַווענט?...

וואָס זאָגען די פראָסטע מענשען, אז פאַר געלד איז אלעס כשר. זיי אליין מעגען אָבטהאָן אלע איסורי דאורייתא צוליעב א דאָלאַר, אפילו דעם טאַטען אליין וואָלטען זיי פארקויפען פאַר א דאָלאַר, אָבער דער רב — ער טאָהר ניט... און וואָס פאַר א שלעכטעס איז דאַכט זיך מיט דעם וואָס ער זאָגט א הספד אזא אידען? נאָר עס איז ניט שעהן!... און חכמים דארפען זיך היטען...

אין דעם מדבר ושממה, אין דער סטעפּע, טרוקען אָהן תורה, אָהן יראה, אָהן זעלבסט־רעספעקט, אויך דאָ איז דאָ שוהלען, אויך דאָ איז דא בתי מדרשים, דאַכט זיך זעהר גוט. יאָ, גוט. עס איז צו גוט. מען טאָהר ניט זאָגען שלעכט. מיר דוכט איך האָב שוין געשריבען דעם שעהנעם וויטץ וועגען דעם.

אן אלטע באָבע, א היימישע אקושערין, איז גערופען געוואָרען ביי א יולדת. די יולדת שרייט געפעהרליך, מיט די קולות: אי, עס איז שלעכט! די באָבע זאָגט איהר: הער, מיין טאָכטער, מען טאָהר ניט זאָגען שלעכט, מען מוז זאָגען גוט: אָי, עס איז גוט... עס נעהמט איהר די ווייענעס, זי שרייט אי, עס איז גוט! גוט! גוט!... עס איז אָבער געקומען די ערגסטע יסורים, אי, באָבינקע, עס איז גוט עס איז גוט, אי, עס איז שוין צו גוט!...

דאָס זעלבע שעהנע שוהלען, איך וויים אז דאָס איז שלעכט... מען האָלט עס פערשלאָסען. נאָר די אמעריקאַנער פיהרער, הייסען דעם רב שרייען עס איז גוט. אי עס איז שלעכט, ביטער, מען פערקויפט טיקעטס אין די שוהלען, שבת מברכין החודש, דער פרעזידענט און שמש שרייען עס איז גוט און דעם רב הייסט מען שווייגען, אָדער מען הייסט איהם אויך שרייען עס איז גוט. נאָר איך קען

שוין ניט אויסהאלטען פון צופיעל גוט, איא, עס איז גוט, זעהר גוט, צו גוט, צו גוט!...

ווייסט איהר פארוואס עס איז געװארען אזוי גוט?... אויף לשון ווי די באבע האט געהייסען שרייען... דאס איז אז אמעריקא פוכט צו מאכען אזא פרעזידענט, און דער צווייטער א שמש, אי, א גוטער שמש... און א ווייס... און טראסטיעס... „במדבר" ,אין דעם מדבר ושממה, אהן וואסער... פון תורה... הויבט זיך ניט אן אהן א „נשא", אהן א פרעזידענט, אפילו דער שמש, וואס ער דארף גאר „בהעלותך את הנרות", אנצינדען די ליכט... דיין משרת פון שוהל, ער איז פון די „שלח לך מרגלים", פון די בעסטע דער פרעזידענט א „קרח", דער ווייס — סתם א „פרה אדומה". „זאת חוקת —ניט „התורה", נור „הפרה"... „אשר לא עלה עליה עול" (עליו קרי), וואס איז ניט אויפגעגאנגען אויף איהם דער יאך פון תורה און מצות... א ערשטען טראסטי א „בלק", צווייטען א בלעם... מען האט אפילו אין שוהל א פנחס... א רב א תלמיד חכם, נור וואס קען ער נעביך טהאן, אז ער איז צווישען אזא סעקטע, די „ראשי המטות"... עס האט א רב יא זיך איינגעשטעלט און איז ארויסגעגאנגען כנגד די „ראשי המטות", אז מען זאל ניט מחלל שבת זיין אין א שוהל. נו, האט מען איהם געלייענט „מסעי", פאהר, רב, רייז אב פון אונז... און פארטיג... אויב עס וועלען זיך געפינען אייניגע וואס איך האב זיי דעם שטיין געווארפען, און זיי וועלען אנהויבען שרייען, זאלען זיי וויסען זיין אז איך בין נאך ניט פארטיג, איך האף נאך צוזאמענצוציהען די הפטרות אלע אין איינעם, פון די הפטרות וועט זיי פארקלעמען די הערצעלע אזוי שטארק, אז זיי וועלען ניט קענען שרייען...

## קמ"ו

# המשך אלע פרשיות פון

# ספר דברים

---

מען מוז ריידען צום פאלק... מען דארף ריידען, מען מוז זיי זאגען דברי כבושין, מען דארף שרייען, אז זיי טהוען ניט גוט, מען מוז מוסר זאגען, מען מוז וועקען: שטעהט אויף ברידער... איהר זעהט דאך אז דער גאנצער יסוד פון אידישקייט איז געפאלען. א מאל מיט בייזען, א מאל מיט גוטען, אבער זאגען מוז מען „אלה הדברים“, דאס איז די שטראף־רייד, וואס משה רבינו זאגט פאר אונזערע אידען. ער שוינט זיי גאר ניט. ער דערצעהלט זיי אלעס, פון אנפאנג ביז דעם טאג וואס ער זעגענט זיך מיט זיי... אבער ער רעדט הארטע ווערטער, צייטענווייז, „דברים“, „דברי תוכחה“, שטראף־רייד... און באלד ווייזט ער אונז דעם לימוד: דאך האטש איך רייד שטרענג צו זיי... אט פאנג איך באלד אן „ואתחנן“, ווי איך האב זיך נעבעטען צו זיי... זעהט, מיינע טהייערע ברידער, איך ווייס דאך אז שפעטער, דאס הייסט, בי דער ענדע פון לעבען, וועט איהר בעסער ווערען, „והיה עקב תשמעון“, ביי דער ענדע וועט איהר שוין הערען.

בעט איך ביי אייך, בעסער שוין זייט מענשען, „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה“. זעהט דאך איך גיב היינט פאר אייך א ברכה, גליקליך לעבען, ניט קיין שמוציגען לעבען. „שופטים ושוטרים“ דארפען דאס ריידען צום פאלק אימער...

איהר זאלט זעהן, ברידער, אז „תצא“, דער אוועקגעהן פון דער וועלט, זאל זיין ווי „תבא“, פונקט ווי דו ביזט געקומען, מיט א ריינע נשמה.

איי וועסטו זאגען: איך האב נאך

צייט, איך וועל עלטער ווערען, וועל איך בעסער ווערען, אָבער איך האָב נאָך צייט פרום צו זיין, איך האָב נאָך לאנג צום „תצא“, אז איך זאָל שוין אָנפאנגען ארבייטען צו זיין אזוי ווי דער „תבא“.

מיין טהייערער פריינד, דו ווייסט ניט ווען די ענדע וועט זיין. אָט איז „נצבים“, אָט שטעהט איהר אין ביזנעס, אָט שטעהט איהר און חכמה'ט זיך... און שוין „וילך“... און מען דער־לאנגט א רוף, און איהר מוזט געהן — „וילך“.

איז א סך בעסער „האזינו“, פאר־נעהמט שוין וואָס איך רייד צו אייך... „וזאת הברכה“, אָט דאָס וועט זיין די ברכה פאר אייך און פאר אייערע קינ־דער, לנו ולכל ישראל, אָמן.

---

קמ"ז

# פּאַרצייטען און היינט

„שחת לו לא בניו מומם“

איך האָב אמאָל בעזוכט מיינעם א גוטען פריינד ,ניט זעהר א פרומער, דאָס הייסט, א פארצייטיגער ניט־פרו־מער. אלע טאָג געלייגט תפילין, נאָר עס פלעגט טרעפען אז ער פלעגט אמאָל אויף א טרונק וואסער ניט מאכען א ברכה. אָפט פלעגט ער זיצען אָהן א היטעל. נאָר א קאָפּ האָט ער גוראדע געהאט. היינטיגע עסען אָהן א הי־טעל און אָהן א קאָפּ אויך... ווי איך האָב אמאָל געהערט א וויטץ אויף דעם מאמר חז"ל „מלאך המות מלא עינים“, דער מלאך המות איז פול מיט אויגען. צו וואָס דארף מען דאָס האָבען אז דער מלאך המות זאָל זיין פול מיט אויגען? אנטוואָרט: ווייל ביי פיעלע דארפען זוכען די קאָפּ, אז זיי האָבען גאָר קיין קאָפּ ניט...

אמאָל האָט איינער קיין קאָפּ ניט צוליעב פאַרדרייעניש אין ביזנעס, דאגות חיונה, אָבער א סך, זעהר א סך, זיינען יעצט דאָ אזעלכע וואָס האָבען קיין קאָפּ ניט טאקע אויף אן אמת, עס איז פּוסטע מוחות...

דער מאן פון וועלכען איך דער־צעהל אייך איז גראדע געווען מיט א קאָפּ, ניט קיין פערדרעהטע און ניט קיין פּוסטע קאָפּ אויך. נאָר ער פלעגט זיצען אָהן א העט, א מאָל טרינקען א גלאָז טהעע אָהן א העט, דאָס הייסט — קיין גרויסער מדקדק.

איך האָב דערזעהן אז זיינער א אינ־געלע איז אריינגעגאנגען אין דעם זאל־בען רום, וואו מיר האָבען פערבראכט, און ער איז טאקע געזעסען אָהן א העט אין דיעזער צייט, און דער איינגעלע איז אויך אריין אָהן א העט און גע־קייעט קענדי.

ווי דער פאָטער האָט דערזעהן דעם קינד האָט ער א געשרעה געגעבען צו איהם: יוסף'קע, ווארום געהסטו דאָס ארום אָהן א היטעל?! און ער איז גע־וואָרען שטארק אין כעס.

אז דער קינד איז ארויסגעגאנגען, פרעגט איך איהם: זאָגט מיר, מיין פריינד, האָלט איהר פאר אן עבירה דעם געהן אָהן א העט, אלזא, אויב עס איז אן עבירה, ווארום טהוט איהר אזוי?

מיין פריינד, זאָגט ער צו מיר, זייט וויסען אז מיר האָבען די אומשטענ־דען געבראכט דערצו, מיין מסחר האָט עס גורם געוועזן, און איך בין א פאָלקאָמענער איד, ווי איך דענק, נאָר ניט קיין צדיק, ניט קיין זהיר, אָבער איך בין א איד מיט'ן פולען זינען איד, נאָר וואָס איך קען ניט בין איך אין דעם ניט זהיר. אָבער מיין קינד וויל איך אז ער זאָל זיין בעסער פאר מיר, איך וויל אז ער זאָל זיין פרימער פאר מיר און קענען לערנען מעהר פאר מיר...

איהר בעטראכט, פריינדע, א פערצייטיגער ניט זעהר פרומער האָט אויך געוואָלט אז זיין קינד זאָל זיין פרימער פון איהם.

היינט, א פרומער איד, א צדיק, א חסיד, אן אָבגעהיטער אפילו פון אלע מנהגים, טראָגט ניט אום שבת זיין טיכעל, און ער איז גראדע פרום וואָס פרום הייסט, אָבער זיין קינד לערענט ער פונקט פארקעהרט.

ער טראָגט ניט שבת, גיט ער דאָס אוועק צום טראָגען זיין אינגעל, וואָס איז אָלט שוין איבער צוועלף יאָהר. א פערקעהרטע וועלט, פונקט פער־קעהרט. ער טראָגט ניט קיין אָמברע־לא אום שבת אין א רעגען, זאָגט ער אָן די גרויסע טאָכטער זיינע אז זי זאָל קומען און איהם אָבוואַרטען אין האָלל מיט'ן אמברעלא. עס לאכט זיך און עס וויינט זיך צוצוקוקען צו די נארישקייטען פון די פרומע איצטיגע אירען.

אמאָל איז געוועזן „שחת לו", ווען ער אליין האָט פארדאָרבען, ער אליין איז ניט אזא מדקדק במצוות געוועזן, „לא", האָט דאָס איהם ניט אזוי שטארק געאַרט, אָבער „בניו", אז זיי־נע קינדער טהוען שלעכטעס, דאַן איז „מומם", זייער פעהלער.

היינט איז פונקט פארקעהרט, ווייל ער זאָגט דאָך דאָרט אז היינט איז „דור עקש ופתלתול".

נו, מיינע פריינדע, ווער האָט בע־סער געטהאָן, דענקט איהר? איך הער פון אייך קיין ענטפער ניט, נור איך וועל אייך זאָגען מיין מיינונג, אז די פריהערדיגע האָבען בעסער געטהאָן פאר די יעצטיגע

קמ"ח

# ווער איז שולדיג

„שחת לו לא בניו מומם דור עקש ופתלתול"

ווער איז שולדיג אין דעם איצטי־גען „חינוך„, די קינדער אָדער די על־טערען? — פרעגען פיעלע, און דאָס וויל איך אייך טאקע יעצט אנטוואָר־טען. נעהמט איהר אָן דעם אנטוואָרט אָדער ניט, בלייבט ביי מיר גאנץ גלייך, נאָר אז אפילו איין פראָצענט וועלען אָננעהמען מיין אנטוואָרט, דערמיט אליין וועל איך אויך צופריעדען זיין.

רבותי! פון די לייטע וואָס זייער הויז איז אין גאנצען פערדאָרבען, פון זיי רייד איך ניט. איך וועל ריידען נאָר פון די הויז וואָס פיהרט זיך אי־דיש כשר, און דער בעל הבית ווערט גערופען מיט'ן נאָמען אָרטהאָדאָקס, און זיי וועל איך אנטוואָרטען ווער איז שולדיג, זיי אָדער דער קינד.

צום פאָטער: איך ווייס אז איהר גיט אייער קינד אין חדר, און זאָלען מיר שוין זאָגען אז אייער קינד לע־רענט שוין חומש, און ער האלט שוין פרשה כי תשא, און דאָרט שטעהט „ושמרו בני ישראל את השבת", און דער קינד לערענט עס, און ער איז קלאָהר, און קומט פון חדר און ער גע־פינט אייך ניט אין הויז שבת, איהר זייט ביי דער ארבייט, אָדער אין סטאָר, און איהר זייט עובר אויף ל"ט מלאכות אין איינע פינף מינוט, יעצט אז דער קינד איז מחלל שבת גלייך יונגער־הייד, ווער איז שולדיג, איהר צו דער קינד? איך דענק אז איהר מוזט צו־געבען אז איהר אליין זייט דער מער־דער פאר אייער קינד אין גייסטליכען לעבען!

דער קינד לערענט „ויקהל", דעם פסוק „לא תבערו אש" איז ער קלאָהר. ער פערשטעהט אויך פינקטליך אז מען טאָהר קיין פייער ניט מאכען אום שבת... ניט אָנצינדען, הייסט עס, פיי־ער אין הויז. ער קומט צוגעהן און ער זעהט אז די מאמע מאכט פייער אום שבת, די גרויסע טאָכטער, א טיטשערקע, צינ'ט אָן גאז אום שבת. נו, מאמע, ווער איז שולדיג, דער קינד צו איהר?

דו, טאטע, דאווענסט ניט, לייגסט קיין תפילין ניט, ווער איז שולדיג אז דיין קינד דאווענט ניט? יא, אמת, טאטע, דו קענסט מיר פרעגען: זעהט מען דען ניט אז די וואָס האלטען שבת און דאווגען אויך, דאָך זיינען זייערע קינדער מחלל שבתאון דאוונען ניט? ווייסטו אָבער, טאטע, אז ערשטענס קען זיין אז אין דעם פאל איז אויך דער טאטע שולדיג, אין אנדערע פע־לע, ער האָט איהם פיעלייכט ניט גע־געבען קיין גוטע ערציהונג. אָבער זאָל שוין זיין אז יענער איז ניט שולדיג,

אָבער דו ביזט דאָך שולדיג, ווייל „מעשי אבות סימן לבנים“.

איך וויל ניט מאריך זיין צו פיעל אין דעם, און איך דענק פון א פּאָאר ביישפּיעלע, וועט איהר קענען פאר־שטעהן אויף נאָך און נאָך, און לערנען פארלויפיג דעם פסוק אויף אזא אָרט, „שחת לו“, זיין פערדארבונג פון קינד, וואָס דער קינד טהוט, „לא בניו מומם“, איז ניט דער פעהלער פונ׳ם קינד, נאָר דו אליין ביזט שולדיג וואָס ער וואקסט אוים א דור עקש ופתלתול.

טאטע, מאך דו א ברכה אויף יעדע זאך וואָס דו עסט, און לערען דיין קינד איז א האָפענונג אז ער וועט אויך מאַ־כען א ברכה. דאווען דו דריי מאָל א טאָג, איז א האָפענונג אז ער וועט אויך דאווענען. זיי אָבגעהיט פון שלעכטע באָרדערם צו האלטען אין הויז, לאָז אין דיין הויז ניט מחלל שבת זיין, אז דו זידעלסט א אידען, הער איך אָפּט־מאָל ווי דו רופּסט איהם מלמד, דער קינד הערט עס אז א אידישער טיטשער איז גאָר עפּעס א שענדליכע, שמוציגע בריאה... ווי דארף ער דאן האלטען פון מלמד?...

## קמ"ט

# ישראל בין העמים

„ישקני מנשיקות פיהו כי טובים דודך מיין (רש"י) לפי שיש מקומות שנושקין על גב היד ועל גב הכתף אך אנו מתאוה וכו' פה אל פה"

די כנסת ישראל בעט ביי גאָט, אז מיר זאָלען זיך ווידער קושען פה אל פה. זאָגט רש"י, ניט ווי עס איז דאָ אזעלכע פּלעצער, וואו מען קושט אויפ'ן האנד, אָדער אויפ'ן אקסעל; ניין, ניט אזוי וויל איך, זאָגט די כנסת ישראל, נאָר פה אל פה, מויל צו מויל.

ווען נאָלד רעדט ,דאן שווייגט דער אמת. ווען עס עקזיסטירט דער עגל הזהב, די מטבע, און דאָס איז דער גאנצער גליק פונ'ם מענשען, נאָך זיין מיינונג נאָך, דאן איז אָבגערעדט פון דעם אמת. קען ער שוין ניט זיך פיהרען ווי א מענש וואָס זוכט דעם אמת, אפילו אין די הייליגע פּלעצער, בתי כנסיות ובתי ומדרשים ,פערשווייגען אויך דעם אמת. ווען ביי זיי עקזיסטירט די גאָלד, ווערט ערוועהלט א פּרעזידענט א שטיק שקר, ער מעג אפילו זיין אזא בריאה וואָס ער טאָהר אפילו ניט שטעהן אין אזא הייליגען פּלאץ. קורץ — אז גאָלד רעדט, דאן שווייגט דער אמת...

דאָ עקזיסטירט ניעדריגקייט מעהר ווי אמת. קיין קאָפּ־מענשען דארף מען ניט, קיין הערצער, בעלי בתים, הייסט דאָס, אנשטענדיגע, זוכט מען ניט, נור פיס, ניעדעריגע ברואים... איהר וועט זעהן אז פון די שפּער ווערט אימער ארויסגעשטעלט א סיין, אז מען דארף ארביימער, שרייבען זיי אויף דעם סיין בזה הלשון: דא ווערט געפּאָדערט הענט...

אן אלטע באָבע איז גערופען געוואָרען צו א יולדת. דריי טעג האָט זיך די געווינערין געמאטערט. די באָבע האָט געגעבען א געשרעה: פרעהט זיך קינדער, באלד, באלד וועט זי געהאָלפען ווערען, עס זעהט זיך שוין א פיסעלע... אי, דו נארישע באבע, אז די פיסעלע געהט פריהער, אָט יעצט איז זי אין געפאהר, די קינדבעטאָרין... יעצט וועט מען דארפען האָבען א גרויסען דאָקטאר צו נעהמען דעם קינד מיט אינסטרומענטען, ווייל עס דארף געהן די קעפּעלע פריהער...

אי, מיינע טהייערע, עס איז שוין חבלי משיח... און פּונקט ווי די געפעהרליכע קינדבעטאָרין אין איהרע חבלי לידה, איז יעצט ישראל בין העמים. מען רייסט איהם, מען פליקט

איהם, זיין בלוט פליסט אין אלע ימים, מען נעהמט איהם מיט אינסטרומענ־טען... הארמאטען, ביקסען, שווערדען, פייער, וואסער...

ווארום? ווייל ישראל איז שוין ביי די חבלי לידה, און די פיהרער זיינע פרעהען זיך מיט דער פיסעלע, מיט די קליינע מענשעלעך אהן קעפעלעך...

דארום איז פאראן פלעצער, וואס מען רויבט זיין חיונה, מען רויבט זיין פארמעגען, מען צופלינדערט איהם אין די פאגראמען...

אבער דאס מאכט ישראל'ן אבלע־בען ,אז ער זאל אין די חבלי לידה ניט שטארבען, ער זאל לעבען. ישראל אהן קלעפ קען ניט זיין קיין איד. פון גאט געהט קיין שלעכטס ניט ארויס, די רעה איז א טובה. דערווייילע לעבט ישראל אב... און דאכט זיך אז עס איז שלעכט, ווי א קינד דענקט אז דער פאטער שלאגט איהם אז ער זאל ניט אראב פון דרך הישר, אדער ער זאל זיך ניט שפיעלען מיט פייער...

דעם פאטער'ס קלעפ איז גאר קור־שען. מיר בעטען דיר, רבש"ע, אז „ישקני מנשיקות פיהו", פה אל פה, ווי אמאל. זאגט רש"י: „יש מקומות", יא, עס זיינען דא פלעצער, „שנושקין על גב היד", וואס מען קושט דעם אי־דען אויפ'ן האנד, מיט קלעפ, מען נעהמט צו פון איהם זיין חיונה, זיין פערמעגען, דאס הייסט, על גב היד... איך ווייס אז דאס איז געקושט. דו טהוסט קיין רעה ניט, אבער איך וויל אז מיר זאלען שוין קליגער ווערען, ניט דארפען האבען אזעלכע קושען, נור פה אל פה, ווי אמאל איז געווען.

השי"ת זאל עס געבען אז עס זאל אין גיכען מקוים ווערען, אמן.

---

ק"נ

# א שטיף פאטער

„מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים"

צו די יעניגע וואס געהען אראב פון דרך הישר צוליעב רייכקייט און אלע זייערע פערגעניגענס, האב איך פאר זיי געזאגט אמאל ווי פאלגט: זאלען מיר בעטראכטען א פאטער ווען ער בריינגט זיין קינד אן עפעל מאכט ער מיט איהם א ברכה. אויב דער פאטער איז א פרומער, וואהרער איד.

איך האב אבערא אויך געקענט א שטיף־פאטער, זעהר א פרומען. ער האט אויך געוואלט מדריך זיין זיין שטיף־זוהן צו מאכען א ברכה. קיין עפעל וויל ער איהם ניט קויפען, אום צו לערנען מאכען א ברכה, אלזא, ווען עס פלעגט דונערען און בליצען, פלעגט ער איהם לערנען א ברכה מאכען, אי־

בער א רעגען־בויגען, א ברכה פלעגט ער אויך מיט איהם מאכען ווען ער פלעגט מיט איהם פאהרען אין פארק זעהן די חיות משונות.

אלזא, דאס איז דער אונטערשיעד פון א פאטער צו א שטיף־פאטאער. דער לערענט דעם קינד א ברכה מאכען איבער פרוכט, דער איבער דונער, בליץ און חיות רעות.

מיר זיינען צו גאט געדעכענט פאר קינדער, אז מיר פיהרען זיך גוט, דאן גיט ער אונז אלדאס גוטס, און מיר קענען איהם דאנקען איבער דאס גוטעס. אבער אויב, ח"ו, מיר פיהרען זיך ניט גוט, דאן הייסען מיר שטיף־קינדער, ווי די חז"ל זאגען „אל תקרי לעם אחר אלא לאם אחרת". דאן זאגט ער: קינדערלאך, אויב איהר ווילט מיר ניט דאנקען פאר די פרוכט, טא דאנקט מיר פאר די דונערען און בליצען, פאר פאגראמען, פאר אלע אנ־שיקעניש, מאכט א ברכה אויף די „חיה רעה" אין מענשען־געשטאלט, ווען זיי ראבירען אייך... דאן זאגט איהר געווים אז איך בין גערעכט אין מיין משפט איז גערעכט, אבער זייט וויסען, קינדערלאך, אז איך וויל ניט אזוי זיך פיהרען מיט אייך. אין גע־גענטהייל, איך וויל מיט אייך מאכען א ברכה איבער גוטעס, „מה יפית ומה נעמת", ווי שעהן און ווי אנגענעהם וואלט עס זיין אז „אהבה בתענוגים", אז די ליעבשאפט פון אייך צו מיר זאל זיין מיט „תענוגים", ניט דונערען און בליצען ח"ו. „מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים."

---

קנ"א

# אהבה

„הראיני את מראיך השמיעיני את קולך כי קולך ערב ומראיך נאוה"

עס איז געוועזן א חזן, א גרויסער מנגן, א זעלטענער קאמפאזיטאר, און ער האט אבער קיין שטעלע אלס חזן ניט געקענט בעקומען, ווייל ער איז גע־ווען זעהר א מיאוס'ער מענש, ער איז געוועזן אזוי העסליך אז מען האט אויף איהם ניט געקענט קוקען.

פלעגט ער ארומפאהרען און יעדען שבת אין אן אנדער שטאדט געדא־ווענט. ער איז געקומען אין קאוונע, און ער האט געדאווענט קבלת שבת. די גאנצע צייט פון זיין שטעהען אויף דער בימה און זינגען יעדען פזמון פון „לכה דודי", איז געשטאנען א גביר פון מזרח און האט ניט אראבגענומען זיי־נע אויגען פון דעם חזן.

דער חזן האט דאס בעמערקט, האט ער גערענקט אז דעם גביר איז זעהר

געפעלען די זיינגעכץ. נאָך מעריב געהט צו דער חזן און זאָגט צום גביר: איך זעה אז איהר זייט א מבין אויף זינגען, איך האָב בעמערקט אז איהר האָט געקוקט אויף מיר די גאנצע צייט, נו, וועל איך אייך פרעגען וועלכער פזמון פון „לכה דודי" איז אייך אם בעסטען געפעלען?

דער גביר ענטפערט איהם בזה הלשון: „בואי בשלום" איז מיר גע־פעלען געוועזען בעסער פאר אלעם, ווייל ביי „בואי בשלום" האָט איהר זיך אוועקגעקעהרט, האָב איך אייער פנים ניט געזעהן.

מיר אידען זיינען שעהנע חזנים, אונזער הקול קול יעקב איז זעהר טהייער ביי דעם רבש"ע, אונזער דאוונען איז זעהר טהייער און אָנגענומען ביי גאָט, דעם גביר, דער וואָס זאָגט „לי הכסף ולי הזהב", אָבער ווען ליעבט ער אונזערע תפילות, אז מיר זיינען מיט א שעהנעם פנים, אז מיר זיינען ניט פארמאסקירט, אז מיר פיהרען זיך ריכטיג בין אדם לחבירו. אָבער אז מיר זיינען מיט א מיאוס פנים, איינגע־פאטשקעט אין גניבה, גזילה, רציחה, שנאת חנם, — דאן וויל ער אויף אונז ניט קוקען, ווי ישעיה הנביא זאָגט: „כי תבאו לראות פני מי ביקש זאת מידכם רמוס חצרי." נאָר ווען איז ער מעהר צופריעדען, אז מיר קעהרען זיך אום ארויסצוגעהן פון שוהל...

זאָגט גאָט צו אונז: מיין קינד, „הראיני את מראיך", ווייז מיר בע־פאָר דיין אויסזעהן, אויב דו האָסט א שעהנעם פנים, אויב דו ביזט ניט פארשמירט מיט גניבה און גזילה, מיט שנאת חנם, נאכהער — „השמיעיני את קולך", מאך מיר הערען דיין שטי־מע. איך ווייס גאנץ גוט „כי קולך ערב", אז דיין שטימע איז א זיסע, אָבער ווען? אז „ומראך נאוח", אז דו האָסט א שעהנעם אויסזעהן... דאן איז דיין שטימע זיס און אנגענעהם, אָבער ניט אז דו ביזט ניט שעהן אין בין אדם לחבירו...

ווייל ווען די לוחות זיינען צובראָ־כען געוואָרען, האָבען די פרומע גע־כאפט אלע „לא'ס" פון די לוחות — „לא", מען טאָהר קיין זאך ניט. אָבער די אנדערע חברה האָבען געכאפט „תגנוב", „תנאף", „תחמוד", און אזוי ווייטער...

קנ"ב

# כשרות

„השבעתי אתכם בנות ירושלים אם תמצאו את תמצאו את דודי מה תגידו לו שחולת אהבה אני (מדרש) לא חולי מעים ולא חולי ראש"

איהר מוזט עס וויסען, איבערהויבט די פרויען דארפען עס מעהר געדיינקען, אז אלע עבירות וואס מען טהוט איז ניט אזוי געפעהרליך ווי ח"ו ווען איינער עסט טריפה. ווייל אלע זאכען שאדען ניט אזוי ווי טריפה ווייל ווען איינער טראגט אפילו א גאנצען זאק פויזען אויף זיך, אמת עס איז א געפרעהליכער מזיק, אבער עס שאדעט ניט פאר איהם. אבער זאל ער טרייען נאר איין לעפעלע אויסנעהמען, וועט ער באלד „איינגנעהמען"...

דאס גלייכען אלע עבירות איז פויזען, אבער עס שאדעט ניט אזוי איהם ווי די עבירה פון עסען טריפה, ווייל די פויזען נעהמט ער דאך אינסייד, ווייסט וואו איהר קויפט פלייש, ווייסט וואס איהר עסט. אויב איהר ווייסט ניט, זאלט איהר ניט עסען, דאס איז מטמטם את הלב, עס פערשטאפט אויף דאס הערצעלע פון קינד.

דער איד זאגט צו אלע אומות: הערט גיט איבער א גרוס אונזער טהייערען פריינד גאט ב"ה, און ווען איהר וועט איהם זעהן, זאגט איהם אז קראנקע זיינען מיר אבער „לא חולי מעיים:, אונזערע געדערים זיינען נאך ניט קראנק, מיר האבען ניט געגעסען קיין טריפה, אונזער קערפער איז נאך ריין. ,און אונזערע קינדער ווי ניט פרום זיי זאלען ניט זיין, אבער זיי גלויבען נאך אין איהם, די קאפ איז נאך געזונד, „לא חולי ראש".

דער דין אין גמרא איז אז אין מבקרין לא חולי מעיים ולא חולי ראש", מען געהט ניט מבקר חולה זיין אזא קראנקען וואס איז קראנק אויף די געדערים ,און דער וואס איז קראנק אויף קאפ וועהטאג...

אלזא, גיט איהם א גערוס אב אז ער קען אונז מבקר חולה זיין, ווייל מיר זיינען ניט קראנק „לא חולי מעיים ולא חולי ראש"...

אמת, מיינע קינדער זיינען ניט פרום, אבער זיי עסען דאך כשר. אמת זיי דאווענען ניט, זיי זיצען בעסער אין קלאב... אויב לשון רבים היסם עס כלבים... אבער דאך זיינען זיי נאך ניט ח"ו קראנק אויף חולי מעיים ולא חולי ראש.

קנ"ג

# ר' מאיר בעל הנס

צוויי רוסישע אידען זיינען געגאנגען אין א פרייסישע שטאָדט,ביידע אָהן פעסער, א זשאנדאר איז אָנגעגאנגען קעגען זיי. איינער איז באלד אנטלאָפען, דער אנדערער, דער צווייטער, איז געלאָפען אין אן אנדער זייט. דער זאָנדאר לויפט נאָך דעם צווייטען, און דער איד איז אריין אין א הויז. גראדע איז אין יענער הויז קיין מענשען ניט געווען. ער איז ארונטער אונטערען בעט.

דער זשאנדאר איז אויך אריין אין הויז און ער האָט באמערקט אז ער ליעגט אונטערן בעט. דער איד האָט געהערט ווי דער זשאנדאר זוכט איהם: זאָגט ער צו זיך א ביסעל העבער: ר' מאיר בעל הנס, העלף מיר, איך גיב א רובעל פאר דיין נשמה. דער זשאנדאר הערט ווי ער רעדט. דער אידעל בעמערקט אלעס, ער פערשטעהט דאָך אז ער וועט איהם כאפען, זאָגט ער צו מעהר פאר ר' מאיר בעל הנס: ר' מאיר איך גיב דריי רובעל, ר' מאיר איך גיב פיער רובעל.

דער זשאנדאר האָט געהערט אז ער רעדט דאָרט מיט נאָך איינעם, האָט ער געדענקט אויף געוויס אז דאָרט איז דער אנדערער אויך דאָ. ער האָט איהם אָנגעפאנגען שלעפען פאר די פיס. האָט דער אידעל געשריען: ר' מאיר, איך גיב א צעהנער, ראטעווע מיר! איז ביי דעם זשאנדאר געבליבען בעשטימט אז דאָרט אונטערן בעט איז דער צווייטער.

ער האָט איהם ארויסגעשלעפט און געזאָגט צו איהם: שטעה דו היער און איך וועל דיין ר' מאיר ארויסציהען. דער זשאנדאר האָט זיך גוט איינגעבויגען צו דער ערד ארויסצושלעפען ר' מאיר'ן פון אונטער'ן בעט. דערווייל איז דער איד אנטלאָפען...

איהר זעהט, פריינדע, ווי דאָ איז צוגעגאנגען? ער האָט נאָר אין דער עת צרה צוגעזאָגט פאר ר' מאיר בעל הנס איז ער באלד ניצול געוואָרען. נאָר די וואָס זאָגען צו זאָלען קיין גלאטע ניקעלס אָדער דיימס ניט ווארפען, ווי עס טרעפט, אז איינער האָט געלד וואָס ער קען ניט אויסגעבען, דאן נארט ער אריין ר' מאיר בעל הנס... „אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו".

---

קנ"ד

# נאָך די פיהרער

עס ווערט דערצעהלט, ווען דער גאון זצ"ל איז געגאנגען אבריכטען גלות, איז ער געגאנגען פון קיידין נאָך יאנאווע צופוס. א פארמער איז גע־

פאָהרען אין ייאנעווע. פערבייפאָה־ רענדיג דעם גאון, האָט ער באמערקט אַן אַלטער איד געהט צוזאַמענגע־ דרעהט. האָט ער זיך אָבגעשטעלט, און קוים זיך איינגעבעטען ביי איהם אַז ער זאָל ארויפגעהן אויפ׳ן וואָגען. דער וואָגען איז געווען געמאכט מיט א בויד, אַליילעך אריבער, אַז מען האָט אין וואָגען געקענט זיצען בעקוועם, בעשיצט פון רעגען און ווינד.

דער גאון איז געזעסען אין בויד און האָט געלערענט שטילערהייד. דער פארמער, אָנטרייבענדיג די פערד, האָט אָנגעפאנגען צו דרעמלען, האָט ער גע־ בעטען דעם גאון, אַז ער זאָל האלטען די לייצעס, בעמערקענדיג, אַז די פערד ווייסען אַליין וואו צו געהן, נאָר ער זאָל די לייצעס האלטען, און ער וועט זיך אין בויד צולייגען שלאָפען.

דער גאון האָט אַזוי געטהאָן, און אַז עס איז טאָג געוואָרען איז די פוהר אריין אין יאנעווע, אין דער צייט וואָס אַלע געהען דאַווענען. איינער א איד געהענדיג אין שוהל דאַווענען האָט בע־ מערקט דעם אָנטרייבער, און ער האָט גוט געקענט דעם גאון פון ווילנא. האָט ער איהם טאַקע דערקענט אַז דאָס איז דער גאון, איז ער א דערציטער־ טער געוואָרען, און ער איז גלייך גע־ לאָפען צום שוהל. ווי ער איז ארויף אויף דעם שוועל פון שוהל, איז ער גע־ בליבען אין חלשות.

אַז מען האָט איהם אָבגעמינטערט האָט ער אָנגעפאנגען שרייען: לויפט קינדער שנעל, משיח איז געקומען אין שטעדטעל. איך שווער אייך אַז משיח איז דאָ! זיי ווייסען פון זיין חלשות בלייבען און זיי קענען איהם פאר אַן איש נכבד, קוקען זיי איהם אָן און ער־ שטוינט פרעגען זיי איהם: פון וואַ־ נען נעהמט איהר זיך דאָס?

רבותי, קלעהרט ניט, לויפט מיט מיר. אַז דער ווילנער גאון טרייבט אַן די פערד, טאָ ווער זיצט אין בויד?

זיי זיינען געלאָפען, דער רב פון שטעדטעל אויך מיט זיי. דער רב האָט איהם דערזעהן, האָט ער אויך דער־ קענט דעם גאון, און זיי זיינען צוגע־ לאָפען צום גאון מיט א געשרעה: רבי, גיט אונז ארויס משיח צדקנו. דער וואָס זיצט אין וואָגען! אי וואָס, ווען? ער קוקט זיי אָן, האָבען זי געכאפט און אָבגעדעקט די בויד און ארויס־ געשלעפט חאצקעל דעם ישוב׳ניק, דעם גראָבען יונג...

פריינדע, אַז מיר גיבען א בליק אין נויאָרק און אין נאָך אמעריקאנער גרויסע שטעדט, דאכט זיך שעהנע שוהלען, מען דאַווענט, מען לערענט, אַז עס איז פשוט א שמחה צו קוקען, דאכט זיך אַז בעסער דאַרף מען גאָר ניט, טאָ איז דאָך א קשיא, ווארום קומט ניט משיח? דעקען מיר אָב דעם שלייער, מיר געהען אריין אינסייד, זע־ הען מיר אַז חאצקעל בעל עגלה איז דאָס גאָר דער פיהרער.

ווען א גאון אָדער אַזוי א איד וואָלט זיין דער פיהרער, וואָלטען מיר טאַקע פערשטעהן אַז עס דאַרף קומען משיח. אבער נאָך דעם פיהרער נאָך פערשטעהט מען ווי אינסייד איז. ווער דער פרעזידענט איז. פערשטעהט מען פון אינסייד די הייליגקייט, די אי־ בעריגע פערשטעהט אַליין.

## קנ"ה

# מוסר לפסח

„קדש", הייליגען זיך אליין, איז גאר ניט, אליין געהן אין שוהל הערען א מגיד, און בענעלען איבערלאזען אין סטריט, מאכען פייער אום שבת טויג ניט, ווילסטו זיך הייליגען, מוזטו מקיים זיין „ורחץ„, דעם צווייטען אויף ארומוואשען, דאס הייסט, דעם צוויי־טען אויף לערנען, איבערהויבט דעם קינד, נאר אנדערע האלטען זיך קליין, ווי עס קומט צו א מצוה זאגט ער: ווער בין איך, איך זאל גאר קענען פאר דעם צווייטען עפעס טהאן? און ער האלט זיך ניעדעריג ווי „כרפס", ווי דער גרינער גראז... טויג ניט, נאר ווי דען? —

„יחץ", איבער העלפט טהייל זיך דיינע מדות, צו גאט און צו לייטען. דאן מוזטו און קענסט זאגען דעם צווייטען, דאן „מגיד", זאג יענעם, וואס זאגען יענעם? טאקע דאס גופט: „יחץ", טהייל איבער דיין שטיקעלע ברויט אויף העלפט און עס אליין און גיב די אנדערע העלפט צום צווייטען. דאס זאג יענעם „יחץ, אז מען מוז טהיילען זיך דעם ביסען, „מגיד", זאל־סטו זאגען...

זאג „יחץ", אז דו טהיילסט אב די מצוה און דו גיסט א האלבע אונטע־רען קישען. יא, יא, איך פערשטעה א ביסעל אנדערס, אז די אנדערע העלפט מוז מען אבשפארען אויף דער צייט, וואס מען וועט ליגען אין נאסען קבר, אז דאס זאל הייסען צוקאפענס, אונ־טערען קישען, הייסט עס...

נאר גיב אכטונג אז די ווייבעלע דיי־נע זאל ניט ארויסלאטכענען דעם אפיקומן פון אונטערען קישען. גיב גוט אכטונג אז צוליעב א דרעס, וואס די ווייבעלע דארף, ועסטו פיעלייכט מחלל שבת זיין, אדער פארפעהלען א מאל תפילין לייגען ,ווייל דו דארפסט האבעווען.

זיי וויסען, אז זי לאטכערט דיין אפיקומן, דו וועסט האבען א הארטען צוקאפענס. גיב אכטונג אז דיינע קינ־דערלעך זאלען ניט ארויס'גנבה'נען דיין אפיקומן...

„מגיד", זאג דעם צווייטען אויף, „רחצה", וואשט אייך ארום, „מוציא", ציה ארויס „מצה", די שטיקעלע מצה, גיב דעם צווייטע אויף און דאנק אי־מער גאט סיי דיר איז שלעכט, דאס הייסט „מרור כורך", עס וויקעלט זיך דיר אימער דיין לעבען ווי מרור. אדער „שלחן עורך", א געגרייטער טיש, אלעס אין בעסטען ארדענונג, עס געהט דיר גוט, דאן הלל, לויב גאט, און אז דו טהוסט אזוי, איז „נרצה".

קנ"ו

# מיסיאָנערין

עס איז געווען אן אלמנה וואָס האָט נור איין קינד געהאט, און דער בן יחיד איז געווען א בן סורר ומורה, ער האָט די אלטע מאמען ניט סופּאָרטעט און עס פלעגט נאָך טרעפען אז ער פלעגט זיין מאמען שלאָגען אויך, זי האָט שרעקליך געליטען.

עס איז איהר נעוואָרען זעהר שלעכט פון איהם צו ליידען, זי האָט עס מעהר ניט געקענט אריבערטראָגען, איז זי אוועק ביים סודיא (דזשאָדזש) און האָט איהם אָנגעקלאָגט. אין איינינגע טעג צייט איז געקומען א פּאָליסמאַן נעהמען איהר זוהן צום טריינעל. ער איז געווען אין הויז אין א רום, איז זי באלד אריינגעלאָפען צו איהם און האָט איהם געהייסען זיך בעהאלטען, צום פּאָליסמאַן האָט זי ערקלעהרט אז ער איז ניטאָ.

דער פּאָליסמאַן האָט איהר אליין מיטגענומען צום טריינעל. געהענדיג האָט איהר אלץ געשראָקען די הארץ, פיעלייכט וועט מען איהם זוכען וועט מען דאָך איהם כאפּען, וועט ער דאָך קריגען א גרויסען פּסק, און זי האָט רחמנות געקראָגען אויף איהר בן סורר. אלזא איז איהר איינגעפאלען א פּלאַן אויף אזא ארט, אז ווען זי וועט גע־הענדיג אָנטרעפען עפּעס אן ארעמען יונגען מאן וועט זי דעם פּאָליסמאַן זאָגען אז דאָס איז איהר זוהן.

גראדע איז אנגעקומען אן ארעמער בחור, זאָגט זי צום פּאָליסמאַן: דאָס איז מיין זוהן, נאָר זיי וויסען אז ער וועט זיך לייקענען, זאָל מען איהם שמייסען, דאן וועט ער מודה זיין אז איך בין זיין מאמע...

אזוי איז עס געווען, דער פּאָליס־מאַן האָט איהם אנגענומען, ער האָט זיך אָנגעפאנגען צו שטעלען אנטקע־גען, ווייל ער ווייסט פון קיין זינד, ער האָט איהם געשלאָגען די הענט און געבראכט אין פּאָליס-סטיישאָן.

דער פּאָליסמאַן האָט איבערגעגעבען דעם סודיא דאָס עס קען זיין ער זאָל לייקענען, איז דאָס איין סגולה צו שמייסען. דער סודיא פרעגט איהם: דאָס איז דיין מאמע? ער האָט אויס־געגלאָצט א פּאָאר אויגען אויפ'ן סוד־יא: וואָס? ווי קומט זי צו זיין מיין מאמע? איך קען איהר אפילו ניט.

מען האָט געהייסען אריינצעהלען א פופציג. ביי יעדער פינף פרעגט מען איהם: נו, איז דאָס דיין מאמע? ניין, איך קען איהר ניט. ער האָט אָבער געזעהן עס איז שלעכט, האָט ער אויס־געשריען: יא, עס איז מיין מאמע!

פריינדע, איהר געהט אריין אין די לאגע פון דעם ארעמען יונגען מאן? איך דענק אז איהר פערשטעהט זיין מודה זיין זיך, און זאָ ווייטער. דאָס זעלבע איז אימער פאָרגעקומען מיט דעם עם ישראל, וואָס די קריסטען האָבען איהם אימער געמוטשעט אויף אלע אופנים, נור אז ער זאָל מסכים זיין, אז מרים די מאמע פון נוצרי איז

זיין מאמע, און אז ניט, האָט מען פון איהם געריסען גליעד פאר גליעד.

מיליאָנען אידען זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם, די וועלכע האָבען דאָך ניט מסכים געווען אז עס איז זייער מאמע... די וועלכע האָבען ניט געקענט אריבער ליידען די יסורים און פיין, האָבעאָן געמוזט מסכים זיין... אזוי איז געווען מיט דעם עם ישראל, אזוי האָט ער געליטען און ליידעט נאָך יעצט.

קומט מען אין אמעריקא און מען איז גאָר גלייכגילטיג דערצו. מען בעטראַכט גאָר ניט ווי זיי, די מיסיאָנערען, זו־כען מיט אלע קונצען, מיט אלע טריקס ארייננצוכאפען א אידישען קינד. מיל־יאָנען דאָלאר יעהרליך ווערט פאר־ספענדעט אום צו פערשפרייטען זייע־רע אידעאלען, און מיר, חוץ וואָס מיר ווילען ניט ספענדען איין סענט דאַ־געגען, נור אפילו קיין אויפמערקזאמ־קייט מאכען מיר אויך ניט. היט איי־ערע קינדער, היט ווי מעגליך, היט זיי פון די נעצען, היט זיי פון זייער קאָמ־פאניע. די רבנים שלאָפען, די מגידים זיינען שטומע, די עלטערען זיינען גאָר ווי טויטע געגען דעם. היט אייערע קינדער!

# מוסר

איך בין געגאנגען אין א סטריט, זעה איך ווי איין אבל אין שבעה שטעהט און קלייבט א מנין. איך זעה אז עס געהט פארביי א מאן, אפילו מיט א בערדעל, און ער רופט איהם צו מנחה ארויף. ער ענטפערט מנחה לעשו.

איך האָב געוואָלט דעם אבל העלפען א מנין מאכען. זאָג איך צו דעם מאן, וואָס לאכט איהר זיך אוים עפעס מנחה לעשו? זאָגט ער צו מיר איך בין שוין אין אמעריקא צוואנציג יאָהר און איך האָב ניט געדאווענט, יעצט זאָל איך געהן דאוונען? און ער צולאכט זיך.

זאָג איך צו איהם: ר׳ חיים, קומט צו מנחה. זאָגט ער: איך הייס ניט חיים. זאָג איך: איך קען דאָך אאייך און איך זאָג אייך אז איהר הייסט חיים ,איך וועל אייך זאָגען א סימן, אז איהר האָט א ברודער אויך. צו־לאכט ער זיך: איך האָב קיין ברודער ניט, זאָגט ער צו מיר, איך האָב נור איין שוועסטער.

זאָג איך צו איהם: ר׳ חיים איהר הייסט דאָך חיים, און איהר האָט א ברודער, און איך ווייס אז איהר האָט קיין שוועסטער, און איך וועל אייך גלייך זאָגען ווי אייער ברודער הייסט, ער הייסט מות... און איהר הייסט חיים, איהר דאווענט ניט און טהוט קיין זאך ניט וואָס אנבעלאנגט צו אי־דישקייט, נור איהר זוכט צו מאכען א לעבען, הייסט איהר אליין חיים... איי־ער ברודער הייסט „מות“, ווייל דער „בחינות עולם“ זאָגט „החיים והמות אחים“... דער לעבען און דער טויט

זיינען צוויי ברידער, און אויב איהר האָט נאָך ניט דעם מות, דאָך זייט איהר שוין צוזאמען מיט אייער ברו־דער דעם „חיים" מאכען, דעם לעבען, געוואָרען א מות, „רשעים בחייהם קרואים מתים"... קומט ארויף דאַווענען מנחה, און זייט ניט קיין חכם, און שיידעט זיך מיט אייער ברודער מות, זייט בעסער א ר׳ חיים אליין.

---

## קנ"ח

# מנהגי סדום

אין סדום איז אויך געווען איין הכנסת אורחים ,און אז עס פלעגט אן אורח קומען, פלעגען זיי איהם אהין שיקען אויף נאַכט־לעגער. נאָר איין קליינינגקייט האָבען זיי אויפגעטהאָן, אז עס זאָל ניט זיין סתם א פּראָסטער הכנסת אורחים ווי אין אלע שטעדט.

און דאָס איז נעמליך, זיי האָבען דאָרט געהאט א בעטעל, וואָס נאָך דער מאָס פון בעטעל האָט דער אורח אויך געדאַרפט זיין. האָט ער געהאַלטען די מאָס פון דער בעטעל, איז געווען גוט פאַר דעם אורח, האָט ער דאָרט גע־קענט נעכטיגען. און אויב דדער אורח איז געווען קירצער פאַר דער בעטעל, פלעגען איהם פיער טראָסטיעס נעה־מען און ציהען, ביז זיינעביינער פלע־גען ארויס פון די גליעדער, און מן פלעגט די נשמה אויך ארויסגעהן פון איהם.

פלעגט דער אורח זיין לענגער, איז שיון פאַר די בעאמטע פון הכנסת אורחים געווען א ביסעל א לייכטע־רער דזשאָב: זיי פלעגען נאָר דאַרפען איהם אונטערהאקען א ביסעל די פיס, מעהר ניט... אלזאָ, קורץ — עס איז אזוי געווען אין סדום ווי איך האָב אייך בעשריבען. דענקט איהר אז עס האָט געקענט אזוי זיין? איך דענק אז ניט. אי די מדרשים דערצעהלען, איז דאָס נאָר א משל, דענק איך. נו, זאָ־לען מיר קלעהרען וואָס פאַר א משל דאָס איז?

איך דענק אזוי: אז עס פלעגט קו־מען אין סדום א גרויסער תלמיד חכם, א מחבר, אָדער אזוי א גרויסער מענש, על פי אמת, און ער האָט טאקע גע־קענט עפּעס גוטעס אויפטהאָן דאָרט, וואָס האָבען זיי אָבער געטהאָן? א גאנץ קליינע זאַך: מען האָט איהם אונטער־געהאקט די פיס, דאָס הייסט, מען האָט אויף איהם אלערליי בלבולים געמאכט, אום נאָר איהם קירצער מאכען, דאָס הייסט קליין מאכען, כדי אז ער זאָל וואָס צום שנעלסטען מוזען פון זיי אָבטרעטען...

איז אָבער געקומען א טרעמפּ, א באָם, נאָך זייער גוסט נאָך, וואָס דאָס איז געווען א ניעדעריגע בריאה, מיט א ניעדעריגע נשמה, האָט מען איהם

אויסגעצויגען, איז געגאַנגגען א קלאַנג אין אלע צייטונגגען ,אז דער און דער גרויסער פאָלקס־רעדנער, אָדער גרויסער חזן, אָדער גרויסער שרייבער, איז דאָ, און מען האָט געפּראַוועט יוביליעאום׳ס, עס האָט געקלונגגען די וועלט, דאָס הייסט, מען האָט איהם אויסגעצויגען, געמאכט לענגער ווי ער איז...

דענקט נאָך, קלעהרט איבער, פּיעלייכט איז דאָ אין אמעריקאנער שטעדט אויך אזא בעטעל פאר די אורחים... פּיעלייכט וועט איהר געפינען...

---

קנ"ט

# משל להספד

ווען רוסלאנד מיט טערקיי האָבען מלחמה געהאַלטען, אין דעם 77טען יאָהר, האָט רוסלאנד גענומען אין דער מלחמה אפילו אלטע מענשען. ביי די ענדע יאָהרען פון דער אָטסטאַווקע, א מאן וואָס ער איז אלט געווען פופציג יאָהר, אז גענומען געוואָרען אין מלחמה. זיינער א זוהן איז שוין לאנג אין דער מלחמה.

אין א גאַנץ פינסטערע נאכט איז פּלוצלונג דערהערט געוואָרען א שיסעריי. די רוסישע מיליטער האָבען גאָר ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט זיי. אנטקעגען זיי איז געגאַנגען אייניגע פּאָלקען סאָלדאטען, וואָס האָבען גערענקט אז דאָס איז דער שונא, און עס איז גאָר געווען זייערע אייגענע חיל. זיי האָבען זיך געשאָסען איינער דעם צווייטען.

דער מאן וואָס איך דערצעהל אייך, דער אלטער, האָט אָנגעקראָגען א קויל אין א פוס, און ער איז געפאלען אין א טייך בלוט. ער איז אזוי געלעגען א האלבע שטונדע, פילט ער ווי עס קריכט צו איהם איינער און יענער קרעכצט אויך. דער צווייטער איז געווען געראנעט אין א האנד. דער צווייטער האָט דערהערט די קרעכצען פון א אידישער שטימע ,איז ער צוגעקראָכען צו איהם. קורץ דערפון, זיי האָבען זיך קוים אויפגעהויבען און דער אלטער האָט אָנגעפאנגען ביטערליך צו וויינען: אי, זאָגט ער, איך האָב א זוהן אין דער מלחמה אויך, וויסט גאָט וואו ער איז, און האָט יאָמערליך זיך צואוויינט.

דער צווייטער זאָגט צו איהם : אי, איך דארף וויינען מעהר פאר אייך, איך האָב מיין טאטען דאָ אויף מלחמה. ווייסט גאָט אָוואו ער איז. דיין טאַטען? זאָג מיר פון וואָס פאר א שטאָדט קומסטו? איך קום פון ריגא. און ווי הייסטו? מיין נאָמען איז דוד, ווי הייסט דיין טאטע? מיין פאָטער הייסט שמואל. אי, מיין קינד"... אי, מיין טהייערער קינד! איך בין דיין פאָ־

טער... אי, דער שיקזאל האט אונז יעצט צוזאמענגעבראכט. מען איז ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז איינער דעם צווייטען: מיין קינד, מיר מוזען זיך צוזעצען, ווי די קוילען פליהען איבער אונזערע קעפּ. אי, מיין קינד, דערצעהל וואס דו ווייסט. אי, טאטע מיינער, איך האב געהערט אז די יעצ־טיגע שיסערייען איז גאר געוועו פון אונזערע מיליטער אויף אונזערע מילי־טער. אי, טאטינקע, עס קען זיין אז דרער קויל וואס דו האסט געקראגען אין פוּס איז פון מיין ביקס געוועז... דער טאטע זאגט: מיין קינד, עס קען זיין אז די קויל האב איך דאס דיר גורם געוועזן... מען האט זיך ארומגענומען פעסט און...

פריינדע, מיר האבען יעצט מספּיד געוועזן אונזער גרויסען גאון... ער איז נערופען אונזער פאטער... אזוי ווי אלישע איז מספּיד אלי' הנביא און זאגט: „אבי, אבי“ — מיר האבען זיך יעצט געטראפען אין דיעזער פינ־סטערער נאכט... דער ביטערער, פינ־סטערער גלות, וואס קוילען פליהען אי־בער'ן קאפּ, וואו אונזערע שונאים שי־סען אויף אונז... נאך מעהר צרה, ברי־דער אויף ברידער, זיהן אויף טאטעס... פון אונזער אייגענעם לאגער, אויף אויף אונזער אייגענעם לאגער. ווער איז ניט פערוואונדעט? איינער אין קאפּ גאר א געפעהרליכער, מיט דעות דעות כוזבות... איינער אין האנד, לייגט קיין תפילין ניט... איינער אין פוּס — געהט ניט אין דרך הישר, און סתם שנאת חנם, פון אונזערע אייגענע אויף אונזערע אייגענע.

גאון און צדיק, מיר האבען זיך גע־טראפען אין אזא עת צרה... ווען די קוילען פליהען איבער'ן עם ישראל, זא־לען מיר זיך צוזעצען א ווייליניקע... זאלען מיר זיך דורכריידען, פיעלייכט ח"ו האט אויך אונזער קויל אייך גע־טראפען, מפּני רעת הדור... אדער ח"ו אייער שטארבען האט אונז געטרא־פען... שלא יראה ברעה...

חזן זאגט „אל מלא רחמים“.

---

ק"ם

# לסוכות

„שינוי מראה פסול באתרוג — אבל אם נעשה אדום, מחמת קוצים שעוקצים אותו פרי זה כשר“

(מגן אברהם)

אז דער אתרוג איז דער קאליר פער־ענדערט, איז ער פּסול, אבער אז ער איז רויט געווארען צוליעב דערנער וואס שטעכען איהם, איז ער כשר.

דער אתרוג איז דער תלמיד חכם, א גוטער ריח, זוּן א גוטער מאכל,

דאָס הייסט, מדות טובות און תורה צוזאמען. דער לולב א מאכל אבער ניט קיין ריח. בעלי תורה, און ניט בעלי מדות, הדס א ריח אָבער ניט קיין מאכל, בעלי מדות, אָבער ניט קיין תורה . ער האָט ביידע זאכען ניט, דאָס זיינען רשעים.

אבער ווי מען זאָל אויף דעם זאָגען, און וואָס מען זאָל אויף דעם זיך פשט'לען, איז אלץ דער רב, דער אתרוג, דער אתרוג דער רב, מוז זיין מיט זיין פיהרונג, מיט זיין תורה העכער פאר אלע, בעסער פאר אלעמען, ווען ניט, איז ער פסול.

א רב אָהן א באָרד, „שינוי מראה פסול", א רב געהט געקליידעט ווי א גלח, שינוי מראה פסול, א רב אָהן תורה, א רעפאָרם רבי, שינוי מראה פסול .א רב א בעל גאוה, ער גיט ניט נאָך דעם צווייטען, מחלוקת מאכט ער, שינוי מראה פסול. א דרשן א טריפה'ער ביין, פסול. איבערהויבט איז דער דין „שנוי מראה על חוטמו פסול", דאָס הייסט אָבגעגאָלט ווי א גלח, אז עס איז אפילו די וואָנצעס ניטאָ, דאָ איז ער גאָר פסול...

אבער ווען ח"ו אז ער מוז אזוי געהן צוליעב די צוררי היהודים, וואָס זיי צווינגען איהם, דאָס הייסט צוליעב די דערנער, דאַן איז ער כשר.

אבער אז דער אתרוג ,דער רב, איז טאקע א תלמיד חכם, און מיט גוטע מדות, ווייסט איהר, בעלי בתים, וואָס מען טהוט מיט'ן אתרוג, דעם רב? דעם אתרוג האלט מען בעזונדער, דעם אתרוג וויקעלט מען איין, עס זאָל איהם ניט קאלט זיין, גיב א שעהנע וואָהנונג, בעזונדער אין א קעסטעלע, האלט דעם אתרוג, עס זאָל מיט איהם קיין שייכות האָבען די ערבאָה. ניין, מען טאָהר ניט צוזאמענבינדען דעם אתרוג מיט יעדען לומפּ, די ערבה, אפילו לולב, בעזונדער רעספּעקט פאר'ן אתרוג, גרויס דרך ארץ פאר'ן רב, דעם תלמיד חכם.

און ווארום האָב איך געשריבען אז דער אתרוג איז פסול, מיט די אלע סימנים פון אויבענדערמאָהנטע, ווייל איהר ווייסט דאָך אז אָהן די ערבה אפילו טויג ניט, עס מוז זיין אלע צוזאמען, אָבער דאָך אויף וועמען קוקט מען מעהר, וועמען בעטראכט מען מעהר, אויב ניט דעם אתרוג?... דו, רב, אויף דיר קוקט מען מעהר, אויף דיר פאלט דער פלעק גיכער...

נאָר דאָך, אפילו די איבעריגע מינים זיינען ניט אזוי חשוב, איבערהויפּט די ערבה, דער רשע, דאָך, דו רשע, בינד זיך צוזאמען אין איין פערבאנד, מיט די בעלי תורה, מיט די בעלי מדות, מיט דעם בעל מדות ובעל תורה, מאכט מען מיט דיר א ברכה, ביזטו נאָך ווערט מען זאָל דיר דאנקען, מען זאָל דיר לויבען, דו ביזט ווערט א ברכה, אבער דו, רשע, אויב דו ביזט אזא חברה מאן ,אז דו ביזט שוין אָבגעזונדערט ,און דו ביזט שוין ווייט פון דיינע בעסערע ברידער, זאָלסטו וויסען, ערבה, רשע גמור, אז הושענה רבה טהיילסטו זיך אָב פון די דריי מינים, גיט מען דיר קלעפּ, קול מבשר מבשר ואומר...

# לברכה

## די אלע וואס האבען זיך פארשריבען צו נעמען א ספר, איך ווינש זיי די אלע ברכות וואס די תורה האט צו גע׳זאגט צו די יעניגע וואס שטיצען די תורה, אויך נאך דעם וואונש פון מחבר.

א.

ר׳ אברהם ישראל ב״ר אריה ליב אייבראמסאָן
ר׳ אברהם יהושע ב״ר יהודה בלאק
ר׳ אלחנן ב״ר מיכאל אקסילרויד
ר׳ אברהם ב״ר זלמן בערענשטיין
ר׳ אברהם מרדכי ב״ר גרשון ברוקס
ר׳ אליעזר ב״ר יצחק בלום
ר׳ אברהם יוסף ב״ר קדיש זלמן בלום
ר׳ אברהם שרגא ב״ר גרשון גראנאטאָוויץ
ר׳ אליעזר בר״ אברהם גינזבורג
ר׳ אייזיק מענדעל וועלמעוויצקי
ר׳ אברהם אליעזר ב״ר יואל יהודה זאקס
ר׳ אברהם יצחק ב״ר מרדכי חורגין
ר׳ אברהם שלמה ב״ר הנא כייטעווסקי
ר׳ אליעזר ב״ר משה קלמן טאָקער
ר׳ אברהם שלמה ב״ר דוד לערנער
ר׳ אברהם אליהו ב״ר אריה יושקאָוו
ר׳ אברהם ב״ר יוסף לב־טוב
ר׳ אברהם מאיר ב״ר ישראל מרדכי לעמפערט
ר׳ אשר ב״ר נחמיה לעווין
ר׳ אברהם יצחק לאכאָוויצקי
ר׳ אברהם מתתיהו ב״ר דוד יעקב מייזעל
ר ׳אשר ב״ר משה מאָטלעס
ר׳ אשר אנשעל ב״ר צבי סיעגעל
ר׳ אליעזר ב״ר נפתלי סוויד
ר׳ אברהם אליעזר זאקס
ר׳ אהרן ב״ר שניאור זלמן צאיעסער
ר׳ אברהם משה ב״ר זאב ציפעקאָוויץ
ר׳ אהרן ב״ר יהושע ברוך קאָהען

ר׳ אברהם ב״ר ישראל דוב קאהען
הרב ר׳ אהרן יעקב קאזלאווסקי
ר׳ אלהיו יהודה ב״ר חיים קריינאוויץ
ר׳ אהרן צבי ב״ר בנימין נחום ראבינאוויץ
ר׳ אליעזר ב״ר דוד חיים ראבינאוויץ
ר׳ אשר ב״ר מאיר רייטמאן
ר׳ אברהם ב״ר צבי ראזענטהאל
ר׳ אליעזר ב״ר יוסף שניידער
ר׳ אברהם דוב שאטט

ב

ר׳ ברוך ב״ר אפרים ביקען
ר׳ בנציון ב״ר מרדכי לעוו
ר׳ בנציון ב״ר אלכסנדר משה פייטעל
ר׳ בנימין ב״ר שבתי פאמעראנץ
ר׳ דובער ב״ר מאיר ראזענבערג

ג

ר׳ גרשון ב״ר ירוחם גאלדשטיין
ר׳ גדל ב״ר דוב הארעליק
ר׳ גדליהו ב״ר יוסף זכריה מעלצער

ד

ר׳ דובער ב״ר משה אבראמאוויץ
ר׳ דוב גרשון ב״ר זלמן געלמאן
ר׳ דוד ב״ר יהושע גערמאן
ר׳ דובער ב״ר נחמיה טיקאצינסקי
ר׳ דובער ב״ר אברהם סינדלער
ר׳ וואלף ראזאף

ז

ר׳ זאב ב״ר מרדכי בלוטשטיין
ר׳ זלמן ב״ר יעקב גארפינקעל
ר׳ זלמן ב״ר בנימין דאליצקי
ר׳ זאב וואלף ב״ר שאול דאראשינסקי
ר׳ זלמן דוב ב״ר יעקב יוסף וויסבלאט
ר׳ זלמן ב״ר שלמה יאפפע
ר׳ זכריה ליפסין
ר׳ זונדעל ב״ר שמואל סאכאראוויץ
ר׳ זוסמאן מענדעל ב״ר יוסף פאליי
ר׳ זרח ב״ר אהיעזר אהרן פאליי
ר״ זאב ב״ר אברהם ציפעקאוויץ
ר׳ זאב ב״ר משה קאהען
ר׳ זאב ב״ר אריה ראזאף
ר׳ זכריה ב״ר שלום שאפראן

ח

ר׳ חנא מאיר ב״ר נחמן אליעזר גראסמאן
ר׳ חיים דוב ב״ר יהודה לובארט
ר׳ חבל ב״ר צבי יהודה מיטערפערעל
ר׳ חיים ב״ר פנחס פונט
ר׳ חיים ב״ר אברהם פיק
ר׳ חיים ראובן ב״ר יהודה קאהען
ר׳ חיים ב״ר ליב שלאמאוויץ

י

ר׳ יצחק ב״ר אברהם חיים צוקערמאן
ר׳ יצחק ב״ר אברהם אטענסאהן
ר׳ ישראל ב״ר מרדכי אליהו בירענבוים
ר׳ ישיעהו ב״ר אשר שלמה גרינבלאט
ר׳ יצחק פרץ ב״ר יוסף אהרן גאראדינסקי
ר׳ יצחק אייזיק ב״ר פסח גינזבורג
ר׳ יהושע משה ב״ר צבי גריל
ר׳ ישראל מרדכי ב״ר זיסקינד גודינסקי
ר׳ יעקב ב״ר גרשון גאלדשטיין
ר׳ ישראל ליב ב״ר יהושע ליב דיקשטיין
ר׳ יהודה מאיר ב״ר אברהם הייטעלבאנד
ר׳ יעקב ב״ר יהושע אזערניצקי
ר׳ ישראל שלום ב״ר יעקב אזערניצקי
ר׳ יצחק ב״ר ארי׳ וויינבערג
ר׳ יעקב קאפעל ב״ר אברהם וועגדיל
ר׳ ירמיה חפץ
ר׳ יונה יאוונע

ר׳ יוסף שמעון ב״ר משה אהרן הלוי לעווין
ר׳ יקותיאל מיכל ב״ר צבי הירש לעססנער
ר׳ יעקב גרשון לעווין
רעוו. ר׳ יעקב ב״ר אביגדור לעווינסאָן ש״ץ
ר׳ ישראל ב״ר שניאור מאסקאוויץ
ר׳ יעקב ב״ר יוסף מעלצער
ר׳ יוסף ב״ר אליהו סאגאלאוויץ
ר׳ יצחק ב״ר קלונימוס סאדין
ר׳ יצחק ב״ר יוסף סלוצקין
ר׳ ישראל ב״ר יוסף יעקב סיללער
ר׳ יוסף זאב ב״ר ליפמאן סאלטאן
ר׳ יעקב מיכל ב״ר משה עפשטיין
ר׳ ישראל אליהו ב״ר משה דוד פרידמאן
ר׳ יעקב ב״ר יצחק פעקטאר
ר׳ יצחק ב״ר טודרוס הכהן פינצוג
ר׳ ישעיהו ב״ר אברהם קאָהען
ר ׳יצחק ב״ר אריה קונאוועקי
ר׳ ירחמיאל בר״ משה קאנטראוויץ
ר׳ יוסף ב״ר יצחק שאול ראזאוופקי
ר׳ ישראל יצחק ב״ר ברוך ראָזענצווייג
ר׳ יעקב צבי ב״ר אברהם רויזנער
ר׳ יצחק יהודה ב״ר דוד רובין
ר׳ יעקב ב״ר מיכאל יוסף הלוי ראבינאוויץ
ר׳ יוסף ב״ר יהושע שווארץ
ר׳ ישעיהו ב״ר אברהם הכהן שפארבער
ר׳ יוסף ב״ר צבי זאב שטיין
ר׳ יהודה ליב ב״ר אלי׳ שולמאן
ר׳ ליב ב״ר שמחה פיינגאָלד
ר׳ ליב ב״ר משה קאפלאן

מ

ר׳ משה ב״ר מרדכי בעדעל
ר׳ מנחם מענדעל ב״ר יואל בלום
ר׳ משה ב״ר ישיעהו גאָלדבערג
ר׳ מרדכי נתן ב״ר שאול מיכאל הורוויץ
ר׳ משה ב״ר יעקב אביגדור ווילענסקי
ר׳ משה אבא ב״ר יהושע העשעל וואָלפסאָן
ר׳ מנחם משולם ב״ר אהרן מרדכי זעגער
ר׳ מרדכי ב״ר גבריאל זילבערמאן
ר׳ מאיר ב״ר מרדכי יאפפע
ר׳ מייבאך ליטמאן
ר׳ מאיר ב״ר משה לעווין
ר׳ משה מרדכי ב״ר נחמן לעוויקין
ר׳ מנחם מענדעל ב״ר אברהם יצחק לעווין
ר׳ מאיר ב״ר נחום מייזעל
ר׳ משה ב״ר אברהם יעקב עלין
ר׳ משה ב״ר שלמה עליקאָווסקי
ר׳ מיכאל ב״ר דוב פינצוג
ר׳ מאיר ב״ר יוסף פראסטקאוו
ר׳ מנחם מענדיל בהרב ר׳ פלטיאל צירוועגסקי
ר׳ משה ב״ר יצחק קאָהען
ר׳ מרדכי ב״ר ישראל דוד קאָהען
רעוו. ר׳ מנשה ב״ר משה ראבינאוויץ
ר׳ מתתיהו בר״ שבתי רובין
ר׳ משה יוסף ב״ר יעקב שטיינבער
ר׳ משה יוסף שטיינבערג
ר׳ מנחם מענדעל ב״ר אלי׳ שולמאן

נ

ר׳ ניסן ב״ר ישעיהו גאָלדבערג
ר׳ נתן נאָטע ב״ר מנחם מענדיל וויס
ר׳ נחמיה ב״ר אהרן יאטראנסקי
ר׳ נחום ב״ר מאיר לייבאוויץ
ר ׳נחום ב״ר יצחק ירוחם רודקעוויץ
ר׳ נחום ב״ר אפרים שווארץ

פ

ר' פנחס פרידמאן, מוכר ספרים

צ

רעוו. צבי הירש ב"ר מאיר פלאטקין מוהל וחזן
ר' צבי הירש ב"ר יעקב פוסקאווסקי
ר' צבי יעקב ב"ר ישראל דוד קאהען
ר' צבי הירש ב"ר דניאל יוסף קאווקא
ר' צבי ב"ר מרדכי שניידער

ש

ר' שמעון זאב ב"ר טוביא בלום
ר' שמחה יוסף ב"ר אליהו באיארסקי
ר' שמעון דרוקערמאן, מוכר ספרים
ר' שלום ב"ר משה הורוויץ
ר' שרגא ב"ר בנימין שלמה זיקאנסקע
ר' שמעון יוסף ב"ר צבי היימאוויץ
ר' שמואל ליב ב"ר יהושע יוסף טאלקאוו
ר' שלמה ב"ר ישראל דוד קאהען
ר' שמואל חיים ב"ר צבי קאפעלאוויץ
ר' שמריהו ב"ר משה ראסקאווסקי

---

א

מרת אסתר בת ר' אליקום גארעליק
" איטקע בת ר' צבי הירש לעווין
" אסתר עטעל בת ר' ישיעהו ליפסיץ
" אסתר בת ר' אברהם מרגליות

ב

" בתיא בת ר' יעקב פארבער

ג

" גאלדע פערעל בת ר' דוד הכהן איזראעל

ד

" דאבע חיסע בת ר' יוסף נחמן פאליאק

ה

" הענע עלקע בת ישראל צבי
" הענע רחל בת ר' נפתלי ראזענטהאל

ז

" זיסעל ב"ר געציל ראזענקרוין

ח

" חיענע עלקע בת ישראל צבי יעקב צוקערמאן
" חיה ב תר' יהושע זעליג גודינסקי
" חנה וויינשטיין
" חיי שרה בת ר' משה ניסקע וויינבערג
" חיה בת ר' צבי הירש זאקאוויץ
" חיה גיטעל בת ר' פסח יאקאבסאן
" חיה שרה בת ר' דובער מאסקאוויץ
" חיה לאה בת ר' אליהו סאלאמאן
" חוה ליבע גוטע פיין
" חיה פריידע בת ר' משה החהן פרידמאן
" חיה שרה בת ר' משה ליב שאפירא
" יענטע לאה בת ר' יהודה ליב אימאנועל
" ליבע רייזעל בת ר' מאיר לייבאוויץ
" מלכה בת ר' שלמה גאלדמאן
" אסתר מרים בת ר' יחיאל דוד זעליקאוויץ
" מינע בת ר' מאיר מארקאוויץ
" מרים אשת יחיאל יוסף מירסקי
" מרים בת ר' צבי הירש סאנין
" מרים לאה בת ר' מרדכי קאץ
" חיה פריידע בת ר' משה הכהן

" חאסיע דבורה ב"ר נחמיה רובין

פ

" הרבנית פערלע בת ר' יהושע בארענשטיין
" פרומע איטע בת ר שמואל אימערמאן
" פייגעל בת ר' זיסעל סילווער
" פעשע אסתר בת ר' מרדכי פאקס

צ

" צביה בת ר' ליב בערענשטיין
" צירעל בת ר' שאול דיימאנט

ר

" רחל פײגע ב"ר מאיר צוקערמאן
" רבקה לאה בת ר' משה בלאק
" ראשקע בת ר' יצחק יעקב בויגען
" רבקה בת ר' יצחק ירוחם גאלדשטיין
" רחל בת ר' חיים דארסקי
" רחל לאה בת ר' זעליג וויניצקי
" רחל בת ר' יוסף וויינשטיין
" רבקה בת ר' אליעזר סלאדין
" רחל לאה בת ר' יעקב סיעגעל
" רבקה בת ר' צבי קאהען
" רבקה לאה בת ר' שמואל רעזניק

ש

" שרה בת ר' מאניש בעקער
" שרה רבקה בת ר' יוסף צבי גאלד
" שיינע בת ר' שמעון ווידינסקי
" שרה רבקה בת ר' נחמיה וויים
" שרה רבקה בת ר' שמואל זעליגמאן
" שרה רייזעל בת ר' נפתלי הירש מאלקאוו
" שרה פייע בת ר' שמואל הלוי לעווין
" שרה ריסא בת ר' בצלאל ליב מינאף
" מרת שיינע פריידע בת ר' צבי הכהן סוקאווסקי
" שלאווע בת ר' זאב וואלף סער
" שיינע רחל בת ר' שמואל פיין
" שרה הענע בת ר' יצחק דוב פייינמאן
" שיינע רייזעל בת ר' יוסף צבי קרינסקי
" מרת חיה טויבע ב"ר זיסעל קאפעלאוויץ

# מודעה.

---

איך מאך בעקאנט צו אלעמען וואס וועלען לעזען מיין ספר, זיי זאלען וויסען דאס יעדער איינער, ווען ער דארף עטוואס ריידען, איבערהויבט אין פריידען, אויף יעדער שמחה, א חתונה, אדער א ברית, דארף ער זוכען אין אינהאלטס-פערצייכענונג אלע דרשות, וואס האבען זייער נאמען „נשואין", אדער „ברית מילה", דאס הייסט, דורכזעהן דעם גאנצען אינהאלטס-פער־ציכענונג און זעהן אז „נשואין" צייכענט זיך אויף דעם און דעם צד, און אויב איהם מאכט ניט קיין ווירקונג דער ערשטער דרוש, קען ער זוכען ווייטער נשואין (און דאס גלייכען), גאראנטיר איך איהם אז ער מוז געפינען נאך זיין געשמאק. און אזוי, ח"ו, אין ליידען, די הספדים, א. ז. וו.

---

אויך מאך איך בעקאנט אז „דער אידישער רעדנער", וואס איהר האט יעצט, איז נאר דער ערשטער טהייל פון מיין חבור אונטער דיזען נאמען. איך דענק, בעזר השם יתברך שמו, אין גיכען אבצוגעבען אין דרוק דעם צווייטען ספר „דער אידישער רעדנער", מיט 260 דרשות. ווען איהר וואלט זיך ווער צואיילען און שיקען דאס געלד אין פאראויס, ניט ווענינער פון $2, וואלט איהר מיר טהאן א טובה, אז איך זאל קענען פארטזעצען מיין ארבייט, און פיר אייך זעלבסט וואלט עס פיעלייכט זיין נאך א גרעסערע טובה.

---

איך מאך אויך בעקאנט דאס איך האב נאך אייניגע הונדערט עקזעמ־פלארען פון מיין ספר „דברי יהודה", 61 דרשות אויף אלע פרשיות השנה, וועלכער איז פערקויפט געווארען איבער 10 טויזענד... און דער פרייז פון איהם איז יעצט בלויז $1.

אויך מיין ספר „דגל יהודה" אויף שלש רגלים, ימים נוראים, אויף פערעל פון אבות. — א זעלטענער ספר — פרייז 60 סענט.

אויך מיין ספר „קול יהודה", אויף אגדות חז"ל פון מס' ברכות. קורצע דרשות לפי רוח העת והזמן. — פרייז 35 סענט.

ספר „בית יהודא", ביידע טהייל, הפטרות, אין זשארגאן — 50 סענט.

---

# אינהאלטספערצייכנונג


| פאָררעדע | | |
| --- | --- | --- |
| בראשית | לשמיני עצרת | 5 |
| " | הספר | 8 |
| " | האדם | 9 |
| " | לנשואין | 11 |
| " | פאר פרייגעזאָגנענע | 12 |
| " | פני העדה | 14 |
| " | פי הארץ | 16 |
| " | פאר ביזנעס-לייטע | 17 |
| " | לט"ו כסלו | 20 |
| " | לשבת שובה | 22 |
| " | לוקסוס | 24 |
| נ ח | חנוך הבנים | 25 |
| " | בנות האדם | 27 |
| " | פאר באָרדערס | 28 |
| " | לברית מילה | 31 |
| " | היינטיגער דור הפלגה | 33 |
| " | מטיפים בזמן הזה | 36 |
| הפטרת נח | נח'ס שולד | 39 |
| לך | הספר | 41 |
| " | חנוך הבנים | 43 |
| " | עשירי זמננו | 46 |
| " | לצדקה | 49 |
| " | לנשואין | 51 |
| " | הספר | 53 |
| " | לברית מילה | 55 |
| " | לברית מילה | 57 |
| וירא | חנוך בית הכנסת | 59 |
| " | חנוך הבנים | 61 |

| | | |
|---|---|---|
| הפטרת וירא | חנוך הבנים | 65 |
| חיי שרה | הספד על אשה צדקנית | 68 |
| " | חנוך הגדר | 69 |
| " | לנשואין | 71 |
| תולדות | חנוך הבנים | 72 |
| " | חנוך הבנים | 74 |
| " | קול יעקב וידי עשו | 76 |
| " | החזקת התורה | 77 |
| ויצא | פאר יונגע לייט | 78 |
| " | מחלוקת צוליעב א רב | 80 |
| " | חנוך הבנים | 81 |
| הפטרת ויצא | לשבת שובה | 84 |
| וישלח | להקמת מצבה | 85 |
| וישב | לוקסוס | 87 |
| " | נסיון העושר | 89 |
| " | מצבה | 91 |
| מקץ | חלום פרעה | 93 |
| " | לברית מילה | 95 |
| ויגש | חנוך הבנים | 97 |
| " | עלטערנ'ס קרעכץ | 100 |
| ויחי | הזקנה | 102 |
| " | צוואה | 103 |
| שמות | אידישע נעמען | 105 |
| " | אין מצרים, און היינט | 108 |
| הפטרת שמות | א איד ביז דער קעשענע | 110 |
| וארא | א תשובה פון א סאָציאליסט | 112 |
| בא | לפסח | 114 |
| " | לפסח | 115 |
| בשלח | לפסח | 117 |
| " | לפסח | 119 |
| " | לפסח | 121 |
| " | לפסח | 121 |
| " | לפסח | 122 |
| יתרו | יתרו און ישראל | 123 |

| | | |
|---|---|---|
| " | פרעזידענטען | 125 |
| משפטים | בין אדם לחבירו | 127 |
| " | אמעריקאנער בר־מצוה | 128 |
| תרומה | צדקה | 131 |
| " | צדקה | 132 |
| " | הספד | 133 |
| תצוה | חנוך הבנים | 135 |
| תשא | פרשה שקלים | 136 |
| ויקהל | פרעזידענטען | 137 |
| ויקרא | משה און, להבדיל, בלעם | 140 |
| " | צו עלטערען | 141 |
| צו | נחש הקדמוני | 144 |
| שמיני | וואס די צייט וועט מאכען | 146 |
| תזריע | לוקסוס | 147 |
| הפטרת תזריע | קערפער אינשורענס | 149 |
| אחרי | נאך „כל נדרי" | 152 |
| הפטרת אחרי | כבוד אב ואם | 154 |
| קדושים | הספד | 157 |
| אמר | תחיית המתים | 159 |
| " | הספד | 161 |
| " | קדושת יום טוב | 162 |
| הפטרת אמר | גענגען שטראָם | 164 |
| בהר | ליום כפור | 166 |
| הפטרת בהר | כבוד אב ואם | 167 |
| בחקתי | די מלחמה און דער איד | 168 |
| " | א שוהל דארף א רב | 170 |
| הפטרת בחקתי | תקות ישראל | 172 |
| במדבר | רבנים | 175 |
| הפטרת במדבר | מספר ישראל | 178 |
| נשא | החזקת התורה | 180 |
| " | לשבועות | 182 |
| " | לשבועות | 182 |
| " | לשבועות | 183 |
| הפטרת נשא | חנוך הבנים | 184 |

| | | |
|---|---|---|
| בהעלותך | אין די שוהלען | 186 |
| " | הספד אויף א יונגען מאן | 188 |
| הפטרת בהעלותך | חנוך הבנים | 189 |
| שלח | ציצית | 191 |
| קרח | מצב הרבנים | 192 |
| " | אמעריקאנער חברות | 195 |
| הפטרת קרח | מלחמת ישראל | 196 |
| חקת | הספד | 198 |
| " | הספד | 199 |
| " | הספד | 199 |
| " | הספד | 200 |
| " | הספד | 200 |
| " | הספד | 201 |
| בלק | חנוך בית הכנסת | 202 |
| הפטרת בלק | בין אדם לחבירו | 204 |
| פנחס | בין המצרים | 205 |
| " | בין המצרים | 206 |
| " | בין המצרים | 207 |
| " | בין המצרים | 208 |
| " | בין המצרים | 211 |
| " | הספד | 212 |
| מטות | בין המצרים | 214 |
| מסעי | ראדיקאלע | 216 |
| הפטרת מסעי | ראדיקאלע | 219 |
| דברים | שבת חזון | 221 |
| ואתחנן | לחנוך הבנים | 222 |
| " | ברכה וקללה | 228 |
| " | לצדקה | 229 |
| " | לצדקה | 229 |
| " | לצדקה | 230 |
| " | לצדקה | 231 |
| " | לצדקה | 232 |
| " | לצדקה | 233 |
| " | לצדקה | 234 |

| | | |
|---|---|---|
| " | לצדקה | 235 |
| " | מצבה | 237 |
| שופטים | מצבה | 238 |
| תצא | א סימן אויף פרומקייט | 239 |
| " | צום בר מצוה | 239 |
| תבא | מסחר התורה | 241 |
| נצבים | ימים נוראים | 242 |
| " | מזוזה | 243 |
| " | לצדקה | 244 |
| " | א רעדע פאר א בר־מצוה באַי | 246 |
| " | המשך אלע פרשיות פון בראשית | 250 |
| " | המשך אלע פרשיות פון שמות | 252 |
| " | המשך אלע פרשיות פון ויקרא | 255 |
| " | המשך אלע פרשיות פון במדבר | 256 |
| " | המשך אלע פרשיות פון דברים | 258 |
| " | פארצייטען און היינט | 259 |
| האזינו | ווער איז שולדיג? | 261 |
| " | ישראל בין העמים | 263 |
| " | א שטיף־פאָטער | 264 |
| " | בין אדם לחבירו | 265 |
| " | כשרות | 267 |
| " | ר' מאיר בעל הנס | 268 |
| " | די פיהרער | 269 |
| " | מוסר לפסח | 270 |
| " | מיסיאָנערען | 271 |
| " | מוסר החיים והמות | 272 |
| " | מנהגי סדום | 273 |
| " | משל להספד | 274 |
| " | לסוכות | 275 |